STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07535

GEKLIBENE SHRIFTEN

Hillel Solotaroff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

R BROWNSTEIN
5207 N ARBOR ST
PHILADELPHIA PA

דר. הלל זאלאטאראוו

1910

דר. הלל זאָלאָטאַראָוו

געקליבענע שריפטען

צווייטער באַנד

דראַמען
וועגען קונסט
די איראָפּייאישע בינע
פונ'ם אידישען טעאַטער
די אידישע בינע

רעדאַגירט פון יואל ענטין

ארויסגעגעבען פון
Dr. H. Solotaroff Publication Committee
183 East Broadway, New York, N. Y.
1924.

Copyright 1924
by
VERA SOLOTAROFF
New York

479
„לעוואנט“ פרעס, 138 סעקאנד סטריט, ניו יארק.

אינהאַלט פון צווייטען באַנד

דראַמען

פאַר אירע קינדער — — — — — — — — — — — — — — 7
דער איינגסטער שומרוני — — — — — — — — — — — — 65
די באַפרייאונג — — — — — — — — — — — — — — 121
דער שטורעם פון דער נשמה — — — — — — — — — — 139

די אידישע בינע

אברהם גאָלדפאַדען — — — — — — — — — — — — — — 161
יעקב גאָרדאָן — — — — — — — — — — — — — — — 171
דוד פינסקי'ס דראַמעס — — — — — — — — — — — — 177

פון נייעם אידישען טעאַטער

נייע פאַרזוכען — — — — — — — — — — — — — — — 185
„דאָס נייע אידישע טעאַטער" אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדען — — — — 192
„איינזאַמע מענשען" — „טביה דער מילכיגער" דזשעני וואַליער — — 196

פון דער אייראָפּייאישער בינע

דאָס שיקזאַלהאַפטיגע אין דער אַנטיקע — — — — — — — — 205
שעקספּיר און די מאָדערנע דראַמע — — — — — — — — — 210
די טיפען פון שעקספּיר'ס דראַמעס — — — — — — — — 215
סו - מו - רון — — — — — — — — — — — — — — — 221

וועגען קונסט

וואָס איז קונסט — — — — — — — — — — — — — — — 233
אָגוסט ראָדען און זיין קונסט — — — — — — — — — — 237
יהודה ליב בוטענסקי — — — — — — — — — — — — — 242

דראַמען:

פאַר אירע קינדער

דראַמע אין פיר אַקטען

דער איינגסטער שומרוני

דראַמאַטישע פאַנטאַזיע אין דריי אַקטען

די באַפרייאונג

איין־אַקטער

דער שטורם פון דער נשמה

דראַמע אין דריי אַקטען
מיט אַן עפּילאָג

פאַר אירע קינדער

דראַמא אין פיר אַקטען

(אויפגעפירט צום ערשטען מאָל אין נאַשאָנעל טעאטער, אין ניו יאָרק,
פסח, 1917 יאָר.)

פאַר אירע קינדער

דראמא אין פיר אַקטען

פ ע ר ז אַ נ ע ן:

הירש גינזבורג — 40 יאַר אַלט, ברוגז׳דיג, געוואוינט צו האַלטען די הענט אויף הינטען.

דבורה, זיין צווייטע פרוי, 26 יאַר.
בעני (בענטשיק) — 8 יאַר.
סילוויאַ — 6 יאַר.
ראובן (שפּעטער פאַרענגלישט אַלס רובי) — אַ קינד אין וויג.
דינה — זיין טאָכטער (פון דער ערשטער פרוי) 17 יאַר.
זייערע קינדער.

באָרים דאַנציג — 30 יאַר, שנעלע באַוועגונגען, עקספּאַנסיוו, ווערט אָפּט באַגייסטערט.

שמואל שטריקער — 32 יאַר. הויך און שלאַנק. רואיג און געלאַסען, שאַרפע שטריכען, רעדט הייזעריגלאך, שפּעטער נאָך הייזעריגער. דאָס פּנים צעקנייטשט. טראָגט אַן אַלטען גלאַנציגען סורדוט, הויכען ווייסען קאָלנער, אָפּגעטראָגענעם צילינדער.

אליהו שוואַרצביין — 30 יאַר.

בערנאַרד קאַרטאַן — 21 יאַר.

אַקער — 18 יאַר, איינער פון די קאָלאָניסטען אין די ערשטע יאָרען פון זייער איינוואַנדערונג.

מאַקס שוואַרצביין — 25 יאַר. אליהו שוואַרצביינ׳ס פּלימעניק.

חנה — אַ קאָלאָניסט׳ס אַ טאָכטער.

מר. טאַראַנטאַן — אַ טעאַטער מענעדזשער.

באַגדאַד — אַ קריטיקער.

דאַן — אַ רייכער מאַן.

אין ערשטען אַקט — קאָלאָניסטען און קאָלאָניסטקעס.

(ערשטער אַקט אין אַ קאָלאָניע. די איבעריגע אין ניו יאָרק.)

(צווישען ערשטען און צווייטען אַקט אַ יאָר צען־עלף.)

ערשטער אקט

(אַן אָפּגעריימיגט שטיק לאַנד לעבען אַ וואַלד. ערטערווייס זעען זיך גאַנצע בוימער און אונטערגעהאַקטע אָדער אָפּגעברענטע וואָרצלען. לינקס אַ קינסטלאַכע באַנק פון וואָרצלען אונטער אַ בוים. רעכטס — אַ קלאָץ. צום פאָדערגרונט לינקס — אַ צוויי שטאָקיג הייזעל מיט אַ ברייטער ווערענדע און אַ גאַניק, וואָס פירט אין הויז אריין. פאַר'ן הויז הייגנט אַ העמאַק, אַנגעבונדען אין צוויי בוימער. אין הינטערגרונט — אַ הילצערנע קאַמער, מיט אַ ברייטער, האַלב־אָפענער טיר; ווייטער רעכטס — אַ קליין הילצערן הייזעל. אַלע געביידעס קוקען אויס אָרים, קענטיג געבויט פון ניט־געניטע בעלי־מלאכות. אויף אַן אָפּגעבראָכענעם צווייג פאַר'ן הויז הייגנען טיילען פון אַ שפּאַן, עס וואַלגערט זיך אַן אַלטער אָקער, אַנגעשפּאַרט אַן אים אַ האַק. ווייטער — אַ וואָגען מיט אויפגעשטעלטע האַלעבליעס, אויפ'ן וואָגען — שטריק, אַ לאָפּעטע, אַ האַק און אַנדערע געצייג. לינקס ציט זיך אַ ברייטער וועג אין וואַלד אריין; אַן אויסגעטראָטענע סטעזשקע אויפ'ן טרוקענעם גראָז פירט צו דער קאַמער אין הילצערנעם הייזעל. ווייטלאַך — בערג. אין טאָל מורמעלט אַ וואַסערל. פאַרנאַכט. אַ ברייטער, רויטער פּאַס פון דער פאַרגייענדער זון באַפאַרבט דעם הימעל און די שפּיצען פון די בוימער מיט אַ גילד־גאָלדענער שיין. ס'הויבט אַן ווערען טונקעלער.)

שוואַרצביין: — (דרייט אַ פּאַפּיראָס) וואָס־זשע מיינסטו, וואָס? אַט דאָס איז אונזער לעבען, שטריקער. אָבער איך בעט דיך, דריי ניט קיין קאָפּ. היינט נאָך וועט גיין אַ רעגען, וועט קילער ווערען.

שטריקער: — (טראָגט טיילען פון שפּאַן) הלואי. עס איז ניט איבערצוטראָגען. אַ היץ אַז מען קען פאַרברענט ווערען. און די קאַמאַרעס, די מאַסקיטאָס. — אַ מיתה משונה אויף זיי, — זיי עסען אויף לעבעדיגער־הייט.

שוואַרצביין: — איז וואָס? דאַרף מען פון זינען אַראָפּ?

שטריקער: — נו, נו, איך האָב שוין דיינע חכמות געהערט. דיר איז גרינג צו ריידען, אָבער פּרוּווּ דו, ברודער לעב, פּרוּווּ נאָר דו.

שוואַרצביין: — דריי ניט קיין קאָפּ, שטריקער. יעדער אַנהויב איז שווער.

שטריקער: — (שלעפּט דעם וואָגען) איך ווייס. איך פיל עס אויף מיינע פּלייצעס.

שוואַרצביין: — נו, געוויס. מיר זענען דאָך עפּעס מענשען

מיט אן אידייע. מיר ווילען דאך אויפטאן א הייליגע זאך: קאלאניסטען ווערען, ווייזען דער וועלט, אז אידען קענען ארבעטען ערד און לעבען אין אחדות. ברידערלאך.

ש ט ר י ק ע ר: — מיר ווילען...

ש וו א ר צ ב י י ן: — געוויס, מיר ווילען, ווי דען?

(ק א ר ט א ן און ב ע נ י טראגען אן עמער וואסער.)

ב ע נ י: — דיאדיא, בערנארד, עס איז שווער.

ש ט ר י ק ע ר: — דו הערסט, שווארצביין, דער אנהויב איז שווער.

ש וו א ר צ ב י י ן: — דאס זאג איך דאך. אבער אז מען געוואוינט זיך צו, ווערט אלץ גרינג און ליב.

ש ט ר י ק ע ר: — אך! אפשר! איך האב אין דער היים אויך קיין האניג ניט געלעקט. אבער אזא קאטארזשנע ארבעט האט זיך מיר אפילו אין חלום ניט גע'חלומ'ט.

ק א ר ט א ן: — וואס איז שוין?

ש וו א ר צ ב י י ן: — אט אזוי, נאר ער טשעפעט זיך. די היץ האט אים הפנים פארשאדט.

ק א ר ט א ן: — גאר גלאט אזוי! טאק מאראטשע ניט, שטריקער. קום, בענ'טשיק, מיר וועלען אנפאיען דאס פערד מיט דער בהמה. א רחמנות, נעבאך, סקאטינעס.

(וויל אפ. בעני טרינקט וואסער און קוויקט זיך.)

ש ט ר י ק ע ר: —אים איז גרינג צו ריידען, בערנארד. אבער, זעסטו, אט די מאזאליעס זענען ניט פון די בריוועלאך, וואס ער שרייבט אין קאמיטעט אריין, ניט פון דער פען. זיי זענען פון אט ד ע ם פען. (כאפט א האק) אנגעריבען פון דער האק-ביים האלץ האקען אין וואלד. היק־האק, ברודער. אז א רויך גייט אזש און דער שוויים גיסט זיך ריטשקעסווייס. יא, ברודער לעב, שווער צו זיין א קאלאניסט מיט דעם גאנצען הארצען.

ש וו א ר צ ב י י ן: — רייד, רייד, וואס ארט עס מיך? ווער עס דינט דער אידייע, ביי דעם איז אלצדינג גרינג.

ש ט ר י ק ע ר: — איך דין מיין אידייע מיט מיין הארצען, מיט מיין שוויים און בלוט, ברודער, לעבען.

ק א ר ט א ן: — אבער וואס האסטו זיך עפעס פלוצים צופיעסטעט? מיר זענען דאך געקומען אהער ארבעטען, ניט שפילען זיך. גענוג דיר שוין, שטריקער, גענוג. (נעמט דעם עמער) בענטשיק, דו גייסט?

ב ע נ י: — (העלפט אים) איך גיי, בערנארד, איך גיי. (ביידע אפ.)

ש ט ר י ק ע ר: — יא, מיר זענען אהער געקומען ארבעטען, ניט שפילען זיך.

ש וו א ר צ ב י י ן: — ווער שפילט זיך דען, ווער? איז דען מיין

ארבעט קיין ארבעט ניט; טו איך דען ניט אלצדינג, וואס בארים הייסט מיר? ער איז דאך דער קאפ. אבער, אז מען דארף שרייבען אין קאמיטעט אריין, שרייב איך. ער איז פארנומען מיט אנדערע זאכען.

ש ט ר י ק ע ר: — ציץ! לאז דיך ניט ארען די אנדערע זאכען. קוק דיך ניט צו צו זיי. ניט דיין עסק. ווען דער קאמיטעט איז געווען דא, איז ער ארומגעפארען מיט די הערען, ער האט מיט זיי גערעדט... ער!

ש ו ו א ר צ ב י י ן: — (שמאָלץ) איך אויך. איך בין אויך געווען מיט אים.

ש ט ר י ק ע ר: — נו, וואס האבען זיי כאטש געזאגט, די פארזארגער אונזערע?

ש ו ו א ר צ ב י י ן: — א, דו האסט געדארפט הערען. זיי האבען אונז צוגעזאגט גאלדענע בערג.

ש ט ר י ק ע ר: — יא?

ש ו ו א ר צ ב י י ן: — דער פרעזידענט פון דעם קאמיטעט איז גע־ווען אין זיבעטען הימעל פון אונזער מוט, פון אונזער ארבעט. הייגט די גע־גענט, דער קלימאט. איך זאג דיר, שטריקער, זיי זענען אלע געווען אויסער זיך.

ש ט ר י ק ע ר: — אזוי? אויסער זיך! וואס־זשע, די היץ האט זיי ניט געארט און די מאסקיטאס האבען זיי ניט געביסען?

ש ו ו א ר צ ב י י ן: — אך, שטריקער, לאז צורו. זיי האבען באטראכט דעם תוך, פארשטייסט, דעם תוך און זיי האבען אונז צוגעזאגט אלדאסגוטס.

ש ט ר י ק ע ר: — טאקע? הייסט עס, אז מיר וועלען נאך דערגריי־כען אונזער ציל.

(קארטאן און בעני מיט עמער וואסער.)

ש ו ו א ר צ ב י י ן: — אודאי! זיי האבען אונז צוגעזאגט העלפען מיט יעדען פיצעלע. און דו האסט באדארפט הערען ווי בארים האט גע־רעדט צו זיי, מיט אזא פייער, מיט אזא ברען און האט זיי געזאגט: „עס וועט נאך קומען א צייט, ווען אט דא א, זעסט, שטריקער, וועלען זיך אויסשפרייטען אידישע קאלאניעס, די שענסטע אין דער וועלט, א גאנצער שטאט און מיר וועלען נאך דערוויייזען דער וועלט, אז אידען קענען זיין ערד־ארבעטער, אבער ניט אזוי גלאט ערד־ארבעטער, קאלאניסטען ווי אנ־דערע, נייז, טאקע ערד־ארבעטער, וואס לעבען ברידערלאך, אין אחדות, ווי פרייע מענשען אין א פריי לאנד.

ק א ר ט א ן: — (צו שטריקער) דו הערסט, בראט, אט דאס זענען גאלדענע ווערטער. זיי גיבען צו מוט און מאכען פון א סטודענט, ווי איך בין געווען, א צופרידענעם וואסער־טרעגער. יא, ברודער, מיר וועלען נאך דערגרייכען אונזער ציל.

ש ט ר י ק ע ר: — הלואי! גאָט אין הימעל, וואָלט איך עס דען ניט געוואָלט?! הערט איר, ברידער, זאָל עס אפילו זיין ווען בענטשיק וועט אַזוי אַלט זיין, ווי איך. אָבער זאָל עס אַמאָל זיין. איך וועל אַרבעטען מיט אַלע מיינע כחות, אָבער לאָמיך עס דערלעבען צו זען. (כאַפּט דעם עמער, וויל אַפּ.)

(פון וואַלד הערט מען געזאַנג).

ק אַ ר ט אַ ז: — וואו לויפסטו, משוגענער?

ש ט ר י ק ע ר: — האָסט שוין אָנגעטרונקען דאָס פערד?

ק אַ ר ט אַ ז: — געוויס.

ש ט ר י ק ע ר: — און די קו?

ק אַ ר ט אַ ז: — ביידע, ביידע.

ב ע נ ט ש י ק: — (לויפט צום וואַלד) די מאַמע קומט. (אַפּ).

ג ע ז אַ נ ג: — אין דעם שאָטען פון דער נאַכט,
די נשמה פול מיט שטרעבען,
קומען מיר אַהיים,
שווער געאַרבעט, פיל געטראַכט,
פּרואווען מיר מיט אונזער מאַכט
שאַפען אַ ניי לעבען.
און מיר בויען אונזער גליק
אויף די חורבות פון דאָס לעבען
פון אַן אַלט, צעריסען פאָלק
און דאָס לאַנד וואו פרייהייט בליט
און דאָס לאַנד וואו גלייכהייט רוט
וועט אַ היים אונז געבען.

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — (פאַכט מיט דער האַנט) אַ היים, קינדער, אַ היים!

(ד י נ ה, אַ ק ע ר, ק אָ ל אָ נ י ס ט ע ן.)

אַ ל ע: — און דאָס לאַנד וואו פרייהייט גליט
און דאָס לאַנד וואו גלייכהייט רוט
וועט אַ היים אונז געבען.

ד י נ ה: — (וואַרפט אַוועק שפּענער) גאַספּאַדאַ, קאַלט וואַסער! ווער האָט עס געבראַכט קאַלט וואַסער!

ק אַ ר ט אַ ז: — איך, דינעטשקע, איך.

ד י נ ה: — אַך, דאַראַגאַי! (טרינקט.)

אַ ל ע: — קאַלט וואַסער, קאַלט וואַסער, ווער וויל קאַלט וואַסער! (טרינקען.)

א ק ע ר: — וואָס מאַלאַדיעץ, קאַרטאָן. אין וואַלד זענען מיר שיר ניט פאַרברענט געוואָרען פון דאַרשט.

(ד ב ו ר ה קומט פון וואַלד, פירט בעני׳ן, דרייט זיך מיט אים.)

ד ב ו ר ה: — לאָזט נאָר, מאַכט אַ וואַרע, גאָספאָדאַ. אַזוי, מיין קינד, אַזוי, לעבעדיג, פריילאַך. (זעצט זיך, קושט אים) זון מיינער, קינד מיינס. (מיט אַנאַנדער טאָן) וואו איז צילימשקע?

ב ע נ י: — אין שטוב, מאַמע. זי העלפט דער טיאַטיע חנה.

ד ב ו ר ה: — העלפט דער טיאַטיע חנה. (שטייט אויף.)

ב ע נ י: — מאַמע, ווילסטו אַ טרונק? אָט איז קאַלט וואַסער, (גייען צום עמער.)

ש ט ר י ק ע ר: — העי, לצים, טרינקט אייך נאָר ניט אָן ווי די פערד. איר וועט זיך קאַליע מאַכען דעם אַפּעטיט.

א ק ע ר: — עס רעדט זיך נאָר אַזוי, שטריקער, ניט אַזאַ אַפּעטיט מאַכט מען קאַליע מיט וואַסער. דינה, וועד קאָכט היינט?

ד י נ ה: — חנה האָט געקאָכט.

א ק ע ר: — (קראַצט זיך) אַ, פע! מיר וועלען שוין היינט עסען מכות.

ד י נ ה: — דערפאַר אָבער מאַכט מאָרגען דבורה קנישעס אין אַ נאַווינע.

ש ט ר י ק ע ר: — קרעפּלאַך בעסער. מעל איז דאָ, קען אויך, פּוטער האָב איך אַליין אויסגעשלאָגען. מאַכט מילכיגע קרעפּלאַך, דבורה׳לע.

ד ב ו ר ה: — קנישעס, פּאַזשאַלוי, שטריקער, אָבער קרעפּלאַך, פאַר וואָס? מיין מאַן האָט מיך ניט געשלאָגען.

ש ו ו א ר צ ב י י ן: — כי־כי־כי! ער וואָלט אָבער געדאַרפט. כי־כי־כי!

ד ב ו ר ה: — אַזוי? נו לערן אים.

ש ו ו א ר צ ב י י ן: — איך מיין ניע ביאָט טאַק ניע ליוביט, זאָגט דער גוי.

ד ב ו ר ה: — אַ, דאָס זאָגט דער גוי. מיך אָבער שלאָגט מיינער ניט, ווייל אַלע האָבען מיך ליב.

ש ו ו א ר צ ב י י ן: — איך ווייס, אַלע האָבען אייך ליב.

ד ב ו ר ה: — און איך האָב אַלעמען ליב. (זעצט זיך צום קינד) הערסט, מיין קינד, אַלע מענשען דאַרפען זיך ליב האָבען און ווען דו וועסט מיר אויסוואַקסען אַ גרויסער, וועסטו אויך אַלע מענשען ליב האָבען.

ב ע נ י: — יאָ, מאַמע, איך וועל ליב האָבען.

(דאַנציג קומט אָן).

ד א נ צ י ג: — שוואַרצביין, נאַ, קוק נאָר איבער די בריף. זיי זענען ערשט אָנגעקומען. (צו דבורה) איר זענט נאָך גאָר ניט געגאַנגען עסען?

ד ב ו ר ה: — אַט גייען מיר שוין, באַרים. (גייט צו צום גאַניק.)

ד אַ נ צ י ג: — און וואו איז שטריקער?

ש ט ר י ק ע ר: — וואָס איז, באַרים?

ד אַ נ צ י ג: — דער אַלטער פּאַרמער וויל מיר זאָלען אים אויסהאַקען אַ שטיק וואַלד פון יענער זייט טייך. ער גיט אַפּילו אַ צו קליינעם פּרייז, אָבער ביז דער קאָמיטעט וועט זיך אַמאָל אויסשלאָפען, וועלען מיר דאַרפען פאַרלייגען די ציין אויף די באַלקענס און מען דאַרף האָבען געלט. ווי מיינסטו, זאָלען מיר אָננעמען די אַרבעט? אָבער וואָס ביזטו עפּעס אַזוי אָנגעבלאָזען?

ש ו ו אַ ר צ ב י י ן: — אַזוי איז ער אַ גאַנצען טאָג היינט!

ד אַ נ צ י ג: — (קלאַפּט אים אין פּלייצע) ניע ראַבעי, בראַט. מיר וועלען נאָך אונזערס אויספירען. דו מיינסט אודאַי, אַז אַ גרויסע אידייע ווערט אַזוי גרינג אָנגענומען? ניין, ברודער. יעדעס גרויס ציל קאָסט קרבנות און מיר ווילען דאָך אַ ניי גליקלאַך, ברודערלאַך לעבען. שטיי־זשע ניט אַזוי, שטריקער! מוט און ענערגיע, ברודער. דער ווילען פון דעם מענשען און זיין פאַרשטאַנד וועלען נאָך די וועלט גובר זיין. (גייט צו דבורה) וואָס־זשע, הירש איז נאָך גאָר ניטאָ?

ד ב ו ר ה: — ניין, ער איז נאָך ניט געקומען. וואָס איז דען?

ח נ ה: — (קלינגט אויפ'ן גאַניק) עסען, עסען, קומט עסען. (קומט אַרונטער צו שוואַרצביין) אַז זי איז דאָ, וועלען זיי דען גיין אַזוי גיך? זיי וועלען דאָך אַלע די כפרה פאַר איר. איר גייט עסען צי ניין? עס וועט דאָך פאַרקילט ווערען.

ד ב ו ר ה: — גאָספּאָדאַ, גייט עסען. חנה איז שוין בייז. קום, בענטשיק, איך וועל דיר און צילי'ן געבען עסען און וועל אַרויסטראָגען דאָס קינד אַהער. עס איז אַזוי הייס.

אַ ל ע: — עסען, עסען, קומט עסען. (אַפּ אין הויז.)

ד אַ נ צ י ג: — (אַליין) שווער צו פירען, שווער צו בויען, (באַטראַכט אַלץ אַרום) שווער! (זעצט זיך אונטער אַ בוים, פאַרלייגט די הענט אונטער'ן קאָפּ, פאַרטראַכט זיך.)

(ה י ר ש ג י נ צ ב ו ר ג קומט פון וואַלד מיט לאַנגזאַמע טריט, פאַרשענדיג באַרים'ן.)

ב אַ ר י ם: — וואו זענט איר געווען?

ד אַ נ צ י ג: — ווער?

ה י ר ש: — דו מיט איר.

ד אַ נ צ י ג: — וואָס איז דיין געשעפט?

ה י ר ש: — באַרים. וואָס רעדסטו — זי איז מיין ווייב.

ד אַ נ צ י ג: — אַך, אַזוי! נו, וואָס איז דיר דער חילוק, וואו מיר זענען געווען?

ה י ר ש: — באַרים, איז דאָס אַן ענטפער פון אַן אַנשטענדיגען מענשען?

ד אַ נ צ י ג: — צום באַדויערען, קען איך דיר קיין בעסערען ניט געבען. עס איז דער בעסטער, וואָס איך וויל דיר געבען.

ה י ר ש: — און דו האָסט אונז געפירט צו בויען אַ ניי לעבען? דו, דער צעשטערער פון אַ גליקלאַך פאַמיליען-לעבען?

ד אַ נ צ י ג: — איך געפעל דיר ניט, איך זע, אַבער דו האָסט זיך אַ ביסעל צו שפּעט דערמאַנט. (באַגייסטערט) הירש, דו ווייסט, די וועלט איז אַ רעטעניש, דאָס לעבען איז די גרעסטע רעטעניש אין דער וועלט און די ליבע איז דאָס גרעסטע רעטעניש אין לעבען. איך קען ניט דיקטירען מיין נשמה איר לייד און איר פרייד, פאַרשטייסט?

ה י ר ש: — וואָס ווילסטו מיר פאַררײדען די ציין? וואָס טויגען מיר דיינע קלוגע דריידלאַך, וואָס? (דבורה קומט אַרוים מיט׳ן קינד, בלייבט שטיין אויפ׳ן גאַניק) מיר זענען געקומען אַהער זוכען אונזער גליק, ברודערלאַכע ליבע און איך בין אומגליקלאַך פון דעם, וואָס דו צעברעכסט מיין לעבען.

ד אַ נ צ י ג: — שוטה! איך לייד מער פון דיר.

(דבורה גייט אַראָפּ פון די טרעפּ, לייגט דאָס קינד אין העמאַק.)

ה י ר ש: — (דערזעט זי) ששש! שפּעטער, אַנאַנדערש מאָל.

ד ב ו ר ה: — הירש, גיי עסען, איך בעט דיך, דאָס עסען ווערט פאַרקילט ווערען.

ה י ר ש: — (גייט) דו דאַרפסט דיך אודאי ווידער זען מיט אים!

ד ב ו ר ה: — (שטרייענג) הירש! (הירש אָפּ.) (צו דאַנציג:) וואָס איז דאָ געווען?

ד אַ נ צ י ג: — גאָר ניט. ער האָט אונז הפנים נאָכגעקוקט.

ד ב ו ר ה: — נאָכגעקוקט? (לאַכט שטיל) איז וואָס? אַבער עס קען ניט זיין, באַרים, עס דאַכט זיך דיר אוים.

ד אַ נ צ י ג: — אַ, דו גלויבסט אים צופיל.

ד ב ו ר ה: — איך קען אים צו גוט.

ד אַ נ צ י ג: — אַט האָט ער דאַך מיך ערשט געפרעגט, וואו מיר זענען געווען; ווייסט ער דאַך, אַז מיר זענען ערגעץ-וואו געווען.

ד ב ו ר ה: — געווים ווייסט ער. איך האָב אים אַליין געזאָגט. נאַרען אים וויל איך ניט.

ד אַ נ צ י ג: — דבורה׳לע!

ד ב ו ר ה: — ווילסטו אים דען נאַרען? באַרים, עס איז שוין באַלד 12 יאָר ווי איך לעב מיט אים. ווען מיין פעטער האָט מיר חתונה געמאַכט

פאַר אים, בין איך נאָך געווען אַ קינד, קוים 17 יאָר אַלט. ער איז געווען אַן אַלמן, אפשר מיט 12-13 יאָר עלטער פון מיר, אָבער פון די גינזבורגס.

ד א נ צ י ג: — אַך, אידישער יחוס!

ד ב ו ר ה: — אין דער היים האָט ער מיך ווי אַ ווינשפינגערל אָפּ־געהיט און איך האָב אַרומגעטאַנצט און אַרומגעשפּרונגען ווי אַ ציגעלע. אָבער איך האָב אים ניט געגאַרט. איך בין גליקלאַך געווען. מיך האָבען אַרומגערינגעלט פריינט און באַקאַנטע וואָס פלעגען אַריינקומען צו אונז אין הויז: יונגע, געבילדעטע מענשען. זיי האָבען מיך ליב געהאַט און האָבען מיך געבאַלעוועט און געצערטעלט. אין יענע קינדישע, גליקלאַכע יאָרען האָב איך געלעבט מיט אים און האָב אים קינדער געהאַט. איך האָב אים קיינמאָל ניט געגאַרט, קיינמאָל ניט. ער האָט מיך ליב געהאַט ווי אַ מאַן האָט ליב אַ ווייב און איך האָב געלעבט ווי אין אַ חלום, ניט וויסענדיג פון קיין אַנדער גליק אין לעבען ביז... ביז איך האָב דיך דערקענט, באָריס. (נעענטער צו אים) דעמאָלס האָט זיך פאַר מיר באַוויזען אַ נייע וועלט, אַ נייע לעבען. אַ ליכט האָט זיך פאַר מיינע אויגען געוויזען, אַ העל, ליב ליכט. איך האָב דערפילט אַ שטרעבען צו אַנאַנדער לעבען און אין האַרצען האָט זיך אָנגעצונדען עפּעס אַ פייער, אַ זיס, אַ ליב פייער, אַ ברענענדיג געפיל האָט מיך געצויגען צו דיר און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ליבע, — ליבע, וואָס איז קיינמאָל פריער אין מיין האַרצען ניט געווען, ליבע צו דיר, באָריס. (לעבען אים) איך האָב דיך ליב, דיך, דיך אַליין.

(זינגען אין הויז.)

ד א נ צ י ג: — (דריקט זי צו זיך) טייערע.

ד ב ו ר ה: — באַשיץ מיך, באָריס, איך בין דיינע. (דריקט זיך צו אים) אַזוי, אַזוי... אָבער ער מוז אַלץ וויסען, אַלץ. מיר זענען צו ערלאַכע מענ־שען, אַז מיר זאָלען מיט ליגען און פאַלשקייט פאַרפלעקען אונזער געוויסען.

ד א נ צ י ג: — דבורה'לע, טייערע, וויל איך עס דען? אָבער וויפיל ליידען און שמערצען וועט עס אונז קאָסטען!

ד ב ו ר ה: — (באַפרייט זיך) ערלאַכע ליבע, באָריס, אום אַלע קאָסטען!

ד א נ צ י ג: — ערלאַכע ליבע! ווער ווייסט, ווי אַזוי ער וועט קוקען אויף ערלאַכער ליבע? ווער ווייסט וואָס ער וועט טאָן? אַזוי לאַנג ווי ער האָט געמיינט, אַז דו ביזט זיינע, זיין ווייב, זיין שקלאַף, האָט ער דיך געשעצט. וועט ער זיך אָבער דערוויסען, אַז ניט אים האָסטו ליב און ניט אים געהערסטו, ווער ווייס וואָס ער וועט טאָן...

ד ב ו ר ה: — זאָל ער טאָן וואָס ער וויל, ער מוז אָבער וויסען דעם אמת.

ד א נ צ י ג: — ווער ווייסט ווי אַזוי ער וועט דיך באַהאַנדלען, דיך און דיינע קינדער...

ד ב ו ר ה: — מיינע קינדער!

ד אַ נ צ י ג: — ווער ווייסט מיט וואָס פאַר אַ חשד ער וועט קוקען אויף דיינע קינדער.

ד ב ו ר ה: — יעדען חשד אויף מיינע קינדער וועל איך צוריקשטויסען מיט פאַראַכטונג.

ד אַ נ צ י ג: — ווער ווייסט ווי ער וועט זיך באַנעמען צו אונז, זיינע חברים, צי ער וועט זיך אין זיין ווילדער אייפערזוכט אָפּשטעלען אפילו פאַר דער רואינע פון אונזער קאָלאָניע, פאַר וועלכער איך גיב מיין לעבען אוועק? דבורה׳לע, דער איינציגער פייער־זייל וואָס פירט אונז אין דער מדבר, איז די האָפענונג. וואָס זאָלען מיר טאָן, דבורה׳לע!

ד ב ו ר ה: — דו קענסט נאָך טאָן, וואָס דו ווילסט, דו קענסט אויס־קלייבען צווישען דיין גרויסען אידעאַל און דער ליבע. עס איז נאָך ניט צו שפּעט.

ד אַ נ צ י ג: — דאָס לעבען האָט שוין אויסגעקליבען. איך קען ניט לעבען אָן דיר. אָבער וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

ד ב ו ר ה: — איך וועל טאָן וואָס מיין ערלאַך געוויסען הייסט מיר. מיר זענען ניט קיין קינדער, באָרים. מיר שפּילען זיך ניט. ער מוז דעם גאַנצען אמת וויסען. איך וויל ניט ער זאָל לעבען אין נאַרעריי.

ד אַ נ צ י ג: — דבורה׳לע, ער געהערט צו יענע מענער וואָס לעבען בעסער אין נאַרעריי.

ד ב ו ר ה: — איך אָבער געהער ניט צו יענע פרויען!

(אַלע קומען אָן מיט געפּילדער. דאַנציג דרייט זיך אָוועק. דבורה זעצט זיך ביים העמאַק. קאַרטאָן קושט דינה׳ן, זי קוויטשעט,ביידע אָפּ אין טאָל. גינזבורג פאַררויכערט אַ ליולקע.)

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי שפּעט, חברה, וואָלט מען געדאַרפט צעלייגען אַ פייער. די מאָסקיטאָס בייסען אַ גוואַלד.

ש ט ר י ק ע ר: — וואוילטאָג פאַר׳ן פריץ. צעלייגט אים אַ פייער... שלאָפען דאַרף מען גיין, קינדער. מאָרגען דאַרף מען אויפשטיין פאַרטאָג און זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט. (אָפּ מיט שוואַרצביין.)

ה י ר ש: — דו האָסט דאָך נאָך גאָרניט געגעסען, דבורה׳לע, עס ווערט שפּעט.

ד ב ו ר ה: — (שטייט אויף) איך בין זאַט, הירש, איך בין זאַט. דו גייסט שוין שלאָפען? — וואַרט צו אַ ביסעל. (רופט) באָרים!... הירש, דו האָסט דאָך געוואָלט וויסען וואו מיר זענען געווען, איך און באָרים.

ה י ר ש: — ע ע, וואָס עפּעס איצט?

ד ב ו ר ה: — נאָך וואָס זיך שפּילען אין באַהאַלטעניש. באָרים איז דיך חושד, אַז דו האָסט אונז נאָכגעקוקט. מיר גלויבט זיך עס ניט. דו ווייסט,

אז איך האב קיינמאל ניט באהאלטען פון דיר קיין זאך. ווי א קינד פאר א מאמען האב איך תמיד אויפגעדעקט פאר דיר מיין נשמה. אלצדינג וואס האט פאסירט מיט מיר אין אונזער לעבען האב איך דיר דערציילט. אפילו אין יענע יארען, באלד נאך אונזער חתונה, וואס זענען פארבייגעפלויגען ווי א זיסער חלום פון א גליקלאך קינד, פלעג איך קומען צו דיר מיט מיין קינדערשען צער און קינדערשען נחת. דו ביזט מיר ניט נאר א מאן געווען, נאר אויך א מאמע. איך האב דיך קיינמאל ניט גענארט, הירש, און אויך איצט וועל איך הינטער דיינע פלייצעס דיר ניט פאלש זיין. זייער אן ערנסטער מאמענט איז געקומען אין אונזער לעבען. איך... איך האב באריס'ן ליב. אפשר איז צו שפעט געקומען די ליבע, וואס האט מיך אויפגעוועקט פון דעם זיסען שלאף מיט דעם גליקלאכען קינדערשען חלום, אבער זי פארברענט מיך. איך קען ניט לעבען אזוי, ווי איך האב ביז אהער געלעבט.

ה י ר ש: — איך וויים, איך זע. אבער וואס טויג נאך די קאמעדיע מיט דער ליבע? איך וויים, אז זייט ער האט זיך אריינגעריסען אין אונזער פאמיליע-לעבען, ביזטו מיר פרעמד געווארען. מיט יעדען דא פירסטו דיך ארום און טענצעלסט ארום; מיט אים פארברענגסטו שעה'ן-וויים אין וואלד און אויף מיר קוקסטו זיך אפילו ניט אום.

ד ב ו ר ה: — הירש, וואס רעדסטו!

ד א נ צ י ג: — דו וואלסט דיך געדארפט שעמען אזוי צו ריידען.

ה י ר ש: — אהא, דיין מליץ יושר האט זיך אפגערופען. ס'איז אפשר א ליגען? (ווייבער) אבער וואס וועט ווערען פון אונז? ער האט דאך אונז פארנארט אהער צוליב א גרוים ציל. מיר האבען דאך באדארפט באווייזען דער וועלט אז אידען קענען לעבען אין אחדות, ברודערלאך און באארבעטען די ערד. ער איז דאך געווען אונזער צווייטער משה רבינו, וואס האט אונז א נייע תורה געגעבען און האט אונז געפירט אין דעם פרייען לאנד כנען. איצט רייסט ער זיך אריין אין א פרידלאכער, גליקלאכער פאמיליע און צע־שטערט אונזער גליק.

ד ב ו ר ה: — ניט ער, איך, איך... אבער איך קען ניט לעבען אן אים. איך קען ניט לעבען אן ליבע.

ה י ר ש: — וואס מיר ליבע, ווער מיר ליבע! מיר זענען געווען גליק־לאך אן ליבע. איך האב דיך געאכטעט און געשעצט אן ליבע!

ד ב ו ר ה: — (דערביטערט) גליקלאך זענען מיר געווען ביז איך האב מיך אויפגעכאפט פון דעם שרעקלאכען קאשמאר און האב פארשטאנען, אז איך בין דיר ניט מער ווי א ווייב. פארשטייסט, הירש, ניט מער ווי א ווייב.

ה י ר ש: — וואס נאך האסטו געוואלט זיין?

דבורה: — אָט דאָס איז דאָך די צרה: דו פאַרשטייסט מיך ניט. אָבער עס קען אַזוי ניט בלייבען, הירש.

דאַנציג: — ווילסטו זי דען צווינגען? קענסטו דען בינדען איר נשמה און מאַכען זי פאַר דיין קנעכט? ווילסטו פון איר לעבען, פון דיין לעבען, פון אונזער אַלעמענס לעבען מאַכען אַ תל?

הירש: — (שרייט) חצוף! נאַכאַל! דו קענסט אַזוי ריידען צו מיר! איך וויל מאַכען אַ תל? איך? דו מאַכסט אַ תל פון אונזער לעבען, דו! דו מאַכסט אַ תל אפילו פון דעם, וואָס דו שרייסט אין אַלע גאַסען. אַז עס איז דיין אידעאַל, דיין הייליגער ציל, דו צעברעכסט אונזער קאָלאָניע, שענדסט דעם אידישען נאָמען. רייסט אָפּ אַ ווייב פון איר מאַן און אַ מאַמע פון אירע קינדער. נאַכאַל, קאַנאַליע, חצוף!

דבורה: — הירש! הירש!

דאַנציג: — ס'איז ניט אמת, גינזבורג. איך האָב זי ליב און איך ליב אין איר ניט דאָס ווייב, נאָר דעם מענשען. און וואָלסטו דאָס פאַר־שטאַנען און וואָלסטו אַן אַנדערער מענש געווען, וואָלט קיינער ניט געדאַרפט ליידען און אונזער אידעאַל וואָלט אודאי ניט געליטען דערפון.

הירש: — דאַן גיי אַוועק פון אונז און לאָז אונז צורו.

דאַנציג: — אַ, ווען איך וואָלט דאָס געקענט! איך האָב זי אָבער ליב ווי מיין לעבען.

הירש: — פאַרשטיי איך דיך ניט, איך פאַרשטיי ניט דיינע קלוגע רייד. וואָס מיינסטו, וואָס? זאָג!

דאַנציג: — (אָפּענהאַרציג) מיר זענען פרייע מענשען און וואָלסטו אַ פרייער מענש געווען און וואָלסטו זי ניט גערעכענט פאַר דיין אייגענטום, וואָלטען מיר אַלע דריי געקענט זיין גליקלאַך.

דבורה: — (פאַרצווייפעלט) באַרים! באַרים!

הירש: — אוממענש!

דבורה: — (צווישען ביידען) גאָט!

דאַנציג: — (געלאַסען) דאַן טו ווי דו פאַרשטייסט, דבורה'לע. אויב דו ווילסט ניט זיין זיין דינסט נאָר צו באַפרידיגען זיין תאוה, דאַן קום מיט מיר. עס איז קיין אַנדער ברירה ניטאָ.

הירש: — אָט דאָס וויל ער, אָט דאָס. (ברעכט צוזאַמען) דבורה'לע, וועסטו אַוועקגיין מיט אים? וועסטו מיך איבערלאַזען? וועסטו צעברעכען אונזער היים?

דבורה: — יאָ, יאָ. איך קען אָן אים ניט לעבען. איך וועל גיין מיט אים און טיילען זיין לעבען.

הירש: — גיי, גיי. מאַך אַ תל פון אַלעמען. ליבע, פרייהייט, — לאָז איבער די קינדער אויף הפקר, לעבעדיגע יתומים'לאַך!

דבורה: — די קינדער! נײן, הירש! מײנע קינדער װעל איך ניט איבערלאָזן. איך װעל פֿון זײ קײן לעבעדיגע יתומים ניט מאַכען. מײנע קינדער װעלען זײן מיט מיר, װאו איך װעל זײן, װאו זײער מאַמע װעט זײן.

הירש: — דאָס װעט קײנמאָל ניט זײן, דו הערסט! קײנמאָל ניט, אַזוי לאַנג װי איך װעל לעבען. ער האָט פֿאַר'סם'ט מײן לעבען. ער האָט דיך אָװעקגערויבט פֿון מיר, אָבער מײנע קינדער װעט ער ניט רויבען פֿון מיר, איך װעל עס קײנמאָל ניט דערלאָזן. (װײנט.)

דבורה: — (פּאָרװירט) די קינדער װעסטו צונעמען בײ מיר! גאָט! איבערלאָזן מײנע קינדער, דאָ אין װאַלד, אָן אַ מאַמען! װער װײסט נאָך בעסער דעם טעם פֿון אַ קינדהײט אָן אַ מאַמען, װי איך! קינדערלאַך מײנע, עופה'לאַך מײנע! (פֿאַלט צום העמאַק און װײנט.)

(מען זעט פֿלאַמען און מען הערט געשרײען: „דער װאַלד ברענט!“ קאָלאָניסטען ערשײנען, קינדער שרײען: „מאַמע, עס ברענט!“)

דבורה: — (דריקט די קינדער צו זיך) קינדערלאַך מײנע, דער װאַלד ברענט! עופה'לאַך מײנע קלײנע! (ברעכט צוזאַמען) איך װעל ניט אָװעק־גײן פֿון אײך, איך װעל אײך ניט איבערלאָזן דאָ אין װילדען װאַלד אַלײן! איך װעל לעבען צוליב אײך, נאָר צוליב אײך!

(פֿאָרהאַנג)

צווייטער אקט

(אַ שיין מעבלירט צימער ביי די גינזבורגס. לינקס — אַ טיר, פאַרהאַנגען מיט אַ פּאָרטיער, אין ווינקעל — אַ פּיאַנאָ. גלעזערנע טירען, באַפּוצט מיט גאַרדינען, — עטוואָס אָפען — פירען אין עס־צימער, וואו עס זעט זיך אַ געדעקטער טיש. רעכטס — אַ טיר, וואָס פירט פון קאָרידאָר. אַ קיילאַכדיגער טיש און ווייכע מעבעל, אַ „ראָלער דעסק“, אַ זייגער, אַ ביכער־שראַנק, עלעקטרישע באַלייכטונג. — אָוונט. דינה זיצט און נייט אויס מאַלאַרוסישע פיגורען אויף אַ פּאַרטוך, קאַרטאַן לעבען איר, קוקט אויף סילוויען. מאַקס אָנגעשפּאַרט מיטן רוקען אויף דער פּיאַנאָ האַלט זיין קני אין די געשלאָסענע הענט, קוקט אויף סילוויען. סילוויע פאַזירט און דעקלאַמירט פון אַ בוך.)

ס י ל ו ו י ע : — מיין שלאָס זאָל שטיין הויך, גאַנץ אויבען. זאָל ער זיין מיט אַ פריזיער אויסזיכט אויף אַלע זייטען, איך זאָל קענען זען ווייט, ווייט ארום. אַן אומגעהויערער, הויכער טורם און אויפ׳ן רעכטען שפּיץ זאָל זיין אַ באַלקאָן. דאָרט אויבען וועל איך שטיין און אַראָפּקוקען אויף אַלע ארום מיר! ((וואַרפט אוועק דאָס בוך) לופט־שלעסער! דינה, דאָס איז מיין מאַמע׳ס געשמאַק, איבסענ׳ס הילדע מיט אירע לופט־שלעסער. מאַקס, האָסט לופט־שלעסער פאַר מיר?

מ אַ ק ס : — (וויל זי קושען) לופט־שלעסער! נאַנסענס! איך האַלט ניט פון אַזעלכע נאַרישקייטען.

ס י ל ו ו י ע : — (פּאַטשט אים איבער די ליפּען) דו האַלטסט פון אַנדערע נאַרישקייטען!

ד י נ ה : — (ציניש) ער האַלט פון וואָס אַלע מענער האַלטען!

ק אַ ר ט אַ ן : — (שטיפעריש) פאַר וואָס טאָקע ניט, דינה?

ד י נ ה : — (ווערט זיך) ניי, גיי! אָבער, סילוויע, וואָס געפעלט דיר עפּיס ניט דיין מאַמע׳ס געשמאַק? איבסען געפעלט דיר ניט?

ס י ל ו ו י ע : — (קאַפּריזנע) ניין, מיר געפעלט שעקספּיר בעסער. געדענקסטו, ווען מיר האָבען אין שול געשפּילט ראָמעאָ און דזשוליע, געדענקסט? (דעקלאַמירט):

„לויפט מיט גאַלאָפּ־טריט איר פיר־פיסיגע פערד צו פעבוס לאַגער,
לויפט און ברייננט די וואָלקענדיגע נאַכט מיט זיך, וואָס גיכער.
שפּרייט אויס דיין דיקען פאָרהאַנג מיט ליבע, שמעקענדיגע נאַכט.“

אַט דאָס זענען געטליכע ווערטער. זיי האָבען מיך אין דער לופט געטראָגען און אַלע האָבען געזאָגט, אַז איך האָב אויסגעצייכענט געשפּילט. מאַקס, איך וועל אַמאָל אַ גרויסע שוישפּילערין זיין.

מ א ק ס : — א גליק וועט דיך טרעפען.

ד י נ ה : — און וואס וועט עפעס די מאמע זאגען ?

ס י ל ו י ע : — וואס זאל זי זאגען ?

ק א ר ט א ן : — א קשיא אויף איר מאמען! ביי איר סען אזא ווילדע פאנטאזיע אויך גילטען.

ס י ל ו ו י ע : — א ווילדע פאנטאזיע ? אייך געפעלט ניט, הער קאונסע־לער! אבער מערקווירדיג ווי איר האט אייך אלע צונויפגערעדט : דו, די מאמע, ער, אלע וואלט איר געוואלט איך זאל ווערען א לערערין, קינדער, זאל איך ערציען, מענשען אויפברייננגען! ארומטאנצען מיט אונזער שכנה'ס פארדריפעט מיידעלע, לערנען מיט איר, פארשארען איר די הערע־לאך און אפווישען דאס נעזעלע! מאכען פון איר א מענשען! א ציל אין לעבען! ווי געפעלט דיר אזא ציל מאקס ?

מ א ק ס : — אך, מיר געפעלט עס גארניט.

ס י ל ו ו י ע : — מיר אויך ניט. איך וויל א שוישפילערין זיין.

ק א ר ט א ן : — זי וויל און געסעטעלט. (א מאך מיט דער האנט) מאלע וואס מען וויל! מיר האבען אמאל געוואלט די וועלט איבערקערען, ערד ארבעטען, קאלאניעס גרינדען; דערנאך האט זיך אונז געגלוסט די מענש־הייט ראטעווען און מיר האבען פאראיינען געמאכט און ליגעס ארגאניזירט און פארטייען געגרינדעט, די צרות פון דער גאנצער וועלט אויף אונזערע פלייצעס געטראגען און געהונגערט, אז דער רוח האט אזש גענומען, ביז . . . מיר האבען פארשטאנען דאס פראקטישע לעבען, פארשטייסט ? און מיר האבען זיך גענומען פאר אנשטענדיגע פראפעסיעס. איצט איז עטוואס אנ־דערש. מיר מאכען זיך א שיין לעבען און מען לעבט טאקע ווי מענשען מיט ווייב און קינדער.

ד י נ ה : — (באגייסטערט) זע, סילוויע, אט ניי איך אוים א מאלארוסיש פארטוכעל פאר לובעטשקען. זאג אליין : וועט זי אין דעם ניט אויסזען ווי א דאל ?

מ א ק ס : — ענד דעטס רייט טו. אזוי דארף זיין.

ק א ר ט א ן : — ניע בעז טאווא. היינט טוען מיר אויך עפעס. דא איז מען אין א קאמיטע, דארט א פארזיצענדער; דא א שטיקעל פאליטישער קאמפיין, דארט א קהל'שע לויה, א טשאריטי ענטערטיינמענט — און געלט קאסט אן א שיעור. אט וויפיל, מיינסטו, קאסט מיך אפ דער פאלקס־אינסטיטוט, וואס מיר האלטען אין גרינדען! אבער אויפ'ן ערשטען פלאן איז דאס פראקטישע לעבען, סילוויע. אך, מאקס, לאז זי צורו, לאז זי פאנטאזירען. זעסטו, מאקס, ווען מיר וואלטען אבער געהאט א דריטע האנט, וואלטען מיר געמאכט א פינאקעל.

ס י ל ו ו י ע : — אַ פּינאַקעל! הער קאָנסעלאַר, זי האָבען זיך פּאַרטרעפליך פּאַרטיידיגט.

מ אַ ק ס : — אָבער, סילוויע דיער, דער קאָנסעלאַר איז דאָך גערעכט. ווען איך הער דיך רעדען וועגען דיינע פּראָפעסיעס, ווערט מיר ניט גוט. טעל מי, דיער, פּליעז, האָסטו מיך אמת ליב?

ס י ל ו ו י ע : — (אומאַרעמט אים) זיכער מאַקס, זיכער. (קושט אים) וואָס נאָך ווילסטו?

מ אַ ק ס : — וועל, דו ווייסט, איך בין שוין ניט קיין אינגעלע און דו ביזט שוין אויך ניט קיין פּיצעלע קינד. ביזט שוין...

ס י ל ו ו י ע : — (פּאַטשט אים איבער די ליפּען) איך וויס אַן דיר, ניט דיין געשעפט.

מ אַ ק ס : — איך האָב גאָר ניט געמיינט, סילוויע דיר. לוק, סילוויע, מיינע געשעפטען גייען גוט. איך האָב אָנגעהויבען מאַנופעקטשורען די פּוטער־טעצלאך מיט ליידיגע הענט און אוועקגעגאַנגען איז עס טאַקע ווי אויף פּוטער. מיר מאַכען גלענצענדע געשעפטען. נאָך אַ יאָר צוויי און מיר וועלען מאַכען 10,000 דאָלאַר אַ יאָר ריינעם פּראָפיט. און...

ס י ל ו ו י ע : — און וואָס?

מ אַ ק ס : — און דו ענדיגסט די שול.

ס י ל ו ו י ע : — מער גאָר ניט?

מ אַ ק ס : — וועל, איך וויל, מיר זאָלען חתונה האָבען.

ס י ל ו ו י ע : — אַ, דאָס ווילסטו!

ק אַ ר ט אַ ן : — ער איז אַ פּראַקטישער מענש, ער וויל גליקלאַך זיין.

מ אַ ק ס : — און מיר קענען גליקלאַך זיין. וואָס טויגען דיר די אַלע פאַנטאַזיעס. מיר קענען רייך זיין. איך קען דיר געבען אַלץ וואָס דו ווילסט.

ס י ל ו ו י ע : — אַ, דו ביזט אַ וואוילער, מאַקס, אָבער וואָס איילסטו דיך אַזוי?

ד י נ ה : — (ציניש) מסתמא קען ער ניט וואַרטען. וואָס פרעגסטו? מיט 10,000 דאָלאַר אַ יאָר, נאַרעלע, איז די בעסטע זאַך חתונה האָבען.

ס י ל ו ו י ע : — אַזוי?

ד י נ ה : — געוויס. מען אָרדענט זיך איין אַ רייך הויז, מיט דינסטען, מיט אַן אויטאָמאָביל, מיט קליידער, מיט צירונג. מען מאַכט רעספּשאָנס, פּאַרטיעס, קאַפּע־קלאַטשעס און אַזוי קומט מען אַריין אין אַ העכערער געזעלשאַפט.

ס י ל ו ו י ע : — אָבער וואָס איילט איר אייך אַלע? ערשטענס, דאַרף איך נאָך ענדיגען די שול און צווייטענס, וויל איך אַביסעל פריי זיין. אַ, איך וויל אַביסעל פריי זיין, פּטור ווערען פון די ביכער, פון די פּראָפעסאָרען,

פון קאלעדזש. אוים קאלעדזש! אוים! אוים! איך וויל פריי זיין און איר ווילט מיר גאר חתונה מאכען. אט וועל איך ענדיגען די שול, מאקס, וועלען מיר ערשט א לעב טאן. מיר וועלען פארען אויף א זומערפלאץ, ארומפארען אין אן אויטאמאביל, באזוכען אלע אמיוזמענטס, טאנצען, באדען זיך און לעבען. אד, מאקס, (דרייט זיך מיט אים) מיר וועלען לעבען. חתונה האבען וועלען מיר נאך צייט האבען.

מ א ק ס : — אויך רעכט. אבער צום טייפעל דיינע פאנטאזיעס. ווער דארף זיי!

ס י ל ו ו י ע : — (פאטשט אים) ווער דארף זיין? (פאזירט) „אויף א טורעם וועל איך שטיין אין דער הויך!" הערסט, מאקס, לופט־שלעסער, איבסענס הילדע. מיין מאמע'ס געשמאק!

ה י ר ש : — (אין א ראק, שטעקשיך) וואס בושוועט איר אזוי? א, מאקסעל איז דא! איך הער די בת־יחידה האט זיך צעלאזט אויף אלע כלים.

ס י ל ו ו י ע : — פאפעטשקע, שוין ווידער ברוגז?

ה י ר ש : — גיי, גיי, שטיפערין! גיי אהיים, מאקס, וועסט קומען אן אנדערש מאל.

ס י ל ו ו י ע : — פאפעטשקע, וואס טרייבסטו אים? דו פארטרייבסט דאך מיר חתנים! ווייסט, פאפא, מאקס וויל דאך מיט מיר חתונה האבען. ווי געפעלט דיר דער שדוך!

ה י ר ש : — אוי דיינע שטיק! עזות־פנים'ניצע! מען זאל דאס האבען א ברעקעל דרך־ארץ פאר א טאטען. איך האב מיך געוואלט צולענגען אביסעל, אבער גיי לייג דיך צו, אז די גאנצע כאפטע איז דא... און די מאמע דיינע נישטא נאך? גייט ארום נאכט פאר נאכט, אקוראט ווי זי וואלט גאר קיין היים ניט געהאט, ווי זי וואלט גאר קיין דערוואקסענע קינדער ניט געהאט, אז אך און אז וויי, די ברויט־געבערין אונזערע!

ס י ל ו ו י ע : — די מאמע געפעלט דיר אויך ניט? גאר א נייעס? אבער שא, פאפעטשקע, שא, אט גייען מיר אוועק. מאקס, קום אין דיינינג־רום. בערנארד, דינה, קומט אויך. איך וועל מאכען טיי, וועט זיך דער פאפא קענען צולייגען. (אפ מיט מאקס).

ה י ר ש : — אט אזוי ווי די מאמע! א פרייער פויגעל. ניש־קשה, עס וועט זיין אך און וויי צו אים, ווען ער וועט אריינפאלען צו איר אין די הענט. איר מאמע'ס פרייהייט האט אונז אויך גענוג געקאסט.

ק א ר ט א ן : —שווער! שווער! (אפ).

ד י נ ה : — פאפא, ווי ערלויבסטו דיר אזוי צו ריידען פאר א פרעמדען יונגענמאן?

ה י ר ש : — דו ביזט אויך דא! ווער האט נאך דיר געשיקט?

ד י נ ה : — געשיקט האָט נאָך מיר קיינער ניט, אָבער דו ווייסט, דאַכט זיך, ביי וואָס עס האַלט. דבורה זאָגט, אַז זי קען עס ניט איבערטראָגן, עס וועט נאָך חלילה קומען צו אַן אָפענעם סקאַנדאַל. גאָט מיינער, ביז וואַנען איז דער שיעור! זי איז דאָך ניט מער ווי אַ מענש!

ה י ר ש : — זי, אַלץ זי! און איך? דאָס גאַנצע לעבן האָב איך פאַר־שפּילט איבער איר. דאָס גליק האָט זי ביי מיר אַוועקגערויבט, דעם שלום־בית צעשטערט און איצט ווייסטו וואָס זי טוט? זי איז דאָך אין גאַנצן דערווייטערט פון מיר. פאַרשטייסט, אַ פרייער פויגעל געוואָרן! אויס, אַן עק!

ד י נ ה : — ווער איז דען שולדיג? זי האָט איר לעבן אויך פאַרשפּילט און האָט נאָך שווער און ביטער געהאָרעוועט אויסצוהאַלטען דאָס גאַנצע הויז, בילדען די קינדער, מאַכען פון זיי לייט און אַליין אויך זיין אַ מענש צווישען מענשען. דיינע פאַרדינסטען וואָלטען דאָך ניט געקלעקט אויף קיין ברויט מיט וואַסער.

ה י ר ש : — דערצייל מיר ניט!

ד י נ ה : -- און איצט, מיינסטו, אַז זי האָט זיך שוין צוגעשלאָגען צו אַ שטיקעל שטעלע אין דעם דאַמען־פאַראיין,איז איר אַזוי גרינג, מיינסטו!

ה י ר ש : — לאָז מיך צורו מיט איר אַרבעט, מיט אירע פאַרדינסטען, מיט אירע גליקען. נו, ווען עס טרעפט אַמאָל אַז אַ אידענע דאַרף העלפען אַ מאַן... איז וואָס? דאַרף ער איר שוין נמאס ווערען און זי דאַרף זיך אַרומשלעפּען אויף אַלע מיטינגען מיט פרעמדע מענער?

ד י נ ה : — פּאַפּאַ, וואָס רעדסטו! זי איז אַ לעבעדיגער מענש און אינ־טערעסירט זיך מיט דאָס לעבען און דו באַליידיגסט זי! גאָט ווייסט צו וואָס עס וועט פירען.

ה י ר ש : — ניט דיין געשעפט. קיינער בעט דיך ניט זיין אַ רודף־שלום׳־ניצע צווישען אונז, דו הערסט! ניט דיין עסק. (אָפּ אין הויז.)

ד י נ ה : — (זעצט זיך) גאָט! דבורה׳לע וועט עס ניט איבערטראָגען.

ס י ל ו ו י ע : — (שטיל פון עסצימער) דער פּאַפּאַ איז שוין אַוועקגע־גאַנגען?

ד י נ ה : — יאָ. (קוקט זי אָן) אַך, סילוויע, ווען דו זאָלסט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך און קענען אָפּשאַצען דיין מאַמע!

ס י ל ו ו י ע : — וואָס־זשע וואָלט געווען?

ד י נ ה : — וואָלסטו אַוועקגעוואָרפען דיינע לייכטזיניגע פּלענער, וואָלסט געוואָרען ערנסטער און געזעצטער, וואָלסט געענדיגט די שול און וואָלסט געווען איר טרייסט אין לעבען. זי האָט אַזויפיל געליטען, סילוויע, און ליידט נאָך איצט אַזוי פיל.

ס י ל ו ו י ע : — אָבער, שוועסטער, דו פאַרשטייסט ניט. מיר ווילט זיך לעבען, לעבען און לאַכען וויל איך. שטיפען ווילט זיך מיר.

ד י נ ה : — קענסטו דען ניט לעבען ווי דו ווילסט?

ס י ל ו ו י ע : — דאָ! דאָ קען מען ניט לעבען, דאָ טאָר מען ניט לאַכען, דאָ ווערט מען דערשטיקט! דאָ ביי אונז הייגגט אַ וואָלקען איבער אַלעמען, דאָ איז אַזאַ אומעטיגקייט פאַרשפּרייט אין אַלע ווינקעלאַך. דאָ זענען אַלע אַזוי ערנסט, אַזוי ערנסט ווי די טויטע.

ד י נ ה : — אָבער דיין מאַמע ליבט דיך מער ווי אַלץ אין דער וועלט.

ס י ל ו ו י ע : — אָבער זי פאַרשטייט מיך ניט, זי פאַרשטייט מיך ניט. (פּויזע.)

(רובי און מאַקס פון עס־צימער).

ר ו ב י : — (שלעפּט מאַקס'ן; היט זיך, רעדט גיך) מאַקס, נו, לייסטו מיר אַ פייף־ספּאַט שפּילען מיר אַ פינאַקעל! איך גיב דיר אַפּ... שור!...

מ אַ ק ס : — נאָך וואָס דאַרפסטו?

ר ו ב י : — וואָטס יור ביזנעס! (מען קלינגט, סילוויע גייט עפענען) פּליעז, מאַקס, פּליעז, קוויק. די מאַמע קומט. איי גיוו איט טו יו, שור!

מ אַ ק ס : — (דראָט) סי, רובי! (גיט אים בגנבה געלט).

(דינה נעמט צו די אַרבעט פון טיש. שוואַרצביין קומט.)

ס י ל ו ו י ע : — אַהאַ, אַ גאַסט גאָר!

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — (ברייטלאַך) העלאָ! זע נאָר, מאַקסעל איז אויך דאָ.

מ אַ ק ס : — העלאָ, אַנקעל!

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — העלאָ! וואָס־זשע, מאַדאַם גינזבורג איז נאָך ניטאָ?

ס י ל ו ו י ע : — ניין, די מאַמע איז נאָך ניט געקומען.

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — וועל איך מוזען צוּוואַרטען. ביזנעס, יו נאָ! מאַקס, גיב נאָר אַהער אַ סיגאַר; אָבער עפּעס אַ גוטען.

ס י ל ו ו י ע : — (אימיטירט) אָבער עפּעס אַ גוטען.

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — אוי, שטיפּערקע!

מ אַ ק ס : — היער, אַנקעל, אַ סיגאַר איי נאָמבער וואַן.

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — (נעמט צוויי, שמעקט) אַ, פּיין. (באַהאַלט זיי).

מ אַ ק ס : — פעטער, פאַרוואָס־זשע רויכערט איר ניט?

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — נאָר איינער, דיינע וועל איך רויכערען מאָרגען. איך האָב ליב אַ גוטען סיגאַר נאָכ'ן עסען. פאַרשטייסט. (פאַררויכערט זיין אייגענעם שטיקעל סיגאַר.)

ס י ל ו ו י ע : — אוי אַ קאָפּ — איי נאָמבער וואַן,

שוואַרצבײַן: — וואָס דען מײנסטו! (נעמט אַרויס אַ טאַש, קוקט איבער פּאַפּירען.)

רובי: — (פאַררויכערט אַ סיגאַרעט מעשה ספּאָרט) נו מאַקס, שפּילסט אַ פּינאַקקעל! גיב איך דיר אָפּ די פינף דאָלאַר אין נאַ טיים.

מאַקס: — וואָס הייסט דו גיסט אָפּ?

רובי: — איך געווין און גיב דיר אָפּ.

מאַקס: — דו געווינסט שוין?

רובי: — ביי דיר?... אַ סינטש! (רופט) בערנאַרד, קאָם אַן!

(קאַרטאַן קומט.)

רובי: — מאַכען מיר אַ פּינאַקעל.

קאַרטאַן: — די מאַמע קען אָנקומען.

רובי: — נעווער מיינד די מאַמע.

קאַרטאַן: — (צו מאַקס'ן) שפּילסט, שפּילען מיר. (צו רובי) האָסט אַ פּינאַקעל־דעק?

רובי: — איי שוד סיי סאָ. (נעמט אַרויס פון הינטערשטער קעשענע.)

מאַקס: — זאָל איך, סילוויע?

סילוויע: — יאָ, מאַקס, שפּיל. אָט צינד איך אָן אַלע ברענערס. עס וועט ווערען ליכטיג, לעבעדיג און פרייליך. לעט אַס בי מעררי, מאַקס. איך מאַך טיי פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַני ענד ווי וויל בי מעררי. אַ קוש, מאַקס, אַ קוש, קײנער זאָל ניט זען. (ער קושט זי.)

שוואַרצבײַן: — (באַמערקט) אוי סילוויע! אַ מיידעל אַ ברען! (גייען צום טיש, זעצען זיך שפּילען, דינה און שוואַרצביין אָפּ אין עסצימער, סילוויע צינדט אָן די ליכט, זיי שפּילען, עס הערט זיך אַ גערויש אין פּאַרהויז.)

רובי: — (דערשראָקען) די מאַמע!

סילוויע: — די מאַמע. קוויק באָמס! (גייט צום טיר. רובי, מאַקס און קאַרטאַן ברײנגען דעם טיש אין אָרדנונג. רובי אָפּ אין עסצימער.)

(דבורה, שטריקער, אַקער).

סילוויע: — אַ מאַמעטשקע! (האַלזט זי.)

דבורה: — (קושט זי) העללאָ, טאָכטער!... סילוויע, וואָס איז עפּעס אַזוי ליכטיג, אַזוי יום־טוב'דיג?

סילוויע: — (ווייזט) צוליב די געסט, מאַמעניו.

דבורה: — אַ שוואַרצביין? איך דאַרף אים טאַקע! מאַקס אויך! העלאָ, מאַקס! אַ איר האָט געשטיפט, אַביסעל זיך געבאַלעוועט. קינדער, נו גוט, גוט. אָבער, סילוויע, איצט לעש אויס די ליכט, עס איז שווערלאַך צו צאָלען די גרויסע בילס, אַ חוץ דעם מאַכט עס טאַקע צו אַ רעש'יגען איינדרוק.

ס י ל ו ו י ע : — צו ליכטיג, מאַמעטשקע, צו רעש׳יג!
(לעשט אויס מער ליכט ווי זי האָט אָנגעצונדען. עס ווערט טונקעל. גייט צו מאַקס׳ן. דבורה הערט זיך צו צו דעם געשפּרעך).

ש ט ר י ק ע ר : — (געלאַסען) ווערטער, פּוסטע ווערטער!
(מאַקס און סילוויע טיילען זיך אָפּ פון דער גרופּע).

ד ב ו ר ה : — וואָס איז שוין ווידער?

ק א ר ט א ן : — אַ, ער איז משוגע! (צו שטריקער) מען דאַרף אַמאָל פאַר מענשען אויך עטוואָס טאָן!

ש ט ר י ק ע ר : — (גיפטיג) פאַר מענשען! פאַר מענשען!

א ק ע ר : — בילדען די מאַסע, שטריקער, איז דאָס העכסטע ציל און יעדער ערלאַכער מענש דאַרף זיך אינטערעסירען מיט דעם. עס איז דער איינציגער וועג ווי אַזוי צו קומען צו די גרויסע אידעאַלען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברודער־ליבע.

ש ט ר י ק ע ר : — אידעאַלען! אידעאַלען! ווערטער, וואָס זענען אונז פאַרבליבען פון דער יוגענט, ווען מיר האָבען זיך ווי דומקעפּ געוואָלגערט ביים וואַלד און געוואָלט די וועלט איבערמאַכען. אידעאַלען זענען פּוסטע חלומות פון האַלבע משוגעים, וואָס גייען אַרום אין עולם התהו מיט אַ צעוועקטער ליבע צו די מענשען. אָבער רייסט נאָר אַראָפּ פון דעם מענשען זיין מענשען־מאַסקע און איר וועט דערזען אַ דומען אייזעל, אַ ביטרען פוקס אָדער אַן אָפּגעפּאַשעטען שוויין.

ד ב ו ר ה : — אַ, שטריקער, איך האָב שוין פאַרגעסען יענע גאָלדענע צייט, ווען מיר האָבען זיך געוואָלגערט ביים וואַלד. דאָס איז געווען די גליקלאַכסטע צייט פון אונזער לעבען.

ש ט ר י ק ע ר : — (מיט באַהאַלטענער ליבע צו איר) וואָס־זשע האָבען מיר פון יענעם גליק געמאַכט, דבורה׳לע?... אַ תל! אַ, דאָס העכסטע באַשעפעניש, דער מענש, איז די מיאוס׳טע בריאה אין דער וועלט!

ק א ר ט א ן : — דו ביזט אַ מענשענפיינד.

א ק ע ר : — דו האָסט פאַרלוירען דעם גלויבען אין יעדען פאָרטשריט.

ש ט ר י ק ע ר : — מענשען! פאָרטשריט! איך בוק מיך ניט צו אייערע אָפּגעטער. זיי עקלען מיך. איך בין ניט בלינד — איך קען די וועלט און האָב געזען די מענשען. איך ווייס דאָס וואָס זיי טוען, ניט נאָר דאָס וואָס זיי ריידען... פאַר כבוד דערשטיקען זיי איינער דעם אַנדערען... פאַר געלט דערוואַרגען זיי איינער דעם צווייטען... פאַר אַביסעלע מאַכט און הערשאַפט קאָווען זיי אין קייטען זייערע אייגענע חברים — אַפילו די בעסטע פון אייך, — די אידעען־טרעגער. צוליב אַביסעל לוסט און ליבע קוילען זיך מענשען אין די גאַסען און זיי וואַלטען זיך געבאָדען אין ימים

פון זייער אייגען בלוט, ווען זיי וואָלטען ניט געקענט אָפּטאָן יעדע חזירײַ, הינטער אַראָפּגעלאָזטע פאָרהאַנגעס, ביי זיך אין דער היים. פאַר וואָס־זשע זאָל איך ליב האָבן דאָס באַשעפעניש מענש?

קאַרטאַן: — ער איז משוגע, משוגע אויף טויט.

אַקער: — דערפאַר טאַקע דאַרף מען בילדען דעם מענשען, וועקען אים צום באַוואוסטזיין, לערנען די מאַסען פאַרשטיין זייערע אייגענע אינטע־רעסען אין לעבען און ווייזען זיי דעם וועג צו דער ליכטיגער צוקונפט.

שטריקער: — נו? איר מיט אייערע אידעאַלען אין קעשענע טוט דאָך שוין די הייליגע אַרבעט ניט פון נעכטען, אָבער וואָס הערט אייך די פאַרקריפּעלטע בריאה, — דער מענש?

דבורה: — אָך, שטריקער, דער מענש אָבער מוז לעבען. ער וויל לעבען.

שטריקער: — געוויס וויל דער מענש לעבען. ער ציטערט דאָך פאַר'ן טויט, ווי אַ האָז, און הרג'עט יעדע באַשעפעניש, אפילו זיינע מיט־מענשען, אויך נאָר צו קענען לעבען. און אין דער זעלבער צייט פרעסט ער ווי אַ פערד, זויפט ווי אַ חזיר, אַרבעט ווי אַן אייזעל און גיט אוועק זיין לעצטען אָטעם פאַר דער תאוה נאָך איידער ער איז ראוי צו לעבען. צוליב דאָס לעבען טוט ער יעדע שווינערײַ גיכער צו שטאַרבען.

קאַרטאַן: — דער דורכפאַל פון אונזער קאָלאָניע האָט אים נאָך דע־מאָלט צערודערט דעם קאָפּ.

אַקער: — אָבער, שטריקער, אויב אַזוי — צו וואָס דאַרף מען גאָר אין גאַנצען לעבען און קעמפען, אויב ניט צוליב מענשען, צוליב דער צו־קונפט, צוליב די קומענדע דורות? זאָג, צוליב וואָס?

שטריקער: — איך לעב ניט צוליב דער מענשהייט און די מענשען... זיי זענען עס ניט ווערט, ווער זיי זאָלען ניט זיין. איך לעב ניט צוליב דער צוקונפט און די קומענדע דורות. איך קען זיי ניט. איך לעב צוליב זיך, צוליב זיך אַליין.

קאַרטאַן: — שרעקלאָך! שרעקלאָך!

אַקער: — ווילד און עגאָאיסטיש!

דבורה: — (באַמערקט מאַקס'ן און סילוויע'ן אָפּגעזונדערט, גייט צו זיי) קינדער, וואָס האָט איר אייך עפּעס אָפּגעטיילט און גאָר אַזוי שטיל, אַזוי אומעטיג?

סילוויע: — (לויפט איר אַנטקעגען, וואַרפט אירע הענט אַרום איר האַלז) מאַמע, מאַמעטשקע!

דבורה: — (דערשראָקען, דריקט זי צו זיך) וואָס איז, סילוויע, וואָס איז דיר?

ס י ל ו ו י ע : — גאָר ניט, מאַמעניו, גאָר ניט. (קושט זי) עפּעס איז מיר געווען אַזוי אומעטיג אויפ'ן האַרצען.

ד ב ו ר ה : — (קושט זי) דו האָסט מיך אַזוי איבערגעשראָקען, מיין קינד.

ס י ל ו ו י ע : — עס איז שוין איבערגעגאַנגען, מאַמעניו.

ד ב ו ר ה : — (גייט מיט איר צום טיש) קאַפּריזנע מיינע, דו זאָלסט דיך אָבער אינטערעסירען פון וואָס מען רעדט, וואָלט דיר ניט געווען אַזוי אומעטיג. (דריקט זי צו זיך) אַ, שטריקער, ווען איר וואָלט געהאַט קינדער, וואָלט איר גאָר אַנדערש געקוקט אויפ'ן לעבען. אמת, יענער חלום פון די בערג און טאָלען און וועלדער מיט דעם לויטערען הימעל איז שוין לאַנג פאַרשוואונדען געוואָרען. איר ווייסט, איך האָב פאַר יענעם זיסען חלום זייער טייער באַצאָלט און ביז היינטיגען טאָג איז דער פּרייז נאָך ניט אינגאַנצען אויסגעצאָלט.

ש ט ר י ק ע ר : — (מיט באַהאַלטענער ליבע) איר האָט אפשר טייערער באַצאָלט ווי עס איז ווערט געווען. איר זענט אַליין שולדיג.

ד ב ו ר ה : — אפשר, אָבער איך באַקלאָג מיך ניט, מיין פריינד. דאָס לעבען האָט אונז געבראַכט אַהער אין שטאָט אַריין, דאָ איז אַנאַנדער לעבען, פול מיט זאָרג פאַר'ן שטיקעל ברויט. אָבער דאָ לעב איך אויך ניט אומזיסט. איך האָב געלעבט און געאַרבעט פאַר מיינע קינדער און פאַר דאָס ביסעל גוטס, וואָס איך האָב געקענט טאָן פאַר אַנדערע.

ש ט ר י ק ע ר : — (שאַרף) ניט ווערט די מי!

ד ב ו ר ה : — ניט יעדער זעט דאָס לעבען ווי איר, שטריקער, אָבער נאָך וואָס איבער'חזר'ן דאָס אַלץ. (לאָזט אָפּ סילוויע) אָט קומט בעסער, לאָמיר גיין אין דייגינג־רום טיי טרינקען. האָט איר שוין געזען מיין בענין? ער איז דאָך דאָ אין שטאָט.

א ק ע ר : — דער דאָקטאָר?

ד ב ו ר ה : — (שטאָלץ) יאָ, איר מעגט אים אָנקוקען! ניט אומזיסט איז געווען מיין מי! דאָס לעבען און די זאָרג פאַר זיין אייגענער פאַמיליע מאַכען אים גאָר פאַר אַן אַנדער מענשען און איך האָף טאַקע פאַר אַ גוטען מענשען.

(אַלע אָפּ, אויסער סילוויע און מאַקס.)

ס י ל ו ו י ע : — (אומאַרמט מאַקס'ן) מאַקס, ווי ווערט מען פּטור פון די טויטע? ווי ווערט מען פּטור פון דעם טויטען לעבען דאָ? (ענדערט דעם טאָן) בלייבט עס, מאַקס, איך ענדיג די שול, דאַן פאַרברייגגען מיר אַביסעל צוזאַמען, פריי, לעבעדיג, פריילאַך ווי צוויי פרייע פויגעל און דאַן, דאַן האָבען מיר חתונה. (לאָזט אים אָפּ) און דער חלום, די קונסט, די בינע, די

באַגייסטערונג, די אַפּלאָדיסמענטען, דער טורעם און די לופט־שלעסער... צום טייוועל אַלץ! דערפאַר אָבער, מאַקס, דינסטען, אויטאָמאָבילען, בעלער, הויכע געזעלשאַפט... און די פרוי פון דעם רייכען מאַנופעקטשורער, מאַדאַם פוטערטעצעל. (פּאַטשט אים) גיב זשע מיר אַ קוש, מאַקס, (קושען זיך) אַט אַזוי. האָסט מיך ליב?

מ אַ ק ס : — ווי מיין לעבען. איך וואָלט געוואָלט מיר זאָלען גליקלאַך זיין, ניט ווי זיי.

ס י ל וו י ע : — ווי זיי? ווי מיין ברודער, דאָקטאָר גינזבורג, וואָס ליגט ביי זיין דאָרפסווייב אונטער די פיס? אָדער ווי מיינע על־טערען?... גאָט!... דער פּאַפּאַ ברוגז און אייפערזיכטיג און די מאַמע, די גוטע, די ליבע, זי פאַרשטייט איך ניט. זי וואָלט געוואָלט פאַרזאָרגען די גאַנצע וועלט און אַליין לעבט זי אין אַ העל! אומזין! לעבען וויל איך! וואָס גייט מיך אָן די וועלט. מאַקס, לעבען וועלען מיר, מונטער, לעבעדיג, פריילאַך.

מ אַ ק ס : — מיר וועלען גליקלאַך זיין, סילוויע. מיר זענען אַמעריקאַנער און מיר וועלען לעבען דאָס מונטערע, זאָרגלאָזע לעבען פון אַמערי־קאַנער. (קושען זיך.)

(דבורה, שוואַרצביין אַריינגעקומען).

ד ב ו ר ה : — קוק נאָך אַמאָל איבער די רעכענונגען, שוואַרצביין, דו האָסט אָפּט אַ טעות. זעץ זיך אַט דאָ. (מאַכט אים פּלאַץ ביים דעסק, צינדט אָן אַ לעמפּעל.)

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — (פאַררויכערט, קוקט איבער פּאַפּירען) קיינמאָל נעפעל איך אייך ניט, דבורה'לע, אָן אַלטע צרה.

ד ב ו ר ה : — אמת, שוואַרצביין, אָבער עס וועט פון דיר גאָר ניט אָפּ־פאַלען. ניש־קשה, קוק איבער. (צו די קינדער) וואָס־זשע זענט איר שוין ווידער שטיל געוואָרען? ערשט, דאַכט זיך, אַזוי געשטיפט?

ס י ל וו י ע : — (שטיפעריש) פון גרוים פרייד, מאַמעשקע, וואָס איר זענט אַלע פאַרנומען מיט אַזעלכע ערנסטע זאַכען.

ד ב ו ר ה : — אַך, קינד, דאָס לעבען איז ערנסט.

מ אַ ק ס : — געוויס, יעדער מענש האָט זיך זיין פּעקעל צרות.

ד ב ו ר ה : — (מיט אַ שמייכעל) דו רעדסט אויך פון צרות? וואָס איז? דיינע שיפען זענען דיר אונטערגעגאַנגען? דיינע געשעפטען גייען ניט?

מ אַ ק ס : — מיינע געשעפטען גייען שוין גאָר גוט, אָבער... ע...

ד ב ו ר ה : — וואָס־זשע איז דער אָבער, וואָס עקעסטו? עפּעס אַ סוד? (זעצט זיך).

מ אַ ק ס : — ניין, קיין סוד איז עס אַפילו ניט, אָבער... מיר האָבען זיך

געוואָלט באַראַטען מיט אייך, איך און סילוויע. מיר וואָלטען געוואָלט חתונה האָבען.

ד ב ו ר ה : — (קאָנטראָלירט זיך) חתונה האָבען? איך... איך שטער אייך ניט, קינדער. איר ווילט חתונה האָבען? אָבער איידער מען האָט חתונה דאַרף מען זיין זיכער אַז מען האָט זיך ליב. יונגע מענשען דאַרפען הונדערט מאָל איבערקלערען איידער זיי האָבען חתונה, שפּעטער איז צו שפּעט... וואָס האָט איר קיין צייט ניט?

ס י ל ו ו י ע : — (אומאַרעמט זי) מאַמעניו, מיר האָבען נאָך מאָרגען ניט חתונה. ער איילט זיך אַביסעל, אָבער איך דאַרף פריער ענדיגען די שול, דערנאָך ערשט...

ד ב ו ר ה : — (פאַרטראַכט) יאָ, יאָ, דו דאַרפסט נאָך ענדיגען די שול. (ווי ערוואַכט) דערנאָך וועסטו חתונה האָבען און וועסט אַוועקגיין. אַזוי איז דער סדר פון דער וועלט.

ס י ל ו ו י ע : — (ערנסט) מיר וועלען וואוינען אין נויאָרק.

ד ב ו ר ה : — (פאַרטראַכט) געוויס, געוויס, מיין קינד.

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — (שטייט אויף) פפוי! פאַרטיג. איצט איז אַלץ קאָרעקט, אָבער קאָרעקט!

ד ב ו ר ה : — (שטייט אויך אויף, נעמט פּאַפּיר) אַזוי האָב איך ליב. זי־בערע ציפערען זענען ביי דער וועלט דער בעסטער אמת.

ש וו אַ ר צ ב י י ן : — איך זאָג תמיד אַזוי. גייען מיר. מאַקס, דו גייסט? קום, וועסטו באַצאָלען קאַר־פעיר.

מ אַ ק ס : — וועסט מיך באַלייטען, סילוויע? וועל איך גיין.

ס י ל ו ו י ע : — שור.

מ אַ ק ס : — גייען מיר, אָנקעל. אַ גוטע נאַכט, מיסים גינזבורג.

ד ב ו ר ה : — (פאַרטראַכט) אַ גוטע נאַכט.

(אַלע דריי אָפּ. דינה קומט פון עסצימער, דבורה שטייט אַ פאַרטראַכטע, זעט זי ניט. קורצע פויזע.)

ד ב ו ר ה : — (באַמערקט דינה'ן, ווענדט זיך צו איר) דינה, איך האָב מיך נאַר־וואָס דערוואוסט אַז מאַקס און סילוויע טרייבען קיין קאַטאַוועס ניט. זיי דענקען ערנסט חתונה האָבען.

ד י נ ה : — ווירקלאַך? עס וואָלט גאַר ניט געווען אַזוי שלעכט.

ד ב ו ר ה : — דיר געפעלט עס?

ד י נ ה : — געוויס. וואָס גיכער זיי וועלען חתונה האָבען, אַלץ בעסער וועט זיין.

ד ב ו ר ה : — פאַר וואָס עפּעס אַזוי?

ד י נ ה : — ווייל איך האָב מורא פאַר סילוויען.

ד ב ו ר ה: — דו שרעקסט מיך, דינה. איך פאַרשטיי דיך ניט.

ד י נ ה: — סילוויען ציט צו דער ענגלישער בינע. און אויב זי וועט חתונה האָבען וועט זי זיך, גלויב איך, באַרואיגען.

ד ב ו ר ה: — אַזוי דענקסטו? טאָמער אָבער האָט זי טאַלאַנט? זאָלען מיר שטערען איר גליק?

ד י נ ה: — דאָס וואָלט מען געדאַרפט אויסגעפינען.

ד ב ו ר ה: — (דענקט) יאָ, מען וואָלט עס געדאַרפט אויסגעפינען. אָבער ניין, ניין, דינה. איך האָב מיך צוגעקוקט צו איר, עס איז בלויז אַ קינ־דערשע איינבילדונג, אַ שטיפעריי. און צו וואָס קען עס פירען! גאָט מיינער! איך האָב נעהאָפט אַז סילוויע וועט לעבען מיט דעם גייסט פון איר מאַמען און וועט איר העלפען אין איר ערלאַכער אַרבעט. איך האָב נעהאָפט אַז זי וועט זיין מיין טרייסט... עס שיינט, אָבער, אַז איך האָב אַ טעות נעהאָט. איר ווילט זיך אַן אַנדער לעבען.

ה י ר ש: — (פון תויז, די הענט פאַרלייגט הינטען, ווי געוויינטלאַך. צו דינה'ן) ווער דאַרף דיך דאָ, ווער? גיי! אַז איך וועל דאַרפען, וועל איך שיקען נאָך דיר.

ד י נ ה: — פּאַפּאַ!

ד ב ו ר ה: — וואָס איז, שוין עפּעס אַ נייעס?

ה י ר ש: — גיי, זאָג איך, גיי! (דינה אָפּ) וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט אַז איך וויל ניט זאָלסט זיי ברייננען אַהער, דיינע בוזים־פריינט.

ד ב ו ר ה: — שאַ! מאַך ניט קיין סקאַנדאַלען.

ה י ר ש: — צו־להכעים'ניצע! איך וויל זיי ניט האָבען דאָ.

ד ב ו ר ה: — הירש!

ה י ר ש: — איך וועל זיי אַרויסטרייבען פון דאַנען, ווי די הינט.

ד ב ו ר ה: — שטיל, שטילער!

ש ט ר י ק ע ר: — (באַווייזט זיך פון עסצימער טיר).

ה י ר ש: — עס פאַרדריסט דיך, האַ! אָבער דיך אַרט ניט וואָס די גאַנ־צע שטאָט רעדט, און דו ברייננסט זיי נאָך אין שטוב אַריין.

ד ב ו ר ה: — איך וויל אַזוינע רייד ניט הערען פון דיר, דו הערסט!

ה י ר ש: — זיי געפעלען דיר ניט. אָבער מען קען אַ גאַנצע שטאָט מיט מענשען די מיילער ניט פאַרשטאָפּען. זיי קומען אַריין אין שטוב און זעען ווי מיר לעבען. וואָס קערסטו דיך אָן מיט מיר, וואָס?

ד ב ו ר ה: — (מיט עקעל) גאַרניט, גאַר ניט!

ה י ר ש: — אָט דאָס איז טאַקע די צרה! האָט מען אין דער גאַנצער וועלט געהערט אַזאַ לעבען? ביי טאָג און ביינאַכט פאַרנומען: מיטינגען, פאַרזאַמלונגען, וועטשעריגקעס. וואָס אַרט דיך אַ היים, דערוואַקסענע קינ־

דער, א מאן! אבי דו האסט מיך פאררוקט אין הויז, אריינגענומען שטריי־קערן פאר א באַרדער! וואס דארפסטו מיך, וואס? ניש־קשה, זיך האסטו, ווי א פּריצה, גענומען דעם בעד־רום און פארשליסט דיך אויף ביי נאכט. איך וויים!

ד ב ו ר ה: — פע! דיינע רייד זיינען א וויטאָג און א שאנדע!

ה י ר ש: — צנועה! א מלאך ביזטו! דו שעמסט דיך דאך אפילו ניט צו ברייננען אט די הינט צו זיך אין שטוב אריין.

ד ב ו ר ה: — טייוועל אין מענשען־געשטאלט, שוויינ!

ה י ר ש: — קיין מלאכים זענען ניטא!

(דבורה ציטערט.)

(אקער און שטריקער קומען אריין. הירש אָפּ אין הויז־טיר.)

א ק ע ר: — (אין פארלעגענהייט, שטאמעלט) פארצייעט... אבער איך גיי שוין. כ׳האב נאר געוואלט... וואס־זשע וועט זיין מיט די סטרייקער?

ד ב ו ר ה: — (ווי ניט צו אים) זיי זענען פארזארגט מיט רענט און קוילען.

א ק ע ר: — גוט, גיי איך. א גוטע נאכט. (אָפּ).

ש ט ר י ק ע ר: — און איר וועט נאך אלץ לעבען מיט יענער בריאה און זיין זיין דינסט און זיין שפּילצייג? דאן זענט איר ווערט די קייטען און די ריטער.

ד ב ו ר ה: — (מיט וויטאָג) שטריקער, מילדער, מילדער. ער איז דער פאטער פון מיינע קינדער.

ש ט ר י ק ע ר: — ער איז אבער אויך די ווילדע חיה, וואס טרעט אייך מיט די פים שוין מער ווי פופצען יאר און איר האט ניט דעם מוט א בריק צו טאן די בריאה מיט׳ן פוס און פטור ווערען פון איר און אירע נעגעל. פריי ווערען!

ד ב ו ר ה: — פריי ווערען! אך גאט! עס וואלט שוין לאנג צייט גע־ווען. אבער איך האב געלעבט און געליטען צוליב מיינע קינדער.

ש ט ר י ק ע ר: — עס איז שוין צייט איר זאלט אויפהערען צו ליידען. שוין צייט צו לעבען צוליב זיך אליין. נאר ווען מען לעבט צוליב זיך אליין, איז דא א זין אין לעבען.

(הירש, דינה, קארטאן קומען אריין. שטריקער אָפּ.)

ה י ר ש: — (אויפגערעגט) מישט אייך ניט — זאג איך. מען פרעגט אייך ניט! איך וועל זיי טרייבען ווי די הינט.

ד י נ ה: — (צערטעלט דבורה׳ן) דבורה׳לע, מאמעלע...

ד ב ו ר ה: — קינדער מיינע! ער וועט זיי מער ניט טרייבען, ניין. עס מוז אמאל נעמען אן עק!

ה י ר ש : — וואָס סטראַשעסטו מיך, וואָס? וואָס קען איך שוין אָנ־ווערען? דאָס וויסטע און פינסטערע אַמעריקע האָט סאַי־ווי־סאַי אַלצדינג צוגענומען ביי מיר. אין דערהיים בין איך אויך געווען אַ מענש מיט לייטען גלייך. איך האָב אַמאָל אַריינגעקוקט אין אַ ספר, געלעזען אַ העברעאיש בלאַט, געלעבט צווישען מענשען, אינטערעסירט זיך מיט עפּעס, און דאָ? אַז אַך און אַז וויי! אין שאַפּ בין איך אַ ליימענער גולם און אין דערהיים... פרעגט זי נאַר, וואָס האָט זי זיך אַנגעקערט מיט מיר די לעצטע עטלאָבע יאָר — וואָס איז זי מיר געווען? אַ באַלעבאָסטע... אַ ווייב איז זי מיר געווען... אדרבא?...

ד ב ו ר ה : — אַ דינסט בין איך דיר געווען. ווען איך בין דיר געווען אַ ווייב און דו האָסט דורך מיר געקענט זעטיגען דיין תאוה, ביזטו געלעגען ביי מיינע פיס, אָבער זייט איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך בין אויך אַ מענש און האָב אויך אַ רעכט אויף פרייהייט, אויף פריינדשאַפט, אויף ליבע, זייט איך האָב דערפילט אַז צו זיין אַ שפּילכעל ביי דיר דערנידעריגט מיך אין מיינע אייגענע אויגען, זייט דאַן פאַרפאַלגסטו מיך און מאַטערסט מיך אָן אַן אויפהער. דיינע פאַרפאָלגונגען האָב איך נאָך ווי עס איז געקענט איבערטראָגען — צוליב מיינע קינדער. דאָס האָט מיר מיין לעבען פאַר־סמ'ט, אָבער צוליב מיינע קינדער האָב איך דאָס אַלץ אַריבערגעטראָגען... כל זמן זיי זענען קליין געווען. אָבער דיינע באַרירונגען... (שוידערט) אַ, יעדע באַרירונג דיינע אויף מיין לייב שוידערט מיך, עקעלט מיך, טוט מיר שרעקלאַך וויי... גענוג, דאָס וואָס איך האָב ניט געקענט טאָן מיט פופצען יאָר צוריק, קען איך איצט טאָן. עס מוז נעמען אַ סוף.

ה י ר ש : — וואָס וועל איך אָנווערען!

(מען הערט סילוויעו דעקלאַמירען.)

ד י נ ה : — מאַמעניו, וואָס וועלען מענשען זאָגען?

ס י ל ו ו י ע : — (קומט אַריין דעקלאַמירענד) אויף אַ טורעם וועל איך שטיין... (בלייבט דערשטוינט, לויפט צו דבורה) מאַמעניו, וואָס איז דאָ געווען?

(שטריקער אין מיר.)

ד ב ו ר ה : — קינד מיינס, עס מוז געשען. איר, מיינע קינדער, זענט שוין דערוואַקסענע מענשען, איר וועט מיך פאַרשטיין. איך וויל דערלעבען מיינע יאָרען אביסעל רואיגער און ניט באַליידיגט און פאַרפאָלגט ווערען אויף שריט און טריט. מיט אייך, מיינע קינדער, וועל איך לעבען און גליקלאַך זיין.

ס י ל ו ו י ע : — מאַמעניו, מאַמעלע!

ה י ר ש : — זי וויל קענען ברייגנען אין שטוב אַריין אירע בוזים־פריינט.

ד ב ו ר ה : — קינדער, נעמט אים אוועק פון דאַנען!

ד י נ ה און ס י ל ו ו י ע : — פּאַפּאַ!

ד ב ו ר ה : — עס מוז נעמען אַ סוף. איך וויל פריי ווערען!

ס י ל ו ו י ע : — פריי ווערען! אוי מאַמעניו, עפּעס האָט זיך ביי מיר אָפּגעריסען אין האַרצען.

ד ב ו ר ה : — (דריקט זי צו זיך) קינד מיינס, אפשר וועט דאָס אונז ביידען שטאַרקער פאַרבינדען אין לעבען.

(פאָרהאַנג.)

דריטער אַקט

(אַ שיין צימער ביי דבורה'ן, אין הינטערגרונט, צוויי גרויסע פענסטער פֿאַרהאַנגען מיט גאַרדינען. פֿאַר די פענסטער בלומען. אין לינקען ווינקעל אַ פּיאַנאָ. נעבנטער לינקס, אַ טיר אין אַ שלאָפצימער. אַ טיש, ווייכע מעבעל און אַ קושעטקע. אין רעכטען ווינקעל, אַ טיר אין פֿאַרהויז. לינקס פון דער טיר, אַ ביכער־שראַנק. נעבנטער רעכטס, אַ קאַמין אין וועלכען עס גליט אַ פייער. נעבנטער צום מיטען, אַן אַרבעט־טיש מיט פּאַפּירען, ביכער, צייטונגען; אויפ'ן טיש ברענט אַן עלעקטרישער לאָמפּ, הינטען ביים טיש, אַן אַרבעטס־שטול; פֿאַרענט, אַ טיפער אָרעם־שטול. עס איז שפּעט נאָכמיטאָג. באַרים דאַנציג גייט אַרום אַן אומרואיגער. ער איז שטאַרק געעלטערט, אָפּגעלאָזט. גרויזלאַכע, ניט־געשוירענע האָר. אָפּט פֿאַרטראַכט.)

שטריקער: — (אָנגעשפּאַרט אָן טיש. אינטים, הייזעריג ווי אַלע מאָל) נו, וואָס־זשע האָסטו באַשלאָסען, באַרים?

דאַנציג: — איך גאָר? זי דאַרף באַשליסען.

שטריקער: — (שאַרף) באַרים!

דאַנציג: — ווי זאָל איך דיר דערקלערען, שטריקער?

שטריקער: — (גיפטיג) דו באַדאַרפסט מיר ניט דערקלערען. איך ווייס אַז צוליב דיר און דיינע חלומות האָט דבורה'לע פֿאַרלוירען איר גליק אין די יונגע יאָרען. דעמאָלט האָט זי איר ליבע און איר נשמה דיר אוועקגעגעבען, דיר, באַרים. קער איר אום דאָס פֿאַרלוירענע גליק. איצט איז זי פריי.

דאַנציג: — איך האָב מיר גאָר אַנדערש ניט פֿאָרגעשטעלט, אַלטער פריינד, איך האָב גאָר אַנדערש ניט געדענקט. צוליב דעם בין איך דאָך איצט, נאָך אַזוי פיל יאָרען, אַהער געקומען.

שטריקער: — נו?

דאַנציג: — אָבער שטעל דיר פֿאָר, אָט בין איך דאָ באַלד שוין צוויי וואָכען און... אָך, מיר זיצען אַמאָל אַפּ שטונדען לאַנג און מיר ריידען ניט אַ וואָרט. אַן אַנדערש מאָל דערמאָנען מיר זיך מיט קינדערשער באַגייסטערונג יעדע קליינינקייט פון אונזער אַמאָליג לעבען און דאָך... האָט זי זיך מורא צוצורירען צו יענע געפילען, וואָס האָבען אונז דעמאָלט אַזוי פיל גליק געגעבען, אַזוי ווי צו אַן אַלטער וואונד וואָס איז פֿאַרצויגען מיט אַן אָנגעווייטיגט הייטעל.

ש ט ר י ק ע ר : — ניט אומזיסט, באַרים, זי האָט אַזוי פיל געליטען. (גיפטיג) און די וועלט, די מענשען, — וואָס האָבען זיי ניט אויסגעטראַכט אויף איר... מיט וועמען האָבען זיי איר ניט חתונה געמאַכט און מיט וועמען ניט נע׳נט — די בעסטיעס! אליין מעגען זיי זיין, וואָס אין דער קאָרט, דער אנדערער אָבער טאָר ניט. דער ערלאַכער מענש איז תמיד דער קרבן. באַרים, זי איז געווען דער קרבן פון דיין ליבע און האָט אַזוי פיל געליטען.

ד אַ נ צ י נ : — (פאַרטראַכט) זי האָט געליטען... (גיך) האָט זי דאָך וויינינגסטענס אליין אויסגעקליבען איר וועג. איך האָב מער פון איר גע־ליטען. צעבראָכען פון לעבען, האָב איך מיך ארומגעשלעפט שלינג און שלאַנג איבער דער גאַנצער וועלט און איצט, אַ מידער, בין איך ווידער געקומען צו איר. (באַגייסטערט) אַ, שטריקער, מיר וואָלטען נאָך געקענט גליקלאַך זיין.

ש ט ר י ק ע ר : — פּרואוו עס, באַרים.

ד אַ נ צ י נ : — עס ליגט אָבער אַן אָפּגרונט צווישען אונז, אַ תהום!

ש ט ר י ק ע ר : — (שאַרף) באַ־רי־ם!

ד ב ו ר ה : — (פון שלאָפצימער, מיט העט, ראָק, הענטשקעס און אַן אָפענעם בריף אין דער האַנט. לייגט די קליידער אויף דער קושעטקע און גייט צום טיש. שטריקער גייט) וואָס אנטלויפט איר עפּעס, שטריקער?

ש ט ר י ק ע ר : — איך וועל אייך קענען שפּעטער זען. (אָפּ).

(ביידע בלייבען אין פאַרלעגענהייט.)

ד ב ו ר ה : — (מיט אַ שמייכעל) אָט האָב איך ערשט געקראָגען אַ בריף פון מיין זון. איך האָב געוואָלט פאָרען צו אים אין קאַנטרי זיך אָפּרוע־אַביסעל, שרייבט מיר אָבער מיין שנור, אַז איך וועל ניט געפינען ביי זיי קיין פּאַסינגע געזעלשאַפט פאַר מיר. דאָרט זענען הויכע אַמעריקאַנער און איך וועל זיי הפנים זיין צו לאַסט. אוי, באַרים, עס ווייזט אויס, אַז מיר ווערען צו אַלטמאָדיש פאַר די יונגע לייט... באַרים, האָסט שוין געזען די שטאָט? ביזט דאָך אַזאַ לאַנגע צייט ניט געווען אין נויאָרק.

ד אַ נ צ י נ : — (טרויעריג) געזען, געזען.

ד ב ו ר ה : — נו, וואָס־זשע דענקסטו צו טאָן?... (קוקט אים ליבלאַך אָן) פאַר וואָס האָסטו דיך אַזוי אַפּגעלאָזט?... איך האָב געהערט, באַרים, אַז דו האָסט געוואָלט חתונה האָבען. פאַר וואָס האָסטו ניט חתונה געהאַט? וואָלסט אפשר גליקלאַך געווען?

ד אַ נ צ י נ : — (קוקט זי אָן) דו שפּאַסט, דבורה׳לע.

ד ב ו ר ה : — (גייט צו אים) באַרים, באַזעץ דיך אין נויאָרק.

ד אַ נ צ י נ : — (דערשטוינט) וואו? אין נויאָרק?

ד ב ו ר ה : — וואָס האָסטו דיך אַזוי דערשראָקען?

ד א נ צ י נ : — נאָך וואָס ?

ד ב ו ר ה : — וועל איך דיר אַ פריינד זיין.

ד א נ צ י נ : — אַ, איך האָב צופיל געליטען, צופיל האָב איך מיך אַרומגעוואַלגערט אין לעבען אַן אַ ברעקעל האָפנונג אויף דאָס מינדעסטע גליק, אַז דיין פריינדשאַפט זאָל מיר איצט קענען געבען גליק. איך וויל מער פון דיר, — מער ווי פריינדשאַפט...

ד ב ו ר ה : — (ליבלאַך) רייד ניט אַזוי, באָרים, רייד ניט אַזוי.

ד א נ צ י נ : — ווי דען ווילסטו זאָל איך ריידען ? איצט ווען די אומשטענדען האָבען זיך אַזוי גליקלאַך צוזאַמענגעליינט, ווילסטו איך זאָל מיך גאָר נאַריש מאַכען ? דבורה'לע, מיט יאָרען צוריק האָסטו מיך מיט אַ גרינג האַרץ אויפגעאָפפערט צוליב דיינע קינדער. ווייסטו ווי אַזוי איך האָב געלעבט ? זע, וואָס פון מיר איז געוואָרען, וואָס איז געוואָרען פון מיינע גרויסע האָפנונגען — דיך, זיך, אונז אַלע גליקלאַך צו זען. וואָס איז געוואָרען פון מיינע גרויסע באַגייסטערטע אידייען, אָט זע. (נעמט אַרויס פאַרשריבענע פּאַפּירלאַך) אַ צעבראָכענע און צעבראָקעלטע נשמה, צעשפּרייט אויף שמוציגע שטיקלאַך פּאַפּיר, אָפּט פאַרשריבען אין דער שרעקלאַכסטער איינזאַמקייט, אין די אַנפאַלען פון משוגעת פון אַ מענשען, וואָס האָט זיינע האָפנונגען און זיין גליק פאַרלוירען, פון אַן אָפּגעלעבטען טרעמפּ... איצט, דבורה'לע, איצט וויל איך מער ווי פריינדשאַפט, איצט וויל איך ליבע, גליק. (נעמט זי ביי די הענט) איך בין געקומען אָפּנעמען אַ חוב און זייט איך האָב דיך ווידער דערזען, באַהערשט מיך אַ געוואַלטיג געפיל, אַ האָפנונג נאָך אפשר גליקלאַך צו זיין. איך וויל ליבע, דבורה'לע, ליבע און גליק.

ד ב ו ר ה : — (קוקט אויף אים מיט ליבע) גליק זוכסטו, באָרים, ליבע ? איך קען עס דיר אָבער ניט געבען.

ד א נ צ י נ : — (לאָזט זי אָפּ) האָב איך אומזיסט געהאָפט... די ערינערונג פון יענעם גליק, וואָס מיר האָבען אַמאָל איבערגעלעבט, האָט מיך אָפּגענאַרט. פּלוצים האָט זיך אין מיין איינזאַם לעבען אַ האָפנונג אריינגע'גנב'עט און איך האָב ווידער אַזוי ווי אַן אינגעל געטומען חלום'ען, אַז דאָס גליק איז נאָענט. אַזוי האָט דאָס מידע האַרץ געזוכט אַ ווינקעל פון רו, פון גליק און ליבע. אָבער איך האָב אַ טעות געהאַט.

ד ב ו ר ה : — איך קען דיר מער ווי פריינדשאַפט ניט געבען, באָרים. דאָס ציל פון מיין לעבען איז נאָך ניט דערגרייכט. מיינע קינדער זענען נאָך אויפ'ן האַלבען וועג און דער עקעל פון יענעם געצוואונגענעם לעבען, וואָס איך האָב יאָרען לאַנג געלעבט, איז נאָך ניט פאַראיבער. באָרים איך קען דיר נאָר אַ פריינד זיין, אַ פריינד.

ד א נ צ י נ : — דאָס וועט מיין צעבראָכען געמיט ניט גאַנץ מאַכען, דבורה'לע. עס וועט די נשמה ניט דערוואָרימען. ניין, איך וועל בעסער

אוועקפּאַרען. דו האָסט בלינד אוועקגעגעבען דיין לעבען דיינע קינדער און דו ביזט גליקלאַך.

ד ב ו ר ה : — גליקלאַך בין איך, באָרים ?

א ק ע ר : — (פון הויז־טיר) נו, גייען מיר, מיסים גינזבורג ?

ד ב ו ר ה : — יאָ, יאָ, אַקער, אָט שוין. איך פיר נאָר אריין באָרים'ן צו שטריקערן. (סילוויע קומט פון עסצימער, קוקט אויף באָרים'ן) אָדער אפשר וועסטו גאָר גיין מיט אונז צו דער קאָנפערענץ, באָרים, וועסט דיך באַגעגענען מיט אַלטע פריינט. אפשר וועט עס דיך באַוועגען צו בלייבען אין נויאָרק און לעבען צווישען אונז ?

ס י ל ו ו י ע : — מאַמעניו, ביזט נאָך גאָר ניט אוועקגעגאַנגען ?

ד ב ו ר ה : — (טוט זיך אָן) איך גיי שוין, סילוויע, גייט, גאָספּאָדאַ. איך וועל באַלד אונטערקומען. (באָרים, אַקער אָפּ) נו, אָט בין איך שוין פאַרטיג. (סילוויע נעמט זי ארום, גייט מיט איר צו דער טיר) איך וועל מיך ניט זוימען, סילוויע. איך קום באַלד צוריק.

(רובי קומט אַ צעשויבערטער).

ד ב ו ר ה : — (צו רובי'ן) רובי, וואו ביזטו געווען די נאַכט ? אין דער היים האָסטו ניט גענעכטיגט. איך האָב איבער דיר מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל ביז טאָג ניט דערלעבען. אַ גאַנצען טאָג האָב איך דיך ארומגעזוכט ווי אַ משוגענע. וואו ביזטו געווען ? אין דער שולע ביזטו היינט אויך ניט געוועזן... וואָס שווייגסטו, וואָס ? צו דיר רייד איך, צי ניט ?

ר ו ב י : — וואָס ווילסטו זאָל איך ריידען ? איך וויל שלאָפען. (פּלוצים נייך. איך בין ניט געווען אין קאָלעדזש, איך בין ניט געווען.

ד ב ו ר ה : — וואָס הייסט דו ביזט ניט געווען ? פאַר וואָס ?

ר ו ב י : — איך וועל ניט גיין מער אין קאָלעדזש.

ד ב ו ר ה : — וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד ? משוגע ביזטו ? וואָס הייסט, דו וועסט ניט גיין אין קאָלעדזש ? וואָס דען וועסטו טאָן ?

ר ו ב י : — גאָר ניט.

ד ב ו ר ה : — דו ביזט נאָר פון זינען אראָפּ. וואָס הייסט דו וועסט גאָר ניט טאָן ? דאַרפס דאָך אַמאָל קענען מאַכען אַ לעבען, קומען צו אַ ציל.

ס י ל ו ו י ע : — מאַמעניו, דו דאַרפסט דאָך אוועקגיין.

ד ב ו ר ה : — סילוויע, קוק אים נאָר אָן. ער מאַכט דאָך פון זיך אַ תל. ער מיינט אודאי, אַז איך וועל אייביג לעבען און זאָרגען פאַר אים און ער וועט ארומגיין פוסט און פּאַס. רובי, דו מוזט גיין אין דער שול ! מוזט ענדיגען דעם קאָלעדזש און ווערען אַ שטיקעל מענש, דו הערסט ? בעני איז פאַרזאָרגט ; סילוויע וועט מיט דער צייט חתונה האָבען, אָבער דו, דו האָסט נאָך אַ לאַנגען וועג. רובי, דו מוזט לערנען...

ר ו ב י: — (שלאָגט איר איבער) באַט איי קענ'ט לערנען, איי העיט איט.

ד ב ו ר ה: — וואָס הייסט איי העיט איט? וואָס דען וועסטו טאָן, פון וואָס וועסטו לעבען?

ר ו ב י: — איך וועל לעבען, איך וועל לעבען. אַלע לעבען.

ד ב ו ר ה: — וואָס הייסט?... פון וואָס?

ר ו ב י: — איך וועל אַרבעטען.

ד ב ו ר ה: — אַרבעטען? אַרבעטען איז אודאי קיין שאַנד ניט. אָבער דענקסטו דען, רובי, אַז דאָס לעבען פון אַן אַרבעטער איז גרינגער און בעסער פון דאָס לעבען פון אַ מענש מיט אַ געלערנטער פּראָפעסיע? אַזאַ מענש אַרבעט אויך. אָבער זיין לעבען איז ניט אַזוי שווער... ער פאַרדינט בעסער.

ר ו ב י: — אָבער וואָס ווילסטו פון מיר האָבען? איך וויל שלאָפען.

ס י ל ו ו י ע: — מאַמעטשקע, דו דאַרפסט דאָך גאָר אוועקגיין. וואָס ווילסטו פון אים האָבען?

ד ב ו ר ה: — דו אויך? דו פאַרשטייסט אויך ניט וואָס איך וויל? איך וויל מיך קענען אַמאָל אָפּרוען פון דעם שווערען יאָך פון מיין לעבען, קינדער. איך ווער מיט יעדען טאָג עלטער און דער יאָך ווערט מיר צו שווער. איך טראָג אים קוים. דאָך טראָג איך אים געדולדיג, מיט ליבע צו אייך און האָף, אַז ווען איר וועט אַלע גליקלאָך זיין, וועט איר פאַרשטיין, וואָס אייער מאַמע האָט געטאָן פאַר אייך.

ס י ל ו ו י ע: — (לאַשצעט זי) אָבער, מאַמעטשקע, וואָס איז דיר עפּעס איצט אויסגעקומען צו ריידען וועגען דעם. דו דאַרפסט דאָך אוועקגיין.

ד ב ו ר ה: — קינדער, איך רייד, ווייל איך וויל אייך זען גליקלאָכע. צוליב דעם לעב איך און לייד און אַרבעט נאָך איצט. איך האָף אָבער, ווען איר וועט גליקלאָך זיין... בען מיט זיין פּראַקטיקע צווישען די פאַרמערס; דו, סילוויע, ערגעץ אין אַ שיין הויז אויף אַ שטילער גאַס, אַרומגערינגעלט מיט אַ גליקלאָכער פאַמיליע און ער אויף אַן אַנדער שטייגער, — וועט איר אפשר אָפּשפּאָרען אַביסעל פון אייער גליק אויך פאַר אייער מאַמען און איך וועל גליקלאָך זיין צוזעענדיג דאָס גליק פון מיינע קינדער, וואָס איך האָב מיט אַזויפיל שווערער מי געהאָלפען אויפבויען. אָבער אום גליקלאָך צו זיין, קינדער, דאַרף מען זיין גוטע ערלאָכע מענשען און אין אונזער צייט מוז מען קענען פאַרדינען, ערלאָך געלט פאַרדינען.

ר ו ב י: — (זייער לעבעדיג) אַ, געלט דאַרפסטו, מאַמע, געלט! געלט האָב איך היינט פלענטי גענוג! (נעמט פון קעשענע צעקנייטשטע געלט־פּאַפּירען, וואַרפט אויפ'ן טיש, אייניגע פאַלען אויף דער ערד) זעסטו, מאַמע, אַט איז געלט וויפיל דו ווילסט אַליין.

ד ב ו ר ה: — וואָס איז דאָס פאַר אַ געלט? וואו האָסטו גענומען

אַזויפיל געלט?

ס י ל ו ו י ע: — (איבערראַשט) הם!

ר ו ב י: — איך האָב געוואונען.

ד ב ו ר ה: — געוואונען?

ר ו ב י: — יאָ, איך האָב געוואונען אין קאָרטען.

ס י ל ו ו י ע: — ער האָט געשפּילט אין קאָרטען!

ד ב ו ר ה: — אין קאָרטען? גאָט! רובי, דו האָסט געשפּילט אין קאָרטען? ווי קומען צו דיר קאָרטען? וואו האָסטו געזען שפּילען אין קאָרטען ביי אונז אין הויז?

ר ו ב י: — (תמ׳עוואַטע) אַז... אַז מיר האָבען געוואוינט מיט׳ן פּאַפּאַ, פלעגען מיר ביי אונז אין הויז אויך שפּילען אין קאָרטען אַז דו זאָלסט ניט זען. אָבער איך שפּיל ניט ביי אונז אין הויז. איך שפּיל אין קלאָב. מיר האָבען אַ סאָשעל קלאָב, דאָרט שפּילען מיר. וואָס אַרט דיך?

ד ב ו ר ה: — וואָס הייסט וואָס אַרט מיך? באַלד זאָלסטו צונויף נעמען דאָס געלט און זאָלסט עס אָפּטראָגען צוריק, דו הערסט! איך וויל ניט אַזאַ געלט. דו זאָלסט עס אָפּגעבען די מינוט.

ר ו ב י: — איך זאָל עס אָפּגעבען? וועמען?

ד ב ו ר ה: — ביי וועמען דו האָסט עס גענומען.

ר ו ב י: — איך האָב עס ניט גענומען. איך האָב עס געוואונען.

ד ב ו ר ה: — דערצייל מיר ניט אַזעלכע זאַכען! גיב עס אָפּ, דאָס שאַנד געלט!

ר ו ב י: — וואָס איז דער מער מיט דיר, מאַמע? דאָס איז ניט קיין שאַנד געלד. איך האָב עס געוואונען אין אַ פעיר גיים. שור, עס איז ערלאַך געלט.

ד ב ו ר ה: — קאָרטען געלט קען ניט זיין קיין ערלאַך געלט. ערלאַך געלט מוז מען פאַרדינען.

ר ו ב י: — (שטראַלט אויף מיט אַ געדאַנק) סיי, מאַם, קאָל איט פאַר־דינט. איך האָב עס פאַרדינט אין קאָרטען.

ד ב ו ר ה: — איך וויל ניט הערען אַזאַ שפּאַס. נעם צונויף דאָס געלט און טראָג עס די מינוט אָפּ! אָדער איך פאַרברען עס אויף אַש. (וואַרפט אַ ביל אין פייער) זעסט!

ר ו ב י: — (כאַפּט דאָס געלט) וואָס טוסטו, מאַמע, איט׳ס ריעל מאָני. ס׳איז אמת געלט.

ד ב ו ר ה: — איך וויל ניט אַזאַ געלט. טראָג עס אָפּ, זאָג איך דיר! קאָרטען קענען פירען צו אַלדאָס בייז. פון דעם בעסטען מענשען קענען זיי מאַכען אַ אויסוואורף, אַ פאַרברעכער. (ענדערט דעם טאָן) ווילסטו דען אָנ־טאָן די מאַמען אומזיסטע יסורים?

ר ו ב י: — ניין, מאַמע. אָבער ווי דו נעמסט עס אַזוי סיריעסלי, אַזוי ערנסט.

ס י ל װ י ע: — אַ, די מאַמע איז שטענדיג ערנסט! (קושט זי) דאָ, ביי אונז, איז אַלץ שטענדיג ערנסט. אַפילו די װענט זענען ערנסט! (לויפט צו דער פּיאַנאָ) אַפילו די פּיאַנאָ איז ערנסט. (נעמט אַן אַקאָרד) דו הערסט? אַזוי ערנסט און טרויעריג. אַזוי ווי אַ טויטער וואָלט תמיד געלעגען ביי אונז.

ד ב ו ר ה: — קינד, דאָס לעבען איז ערנסט, אַזוי ערנסט און טרויעריג.

ס י ל װ י ע: — אַך, נאָר ביי אונז, מאַמעניו.

ר ו ב י: — שור. אין דרויסען, לוק, איז לעבעדיג און פריילאַך.

ד ב ו ר ה: — מען טאָר זיך אָבער ניט לאָזען פאַרפירען פון דעם דרויסען. קינדער, מען טאָר זיך ניט אָפּנאַרען. ווען מיר זענען יונג געווען, האָבען מיר אויך געמיינט, אַז דאָס לעבען איז אַ באַל, וואו מוזיק שפּילט און אַלע מענשען טאַנצען. אָבער די אומשטענדען לערנען, אַז דאָס לעבען איז ערנסט, זייער ערנסט, קינדער.

ס י ל װ י ע: — אָבער דו דאַרפסט דאָך אוועקגיין, מאַמעטשקע.

ד ב ו ר ה: — יאָ, סילוויע, יאָ, איך גיי שוין. רובי. דו גיב אָפּ דאָס געלט, גיב אָפּ, מיין קינד.

ר ו ב י: — (קנייטשט זיך) אַלרייט, אַלרייט.

ד ב ו ר ה: — אַזוי איז ערלאַכער, מיין קינד. (קושט אים) גוד ביי, קינדער. (אָפּ.)

ר ו ב י: — (צוקט די אַקסעל) וועהאָט דו יו טהינק אָף איט, סילוויע, און מיר האָט ערשט אַזוי אָנגעהויבען גיין די האַנט. (אָפּ.)

(סילוויע בלייבט פאַרטראַכט, שפּילט מיט די פינגער איבער'ן טיש. שטריקער קומט אַן פון הינטען).

ש ט ר י ק ע ר: — גאָר אַליין? די מאַמע איז ניטאָ?

ס י ל װ י ע: — (דערשראָקען, דרייט זיך אום) אַך! די מאַמע? די מאַמע איז ערשט אוועקגעגאַנגען. (ער וויל אָפּ) איר האָט זי געדאַרפט?

ש ט ר י ק ע ר: — דאָס איז ניט דיין עסק.

ס י ל װ י ע: — אַהאַ, דער אָנגעבלאָזענער האָן איז דאָ. וואָס־זשע, מען טאָר אייך גאָרניט פרעגען?

ש ט ר י ק ע ר: — ווער עס דאַרף מעג און פרעגט. דו אָבער... צווישען אונז ביידען איז קיינמאָל קיין גרויסע ליבשאַפט ניט געווען. איך האָב דיך ליב פון דערווייטענס.

ס י ל װ י ע: — אַזוי גאָר, שטריקער, און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט פאַרליבט אין מיר!

ש ט ר י ק ע ר: — פאַרליבט אין דיר, די אַמעריקאַנער פינטיפליושקע.

ס י ל ו ו י ע: — וואָס? נו, הויבט אָן. — (פּאָזירט) אַלע מענטשען זענען אייזלען, דומקעפּ...

ש ט ר י ק ע ר: — וואָס־זשע מיינסטו, טאַנצענדיגע פּופּע! האָסטו דען אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וואָס דו ביזט אַליין?

ס י ל ו ו י ע: — וואָס איך בין... אָבער וואָס איז די מאַמע?

ש ט ר י ק ע ר: — זי? אַ נאַר!

ס י ל ו ו י ע: — די מאַמע — אַ נאַר?

ש ט ר י ק ע ר: — אָפּפערט זיך דאָך אויף איר גאַנץ לעבען צוליב אייך, צוליב דיר.

ס י ל ו ו י ע: — (שפּאָטיש) ווער בעט זי?

ש ט ר י ק ע ר: — איר נאַריש האַרץ, אָט ווער!...

ס י ל ו ו י ע: — איך וויים, איר וואָלט זיך פאַר קיינעם ניט געאָפּפערט.

ש ט ר י ק ע ר: — קיין מענש איז ניט ווערט מען זאָל זיך אָפּפערען פאַר אים.

ס י ל ו ו י ע: — אפילו ניט דער מענש, וואָס מען האָט אים שטאַרק ליב?

ש ט ר י ק ע ר: — אמת'ע ליבע פאַרשקלאַפּט דעם מענשען וואָס האָט ליב. פאַלשע ליבע מאַכט אַ קנעכט פון דעם מענשען, וואָס מען האָט ליב, — פאַרשטייסט, וואָס מען רעדט צו דיר, פּופּע? דער וואָס ווערט אַליין אַ קרבן צוליב ליבע, איז אַ טיראַן.

ס י ל ו ו י ע: — אַ. דאָס איז צו טיף פאַר מיר, הער אַנגעבלאָזענער האָן. דאָך זענען דען ניטאָ קיין אומשטענדען, וואָס פאָדערען אַן אָפּפער?

ש ט ר י ק ע ר: — עס דאַרף אָבער ניט זיין. נאָר ד ע ר מענש איז אַ העלד, וואָס קען באַהערשען די אומשטענדען און מיט אַן אייזערנער האַנט רייסען די שטריק וואָס בינדען אים. נאָר דער איז אַ מענש, וואָס קען לעבען זיין אייגענעם לעבען.

ס י ל ו ו י ע: — (חזר'ט איבער פאַמעלאַך) וואָס קען לעבען זיין אייגען לעבען. איר זענט אַ מאָדנער מענש, הער שטריקער.

ש ט ר י ק ע ר: — דו ביזט אַ פּוסטע פּופּע, סילוויע.

ס י ל ו ו י ע: — (קאַפּריזנע) ניין, ניין, ניין, איך בין ניט. (נערוועז) אַ פּוסטע פּופּע! האַ?

(מען קלינגט, זי לויפט עפענען. מאַקס קומט אריין.)

מ אַ ק ס: — העלאָ, דיער. נאָר אויף איין סעקונדע. דער אָנקעל האָט מיר פאַרשאַפט אַ רינגעל. האָב איך עס דיר געבראַכט. זע, סילוויע, 200 דאָלער ספּאָט קעש. אָבער אַ רינגעל אַן אַנטיק.

ס י ל ו ו י ע: — אַ, שיין! ווירקלאַך!

ש ט ר י ק ע ר : — (צוקט די אַקסעל) דער אינגער דור! קינדער פון אידעאַליסטען. מאַני, ספּאַט קעש. (אָפּ.)

מ אַ ק ס : — (קוקט זיך אום) ווער איז עס געווען?

ס י ל ו ו י ע : — אַה, שטריקער! ספּאַט קעש!

מ אַ ק ס : — שטריקער! ווער דאַרף אים? טו זשע נאַר אָן דאָס רינגעל, סילוויע, לאָמיך זען, ווי עס פּאַסט דיר.

ס י ל ו ו י ע : — (טוט אָן, שפּיגעלט זיך אין דעם) ווי גוט דו ביזט, מאַקס.

מ אַ ק ס : — גיב זשע מיר אַ קוש, דיער. (קושט זי און בייסט זי.)

ס י ל ו ו י ע : — אַ, דו בייסט דאָך גאַר! הונט איינער! עס איז ניט ביזנעס מעסיג, הער פּוטערטעצעל!

מ אַ ק ס : — עס איז אָבער גוט.

ס י ל ו ו י ע : — (פּאַטשט אים) מאַרש, מאַרש, דו קריגסט ניט מער.

מ אַ ק ס : — איך גיי שוין סאָי ווי סאָי. ביי ביי.

ס י ל ו ו י ע : — ביי ביי. (באַגלייט אים. ער אָפּ) ענדלאָך פּטור געוואָרען פון אַלע. מיסטער טאַראַנטאָן וועט באַלד זיין דאָ. (גייט אַרויס, פאַרלייגט דעם קאָפּ שוועדמעריש). מען דאַרף רייסען די שטריק, וואָס בינדען, מען דאַרף וואַגען. (דעקלאַמירט) וואַגען, וואַגען, וואַגען!

(מען קלינגט, לויפט אָפּ, קומט מיט טאַראַנטאָן.)

ס י ל ו ו י ע : — אַה, הער טאַראַנטאָן, איך האָב אומגעדולדיג געוואַרט אויף אייך.

ט אַ ר אַ נ ט אָ ן : — איך בין, דאַכט זיך, פּינקטלאָך געקומען.

ס י ל ו ו י ע : — זייער פּינקטלאָך, הער טאַראַנטאָן.

ט אַ ר אַ נ ט אָ ן : — האָט איר באַשלאָסען אָנצונעמען מיין פאַרשלאָג?

ס י ל ו ו י ע : — (נערוועז, מיט געמאַכטען פּאַטאָס) מיין באַשלוס איז געפּאַסט, הער טאַראַנטאָן. איצט אָדער קיינמאָל ניט.

ט אַ ר אַ נ ט אָ ן : — שיין. מיך פרייט עס. עס איז מיין טיפע איבערציינונג, פריילין, אַז איר האָט טאַלאַנט. נאַטירלאָך, מען דאַרף אייערע קרעפטען ארויסברייננגען, אייערע פייאיקייטען אַנטוויקלען.

ס י ל ו ו י ע : — אַה, הער טאַראַנטאָן, זאָרגט איר אייך טאַקע וועגען מיין טאַלאַנט? ווי גוט עס איז פון אייך!

ט אַ ר אַ נ ט אָ ן : — (זיס) נאַטירלאָך ניט אומזיסט, פריילין. עס ליגען געשעפטען אין אייער טאַלאַנט.

ס י ל ו ו י ע : — איך גלויב עס. איך גלויב אין מיין טאַלאַנט. (רואיגער) אָבער די שוועריגקייטען, עס פּאָדערט זיך צופיל. פּלוצים דאַרף איך איבעררייסען אַלץ צו וואָס איך בין פון קינדוויים אָן געוואוינט געוואָרען און דאָס

מוז איך טאן אין דער שטיל, קיינער זאל ניט וויסען. איר ווייסט, מיין מאמע איז געגען דעם.

ט א ר א נ ט א ו : — אך, יא, אבער איר זענט א דערוואקסענער מענש, פריילין, נאר מוט, א ביסעל מוט.

ס י ל ו ו י ע : — מוט האב איך איצט. (פאזירט) איצט אדער קיינמאל ניט! איך בין אנטשלאסען, הער טאראנטאו.

ט א ר א נ ט א ו : — עס פרייט מיך זייער. שרייבט אונטער די קאנטראקטען. נעמט אייך צו דער ארבעט. א פאר מאנאט פארבארייטונג און טיכטיגע הענט און אייך שטייט פאר א גלענצענדע קאריערע. איך בין זיכער, עס ליגען געשעפטען אין אייער טאלאנט.

ס י ל ו ו י ע : — וואס וועט אבער זיין, ווען איך וועל דורכפאלען?...

ניין, ניין, עס קען ניט זיין. איך מוז טריומפירען. איך גלויב אין מיינע קרעפטען. (פאזירט) אויף א טורעם אין דער הויך וועל איך שטיין, הער טאראנטאו, איך וועל זען וויים, ווייט ארום!

ט א ר א נ ט א ו : — ווען איך קוק אזוי אויף אייך, פריילין, וואונדער איך מיך, ווי אזוי האט איר לאנג שוין ניט פארלאזט אייער היים און באטראטען די בינע.

ס י ל ו ו י ע : — ווען איר זאלט קענען אונזער לעבען, הער טאראנטאו, ווען איר זאלט וויסען ווי מיר זענען פון קינדוויים אן הילפלאז, אן א ווילע, צוגעבונדען צו אונזערע עלטערען, וואלט איר זיך ניט געוואונדערט. איר וואלט אונז באדויערט. מיר שלאגען זיך ארום צווישען יא און ניין, אן א ווילען און אן מוט... אך, הער טאראנטאו, פארשטייט איר, וואס עס הייסט איבערלאזען א מאמע, א פריינט, די טרערען פון א מאמען, די ליבע פון א פריינט. (היסטעריש) ע... ע... אבער איך בין אנטשלאסען. נאו אר נעוואר!

ט א ר א נ ט א ו : — (פארטיג צום גיין) גוט, גוט, קומט צו מיר אין אפיס, שרייבט אונטער די קאנטראקטען און איז א שטונדע ארום וועט איר זיין אויפ'ן וועג אין א רואיג ארט און קיין זאך וועט אייך ניט שטערען זיך פארצובארייטען פאר דער בינע. דעם קומענדען סעזאן וועט איר ארויסטרעטען אין דער פראווינץ, שפעטער אין גרעסערע שטעדט און ענדלאך אין ניו יארק מיט דעם גרויסען דערפאלג. וואס איך דערווארט פון אייך. אייער דערפאלג איז זיכער, פריילין.

ס י ל ו ו י ע : — איך וואלט אייך אייביג, אייביג אזוי געהערט ריידען.

ט א ר א נ ט א ו : — איך פארשטיי דעם ווערט פון אייער דערפאלג אין געלד, פריילין.

ס י ל ו ו י ע : — (אנטציקט) וואס גייט מיך אן דאס געלד? איר קענט עס זיך נעמען. איך וויל דאס לעבען, די גלאריע, די פארערונג.

ט א ר א נ ט א ו : — (מיט א זיסען שמייכעל) דאס זאגט איר יעצט,

ווען איר האָט נאָך קיין פּרייז ניט. שפּעטער וועלען די קאָנטראַקטען זיכע־רער ריידען. אַלזאָ איז עס באַשלאָסען?

ס י ל ו ו י ע: — (פעסט) באַשלאָסען.

ט אַ ר אַ נ ט אָ ז: — פאַרט איר היינט?

ס י ל ו ו י ע: — (דערציטערט) היינט נאָך?

ט אַ ר אַ נ ט אָ ז: — פאַרוואָס ניט היינט? מוטיג, פריילין, לייגט ניט אָפּ.

ס י ל ו ו י ע: — היינט? אפשר מאָרגען. (אימפּולסיוו) ניין, ניין, הער טאַראַנטאָז, היינט, באַשטימט היינט.

ט אַ ר אַ נ ט אָ ז: — (גיט איר די האַנט) גוט, צום ווידערזען אין אַפּיס.

ס י ל ו ו י ע: — (פאַרנייגט זיך, באַגלייט אים. ער אָפּ. זי בלייבט פאַר־ווירט) אַ, גאָט! היינט נאָך! היינט אַנטלויפען פון דער היים. (אָפּ אין שלאָפצימער.)

(דבורה, שוואַרצביין, באַלד שטריקער קומען אַריין פון הויז־טיר).

ש ו ו אַ ר צ ב י י ן: — (מיט חניפה) איך בעט אייך, דבורה׳לע, קומט היינט צום מיטינג פרי.

ד ב ו ר ה: — (טוט זיך אויס, איז צעטראָגען) איך וועל זען. (גייט אַרום פאַרזאָרגט.)

ש ט ר י ק ע ר: — (רירט אָן שוואַרצביין פון הינטען) לאָז זי צורו, שוואַרצביין.

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — אַ, שטריקער! וואָס מאַכט מען עפּעס, וואָס? וואָס מאַכען דיינע מאַרינירטע הערינג? נאָך אַלץ אין די דעליקאַטעסען ביזנעס?

ש ט ר י ק ע ר: — איך האָדעווע נאָך אַלץ דעם עולם מיט דעליקאַטע־סען און ער קוויקט זיך מיט יעדער חזירײַ.

ש ו ו אַ ר צ ב י י ן: — וואָלסט עס געדאַרפט אויפשרייבען אויף דיין סיין. וואָלסטו געלייזט אַ קרענק.

ש ט ר י ק ע ר: — זאָרג דיך ניט פאַר מיר. דו וועסט מיר מיינע קונים ניט קאַליע מאַכען. איך וויים: עס איז פיל שווערער אָפּצוגעוואוינען דעם עולם פון דער גרעסטער חזירײַ איידער צוגעוואוינען אים צו דער מינדס־טער גוטער זאַך.

ש ו ו אַ ר צ ב י י ן: — זעסטו, דאָס ביזטו גערעכט. רייד מיט אונזערע גדולים, זענען מיר דאָך אַלע, דאַכט זיך, פאַר פאָלקס בילדונג, ווען עס קומט אָבער צו עפּעס, טוט זיך קיינער ניט קיין ריר. גיי לויף אַרום און שלעפּ זיי אַלע צונויף. די מיוחסים. ווי מיינט איר, מיסיס גינזבורג, איר וועט קריגען די קאָלעקשאָנס פון דעם אינסטיטוט פאַר מיר.

ד ב ו ר ה: — (פאַרטראַכט ווי פריער, לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אין שטול) איך ווייס ניט, שוואַרצביין.

ש ט ר י ק ע ר: — אַ, שוטה. דו האָסט אַרויסגעלאָזט די קאַץ פון זאַק. די קאָלעקשאַנס ווילסטו? די פּראָצענטלאַך מיינסטו דאָך.

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — נאַרעלע, פאַר וואָס ניט? פון דעם אַ ביסעל, פון יענעם אַ ביסעל, אַ ביסעל פון אינשורענס, פון דזשולערי, פון קאָלעק־שאַנס, פאַרשטייסט, קלויבט זיך צונויף... ע... ע...

ש ט ר י ק ע ר: — ע, ע, חזיר וואָס דאַרפסטו עס? וועסט עס דען מיטנעמען אין קבר?

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — אַך, קאָפּ איינער! עס גייט צו דער עלטער. איך ווייס... לאָמיך זיין פאַרזאָרגט.

ש ט ר י ק ע ר: — פאַרזאָרגט! דו וועסט דאָך נאָך ביים לעבען תכריכים אויסשנאָרען.

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — לאָז צורו. איך דאַרף רײדען ביזנעס. איך בעט אייך, דבורה׳לע, היינט ביים מיטינג זעט, אַז איך זאָל קריגען די קאָ־לעקשאַנס. איר וועט דאָך מסתמא קומען צום מיטינג פרי?

ד ב ו ר ה: — (פאַרטראַכט) איך ווייס ניט, שוואַרצביין, איך ווייס ניט. (שטריקער איבעראַשט, וויל זיך איינהערען.)

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — וואָס הייסט? איר ווייסט ניט, צי איר וועט היינט קומען צום מיטינג?

ד ב ו ר ה: — איך ווייס ניט... איר האָט געהערט, שטריקער, רובי האָט אַ גאַנצע נאַכט געשפּילט אין קאָרטען.

ש ט ר י ק ע ר: — (גיפטיג צעצויגען) אין קאָרטען!

ד ב ו ר ה: — עס קען זיין, אַז איך וועל היינט ניט גיין צום מיטינג. איך פיל עפּעס ניט גוט און איך פיל דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען, אַז איך דאַרף זיין אין דער היים.

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — אַך, וואָס רעדט איר, מיסיס גינזבורג. עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ מענש פילט ניט גוט, איז וואָס? עס וועט איבער־גיין. איך בעט אייך, קומט צום מיטינג פרי... זעסטו, שטריקער, ווי שווער עס קומט אָן. און דאָס זענען דאָך סאַמע אַלע די וואָס וואָלטען געוואָוט פאַר מיר.

ש ט ר י ק ע ר: — (זייער גיפטיג) איך זע. איך האָב דיך נאָך געזען מיט יאָרען צוריק ווען דו האָסט געשריבען בריוועלאַך פאַר דער אידייע.

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — דו ביזט אַן אַלטער נאַר.

ש ט ר י ק ע ר: — און דו ביזט אַ וואָרים, אַ פּאַראַזיט, וואָס לעבט אויף דעם חשבון פון אַנדערע.

ש וו אַ ר צ ב י י ן: — אַך, לאָז צורו. מיר ביידע האָבען קיינמאָל

ניט געשטימט און איך דאַרף גיין. (צו דבורה) גוטען טאָג אייך. פאַרפעלט ניט, איך בעט אייך, צו קומען צום מיטינג. (אָפּ.)

ש ט ר י ק ע ר : — (באַגלייט אים אַ פּאָר טריט, קומט צוריק, בייגט זיך צו דבורה׳ן) איך זוך די גאַנצע צייט אַ געלעגענהייט מיט אייך צו ריידען וועגען סילוויען. (סילוויע קומט ראַשיג פון עס־צימער).

ס י ל ו ו י ע : — (אומאַרמט דבורה׳ן) מאַמע, מאַמעטשקע! (שטריקער אָפּ.)

ד ב ו ר ה : — (דריקט זי צו זיך) וואָס איז, סילוויע, וואָס איז געשען?

ס י ל ו ו י ע : — אַ חלום, מאַמע, אַ חלום, וואָס לאָזט מיך ניט אָפּ.

ד ב ו ר ה : — (קוקט אין אירע אויגען) איך וויים, יענער חלום דיינער. זע נאָר סילוויע, ער זאָל דיך ניט קאָסטען צו טייער.

ס י ל ו ו י ע : — מאַמע, איך וואָלט פאַר אים מיין לעבען אוועקגעגעבען.

ד ב ו ר ה : — ווען עס וואָלט נאָר ווערט געווען.

ס י ל ו ו י ע : — ס׳איז ווערט, מאַמע, ס׳איז ווערט. אַ. דאָס לעבען דאָ ביי אונז איז אומדערטרעגלאַך. זע נאָר, מאַמעניו, מאַקס האָט מיר אַ רינגעל געבראַכט. אַ דימענטען רינגעל.

ד ב ו ר ה : — (פאַרוואונדערט. קוקט זי אָן) וואָס־זשע נאָך ווילסטו? געפעלט דיר ניט אונזער לעבען, קענסטו דיר אויסקלייבען אַנאַנדער לעבען. איך שטיי דיר ניט אין וועג... געפעלט דיר מאַקס, מיינסטו ערנסט מיט אים?

ס י ל ו ו י ע : — (קאַפּריזנע) אַך, מאַמעטשקע, איך מיין גאָר ניט.

ד ב ו ר ה : — וואָס הייסט?

ס י ל ו ו י ע : — (צוקט מיט די אַקסעל) איך וויים ניט... איך וויים ניט.

ד ב ו ר ה : — וואָס הייסט דו ווייסט ניט? (זעצט זיך) דו האָסט דאָך אים אליין אויסגעקליבען. האָסטו אים ליב, האָב מיט אים חתונה. געוויס, איך האָב מיר דיין צוקונפט אַנדערש פאַרגעשטעלט. אָבער מאַלע וואָס אַ מאַמען ווילט זיך... מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דו האָסט עפּעס אין זיך פון דיין מאַמען און דיך וועט ציען צו העכערע צילען אין לעבען.

ס י ל ו ו י ע : — העכערע צילען אין לעבען! אַ לערערין ווערען! קינדער דערציען!

ד ב ו ר ה : — אייגענטלאַך איז דאָס דאָס ציל, פאַר וועלכען די נאַטור אליין האָט אונז באַשטימט.

ס י ל ו ו י ע : — אַך! מיך ציט צו אַ העכערען און שענערען ציל.

ד ב ו ר ה : — ווען דאָס זאָל אַזוי זיין. ווען מיר וואָלטען זיכער געווען אַז דו האָסט טאַלאַנט. ווי גליקלאַך וואָלט איך געווען צו זען דיך גליקלאַך אין דיין שטרעבען. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז דיך נאַרט אָפּ דער גלאַנץ,

דער רויש פון יענעם רוישיגען לעבען. און ווי קענסטו שטרעבען צו יענעם ציל, ווען דו ווילסט חתונה האבען מיט מאַקסען.

ס י ל ו ו י ע: — (שנעל) א, איך האָב נאָך ניט חתונה מיט מאַקסען.

ד ב ו ר ה: — (דערשטוינט) ווי? סילוויע, דו שפּילסט דיך מיט אים ווי א קאַץ מיט א מויז? ווי אַזוי זשע האסטו גענומען ביי אים א רינגעל, א ליבעס געשאַנק?

ס י ל ו ו י ע: — (צוקט די אַקסעל) איך ווייס ניט. (באַדענקלאַך) אפשר וואָלט איך עס טאַקע ניט געדאַרפט נעמען. (ענדערט דעם טאָן) אָבער וואָס מאַכט עס אויס?

ד ב ו ר ה: — וואָס הייסט וואָס עס מאַכט אויס? ווילסטו מיט אים חתונה האָבען, דאַרפסטו זיך אַרויסשלאָגען פון קאָפּ די נאַרישקייטען, וואָס קענען דיך פירען צו גאָט ווייסט וואָס. קינד מיינס, פאַרשטייסטו דען ניט, וואָס פאַר א פּרייז מען מוז באַצאָלען פאַר דער בינע?

ס י ל ו ו י ע: — (גיך) דאָס טראַכסטו אויס, דו טראַכסט עס אויס.

ד ב ו ר ה: — איך? קינד! איך פאַרער פון דעם גאַנצען האַרצען די בינען־קינסטלער. איך טראַכט ניט אויס. אָבער ווי עס הערט זיך, איז דער וועג צו דער בינע א געפערלאַכער און ביי א מאַמען, וואָס האָט מיט אַזוי פיל אָפּפער און ליבע דערצויגען איר קינד, שרעקט זיך דאָס האַרץ... געוויס, מיין קינד, גוט איז שוין אויבען־אָן, ווען מען דערגרייכט שוין די הויכע שטופע פון א קינסטלעריון, אָבער ביז מען קומט אַהין, סילוויע, ווי שווער מוז זיין צו קלעטערען. ווי גרינג מוז זיין אין דעם טומעל און בליאַסק פון יענעם לעבען זיך אויסצוגליטשען אויף די אונטערשטע שטאַפּלען פון דער לייטער און פאַלען... פאַלען...

ס י ל ו ו י ע: — פאַלט מען, מאַמעניו! שטייט מען ווידער אויף און מען קלעטערט ווייטער!

ד ב ו ר ה: — קינד, מען קען אַמאָל מוזען באַצאָלען דעם פּרייז פון פרויען ערע אין דעם פאַל.

ס י ל ו ו י ע: — (לאַשצעט זי) באַצאָלט מען, מאַמעטשקע, באַצאָלט מען. ווער דאַרף עס וויסען. וועמעס עסק איז עס?

ד ב ו ר ה: — (שוידערט) וואָס רעדסטו סילוויע?

ס י ל ו ו י ע: — (נעמט זי ארום, וויגט זיך מיט איר) אַך, מאַמעטשקע, מאַמעטשקע. (אין האַלבען טאָן) מען זאָגט, אז אין דיינע יונגע יאָרען ביזטו אליין אויך קיין מלאך ניט געוועזן. (לאָזט זי נאָך) האָסט אויך געהאַט א באַהאַלטענע ליבע.

ד ב ו ר ה: — (שפּרינגט אויף) סילוויע!

ס י ל ו ו י ע: — ע, מען זאָגט אַזוי, אפשר איז עס גאָר ניט אמת.

ד ב ו ר ה: — (שאָקעלט זיך, ווי צו פאַלען, מורמעלט) ניט אמת?

ניט אמת? (שווייגט אַ רגע, דערנאָך אַנטשלאָסען) ניין, איך וועל ניט לייקענען פאַר דיר, מיין קינד. עס איז אַן אמת, אַן אמת... אָבער, סילוויע, אַ ריינע, אַ הייליגע ליבע איז עס געווען. דאָס איינציגע מאָל אין מיין לעבען, ווען מיין הארץ האָט אויפגעוואַכט און האָט געקלאַפּט אין איינקלאַנג מיט דער נשמה פון אַן אַנדערען מענשען, אַ וואונדערבאַרען מענשען, וואָס האָט צו־ליב דעם זיין לעבען פאַרלוירען. ווי איך האָב מיינס פאַרלוירען. איך האָב אים ליב געהאַט ווי מיין לעבען. דיין טאַטען האָב איך קיינמאָל ניט געליבט.

ס י ל ו ו י ע: — מאַמע, איך האָב ליב די בינע ווי מיין לעבען. מאַקסען האָב איך קיינמאָל ניט ליב געהאַט.

ד ב ו ר ה: — אָבער, קינד, דאָס ברייטע, בלישטשענדע לעבען פאָדערט אַפּט דעם פּרייז פון ליבע דאָרט וואו עס איז קיין ליבע ניטאָ, וואו עס איז נאָר שענדלאַכע לוסט פאַראַן.

ס י ל ו ו י ע: — אַך, וואָס מאַכט עס אויס?

ד ב ו ר ה: — ווער ווייסט צו וואָס פאַר אַ ליידען עס קען פירען! זע, סילוויע, וואָס פאַר אַ שרעקלאַכען פּרייז איך האָב באַצאָלט פאַר איין און אייציגען גליקלאַכען מאָמענט פון ערלאַכער ליבע. 15 יאָר האָב איך מיך געמאַטערט אין ליידען און פאַרפאָלגונגען, געפלאָגט פון אייפערזוכט, האָס און שוידערלאַכען עקעל. קענסטו עס פילען, מיין קינד? קענסטו עס פאַרשטיין?

ס י ל ו ו י ע: — אָרימע, ליידענדע מאַמעניו. פאַר וואָס־זשע האָסטו באַלד ניט געמאַכט אַ סוף? ווער האָט דיך געצוואונגען אַזוי צו ליידען?

ד ב ו ר ה: — איך אַליין האָב מיך געצוואונגען. איך האָב מיך גע־אָפּפערט צוליב מיינע קינדער. זיי זענען קליינינקע געווען און איך האָב געפילט, אַז איך טאָר ניט פאַרבייטען די ליבע צו די קינדער אויף דער ליבע צו אַ מאַן. איך בין געבליבען מיט זיי, צו דערציען זיי און מאַכען זיי פאַר מענשען.

(ש ט ר י ק ע ר אין טיר.)

ס י ל ו ו י ע: — דו האָסט דיך וויינינגסטענס געאָפּפערט צוליב דיינע קינדער, צוליב וואָס אָבער זאָל איך מיך אָפּפערען?

ד ב ו ר ה: — (פאַרצווייפעלט) צוליב אַ מאַמע'ן!

ס י ל ו ו י ע: — (איבעראַשט) צוליעב אַ מאַמען! (היסטעריש) עהע, עהע, דו פאָדערסט צופיל.

ד ב ו ר ה: — אָבער איך וויל דיך זען לעבען זיך. גליקלאַך זאָלסטו זיין לעבען מיר. סילוויע, איך האָב אַזוי מורא; עפּעס שרעקט מיך אַזוי; עס ציטערט מיר מיין הארץ. מיר דאַכט זיך, סילוויע, אַז עס ברעכט זיך און עס פאַלט איין מיין הויז, וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל מי און זאָרג צוזאַמענגעהאַלטען. אַ. גאָט! בען און רובי זענען ניט מיינע, זיי זענען

מענער. זיי רופט אַ פרוי צו זיך מיט אַ וואונק און זיי גייען אוועק פון דער מאַמען, זיי געהערען ניט מיר. זיי קענען מיר ניט געהערען. דו אָבער, דו, דו ביזט מיינע, (דריקט זי צו זיך) מיין סילוויע. אפילו ווען דו זאָלסט דאַרפען אַן אָפּפער ברייגנען.

ס י ל וו י ע: — (מיט'ן קאָפּ אויף איר אַקסעל) מאַמעטשקע, מאַמעטשקע!

ד ב ו ר ה: — קינד מיינס, סילוויע, אפילו איצט, ווען איך האָב מיך ביי די יאָרען באַשלאָסען און בין אוועקגעגאַנגען פון דיין טאַטען, האָב איך עס געטאָן מיט דער האָפענונג, אַז אַ פריי, שטיל און איינגער לעבען צווישען דיר און מיר וועט דיך שטאַרק צובינדען צו מיר.

ס י ל וו י ע: — (קעמפט) אָבער ניין, מאַמעניו, ניין, עס האָט מיך ניט צוגעבונדען. עס ציט מיך נאָך מער אהין אין דער ברייטער, אין דער לעבעדיגער וועלט.

ד ב ו ר ה: — (באַגרייפט, קלאַמערט זיך אָן איר) סילוויע, קינד, וואָס ווילסטו טאָן?

ס י ל וו י ע: — (באַפרייט זיך, עמפּאַטיש) אהין וועל איך גיין. דאָ קען איך ניט לעבען. דאָ איז דער טויט. (לויפט צו דער הויז טיר).

ד ב ו ר ה: — (היסטעריש, גייט נאָך אַ טריט צוויי) גאָט! סילוויע!... סילוויע אַנטלויפט פון איר מאַמען! לאָזט זי איבער אליין!

(ברעכט אויס אין אַ היסטעריש געוויין. שטריקער אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לייגג, באַטראַכט זיי ביידע אַ סעקונדע. סילוויע אָפּ).

ש ט ר י ק ע ר: — (זייער גיפטיג) ווי? האָב איך אויך אַ חלק אין איר אומגליק?

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

פערטער אקט

(אַרטיסטיש צימער אין אַ רייכער ווילא ארום ניו יאָרק. אין פאַר־שיידענע ערטער שטייען סטאַטועס און גרויסע שפּיגלען. אין הינטער־גרונט אַ ברייטע טיר מיט עלעגאַנטע פאָרהאַנגען פירט אין אַ פאָרהויז, זייער עלעגאַנט דראַפּירט און באַלויכטען מיט אַ גרינלאַך ליכט. פון ביידע זייטען טיר האַלב־קיילאכדיגע פענסטער מיט פלאַנצען און בלומענטעפּ. רעכטס אין ווינקעל אַ ברייטע אָפענע גלעזערנע טיר פירט אין אַן אָראַנ־זשעריע, פון וואַנען מען זעט פלאַנצען און בלומען. לינקס אַ שמאָלע טיר, פאַרהאַנגען מיט אַ פערסישער פּאָרטיערע. נעבנטער רעכטס אַ טיש מיט קונסט־שטיק, רייך געבונדענע ביכער און אילוסטרירטע זשורנאַלען. דער טיש איז באַלויכטען מיט אַ קאָלירטען עלעקטרישען לאָמפּ. לינקס אין מיטען אַ סאָפע, באַדעקט מיט אַ פערסישע דעק. אויף איר פילע קליינע זיידענע קישעלאַך. לעבען איר אויף דער ערד אַ טיגערשע פעל און אַ פוס־בענקעלע.

אָוונט, דאָס צימער איז שטאַרק באַלויכטען. טאָראַנטאָן ביים טיש מיט אַ גרויסער ציגאַר, רויכערט, שניידט פאַנאַנדער אילוסטריטע זשור־נאַלען און קוקט אין זיי אַריין. פון דער אָראַנזשעריע הערט זיך סילוויע׳ס געלעכטער.)

(סילוויע קומט פון דער גלעזערנער טיר, האַלב גייענדיג, האַלב שוועבענדיג. נאָך איר באַגדאַד דער קריטיקער.)

סילוויע: — אהער מיינע הערען, אהער!

שטימע: — (פון אָראַנזשערייע) באַלד, סילוועסטרינע, באַלד!

סילוויע: — (ביי דער סאָפע) זענט איר צופרידען?

באַגדאַד: — אַך, פרייליין, איר האָט אַלץ איבערטראָפען.

סילוויע: — (קאָקעטירט מיט אַ האַנטשפּיגעל, זעצט זיך האַלב אָנ־געשפּאַרט האַלב ליגענדיג) ווי גוט איר זייט, מיין פריינט!

באַגדאַד: — (זעצט זיך לעבען איר) איך האָב געזען פיל קינסטלער. דאָ און אין אייראָפּא. אָבער אייער קונסט, פרייליין, איז די פולקאָמענסטע. ווען איר האָט זיך אין יענעם פּאַטעטישען מאָמענט אויפגעהויבען און אין אַ פּלאַסטישער באַוועגונג אויסגעצויגען, זייט איר געווען, ווי אַ בילד אויף דער וואַנט. פאָרטרעפלאַך! גרויס און ערהאַבען! דורך דעם דורכזיכטיגען טול פון אייער קלייד האָבען זיך די עלאַסטישע טיילען פון אייער קערפּער געזען: דער ברוסט־קאַסטען, די טאַליע, זיי האָבען זיך אַזוי געהאָרכזאַם

געבויגענע און האבענ פּאָלירט מיט רייץ און קונסט. עס איז געווען א וואונדערבארער מאמענט פון ע... ע... עסטעטישען גענוס. איך פארזיכער אייך, פריילין.

ס י ל װ י ע: — (ציט זיך צו אים) מיין ליבער עסטעטיקער, איר איבערטרייבט! (ענדערט טאָן) ניין, ניין, ניין, עס איז וואר. איך געפעל אייך? נו, שרייבט, שרייבט. זאלען זיי אלע וויסען. (דעקלאמאטאריש) זאלען זיי באוואונדערען מיין קונסט.

ט א ר א נ ט א ן: — די בעסטע זשורנאלען זענען פול מיט גוטע קריטיקען. דער דערפאלג איז א שטורמישער. די קאסע רעדט. פאר דעם אנגאזשמאן איז דאס הויז שוין אויף צוויי וואכען אויספארקויפט. אבער שרייבען. אנאנסירען שאדט ניט.

ס י ל װ י ע: — זאלען זיי נאר קומען. זאלען זיי באוואונדערען און פארערען. (שטייט אויף, פאזירט) דאס איז מיין טורעם, הער קריטיקער, פון וועלכען איך קען זען ווייט ווייט ארום. (שפּילט זיך מיט אים.)

ב א נ ד א ד: — (צופרידען מיט איר שפּיל, פארשטייט זי אבער ניט) א. איר וועט ערשט זען, פריילין, וויזי איך וועל שרייבען. ערלאזט אייך אויף מיר. דערפאלג איז גרויסקייט. אין אונזער זונטאגדיגער אויסגאבע, די גרעסטע אין דער וועלט, וועל איך ערשט צעגלידערען אייער קונסט. גאנ־צע בלעטער וועל איך פארנעמען מיט אייערע בילדער.

ס י ל װ י ע: — (נערוועז) מיט מיינע בילדער אין דער פרעסע פון ניו יארק?

ט א ר א נ ט א ן: — פאר וואס דען ניט? עס איז די בעסטע אנאנסע.

ב א נ ד א ד: — געוויס, געוויס, פריילין, בילדער אין אלע פאזען, אין אלע ראלען, קאסטיומירטע בילדער. אך, איר וועט זען, פריילין.

ס י ל װ י ע: — איר וועט צופרידען זיין, מיין ליבסטער.

ט א ר א נ ט א ן: — עס וועט זיך אייך לוינען געשעפטלאך!

ב א נ ד א ד: — איר וועט מיר נאר דערלויבען?

ס י ל װ י ע: — געוויס. (גיט אים די האנט. ער קושט זי שווערמעריש.)

(אין פאדערצימער הערט זיך גערויש. טאראנטאן אפּ).

ס י ל װ י ע: — (באפרייט קונציג איר האנט) אבער וואו איז הער דאן אזוי לאנג? (גייט צו דער גארדעראבען־טיר).

(דאן קומט.)

ד א ן: — איך האב מיך ניט געקענט אפרייסען, סילוועסטרינע, פון יענעם וואונדערבארען קלאוויר שפּילער.

ס י ל װ י ע: — זייט איך בין דא שפּילט ער גאנץ אפּט.

ד א ן: — ער שפּילט אויסגעצייכענט. ער האט א וואונדערלאכע טעכניק.

ב א נ ד א ד: — (מעשה קענער) אין דער מוזיק דארף מען ניט מער.

האַט מען דאָס געפיל און די טעכניק, איז אַלץ פאַרטיג. ניט אַזוי אין דער דראַמע. זי פאָדערט אויך דעם קערפּער, פּלאַסטישע באַוועגונגען, פּלאַסטישע בילדער...

ס י ל ו ו י ע: — ווי שיין איר מאַכט עס, הער באַגדאַד. פּלאַסטישע באַוועגונגען. (באַוועגט איר קערפּער). אַזוי?

ב א ג ד א ד: — עס איז די גראַציע, די גראַציע פון דער קונסט.

ד א ז: — (צערטעלט זי) עס איז די שיינקייט פון דעם פּרוויען־קערפּער. בינע־קינסטלער, מענער האָבען אויך גראַציעזע באַוועגונגען.

ס י ל ו ו י ע: — (שפּילט זיך מיט אים) געוויס, הער דאַז, מענער האָבען מענלאַכע גראַציע! (גערויש אין פאָדערצימער.)

(טאַראַנטאַן קומט, פאַרנייגט זיך אין טיר.)

ט א ר א נ ט א ז: — ביטע, ביטע. (צו סילוויע) אַ דאַמע וויל אייך זען.

(דבורה קומט, געבלענדעט פון דער שטאַרקער באַלייכטונג, פאַרשטעלט די אויגען מיט דער האַנט, דערזעט סילוויע, מאַכט אַ טריט.)

ד ב ו ר ה: — סילוויע, טאָכטער!

ס י ל ו ו י ע: — (שיצט זיך הינטער דאַז) ווער איז די דאַמע, וואָס וויל די דאַמע?

ד ב ו ר ה: — (דערשטוינט) סילוויע, דערקענסט מיך ניט?

ס י ל ו ו י ע: — (אין פאַרצווייפלונג, נאָך אַ קאַמף מיט זיך, פאַרשטעלענדיג איר פּנים, ציט זיך צו דער שמאָלער טיר, שטיל צו טאַראַנטאַנ׳ען) געפינט אויס, הער טאַראַנטאַז, וואָס וויל די דאַמע? (אָפּ.)

ד ב ו ר ה: — גאָט! איז עס מעגלאַך? סילוויע דערקענט מיך ניט. (היסטעריש) וויל מיך ניט דערקענען. (ברעכט צוזאַמען.)

ט א ר א נ ט א ז: — די פרוי איז ניט ביים זינען.

ב א ג ד א ד: (דערשראָקען) רופט די פּאָליציי.

ד א ז: — מאַדאַם, איר האָט געוויס אַ טעות געהאַט.

ד ב ו ר ה: — ניין, מיין הער, עס איז ניט קיין טעות. איך בין געקומען אַהער זען מיין טאָכטער, אָבער (היסטעריש) זי איז אַנטלאָפען פון מיר, האָט זיך באַהאַלטען פאַר מיר.

ד א ז: — אָבער, מאַדאַם, דאָס פריילין איז די פּראָמינענטע שוישפּי־לעריז סילוועסטרינע בורזשע. זי איז ניט אייער טאָכטער.

ד ב ו ר ה: — ניט מיין טאָכטער. (פּויזע, קאָנטראָלירט זיך) אָבער וואָס זאָל איך ריידען מיט אייך, מיינע הערען? איר קענט מיך ניט. (ברעכט צו־זאַמען היסטעריש) און זי? זי וויל מיך ניט קענען. (פאַרנייגט זיך) פאַרצייט מיר, מיינע הערען, וואָס איך האָב מיך אומגעבעטען אַריינגעריסען צו אייך און האָב געשטערט אייער פרידען. זייט מוחל אַ נאַרישע מאַמע. (אין אַ היס־טערישען צושטאַנד, גייט אָפּ דורך דער מיטעלסטער טיר. די איבעריגע גייען איר נאָך.)

ס י ל ו ו י ע : — (זייער אויפגערעגט, קומט שנעל אריין, רופט אין פאַר־צווייפעלהאַפטען צושטאַנד) הער טאַראַנטאַן! הער טאַראַנטאַן!

(טאַראַנטאַן קומט גלייך.)

ס י ל ו ו י ע : — ווייסט איר ווער די פרוי איז? איר ווייסט! איר ווייסט!...

ט אַ ר אַ נ ט אַ ן : — פון וואַנען זאָל איך וויסען?

ס י ל ו ו י ע : — אַ, איר ווייסט ניט. זאָל זיין... איז אַט וואָס... שיקט זיי אַלע אַוועק פון דאַנען, אַלע! אָבער שוין, גיך, שנעל!... איך וויל זיי ניט זען היינט. איך וויל ניט. פאַרשטויסען מיין אייגענע מוטער, גאָט מיינער! פאַרשטויסען... (פויזע, שטיל) אָבער איך וועל פאָרען צו איר, קיינער זאָל ניט זען, קיינער זאָל ניט וויסען. ווי קען איך זי דאָ אויפנעמען? איך קען ניט, איך קען ניט. (פויזע) טאַראַנטאַן, האָט איר דער פרוי'ס אַדרעס? גע־פינט אויס גיך...

ט אַ ר אַ נ ט אַ ן : — דאָרט איז איר וויזיט־קאַרט אין פאַרהויז. (עס הערען זיך שטימען אין פאָדערצימער, טריט, טומעל דערנענטערט זיך.)

ס י ל ו ו י ע : — (אויפגערעגט) איך וויל זיי איצט ניט זען. פירט זיי אַוועק... (טאַראַנטאַן אָפּ.) אַך, גאָט! (ברעכט צוזאַמען ביי דער סאָפע, כליפּעט היסטעריש) מאַמע, מאַמעטשקע!

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

(אַ גאַס. איינציגע הייזער מיט באַלויכטענע פענסטער. אין גאַס באַווייזען זיך שטריקער און דאַנציג. קומען צו לינקס צו אַ הויז מיט אַ גאַניק און בלייבען שטיין. דער גאַניק איז שוואַך באַלויכטען פון גאַס־לאַמטערן.)

ד אַ נ צ י ג: — (שטאַרק געעלטערט) איך בין נאָר צופעליג געקומען אין שטאָט אַריין.

ש ט ר י ק ע ר: — און דו וועסט אַוועקפאָרען פון דאַנען און אפילו ניט אַריינגיין צו איר?

ד אַ נ צ י ג: — איך קען ניט, שטריקער, איך קען ניט.

ש ט ר י ק ע ר: — וואָלסט אָבער געדאַרפט, באַרים, וואָלסט ניט געדאַרפט זיין אַזאַ... נו, איך וויל דיך ניט באַליידיגען. איך האָב אַמאָל געגלויבט אין דיר. אָבער דו וואָלסט דאָך געדאַרפט אַריינגיין און זי זען. זי ליידט אַזוי פיל אַז האָפענונג.

ד אַ נ צ י ג: — אָבער איך קען ניט, איך האָב מורא פאַר זיך. (קוקט אויף באַלויכטענע פענסטער) אָט דאָ, זאָגסטו, וואוינט זי? אַ קוק טאָן אויף איר וואָלט איך געוואָלט. ווי זעט זי אויס שטריקער?

ש ט ר י ק ע ר: — אַלט, פאַרוויסט און פאַרפינסטערט פאַר צרות, און זייט דאָס טעכטערל אירס איז אַנטלאָפען, געדיינקסט, מיט אַ יאָר צוויי צוריק, איז זי, דאַכט זיך, שטום געוואָרען. זי רעדט ניט, זי האָט פאַרלוירען דעם גלאַנץ פון די אויגען. און דו ווילסט מיר איינרעדען, אַז מענשען האָבען הערצער און עס איז כדאי צו לעבען און זיך אָפּפערען פאַר זיי? אומזין! באַרים, דאָס לעבען איז אַן אומזין. מענשען זענען משוגע יעדער אויף זיין אָרט און יעדער האַוועט און רודערט און טאַנצט אַ משוגענעם טאַנץ און רופט עס לעבען.

ד אַ נ צ י ג: — ניין, אַלטער פריינט, דאָס לעבען איז אַ וואונדער. דאָס מענשלאַכע לעבען אָבער מאַכט דער מענש אַליין און עס איז זיין שולד. די קומענדע מענשען וועלען נאָך אַמאָל אַ בעסער לעבען באַשאַפען.

ש ט ר י ק ע ר: — נאָך וואָס?

ד אַ נ צ י ג: — כדי גליקלאַך צו זיין.

ש ט ר י ק ע ר: — ווען איך, דו, זי וועלען שוין אפילו אין קבר ניט זיין?!

ד אַ נ צ י ג: — אפשר. מיר זענען געקומען צו פרי,

שטריקער: — זע נאָר דאָס גליק דיינס, באָריס, זאָל ניט קומען צו שפּעט.

דאַנציג: — מען דאַרף גלויבען אין דאָס גליק פון די מענשען.

שטריקער: — ניט איך! איך גלויב ניט. זי, דבורה׳לע, זי גלויבט נאָך ווי דו, באָריס. גיי אריין און זע דיך מיט איר, אפשר וועט נאָך איצט דיין גלויבען, ווי אמאָל, זיין א טרייסט פאַר איר.

דאַנציג: — איך קען ניט, שטריקער, איך קען ניט. מיין לעבען קען ניט זיין קיין טרייסט פאַר איר. מיין לעבען איז צעבראָכען און מיין גלויבען איז נאָר דער אָפּגלאַנץ פון דעם לעצטען שטראַל. ניין, ניין, דבורה׳לען וויל איך נאָר זען פון דערוויטענס, אין דער שטיל.

שטריקער: — פאַר וואָס אזוי? פאַרוואָס זי ניט צודריקען צום הארצען, אזוי הארציג ווי אמאָל?

דאַנציג: — איך האָב מורא דערפאַר. איך האָב עס פאַר צוויי יארען געפּרואווט. עס איז צו שפּעט, צו שפּעט אין לעבען. די עלטער לעשט אויס די ליבע און לאָזט נאָר איבער דעם פאַרלאַנג פון גענוס. איך האָב מורא דערפאַר. זי איז מיר אמאָל צו טייער געוועזן.

שטריקער: — (ציט זיך אויס, גיפטיג) איך פאַרשטיי! די בריאה מענש! אריינגיין צו איר, צודריקען זי צום הארצען און דערפרייען זי אַז א קרבן, אַז א בלוטיגען פּרייז, ווי קען עס די בריאה מענש.

דאַנציג: — (ווייך) איך קען דיר מיין נשמה ניט אויפדעקען, אלטער פריינט. אבער דבורה׳לען קען איך גאָר זען אין דער שטיל, מיט זיך אליין. איך וויל זי טראָגען אין מיין זכרון אזוי ווי איך האָב זי אמאָל געקענט, ניט אנדערש, ניט אנדערש. (אָפּ).

(פון א הויז הערט זיך שאָפּען׳ס מעלאָדיע פון א פּיאַנאָ.)

שטריקער: — (גייט אים נאָך א פּאָר שפּאַן, רופט) באָריס, באָריס! (דאַנציג פאַרשווינדט) דו ביזט ניט בעסער פון אלע. דעקסט זיך נאָר בעסער צו מיט א פּאַליטור פון ווערטער. ניט מער. (אָפּ אין הויז).

פאַרוואַנדלונג

(צימער ביי דבורה. אָוונט. דינה קאַרטאַן זיצט אויף דער קושעטקע און נייט. מאַקס האַלט אין אָנטקליידן, האַלט קאַרטאַנ׳ס האַנט.)

מאַקס: — איך בעט אייך, קאַונסעלאָר, אויב מיסיס גינזבורג וועט ניט קומען צו שפּעט, לאָזט מיר נאָך היינט וויסען. ווען ניט, רופט מיך אָפּ אויפ׳ן טעלעפאָן מאָרגען אין דערפרי. פּליז.

קאַרטאַן: — (לאָזט נאָך זיין האַנט) אַז איך זאָג דיך צו, מאַקס.

דינה: — זאָל זי נאָך קומען, מאַקס.

ק אַ ר ט אַ ן: — באַלד ווי זי קומט, לאָז איך דיר וויסען. (קלאַפּט אים איבער דער פּלייצע.) עס וועט זיין אַ פּיקניק, מאַקס. שאַמפּאַניער אויף וואָס די וועלט שטייט. און אַ דאָניישאַן פאַר׳ן פאָלקס אינסטיטוט. אָבער אַ דאַ־ניישאַן!

מ אַ ק ס: — עני טהינג ענד עווערי טהינג. עס האָט מיך גענוג געקאָסט. אָבער עס מעג מיך אַפילו קאָסטען נאָך טויזענט דאָלאַר, איי דאָנ׳ט קעיר. זאָל נאָר סילוויע קומען אַהיים.

ק אַ ר ט אַ ן: — איך לאָז דיר די מינוט וויסען, מאַקס. פאַרשטייסט, עס קען זיין מען זאָל דאַרפען אויסקויפען קאָנטראַקטען. דו ביזט טאַקע אַ גוטער ביזנעסמאַן, אָבער די לאָ פאַרשטייסטו דאָך ניט. דאָ איז ניט קיין קיים פון אַבדאַקשאַן.

ד י נ ה: — אָבער, בערנאַרד, אפשר קען מען עפּעס טאָן?

ק אַ ר ט אַ ן: — (צעשפּרייט די הענט) דינה׳טשקע, מען קען גאָרניט טאָן. לאָ איז לאָ.

מ אַ ק ס: — אָה, קאָונסעלאָר, וואָס ליגען אייך אין קאָפּ קייסעס, לאָ! זאָל זי נאָר קומען. איר ווייסט דאָך, איך האָב שוין לאַנג געקענט חתונה האָבען, באַט איי טעל יו, איך האָב זי נאָך היינט ליב. איך האָב עס אַליין ניט געוואוסט. איך האָב אַלץ געמיינט, וועל... עס איז מיי עמבישאַן. אָבער ווען איך האָב דערזען איר בילד אין דעם מעגעזין, מיי גאָד! האָט עס מיר אַזאַ צופּ געטאָן ביים האַרצען... איי פעלט סאַ העפּי. זאָל זי נאָר קומען. מאַני איז נאָ אָבדזשעקט.

ק אַ ר ט אַ ן: — נעווער מיינד, מאַקס, זי וועט קומען און מיר וועלען נאָך עסען אַ סאַפּער ביי שענלים און טרינקען שאַמפּאַניער ווי וואַסער און דו וועסט געבען אַ דאָניישאַן פאַר׳ן אינסטיטוט ווי עס פּאַסט פאַר אַ חתן וואָס בעט זיך איבער מיט אַן אַנטלאָפענער כלה. פאַרשטייסט, מאַקס, מיר דאַרפען געלט פאַר׳ן פאָלקס־אינסטיטוט און קיינער טוט גאָר ניט... פּראַק־ציעס... פּראַקציעס... טוען עפּעס די — בלאָזען זיך יענע; הויבען יענעם עפּעס אָן צו טאָן — בלאָזען זיך די. און אַלץ ליגט אויף מיינע פּלייצעס.

ד י נ ה: — בערנאַרד, דו וואָלסט גאָר געדאַרפט מאַכען מאַקסען פאַר אַ מעמבער.

ק אַ ר ט אַ ן: — מיר וועלען אים נאָך מאַכען פאַר אַ מעמבער אויך. נעווער מיינד. דו ווייסט דאָך, דינה, אַז איך נעם מיך צו עפּעס, מוז עס גיין.

מ אַ ק ס: — וועל, וועל, גיי איך, פרענדס. גוד ביי.

ק אַ ר ט אַ ן: — גוד ביי, גוד ביי. מאַי באַי. (מאַקס אָפּ. פּויזע, מען קלינגט זי!) האָט זי דען קיין שליסעל ניט!

ד י נ ה: — (שטייט אויף) דער שלאָס איז גאָר קאַליע. עס ליגט איר

ניט אין זין צו פאַררינכטען. עס מוז זיין אַ פרעמדער מענש. (גייט עפענען.)

(ה י ר ש קומט.)

ד י נ ה : — פּאַפּאַ!

ק אַ ר ט אַ ן : — שוועד!

ה י ר ש : — בערנאַרד, דינה!

ק אַ ר ט אַ ן : — שוועד, איר דאַ!

ה י ר ש : — וועט זי מיך דען אַרויסטרייבען?

ק אַ ר ט אַ ן : — גאָט באַהיט, זי טרייבט ניט אַרוים קיין מענשען פון איר שטוב.

ד י נ ה : — פּאַפּאַ, זיץ, קום, זעץ דיך. (גיט אים אַ שטול.)

ה י ר ש : — (זעצט זיך) איך ווייס... איך בין געקומען... ע... איך האָב געהערט, אַז סילוויע איז דאָ צוריק. איך זע אייך אַלע אַזוי זעלטען. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ) פאַרלאָזט דעם אַלטען טאַטען, אַלע פאַרלאָזט. רובי'ן האָב איך שוין אַ צייט, אַ צייט ניט געזען. בעני, אַז ער קומט אַמאָל אין אַ יובל אין שטאָט אַריין צו דער מאַמען, קומט ער צו מיר אויך אַריין. ספּאַסיבאַ כאָטש דערפאַר. וואָס ער שיקט מיר אַמאָל אַ פּאָר דאָלער. דינה קומט אויך אַמאָל צו מיר, אָבער ווייטער בין איך עלענד, עלענד ווי אַ שטיין. און סילוויען, סילוויען האָב איך די גאַנצע צייט ניט געזען. איך האָב געהערט, אַז זי איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אַנטלאָפען פון דער היים. דעמאָלס האָט מיין האַרץ געזאָטען פון נקמה. איך האָב אַ נקמה געהאַט אין דער מאַמען, אָבער איצט... דער כעס איז שוין איבערגעגאַנגען. היינט האָב איך געהערט, אַז סילוויע איז צוריקגעקומען. אמת טאַקע, אַ פאַרשייטע געוועזן, אַן עזות־פּנים'ניצע אַנטקעגען דעם טאַטען. אָבער דאָך אַ קינד. וואָס־זשע? עס איז טאַקע אמת, אַז זי האָט זיך אומגעקערט גאָר אַ גביר'טע, אַן אַקטריסע?

ק אַ ר ט אַ ן : — עס ווייזט אַזוי אויס, שוועד. אָט דאָס איז די מאַמע אוועקגעגאַנגען זיך זען מיט איר, אויסגעפינען.

ה י ר ש : — (ביטער) די מאַמע! אפילו ביי דיר, בערנאַרד, איז זי די מאַמע, און איך? איך בין דער שוועד. אוי, קינדער, קינדער! (גערויש.)

(דבורה קומט אַריין, שוין אויסגעטאָן מאַנטעל און הוט, גייט צו דער קושעטקע, ברעכט צוזאַמען.)

ד ב ו ר ה : — אַ, גאָט! (וויינט היסטעריש.)

ק אַ ר ט אַ ן : — וואָס איז?

ד י נ ה : — מאַמע!

ד ב ו ר ה : — (דערזעט הירש'ן) הירש!

ה י ר ש : — (שטייט אויף) איך בעט דיך, דבורה'לע, וואָס געוועזן איז געוועזן. אָבער איך בין דאָך אַ טאַטע. איך האָב געהערט, אַז אונזער טאָכטער איז געקומען צוריק. איך האָב זי געוואָלט זען.

ד ב ו ר ה : — איז אונזער טאַכטער געקומען צוריק ?

ה י ר ש : — זי איז דאַ, זי איז געקומען.

ד ב ו ר ה : — (היסטעריש) זי איז דאַ, זי איז דאַ ! וואָס דען האָסטו געמיינט — זי איז געשטאָרבען ? זי לעבט, זי לעבט, אבער ניט פאַר אונז. פאַר אונז איז זי געשטאָרבען.

ה י ר ש : — וואָס רעדסטו, דבורה, איך פאַרשטיי ניט. האָט זי זיך, חלילה, געשמד'ט ?

ד ב ו ר ה : — ערגער ווי גע'שמד'ט. זי לעבט אין אַנאַנדער וועלט. זי לעבט אַנאַנדער לעבען. אונזער וועלט איז טויט פאַר איר. זי וויל זי ניט קענען און זי וויל אונז ניט קענען. אַ גאָט ! וואָס האָב איך איבערגעלעבט אין די עטלאַכע שווידערלאַכע מינוטען. ווי אַזוי האָב איך עס אויסגעהאַלטען. ווי אַזוי האָט זיך מיי הארץ ניט צעריסען אויף שטיקער ! (פויזע) האָט ווען עס איז ווער אין לעבען געהערט. אַז אַן אייגען קינד זאָל אַן אייגענע מאַמע ניט וועלען דערקענען ? סילוויע, מיין קינד, די קרוין פון מיין קאָפּ, האָט זיך ניט געוואָלט דערקענען צו מיר. האָט מיך אָפּגעשטויסען פון זיך. איז אַנטלאָפען פון מיר !

ה י ר ש : — איך פאַרשטיי ניט. דו ביסט געגאַנגען צו איר, ביזט געווען ביי איר ?

ד ב ו ר ה : — יאָ, איך בין געווען ביי איר, איך האָב ניט אויסגעהאַלטען... מיין הארץ האָט מיך ניט צורו געלאָזט און איך האָב פאַרבויגען מיין שטאָלץ, פאַרלייקענט מיין איך און בין געגאַנגען צו איר. איך האָב אַזוי געביינקט נאָך איר, דאָס איינציגע, וואָס איז מיר נאָך געבליבען טייער אין לעבען, און איך האָב געהאָפּט — איך וועל זי צודריקען צו מיין הארצען און, ווי אַ מאַמע, איר מוחל זיין דעם צער, וואָס זי האָט מיר אָנגעטאָן, ווען זי איז אַנטלאָפען פון מיר און איך וועל מיך פרייען מיט איר פרייד. אבער, אַ, גאָט ! דאָס לעבען האָט זי אַוועקגעטראָגען פון אונז אין אַ גלאַנציגפרעמדער וועלט און זי וויל אונז מער ניט קענען, זי וויל אונז ניט קענען. זי שעמט זיך מיט אונז.

ה י ר ש : — האָט זי דיך גאָר ניט געוואָלט זען ?

ד ב ו ר ה : — (פאַרצווייפעלט) זי האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר.

ה י ר ש : — (צוקט די אַקסעל) וואו איז עס געהערט געוואָרען ! גאָט ! אזא שטראָף !

ק אַ ר ט אַ ן : — אפשר האָט זי ניט געקענט אייך אויפנעמען ביי זיך ?... אפשר פאַסט איר ניט ?

ד ב ו ר ה : — אַ, גאָט, ווי גרויזאַם דאָס וואָלט געווען !

ש ט ר י ק ע ר : — אבער עס איז גענוג, איבערגענוג ! גענוג... גענוג... אַלץ איז געענדיגט.

ד י נ ה: — דבורה'לע, מאַמעניו!

ד ב ו ר ה: — הירש, דו וועסט נאָך געפינען טרייסט אין דיין לעבען, ביי דיינע פריינט און לאַנדסלייט. קינדער, איר קענט נאָך געפינען טרייסט און פרייד אין אייער לעבען, אין אייערע האָפענונגען, אין אייער גליק. איך אבער, איך, איך בין אליין, אָן טרייסט און אָן האָפענונג, אליין אין דער וועלט. (ברעכט צוזאַמען) גייט, מיינע פריינט, גייט אייך אַהיים, איך וועט מיין איינזאַמקייט ניט היימלאַכער מאַכען און מיר ווילט זיך רו, רו. (לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ שטול.)

(הירש, קאַרטאַן אָפּ.)

ד י נ ה: — לאָזט זי ניט אליין, שטריקער! (אָפּ.)

ש ט ר י ק ע ר: — (צעצויגען) אַל־ל־יין.

(דבורה שטייט אויף, גייט אַרום פאַרווירט, לעשט אויס די ליכט, פאַרציט דעם לאָמפּ אויפ'ן טיש, קוקט פאַרווירט אַרום. ווי באַלעסטיגט פון אַ שווערען געדאַנק, פאַלט זי אויף דער קושעטקע. שטריקער גייט אַ טריט צוויי פאַרויס. עס הערט זיך אַ קלונג.)

(סילוויע קומט אַריין, וואַרפט אַרונטער הוט און מאַנטעל, לויפט צו דבורה.)

ס י ל ו ו י ע: — מאַמע, מאַמעטשקע! (פאַלט צו איר קני.)

ד ב ו ר ה: — (שפּרינגט אויף, מאַכט אַ טריט צוריק) סילוויע! (נאָך אַ טריט צוריק) צו שפּעט! צו שפּעט!

ס י ל ו ו י ע: — פאַרציי, פאַרגיב מיר, מאַמעניו. איך האָב ניט געקענט. ווען דו זאָלסט קענען די וועלט, אין וועלכער איך לעב, ווען דו זאָלסט קענען דאָס לעבען, וואָלסט פאַרשטאַנען. (שטייט אויף.)

ד ב ו ר ה: — (היסטעריש) איך האָב דיך פאַר יענעם לעבען ניט דערצויגען און איך רוף דיך ניט צוריק פון יענער וועלט. דאָס נאַרישע הארץ מיינס האָט זיך אויף אַ מינוט אונטערגעגעבען, האָב איך דערפאַר אַ שרעקלאַכע שטראָף געליטען. מיין אייגענע טאָכטער האָט מיך פאַרשטויסען. (פאַרווירט) וואָס ווילסטו נאָך מער?

ס י ל ו ו י ע: — איך האָב דיך ניט פאַרשטויסען, מאַמעניו. איך קען דיך ניט אויפנעמען עפענטלאַך. אונזערע לעבענס זענען אַזוי פאַרשיידען. אָבער מאַמעניו, איז דער שטיל, מען זאָל ניט וויסען... וועל איך קומען צו דיר. איך בין דיינע. דיינע, מאַמעטשקע טייערע. מיר שטייט פאַר אַ גלענצענד לעבען. דער הער וואָס דו האָסט ביי מיר געזען איז אַ מיליאָנער. ער וויל מיט מיר חתונה האָבען און דו וועסט קענען דערלעבען דיינע יאָרען רואיג און גליקלאַך. דיר וועט גאָר ניט פעלען.

ד ב ו ר ה: — (היסטעריש) אַ, ביי נאַכט אין דער פינסטער, ווי אַ גנב'טע, וועסטו קומען צו דער מאַמען און וועסט איר ברענגען אַ נדבה דיין

ליבע און דאָס גאָלד, מיט וועלכען דיין מיליאָנער וועט דיך אַפּגילטען. אָ, גאָט, וואָס האָב איך דערלעבט!... צוליב וואָס האָב איך אַלץ געאָפּפערט? צוליב וואָס האָב איך געליטען דעם גאַנצען לעבען? (שטאָלץ) אָבער איך וויל ניט דיין אָנדערקענונג ביינאַכט, איך וויל ניט דיין ליבע אין דער פינס־טער. איך וויל ניט קיין גאָלד, איך וויל ניט די רואיגקייט געקויפט פאַר דיין געלט. איך וויל ניט! איך וויל ניט!...

ס י ל ו ו י ע: — מאַמע, מאַמעטשקע, דאָס לעבען פאָדערט אַזוי, דאָס גרויסע, דאָס גלאַנציגע לעבען פון דער וועלט אין וועלכער איך לעב.

ד ב ו ר ה: — און אין יענעם גרויסען, גלאַנציגען לעבען האָסטו פאַר־לוירען דיינע אייגענע, האָסט אָפּגעשטויסען דיין מאַמען... אָבער ווער האָט געשיקט נאָך דיר. איך דאַרף דיך שוין ניט איצט. ס'איז ניטאָ מער קיין אָרט פאַר דיר אין מיין הארצען, ניטאָ מער!

ס י ל ו ו י ע: — (וויינט) מאַמע, מאַמעטשקע, קענסטו דען זיין אַזוי גרויזאם?

ד ב ו ר ה: — גאָט! איך בין אַליין, אַליין, איינזאם אַליין. ניין, קינד מיינס, קענסט מער ניט אויספילען די לערקייט אין מיין זעלע. איך בין אַליין, איינזאם און אַליין.

ש ט ר י ק ע ר: — אַליין! מיט איר אפילו און דאָך אַליין.

(פאָרהאַנג)

דער אינגסטער שומרוני

(אַ פאַנטאַזיע אין דריי אַקטען)

דער אינגסטער שומרוני

פ ע ר ז א נ ע ן:

צפניה — דער כהן גדול פון די שומרונים, זייער אַן אַלטער מאַן.

אוריה בן אהרן — זיין ברודער אהרנ׳ס זון; פון קינדוויים אויפגעהאָדעוועט און דערצויגען אין אייראָפּא; 30 יאָר אַלט.

בן זאב — דער ראש הקהל און עלטסטער פון די שומרונים.

נאָך אַן עלטסטער פון די שומרונים.

דר. ישראל אשכנזי — פּראָפעסאָר פון דער קולטור־לערע אין ווינער אוניווערזיטעט.

לוסיען דו ריימאַן — פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פון אַלטערטומער אין סיריע און פּאַלעסטינא; ערען־מיטגליד פון דער פּאַריזער אַקאַדעמיע פון וויסענשאַפטען.

סיר עדווארד — אַרכעאָלאָג פון דעם בריטישען מוזעאום.

(אַלע דריי אַלטע געלערנטע, אינטימע פריינט און מיטגלידער פון דער קאָמיסיע פון דער דערפאָרשונג פון די אָריענטאַלישע אַלטערטומער.)

פירסט פּאַטריציוס — אַ מיטעליאָריגער, פעסט־געבויטער, שטאַלצער הער פון הויכען מיליטערישען ראַנג.

דער אַלטער הער — פעסט־מייסטער, אַ דיקער אַלטעטשקער, פון הויכען מיליטערישען ראַנג, אָריענטאַליש געקליידעט.

עווא דו ריימאַן — די יונגע טאָכטער פון לוסיען דו ריימאַן.

די הויכע פרויען־מאַסקע.

אַן אַראַבער — אַ דינער.

דאָס פאָלק — די שומרונים.

ציווילע און מיליטערישע געסט — מענער און פרויען.

אָרט — שומרון.

צייט — היינט.

ערשטער אקט

(עס הערט זיך אַ שטיל מאַנאָטאָן געזאַנג. דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף פּאַמעלאַך און דעקט אויף פ א ר אַ בלוילאַך־נעבעלדיג דורכזיכטיגען פאָרהאַנג: —

דעם דיכטער — אַ הויכען מענשען, מיט אַ פיל באַזילבערטער באָרד און לענגלאַכע לאָקענס, אין אַ לאַנגען שניי־ווייסען מאַנטעל מיט אַ צוריקגעלייגטען קאַפּושאַן אויף די אַקסעל. ער שטייט מיט אַן אַנטבלויזטען קאָפּ, אין ערפורכט געבויגען און הערט זיך צו צום שטילען מאָנאָטאָנעם געזאַנג. דאָס קלייד איז פון פאָרענט צונויפגענומען אין פאַלדען, פון זיינע ניט געזעענע הענט; די פיס אין סאַנדאַלען אָנגעטאָן.

די מוזע — אַ יונגע, שיינע פרויען־געשטאַלט שוועבט איבער דעם דיכטער פון אַ לירע ארויס, אין גאָלדענעם שיין געהילט.

ה י נ ט ע ר דעם בלוילאַך־דורכזיכטיגען פאָרהאַנג, אויף דער בינע, שפּרייט זיך אויס אַ גרויע, טרוקענע געגענט. צוויי בערג־קייטען ציען זיך רעכטס און לינקס. צווישען די בערג, ביים האָריזאָנט, פאַרוואַנדעלט זיך דער דורכגאַנג אין אַ ברייטען טאָל. אין טאָל זעט זיך די אַלטע שטאָט ש כ ם: קרומע, שמאָלע געסלאַך, קליינע הייזלאַך און צעוואָרפענע חורבות אין אַלטען אָריענטאַלישען סטיל; דאָ און דאָרט דער בלישצענדער קופּאָל פון אַ מעטשעט; דער צלם־שפּיץ פון אַ קלויסטער און, אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעל, דער ברייטער פאַסאַד פון אַן אַלטער שול. אין הינטערגרונט פון דער שטאָט, אין טאָל, זעען זיך אָראַנזש־גערטנער און אַרום דער שטאָט איינצעלנע גרופּעס פון צעדער־און אײלבערט־בוימער.

ביי די בערג רעכטס זיינען צעוואָרפען עטלאכע לייוועגטענע געצעלטען און נענטער פאָרויס ציט זיך אַן אַלטע צעוואַלגערטע וואַנט. ביי דער וואַנט הייגנט אויף אַ דריי־פיסיגער שטאַנג אַ קעסעל מיט זודיגע וואַסער, פון אים זעצט אַ פּאַרע; אונטער׳ן קעסעל גליט נאָך אַ האַלב־פאַרלאָשען פייער. אויף די שטאַנגען הייגען עטלאַכע פעלכלאַך. לעבען דעם שטאַנג איז אַ האַלב־פאַרשאָטענער ברונעם, ארומגעלייגט מיט ווייסע שטיינער אויף וועלכער עס זעען זיך פלעקען פון פריש בלוט. אויף די בערג לינקס, שטייען אויף דעם משופּע־דיגען רוקען פון דעם באַרג, אַ גרויסע חורבה פון אַן אַלטען טעמפּעל; טיילען פון דער חורבה זיינען איינגאַנצען צעוואָרפען, אנדערע שטייען נאָך אונטערגעשפּאַרט מיט שטיינער. פון פאָרענט זעען זיך נאָך גרויסע מאַסיווע קאלאָנען מיט נידריגע פאַר־

טיקאס און הויכע אַרקען, אין אַלטען אָריענטאַלישען סטיל, האַלב רואי־נירט. דער קופּאָל פון דעם טעמפּעל פעלט אינגאַנצען. ביים אריינגאַנג אין די רואינען, צווישען די קאָלאָנעס, געפינט זיך נאָך אַ שטיק פון אַן אַלטער מאַרמאָרנער טרעפּע מיט עטלאַכע ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ שטאַרק צעוואַלגערט. איבער די טרעפּ, העכער אויף דעם באַרג, שטייען צוועלף ווייסע שטיינער, און איבער זיי, נאָך העכער, שטייט אַ גרויסער שטיינערנער מזבח. פון אונטער דעם מזבח ציט זיך אויף דעם באַרג אַ נאַטירלאַכער גראָבען און פון אים לויפט אַן אויסברוקירטע רינע באַרג־אַראָפּ. בייזע זענען פריש געפאַרבט מיט בלוט. אויפ'ן מזבח ברענט אַ נר תמיד. איבער דעם מזבח, אויף אַ טייל פון דער צעוואַלגערטער וואַנט, הייננט אַ קאָסטבאַרער ארון קודש; איבער אים, אויף גילדערנע רינגע־לאַך, הייננט אין פאַלדען אַ רייכער גרינער דאַמאַשקענער פרוכת. העכער אויף דעם באַרג זעען זיך די רואינען פון אַ קריסטלאַכער קירכע און אויפ'ן שפּיץ באַרג שטייט נאָך אַן אַלטער שלאָס אין מיטעלאַלטערלאַכען גאָטישען סטיל, מיט געבעל־שפּיצען און פליגעל־טורעמס, פאַרוואַנדעלט אין אַ מו־סולמאַנישער מעטשעט.

פאַרענט פאַר די רואינען איז די געגענט וויסט, טרוקען און שטיי־נערדיג. דאָ און דאָרט, רעכטס, געפינען זיך נאָך די סימנים פון דעם אינעוויניגסטען חויף פון דעם אַמאָליגען טעמפּעל און ערטערווייס לינקס, זעט זיך נאָך די אויסוועניגסטע שטיינערנע וואַנט אָבער שטאַרק צעוואַלגערט. דאָ און דאָרט ליגען נאָך גרודעס גרויע פאַרוויסטע שטיי־נער פון איר. נענטער, פאַרויס ביי דער וואַנט, זעט זיך אַ גרויסער נידע־ריגער ערדענער אויוועז. אין אים גליט אַ פייער. זיין האַלב־קיילאַכ־דיגע עפענונג איז טיילווייס פאַרשטעלט מיט אַ שטיין. נאָך נענטער, לינקס, שטייט אַ קליינער, שטיינערנער מזבח, פון אים שלענגעלט זיך אַ רויך. און ווידער איז אַלץ ארום פאַרטריקענט, ערדיג, שטיינערדיג און וויסט.

צפניה — דער כהן גדול, אין אַ העל גרינעם סאַמעטענעם מאַנטעל, פון פאָרענט מיט קאָסטבאַרע שטיינער באַזעצט, מיט אַ רויטען גאַרטעל און אַ רויטען זיידענעם טורבאַן, זיצט רעכטס פאַרזונקען אין טיפען רעליגיעזען עקסטאַז: דעם קאָפּ מיט דער ווייסער באָרד אויף דער ברוסט געבויגען, די הענט אָנגעלענט אויף זיין לאַנגען שטעקען.

בן זאב — אין אַ ווייסען, זיידענעם מאַנטעל מיט אַ רויטען גאַרטעל און אַ רויטען טורבאַן, שטייט לעבען קליינעם מזבח, דעם שטעקען אין דער האַנט, דעם קאָפּ טיף געבויגען.

דאָס פאָלק — די שומרונים, האַלב פאַרהונגערטע מענשען, מיט טונקעלע שטריכען — שוואַרצע אָדער גרויע בערד — אין ווייסע לייווענטענע

קיטלען, פאַרשיידען געגאַרטעלט און פאַרשיידענע טורבאַנען גרופּירען זיך פּאַמעלאַך; איניגע זיינען נאָך ביי די שטאַנגען פאַרנומען, אַנדערע ביים ערדענעם אויוון; נאָך אַנדערע לעשען אויס די ליכט ארום די רואינען, אָבער אַלע ציען זיך צוביסלאַך אינאיינעם און זינגען אין שטילען ליטורגישען מאָנאָטאָנעם געזאַנג.

דער דיכטער, אין עקסטאַטישער שטימונג, הערט זיך צו, די מוזע, שוועבט איבער אים אין איר גלאָררייכען ליכט.

ד אָ ס פ אָ ל ק: — (אין כאָר) לית אלא — אלא אחד, אלה אחד!...

ס אָ ל אָ: — (זינגט.) ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט דעם איינציגען!...

פ אָ ל ק: — (אין כאָר.) אלא אחד!...

ס אָ ל אָ: — ער האָט די וועלט באַשאַפען מיט זיין ווילען.

ד אָ ס פ אָ ל ק: — (אין כאָר.) אלה אחד!

ס אָ ל אָ: — די הימלען, די ערד און די ימים — האָט ער באַשאַפען!...

ד אָ ס פ אָ ל ק: — (אין כאָר.) אלה אחד!

ס אָ ל אָ: — די ליכטער אין די הימלען, די פיש אין די ימים, די מענשען אויף דער ערד — האָט ער באַשאַפען.

ד אָ ס פ אָ ל ק: — (אין כאָר.) אלה אחד!

ס אָ ל אָ: — און איז פון זיין ווילען צופרידען געווען.

ד אָ ס פ אָ ל ק: — (אין כאָר) לית אלה, אלא אחד, אלה אחד!

ס אָ ל אָ: — ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט דעם איינציגען.

ד אָ ס פ אָ ל ק: — (אין כאָר.) אלה אחד!

(לענגערע פּויזע. גרופּירען זיך פּאַמעלאַך מער און מער.)

ד י כ ט ע ר: — מוזע, וואו זענען מיר?

מ ו ז ע: — אין אַלטען לאַנד ישראל, דיכטער.

ד י כ ט ע ר: — און אָט די בערג, די וויסטע און פאַרוואָגעלטע?

מ ו ז ע: — דאָס זענען שומרון'ס בערג.

ד י כ ט ע ר: — און ווער איז דאָס פאָלק דאָ, מוזע?

מ ו ז ע: — דאָס איז דאָס לעצטע איבערבלייבאכטס פון דעם אַלטען אַפשטאַם פון דאָס פאָלק ישראל — די שומרונים, איצט צוויי הונדערט און פופציג נפשות קוים אין צאָל, די איינציגע און די לעצטע... אָבער נאָך ביז היינט באַהאַלטען זיי דעם גלויבען און מנהגים פון זייערע אַלטע אָבות, און זייער געזאַלבטער כהן גדול און די זקנים פון זייער קליינטשיק פאָלק זענען נאָך איצט זייערע וועג־ווייזער און פירער פאַר גאָט און לייט. אהער, צום הר גריזים, וואָס איז זיי אַזוי הייליג, ווי דער באַרג סיני ביי זייער הויפּט־שטאַם, די בני ישראל, קומען זיי נאָך איצט יעדעס יאָר, דעם פערצענטען אין חודש ניסן, צו ברייננגען צו גאָט דעם אַלטען קרבן פסח.

(דאָס פאָלק, שוין גרופירט, ציט זיך פּאַמעלאַך צום דורכגאַנג פון די בערג מיט באַר געזאַנג.)

דאָס פאָלק: — (אין באַר) לית אלה — אלא אחד, אלה אחד!

(דער דיכטער הערט ווידער אין עקסטאַטישער אַנשטרענגונג.)

סאָלאָ: — ניטאָ קיין גאָט איבער גאָט דעם איינציגען.

פאָלק: — (אין באַר.) אלה אחד!

סאָלאָ: — פון די פעלקער אויסדערוויילט, מיט זיין ווילען —

פאָלק: — (אין באַר.) אלה אחד!

סאָלאָ: — האָט פון מצרים אונז באַפרייט, דער גרויסער שעפער!

פאָלק: — (אין באַר.) אלה אחד!

סאָלאָ: — דורך דעם מדבר דורכגעפירט אין אונזער לאַנד אריין, און זיין געבאָט צו היטען — האָט ער שטרייננ אַנגעזאָגט.

פאָלק: — (אין באַר.) אלה אחד!

סאָלאָ: — ברייננען מיר דעם קרבן פסח היינט, ער זאָל פון זיין ווילען צופרידען זיין!...

פאָלק: — (אין באַר.) לית אלה — אלא אחד, אלה אחד!

סאָלאָ: — ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט דעם איינציגען.

פאָלק: — (אין באַר.) אלה אחד!

מוזע: — דו הערסט, דיכטער, דאָס ברייננען זיי דאָ איצט דעם קרבן פסח, דאָס אור־אַלטע פייער־אָפּפער. צו גאָט יהוה פאַר דער באַפרייאונג פון מצרים...

דיכטער: — ווי וואונדערלאַך עס איז דעם מענשען'ס זעל... אַ הייפעל מענשען, פון לעבען פאַרפּייניגט ביז צום טויט, קוים צוויי הונדערט און פופציג אין צאָל, וואָס וועלען באַלד, ווי זייער אַלטער הויפּט־שטאַם אליין — דאָס צעזייטע פאָלק ישראל — אינגאַנצען אונטערגיין, ברייננען נאָך אַ צינד אַ דאַנק־אָפּפער פאַר זייער באַפרייאונג! ווי וואונדערלאַך און שיין!

מוזע: — אַבער, דיכטער, פון וואַנען דרינגסטו, אַז זיי און זייער הויפּט־שטאַם, ישראל, וועלען אונטערגיין?

דיכטער: — זאָגסטו עס מיר אַליין ניט אונטער, מוזע, אין שטילע כודות אויפ'ן אויער?...

מוזע: — די מוזע פאַרמאָגט בלויז בילדער, זכרונות פון דעם וואָס איז שוין געשען. פאַרשטעלונגען פון דעם וואָס וועט נאָך געשען. זיי וועל איך פאַר דיר אויך אויספּרייטען. און ווילסטו, דיכטער, דעם גורל פון אָט די מענשען אויף די טויערען פון דער צוקונפט שרייבען, דאַן באַטראַכט די בילדער און די געשטאַלטען און דרינג דורך דאָס לעבען וואָס זיי פירען זייט טויזענטער יאָרען און זע דעם קאַמף וואָס זיי קעמפען. אַ קאַמף פון

צוויי באזונדערע וועלטען. לייען דעם קאמף, דיכטער, און באשייד: איז ער אן אומזיסטער אדער עפעס נייעס מוז פון אים אנטשטיין? און אין דיין באשייד, דיכטער, ליגט אויך דאס שליסעל צו דאס רעטעניש: צי וועט דאס צעזייטע און צעשפרייטע פאלק לעבען אדער אונטערגיין...

ד י כ ט ע ר: — איך בין דיין קנעכט, געליבטע פון מיין זעל, איך בין פון גאט באשווירען, דיר געהארכזאם צו זיין...

ד א ס פ א ל ק: — (אין כאר הערט זיך שוין ווייט פון צווישען די בערג) לית אלה — אלא אחד, אלה אחד!

(דער דיכטער גייט פאמעלאך פאריבער; די מוזע שוועבט איבער אים אין גלאררייכען ליכט; דער בלויער נעבעל־פארהאנג גייט אויף.)

ס א ל א: — (ווייט צווישען די בערג) ניטא קיין גאט אויסער גאט דעם איינציגען.

פ א ל ק: — (אין כאר.) אלה אחד!

צ פ נ י ה: — (הויבט אויף דעם קאפ צום הימעל זייער פאמעלאך. אין רעליגיעזען עקסטאז) אלה, אלה אחד!

ד א ס פ א ל ק: — (שוין ניט געזען, פון הינטער די בערג) לית אלה — אלא אחד, אלה אחד!

צ פ נ י ה: — (שטייט פאמעלאך אויף, הויבט ביידע הענט מיט'ן קאפ צום הימעל) געלויבט זאל זיין זיין נאמען, אלה, אלה אחד! (וויל גיין.)

ב ן ז א ב: — (ווייזט אויפ'ן קליינעם מזבח) דער אפפאל פון דעם קרבן, כהן גדול, איז שוין פארברענט. די זון וועט זיך באלד זעצען הינטער די בערג. דו זעסט, צפניה, עס שפרייטען זיך שוין אויס די שאטענס פון דער נאכט אין טאל.

צ פ נ י ה: — (אין רעליגיעזען עקסטאז) געלויבט זאל זיין נאמען, אלה, אלה אחד! (גייט.)

ב ן ז א ב: — (מיט אימפולסיווער באוועגונג) צפניה, כהן גדול!

צ פ נ י ה: — (בלייבט שטיין) וואס ווילסטו דען, מיין זון? דאס פייער גליט נאך אינ'ם אויווען; דער קרבן פסח וועט נאך שעה'ן לאנג ניט פאר־טיג זיין. לאמיר גיין, בן זאב, איך וויל דערוויל זיך צוגרייטען צו מיין לעצטער עבודה.

ב ן ז א ב: — איך וויים, כהן גדול, דער קרבן האט נאך צייט... אבער, צפניה, איך וויל דיר זאגען, אז דיין ברודער אהרן'ס זון, אוריה, איז אונז פרעמד. ערשט נעכטען איז ער צו אונז צוריקגעקומען פון ווייטע, פרעמ־דע לענדער; איך וויים, דו האסט נאך אים געשיקט; אזוי האסטו געוואלט; דיין ווילען, כהן גדול, איז אונז הייליג. און עס קען אויך זיין, אז דו פאר־נעמסט זיין יונגע ווארימע נשמה בעסער איידער מיר, די זקנים פון דיין

פאלק... אונז אבער, צפניה, איז אוריה פרעמד... מיר האבען פאר אים מורא!...

צ פ נ י ה: — (ערשטוינט) מורא גאר?!

ב ן ז א ב: — יא, כהן גדול, מורא האבען מיר פאר אים; און דו — דו ווילסט נאך היינט, אין איילעניש, דערפילען דיין באגער און זאלבען אים פאר גאט'ס דערוויילטען כהן גדול און מאכען אים פאר'ן פירער פין דיין פאלק... שטרענג אז דיין אלטע ראיה, כהן גדול, און קוק זיך בעסער צו; נייג צו דיין אויער, צפניה, און הער זיך בעסער איין; פארנעם דעם ווילען פון דיין פאלק, צפניה, כהן גדול.

צ פ נ י ה: — (אין היילינען עקסטאז) א! בן זאב, געלויבט זאל זיין דער נאמען פון אלה דעם בארעמהארציגען. וואס איך בין זוכה שומרון'ס איינגסטען יורש נאך מיט מיינע אלטע הענט צו זאלבען און איידער איך שלים צו די אלטע מידע אויגען מיין אייגען בלוט צוריקצוקערען צום מזבח פון גאט... געדענק, בן זאב, צו אים געהערט ער; עס איז זיין רעכט פון לאנגע דורות אז און עס מוז אזוי געשען; אזוי וויל גאט!...

ב ן ז א ב: — (מילדער) איך ווידערשפעניג דיר ניט, כהן גדול, איך זאג נאר, פון זינט דאס פאלק האט אים דערזען, רעגט זיך אין זיין ברוסט א ווידערווילען...

צ פ נ י ה: — דאס פאלק זאל הערען און געהארכען!... (טאן ענדע־רונג) אבער ווייסט איר דען ניט אלע, ווי לאנג איך האב געווארט מיט מורא אין מיין הארצען; ווי לאנג איך האב פאר גאט'ס געצעלט מיט תפלות און מיט טרערען געציטערט און געבעטען ער זאל מיין קול דער־הערען און זאל אים אומקערען צוריק צו אונז?

ב ן ז א ב: — (מיט א ביסעל חניפה) איך ווייס, כהן גדול. מיר פלעגען אפט דיך זען, אין טונקעלען בין־השמשות, דעם גרויען קאפ גע־בויגען צו די חורבות די היילינע, שעפצענדיג א תפלה אין דער שטיל. דאס שטילע מורמלען פלעגט אין אויער ווי א מזמור זיך צעטראגען און פלעגט צעגיסען זיך אין אונזערע נשמות; און גערירט פון דיין געבעט, פלעגען מיר מתפלל זיין מיט דיר. אבער, צפניה, כהן גדול, דאס איז געווען נאך איידער מיר האבען אים דערקענט, אוריה'ן דיין ברודער אהרן'ס זון; איצט אבער ווייסען מיר, אז ער איז אונז א פרעמדער.

צ פ נ י ה: — מיין ברודער אהרן'ס זון איז אייך א פרעמדער? אלה בארעמהארציגער! איך לעסטערט, זקנים פון מיין פאלק! פארשטייט איר ניט, אז איצט ערשט קען איך שטארבען רואיג, דען ער איז דאך דער איינ־ציגער, בן זאב, וואס קען אייך מיט'ן ליכט פון זיין נשמה פירען אויף די שטעגען פון גאט.

ב ן ז א ב: — ווער ווייסט צי קען ער גאט!

צ פ נ י ה : — (עמפאטיש) ער איז אוריה, שומרונ׳ס זון, און וועט זיין גאט דערקענען... און יענע האנט וואס האט געפירט זיין פאטער אהרן צו שטארבען פאר זיין גאט, וועט אויך אים פירען צו לעבען פאר זיין פאלק און פירען אייך אין אלה׳ס גרויסע וועגען... האלט מיך ניט אפ, בן זאב. לאנג וועט שוין ניט דויערען און איך וועל דעם טויט אנטקעגענגיין; איך פיל ער קומט — דער טויט!... א גאנצען טאג היינט זע איך אפט א ליכט פאר מיינע אלטע אויגען. איך מאך זיי צו... און ס׳ווערט מיר ליכטיג... א העלער פאס פארשפרייט זיך אין דער לייגג און מיט זיין שיין באַלויכט ער מיר דעם וועג — אהין... (אין טיפער מיסטישער שטימונג) דו הערסט, בן זאב? הער!... עס שאלט א טראמפייט און רופט... פארהאלט מיך ניט!.. גיי, טייל באצייטענס אפ דעם חלק קרבן פסח פאר דעם אלטען וויזיר א מתנה — היינט איז זיין גרויסער יום טוב פעסט — און דאס איז דאך דאס טייערסטע וואס מיר פארמאגען צו געבען אים פאר זיין גענאד צו אונז... זאלען עס די טרעגער ברייננגען אין גארטען פון פאלאץ און דו לייג עס, ווי פון יאר צו יאר, צו זיינע פיס מיט ערפורכט צו זיין הערשאפט אויף דער ערד. און ווען בן זאב, די זון וועט פארזינקען אין דער נאכט, באפעל דעם פאלק צום בית התפילה קומען; הייס אנצינדען די ליכט אין אלע מנורות; זאל פלאקערען דאס פייער אויף די בערג און זאל דאס גאנצע פאלק פארזאמלען זיך אהער; און איידער דו וועסט אויסטיילען דעם פאלק דעם קרבן פסח וועל איך מיין לעצטען וואונש דערפילען, מיין איינציגען באגער: אוריה׳ן די כהונה גדולה איבערגעבען... אזוי וויל גאט!... געלויבט זאל זיין זיין נאמען..געלויבט דער ווילען פון אלה, אלה אחד! (אפ.)

ב ן ז א ב : — (פארביסען) אזוי וויל גאט!... הם... אזוי וויל ער, צפניה, דער כהן גדול פון מיין פאלק... (וויל גיין. דערזעט ווי עס קומען פון די בערג דו רייסאן, סיר עדוואַרד און דער אַראבער, געלאַדען מיט שטיקלאַך אלטע טאוולען, ליימענע כלים און אַנדערע אויסגעגראָבענע חפצים) אָ! די אלטע הארען קומען. (פויזע.) אפשר?! (ציט זיך צוריק הינטער די רואינען.)

ס י ר ע ד ו ו א ר ד : — (זעט ווי דער אַלטער צפניה פארשווינדט. צעטראָגען; אויף גיך צו דעם אַראַבער) אבא, אבא, גיכער! לייג אַוועק די טאָוולען און קער מיר אום דעם אלטען פריסטער. איך וויל אים זען.

א ב א : — (לייגט אַוועק די זאַכען פויל, ניט רירעוודיג) דו ווילסט אים זען. הער! באלד, אט וועל איך גיין... באלד!

ס י ר ע ד ו ו א ר ד : — אַבער גיכער, אבא, גיכער; ווי דו רירסט זיך! און גיב נאר אכטונג, צעברעך מיר ניט דעם טאָוועל און רייב ניט אפ די אויפשריפט! (ער נעמט ביי אים דעם טאָוועל.)

אָ ב אָ : — איך רייב ניט אפ... ער רייבט זיך אַפ אליין...

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — אך, ווי אומגעשיקט דו ביסט!... זע נאַר, זע! אַז אות האסטו פארמעקט — זעסט!

א ב א: — (קוקט זיך צו מיט פאַרוואונדערונג) אַז אות?!... פאַר־מעקט!... איך שווער ביים נביא'ס באָרד, מיין האר, איך האָב עס ניט פאַר־מעקט...

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — נו, גיי שוין, גיי; און אייל זיך צו; דו וועסט אים ניט דעריאָגען ווי דו קלייבסט זיך...

א ב א: — (פאַרלייגט פאַמעלאַך אַ האַנט אין אַ האַנט און די אָרבעל) איך גיי מיט אַללאַ'ס הילף, מיין האר — און וועל אים דעריאַגען!...

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — (שרייט אים נאָך) אַבער גיכער, גיכער, אבא!

ב ן ז א ב: — (טרעט ארויס מיט נאָך אַן עלטסטען; שטיל) מיר וועלען פּרואווען!... (הויך) זייט געגריסט, איר אַלטע הארען!

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — (צו דו ריימאַן) אַ! אַט זענען שומרון'ס עלטסטע דאָ!

ד ו ר י י מ א ן: — זייט איר אויך געגריסט אין גאָט'ס נאָמען, שומרון'ס עלטסטע!

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר: — זייט געגריסט!

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — (מיט אַנגערוקטע ברעמען, קוקט איבער די ברילען) נו!... האט איר שוין באשלאסען? פארקויפט איר אונז אייער אַלטע ספר תורה?

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר: — מיר, די זקנים פון דאס פאָלק, זענען באַ־רייט צו דערפילען אייער פארלאנג.

ד ו ר י י מ א ן: — (דערפרייט) ווי!? איר אויך; און דער אַלטער פּריסטער אויך?

ב ן ז א ב: — (אומרואיג, מיט האַנט באַוועגונג) ניין, מיינע אַלטע הארען! מיר זיינען נאך ניט אייניג צווישען זיך; ניט אַלע קענען אזוי גרינג זיך שיידען מיט אונזערע אַלטע הייליגטומער! דער אַלטער צפניה זיכער ניט...

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר: — מיר וועלען שוין צווישען זיך דורכקומען — ער אויך... אַבער דעם אַלטען צפניה — אים זאָלט איר צווינגען צו טאָן וואס מיר פאַרלאַנגען, אויב איר ווילט דאס אַלטע ספר האָבען.

ד ו ר י י מ א ן: — וואס הייסט צווינגען? איך פארשטיי אייך ניט, עלטסטער האר.

ב ן ז א ב: — עס וועט אייך אפשר פרעמד זיין, מיינע הארען, דאך וועט איר עס פארשטיין; איר האָט די מאכט און קענט אויף אים ווירקען ער זאָל זיך אפזאגען פון דעם וואס ער וויל היינט נאך טאָן...

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — (צעטראָגען) וואָס וויל ער דען טאָן?

ב ן ז א ב: — ער וויל נאך היינט, ביים לעבען, זאלבען, אנשטאט מיר פאר'ן כהן גדול פון מיין פאלק א יונגען מאן, א פרעמדען און ברייגגען אומרו, קריג און מרידה אין אונזער אלטען שטאם... און זאל עס אים געלינגען, ווער ווייסט וואס ס'קען געשען...

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר: — און צי וועט איר דעמאלט דאס אלטע ספר קריגען? פארווערט אים... וועלען מיר שוין זען, אז איר זאלט דאס ספר האבען...

ד ו ר י י מ א ן: — אים צווינגען... ווי קענען מיר?

ב ן ז א ב: — דאס זאלט איר בעסער וויסען, מיינע הארען. וואס מיר בעטען איז הילף פון אייך. העלפט אונז, אלטע הארען! און ווען די שעה וועט קומען און צפניה'ס נשמה וועט אין הימעל רו געפינען, וועלען מיר אליין א כהן גדול זאלבען; זאל אלץ אין אונזער לעבען ביים אלטען בלייבען, ווי עס איז פון דורות אן ביי אונז געוועזען!...

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר: — דעמאלט וועט איר אויך דאס ספר קריגען; איך זאג אייך צו... מיר וועלען דעם פאלק דערציילען, אז איר האט אונז פון א גרויסען אומגליק אויסגעהיט; און דאס פאלק אליין וועט זיין מיט אונז — די עלטסטע.

ד ו ר י י מ א ן: — מיר זיינען תמיד גרייט צו העלפען אייך, זקנים פון דאס פאלק. דאך זע איך ניט דעם וועג צו קענען אים פארווערען אין זיין רעכט צו טאן וואס ער פארלאנגט.

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — (שלאגט איבער) א! קאלעגע, איך האב א פלאן... ווארהאפטיג, א פלאן... מיר וועלען נאך היינט ביים וויזיר'ס פעסט א ביטע אים דערלאנגען, אז ער זאל אים פארווערען צו האנדלען געגען זיין פאלק'ס ווילען!... הא? ! וואס זאגט איר, עלטסטע?

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר: — א פלאן!... א פלאן!... מיין האר!...

ב ן ז א ב: — (אומרואיג, צום עלטסטען) וואס רעדסטו, וואס? ניין, מיינע הארען! דעם וויזיר'ס א פארבאט — ווער ווייסט צו וואס דאס קען פירען.

ד ו ר י י מ א ן: — גערעכט! מען דארף זיך ערנסט איבערלייגען.

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: אך, אך!... עס קען ניט שאטען... דאך, באלד קומט דער פריסטער אליין; איך האב געשיקט נאך אים; וועלען מיר מיט אים אליין פארהאנדלען: אפשר וועט ער איינגיין צו טאן וואס איר פארלאנגט.

ב ן ז א ב: — ניט ער... דאך האט איר געשיקט נאך אים; קענען מיר דא לייגגער ניט פארבלייבען. מיר מוזען גיין... פרידען צו אייך, אלטע הארען! טוט אלץ וואס איר קענט צו העלפען אונז. אבער זעט אונז קיין שלעכטס ניט צו טאן...

ד ו ר י י מ א ן : — מיר וועלן דאָס בעסטע טאָן, עלטסטע!

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר : — און מיר וועלן אונזערס טאָן... פרידען צו אייך, איר אַלטע הארען!...

ד ו ר י י מ א ן : — פרידען אויך צו אייך, שומרון׳ס עלטסטע! (בן זאב און עלטסטער אָפּ.) (צו סיר עדוואַרד) דער אַלטער פּריסטער, סיר, איז אַ שטאַרקער, פרומער מענש; איך קען אים גוט. עס וועט מיט אים ניט גרינג זיין צו פאַרהאַנדלען.

ס י ר ע ד וו א ר ד : — איך קען אים אויך; אָבער ניט אייביג וועט ער לעבען... איר האָט געהערט: ער וויל אַליין, נאָך היינט, אַ יונגען פּריס־טער זאָלבען: זאָל ער נאַר!... די יונגע האָבען שוין ניט דעם פעסטען גלויבען וואָס די אַלטע. נאַר געדולד, קאַלגע; פריער אָדער שפּעטער וועט אַ ווינקעל אין מוזעאום ערבען זייער אַלטע תורה... איך האָב אויף דעם מיין קאָפּ געלייגט. (פלוצלונג, מיט מאָדנער באַגייסטערונג) אַ־אַ־אַ! און שטעלט אייך פאָר, קאָלעגע, ווען צווישען אַלע אַלטע שריפטען, אין בריטי־שען מוזעאום, וועט ליגען אויך די עלטסטע פון אַלע פאַרמעט־שריפטען, גאָט׳ס תורה — דער אַלטער פערגאַמענט!...

ד ו ר י י מ א ן : (מיט גראַציעזער וואָרימקייט) עס וואָלט געוויס אַ גרויס פאַרדינסט געווען, סיר עדוואַרד!

ס י ר ע ד וו א ר ד : — (באַקוקט דעם טאָוועל) אָך, דער אומגעשיקטער באַרבאַר; ער האָט דעם שפּיץ פון טאָוועל אָפּגעבראָכען און האָט אַן אות פאַרמעקט. (עווא דו ריימאַן קומט פון די בערג; לעבעדיג, שוועבענדיג שטעלט זי זיך אָפּ און הערט זיך צו אַ ווײַלע.)

ד ו ר י י מ א ן : — (קוקט מיט סיר עדוואַרד אויפ׳ן טאָוועל) ווירקלאָך, ווי אומגעשיקט ער איז...

ע וו א ד ו ר י י מ א ן : — (האַלב זינגענדיג) ווי אַלע דאָ אין אַלטען אָריענט: פויל און אומגעשיקט און טויט... כאַ־כאַ־כאַ!...

ד ו ר י י מ א ן : — (קוקט זיך אום) עווא, דאָ? ! ווי קומסטו אַהער?

ע וו א ד ו ר י י מ א ן : — (צערטעלט אים, שפּילעריש) איך האָב אין די בערג געוואַנדערט, פאָטער, און האָב דאָס אַלטע גרויסע פעסט געזען.

ד ו ר י י מ א ן : — (לאַשצעט זי) דו האָסט דאָס פעסט געזען, עווא, וואו?

ע וו א : — (שטיפעריש) הינטער די בערג פאַרבאָרגען האָב איך אַלץ געזען; אָבער ווי ווייסט איז דאָ די געגענט!

ד ו ר י י מ א ן : — עס איז אַ געגענט, קינד, פון אַ לאַנג פאַרטי־ליגט פאָלק.

ע וו א : — און דאָ וויל אוריה לעבען? האַ־האַ־האַ! (צפנית און אבא ווייזען זיך אין דעם דורכגאַנג פון די בערג.)

ד ו ר י י מ א ן: — ששש!... עווא, דער אלטער פריסטער קומט. ער דארף דיך דא ניט זען. גיי, טאכטער, פארוויל אביסעל אין געצעלט פון דער אמבאסאדע און גרייט זיך צו. היינט איז דער גרויסער טאנץ־פעסט אין וויזיר׳ס גארטען. דו וועסט זיך דארט פיל אמוזירען און פרייד און לוסטיקייט געניסען אין פולער מאס... מיר וועלען אויך דארט זיין.

ע ו ו א: — אך, יא — איך גיי. היינט איז דעם וויזיר׳ס טאנץ; איך האב כמעט פארגעסען... (גייט, בלייבט שטיין אויף א סעקונדע; צעלאכט זיך) הא־הא־הא!... און דא וויל אוריה לעבען... הא־הא־הא!... (שנעל אפּ).

ד ו ר י י מ א ן: — (ווייזט) סיר עדווארד, דער אלטער פריסטער קומט!

ס י ר ע ד וו א ר ד: — (גיך) מען דארף מיט אים לאנג ניט פאר־האנדלען: יא—יא; ניין—ניין. איך וויל נאך היינט דעם טאוועל דעשיפּ־רירען. עס מוז אן אוצר זיין... אן א־ו־צ־ר!...

ד ו ר י י מ א ן: — איך זאל עס גלויבען, סיר! (גייען ביידע אנטקעגען צפניה׳ן.)

צ פ נ י ה: — (קומט אן) פרידען צו אייך, איר אלטע הארען, פון די ווייטע מערב־לענדער. איך האב פון אייער קנעכט פארנומען זיין שליחות און האב זיך אומגעקערט צו אייך. זאגט וואס איר פארלאנגט!

ד ו ר י י מ א ן: — פרידען אויך צו דיר, גרויסער פריסטער! דארף איך דיר דען ווידער זאגען וואס מיר פארלאנגען?... מיר האבען אייך דעם פארשלאג שוין געמאכט; מיר ווילען אייער אלטע תורה קויפען, פריסטער...

צ פ נ י ה: — (אומרואיג, א טריט צוריק) ו־ו־י־ד־ע־ר!...

ס י ר ע ד וו א ר ד: — יא, יא!... ווידער... געוויס ווידער!... איר האט אן אלטע שריפט, דעם עלטסטען עקזעמפּליאר וואס איז דער וועלט באקאנט. וואס טויג עס אייך? א נייע תורה קען אייך דיזעלבע ניצען ברייגגען, און פאר דער אלטער ספר־תורה, פריסטער, זאגט נאר אייער פרייז... מיר וועלען גוט באצאלען!

צ פ נ י ה: — איר טוט מיר וויי!... איר, הארען פון די פרעמדע לענדער! ביי אייך איז אלה׳ס תורה, גאט דעם איינציגענס געבאט, א „שריפט" צום פארקויפען. האנדלען, ווילט איר, זאל איך מיט גאט׳ס ווארט?

ד ו ר י י מ א ן: — (העפלאך, פריינדלאך) ניין, ניין... פארשטייט אונז, פריסטער: מיר זאמלען דא די אלטע אוצרות פון די מזרח־לענדער, די זכרונות פון די פעלקער וואס האבען דא אמאל געלעבט און מיר באהאלטען זיי פאר די דורות פון דער צוקונפט...

ס י ר ע ד וו א ר ד: — (פאלט אים אריין אין די רייד מיט א מין

וויסענשאפטלאכער התלהבות) פארשטייסט, מיר זאמלען יעדע אלטע זאך: א שטיקעל טאוועל, אן אלט געפעס, א טאפ — א ליימענעם — א ווארט, אן אות, אן אפגאט, לערנען מיר מיט פליים און שטעלען אוים ביי אונז אין די מוזעען. ווי געטער הייליגע וואס מיר פארערען...

צ פ נ י ה: — (צוקט מיט די אקסעל, דערשטוינט) איך פארשטיי אייך ניט, איר גאונים פון די פרעמדע לענדער! ווי קענט איר דען א שטיקעל ליים, א שטיין, א כלי — אן אפגאט גאר, פון מענשען׳ס הענט געמאכט — ווי גאט דעם הייליגען פארערען? זענט איר דען געצען־דינער, איר גאונים פרעמדע? מיר גלויבען ניט אין געצען... גאט איז איינער און זיין תורה איז דאס הייליגסטע וואס ער האט אונז — זיין פאלק — געגעבען.

ד ו ר י י מ א ן: — (ווייך, עדעל) ריכטיג, גרויסער פריסטער! אבער דאס איז אלץ אמאל געווען. זעסטו דען ניט, פריסטער, אז דיין פאלק פארשווינדט? וואס איז דען פון דיין פאלק געבליבען? א הייפעל ארימע פארהונגערטע מענשען — אן א היים — פארפאלגט פון אלע פעלקער... דו קענסט דיין פאלק ניט רעטען; עס שטייט אויפ׳ן שוועל פון אונטערגאנג... אבער ברויט, צו שטילען דעם הונגער פון די עלענדע, קענסטו זיי נאך געבען. מיר אייראפעער שיצען דיינע ברידער: מיר האבען מיטלייד מיט דיין פאלק און ווילען דעם אויך העלפען; ווילסט דו אים דען ניט העלפען?

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — (פאלט אים אריין אין די רייד) און דו וואלסט אויך געקענט: פארקויף די אלטע שריפט און איר וועט האבען געלט... און געלט איז אלץ... ברויט און גליק... (פלוצלונג פאלט ער אריין אין וויסענשאפטלאכער באגייסטערונג) א־א־א! קאלעגע! איך קוק אזוי אויף אים און טראכט: ווען איך וואלט נאך געקענט א מת פון זייער שטאם פארבאלזאמירען און אונטער גלאז אין בריטישען מוזעאום שטעלען, וואס פאר א פארדינסט דאס וואלט געווען פאר׳ן פארשריט פון דער מענשהייט אויף דורות לאנג צו באהאלטען דעם עלטסטען פון אלע טיפען פון די העברעער. א!...

ד ו ר י י מ א ן: — (מיט א ליב שמייכעל) א! ווען איר וואלט געקענט, סיר עדווארד!

צ פ נ י ה: — (אומגעדולדיג) איך פארשטיי ניט אייער שפראך, חכמים און געלערענטע. אבער גאט׳ס תורה איז דאס ליכט וואס ווייזט אונז אן דעם וועג אין לעבען. מיר קענען ניט דאס ליכט פון אונזערע אייגען פארקויפען אייך פאר געלט; מיר האנדלען ניט מיט דעם וואס איז דאס הייליגסטע ביי אונז...

ד ו ר י י מ א ן: — ניין, פריסטער, ניט פאר דאס געלט אליין; צוליב דעם קיום פון דיין פאלק, וואלסטו געדארפט דאס טאן. וואלסטו דען ניט געוואלט, אז צווישען פעלקער, טויטע און פארגעסענע, זאל אויך דיין

פאלק, אין דורות ארום, דורך זיינע שריפטען, טאוולען, טעפּ און כלי־זין אלערליי, תחית המתים אויפשטיין?

צ פ נ י ה: — (פארוואונדערט, צוקט מיט די אקסעל) תחית המתים זאגסטו, האר?... ווי קען עס זיין? קענען דען די טעפ — די ליימענע, די טאוולען — האלב צעבראכענע און די כלי־זין פון שטיין און ערד — וואס קערען זיך צוריק צו דער ערד — דעם מענטשען'ס לויטערע נשמה, דעם פאלק'ס רוח אלהים צום לעבען ווידער ברייגנען? איך פארשטיי אייך ניט, חכמים פון די מערב לענדער, און קען ניט, מיינע הארען, מיט אייך פארוויילען לייגנער; איך וויל נאך היינט, איידער עס ווערט צעטיילט דער קרבן פסח, דאס גרעסטע אויפטאן פאר מיין פאלק: א יורש אין גאט'ס דינסט אים געבען. פרידען זאל צו אייך זיין, איר פרעמדע געסט! שטערט אונז ניט; איך וויל אליין פארבלייבען אין דער שטיל, פאר גאט א ווילע לויטערען מיין זעל. (ער גייט לאנגזאם אוועק; זיי בלייבען אויף א מינוט אין א פארלעגענהייט. דער ארכעאלאג טראגט איבער די לעצטע חפצים.)

ד ו ר י י מ א ן: — (ווייזט אויף צפניה'ן) פארוועלען אים, אדער גאר דראען אים... הם!... ווי קענען מיר?!... סיר עדוואורד?

ס י ר ע ד ו ו א ר ד: — אך, ניין... זאל ער נאר דעם יונגען פריסטער זאלבען... דער וועט זיך זיכער בויגען און עס וועט שוין רעכט ווערען... דאך פרואווען מעג מען אויך דעם ווזיר'ס הילף... עס וועט ניט שאטען... געדולד, געדולד, קאלעגע... (ביידע אפּ. דער ארכעאלאג שלעפּט זיך פויל נאך זיי; פון דער אנדערער זייט קומט בן זאב מיט עטלאכע עלטסטע שומרונים, איילענדיג פארביי.)

ב ן ז א ב: — (גייענדיג, אויפגערעגט) איר האט געהערט? נאך היינט וויל ער אונז א יורש געבען, א כהן גדול זאלבען; אוריה'ן וויל ער זאלבען... א! דער אלטער צפניה!...

ד ע ר ע ל ט ס ט ע ר: — ווען ניט דער אלטער צפניה, וואלטען מיר פארקויפט דאס אלטע ספר צו די פרעמדע הארען און מיט'ן געלט דעם שבת קודש אפגעהיט; ניט דערלאזט אז אונזערע ארימע און נויטבאדערפ־טיגע זאלען אויף א פולער וואך שוין האנדלען פאר'ן טויער פון דער שטאט... וויי צו אונז...

ב ן ז א ב: — ווען ניט דער אלטער צפניה, וואלט אוריה, א פרעמ־דער, וואס האט געלעבט צווישען פרעמדע פעלקער און פון זיי מנהגים פרעמדע און מידות פרעמדע אין זיין בלוט איינגעזאפּט, קיינמאל ניט גע־ווארען אונזער כהן גדול, אונזער פירער פאר גאט און לייט, וואס זאל אונזער תורה לערנען און חכמה געבען...

ע ל ט ס ט ע ר: — וויי, וויי צו אונז!...

ב ן ז א ב : — (גייענדיג מיט זיי) פרעמדע תורות און פרעמדע הכמות וועט ער אונז לערנען. אזוי וויל צפניה...

ע ל ט ס ט ע ר : — מאַלע וואָס ער וויל ? מען טאָר עס ניט דער־לאָזען...

ב ן ז א ב : — וועט איר עס דערלאָזען, זקנים ?...

א י י נ ע ר : — ניין, ניין!...

ב ן ז א ב : — וועט איר שווייגען, עלטסטע ?...

א ל ע : — ניין... ניין!... זאָג, וואָס זאָלען מיר טאָן ?

ב ן ז א ב : — קומט, לאָמיר גיין צום פאָלק — דעם פאָלק דערציילען, איידער עס איז צו שפעט. (ער גייט, זיי נאָך אים. פון דער ווייטענס דערהערט זיך דאָס שפּילען אויף א פייפעלע. אַלע בלייבען שטיין פאַרגאַפט. דאָס פייפעלע דערנענט זיך, הערט אויף און עס הערט זיך אַ שטיל געזאַנג.)

ב ן ז א ב : — (מיט שרעק און אויפרעגונג) גאָט!... אלה אחד!... דאָס איז די קריסטין!... איר הערט ?!... די פרעמדע נוצרית — דאָ — אין די הויפען פון אונזער בית־המקדש ; איצט, ביים חג פון קרבן פסח!...

ע ל ט ס ט ע ר : — (מיט שרעק) אַ קריסטין ?!...

א ן א נ ד ע ר ע ר : — (אויך אַזוי) אַ טמאה נוצרית!...

ב ן ז א ב : — ווי צו אונז, ווי!... (פאַרשטעלט זיך מיט די הענט די אויערען).

א ל ע : — ווי, ווי!... (איינגעבויגען, מיט פאַרשטעלטע אויערען, גייך פאַראיבער. דאָס געזאַנג קומט נענטער מיט צושפּיל אויפ'ן פייפעלע.)

ע ו ו א : — (קומט זינגענדיג) איך וועל אויף דיר וואַרטען, ליבסטער.
בּיז די זון וועט אונטערגיין ;
און אין דעם טונקעלען שאָטען, ליבסטער,
וועלען מיר נאָר זיין אין צווייען...
און די שטערען
וועלען ווערען
עדות שטומע,
עדות פרומע,
פון מיין ליבע, ליבסטער!... (שפּילט צום לעצטען אַקאָרד אויף דאָס פייפעלע.)

איך וועל אויף דיר וואַרטען, ליבסטער,
אין דיר מיט ליבע — לוסט צו נערען
און דיין שטילע טרוימער־זעלע
צו דאָס גרויסע לעבען קערען!...
און די שטערען (און אַזוי ווייטער,)
(דערהערט טריט, קוקט זיך איין און זינגט,)

אַ!... ער קומט, ער קומט, מיין ליבסטער.
ליגען וועט ער אויף מיין ברוסט;
מיך וועט ער ליבען און געניסען
פון דעם קוואל פון ליבע־לוסט!...
און די שטערען (און אַזוי ווייטער.)

(קוקט זיך גוט איין און מיט אַ פינגער אויפ'ן מויל:)

ע ו ו אַ: — ששש!... ער קומט ניט אַליין... (ציט זיך פּאַמעלאַך צוריק הינטער די שטיינער און טרילט אין האַלב־טאָן: „און די שטערען וועלען ווערען עדות שטומע, עדות פרומע פון מיין ליבע, ליבסטער". פאַרשווינדט. אוריה קומט אַן מיט דר. אשכנזי. דר. אַשכנזי אייראָפּייאיש געקליידעט מיט אַן ענגלישען זומער־הוט אויפ'ן קאָפּ; אוריה האַלב־אייראָפּייאיש און האַלב אָריענטאַליש געקליידעט, מיט אַ זיידענער אַבייע און אַ ווייסען זיידענעם טורבאַן.)

ד ר. א ש כ נ ז י: — (האַלטענדיג אין ריידען) יאַ, אוריה, דאָס איז די געגענט. איך וועל דיך ניט פאַרהאַלטען לאַנג. סיר עדוואַרד האָט דאָ אַ וויכטיגען טאַוועל געפונען און איך דאַרף אים נאָך היינט זען.

א ו ר י ה: — (קוקט זיך אַרום, פאַרזאָרגט) אָט דאָ איז די געגענט... און איך בין ווידער דאָ!... ווידער אין מיין אַלטער היים!...

ד ר. א ש כ נ ז י: — (האַלב איראָניש) הם!... אין דיין אַלטער היים! (זייער ערנסט, אין האַלב־טאָן, צעצויגען) אָט דאָ, אוריה, אין דיין אַלטער היים, האָבען זיי אים דער'הרג'עט!...

א ו ר י ה: — גאָט!...

ד ר. א ש כ נ ז י: — דאָ האָט דיין פאָטער דיך צום לעצטען מאָל געבענטשט און האָט דיך מיר פאַרטרויט. דו זעסט די הייל, אוריה, אין איר זענט איר געוועזען צוויי טעג באַהאַלטען פון די גרויזאַם ווילדע מענשען.

א ו ר י ה: — אַ! גאָט!... עס שטייט מיר פאַר די אויגען זיין הייליג געשטאַלט.

ד ר. א ש כ נ ז י: — ער איז אַ הייליגער געוועזען. אָבער וואָס האָט אים גענילט זיין הייליגקייט, זיין גרויסע זעל, ווען די ווילדע מאַסען, אַזוי ווי צערייצטע חיות פון פרישען בלוט־געַרוך, זענען די שטילע שטאָט באַפאַלען? אָה, אוריה, אין יענעם ווילדען טומעל פון רציחה און טייוועלשען געלעכטער פון די האָרדען האָבען זיך פאַרמישט די וויי־געשרייען פון דיינע זקנים ביז טויט געפּלאָגטע, פון קינדער ווילד געטראָטען מיט די פיס און פון פרויען אומבאַשיצטע, געשענדעטע אין די גאַסען. עס איז נאַכט געוועזען. אַ שוואַרצער הימעל האָט באַדעקט די שטאָט און שאַרפע, פינקעלדיגע שטערען, ווי מיליאַרדען וואַנזיניגע אויגען, האָבען אַראָפּגעקוקט אויף דעם ווילדען טאַנץ פון מאָרד און תאוה, ביז גרויסע זיילען רויך פון שריפות אין די גאַסען האָבען ווי דיקע גרויע וואָלקענס פאַרשטעלט די בייזע שטע־

רעז־אויגעז און אַלץ איז געווען נאָר בראַנד און טומעל; אַ העלישער גע־מיש פון ווילדען געלעכטער, וויי־געשרייען און יללות...

דיין פאָטער, וויסענדיג ווי אָנמאַכטיג עס איז דיין פאָלק, איז פון שטאָט מיט דיר אַהער אַנטלאָפען, דיך דאָ צו ראַטעווען פון דעם טויט... און דאָ האָב איך דאַמאָלס אייך געפונען פאַרשמאַכט פון דאָרשט און הונגער...

אין דערזעלבער נאַכט, אוריה, האָבען די ווילדע מחנות אַהער געצויגען. דאָס טעמפּעל פון דיין פאָלק צו לעסטערען און פאַרברענען... דאַן, אוריה, האָט דיין פאָטער, דאָ אין דער הייל, מיט ציטערדיגע הענט באַהאַלטען די לעצטע הייליגטומער פון אייער שטאַם... דערנאָך, מיט אויגען שטילע, פול מיט טיפען טרויער, האָט ער דיך געבענשט און מיט אַ שטיל געבעט צום הימעל מיך באַשוואוירען דיך צו פלעגען און ערציען; און אליין איז ער צוריק אַוועק צו זיינע ברידער, אַוועק שטאַרבען פאַר זיין גאָט און פאַר זיין פאָלק...

אוריה: — אָ, גאָט, ווי פורכטבאַר און ווי הייליג איז זיין מאַרטירער־געשטאַלט!

דר. אשכנזי: — צוואַנציג יאָר זיינען אַוועק... איך האָב זיין וואונש געהיט אין יעדען פּרט... איך האָב דיין זעל געפלעגט און האָב געהאָפט, אוריה, אַז דו וועסט פאַרגעסען דאָס אַלטע טויטע לאַנד, דאָס פאָלק וואָס האַלט ביים אונטערגאַנג, און לעבען וועסטו מיט ליבע צו די מערב לענדער; מיט'ן לעבען פון די פעלקער, וואו איך האָב דיך דער־צויגען און געפלעגט דיך.

אוריה: — באַשיצער!... לערער!... פריינט!... עס לעבט אָבער אין מיין נשמה ווידער אויף דאָס אַלטע לאַנד, דאָס אַלטע גרויסע לעבען... פאַר־טריקענט און פאַרדאַרט. זייט טויזענטער יאָרען וויסט ליגט דאָס לאַנד פון מיין קינדהייט, פון מיינע אָבות... איך וויים!...

דאָך, לערער, דאָ האָט מיין מוטער מיך געבוירען, געזויגען אין דעם שאָטען פון דעם צעדער: דאָ האָט מיין פאָטער דעם גאָט פון גרויסער זעאונג מיט התלהבות געדינט; דאָ האָט ער זיין הייליגטום געהיט און דאָ איז ער אַ מאַרטירער־טויט געשטאָרבען...

און איצט, ווען דער אַלטער צפניה האָט מיך גערופען צו די אַלטע בערג, ווי מאַכטיג האָבען אויפגעלעבט אין מיר די שלעפערינגע כחות און פאַרלאַנגען און ווידער ווילט זיך מיר אַ נייעם לעבענס־טרוים וועבען פון די אַלטע זילבער־פעדים, אים לעבען און וועבען...

דר. אשכנזי: — וועסטו אָבער קענען לעבען דאָ, וואו אַלץ איז שוין אָפּגעלעבט און טויט?...

אוריה: — לערער!...

דר. אשכנזי: — דיין לאַנד איז טויט, אוריה, צעשטערט פון

פייער און שווערד; דארט וואו עס האט אמאל דער איילבערט בוים גע־גרינט און פורפור־רויט געפינקעלט האט די אראנזש פרוכט, אין צירקלען גילדערנע פון זון שיין געפלאכטען, דארט שפילט דער ליכט־שטראל איצט נאר מיט'ן ווייסען קאלך און שטיין פון חורבות אלטע און פארוויסטע...

א ו ר י ה: — (אין שטארקען קומער) א, לערער!... פארוואונדעט ניט נאך מער מיין הארץ וואס איז שוין אזוי אויך פול מיט וואונדען... איך זע ווי וויסט עס ליגט דאס לאנד פון מיינע אבות — דאך לעבט מיין פאלק, דער אלטער שטאם לעבט נאך...

ד ר. א ש כ נ ז י: — דיין פאלק איז אויך אמאל מיין פאלק געווען, אוריה. אבער ווי דיין לאנד אזוי איז אויך דיין פאלק פארורטיילט צום אונטערגאנג; און עס ליגט ניט אין דיין מאכט עס צו ראטעווען, אוריה!

א ו ר י ה: — דאס בין איך, לערער, אין דער פרעמד מאכטלאז גע־ווארען, געגערט פון פרעמד בלוט, געפלעגט פון פרעמדען גייסט!... אבער איצט ציט דאס הארץ די קרעפטען ווידער פרואווען; עס פלאטערט די נשמה דאס לעבען ווידער פארצונעמען און ווידער שפינען דעם אלטען טרוים פון פרידען, מענשען־ליבע, גערעכטיגקייט און גליק... דעם אלטען חלום פון מיינע גייסטיג־גרויסע אבות... (עווא די רייזען קומט אן פון די רואינען.)

ד ר. א ש כ נ ז י: — ניט דא, אוריה!...

א ו ר י ה: — פאר וואס ניט דא? ! (פעסט) דא... אין לאנד פון מיינע אבות, אין אלטען אריענט!...

ע ו ו א: — (לייגט אירע געשלאסענע הענט אויף זיין אקסעל) און איך, אוריה?...

ד ר. א ש כ נ ז י: — (דערשטוינט) פריילין די רייזען!

א ו ר י ה: — עווא!...

ע ו ו א: — (שטיפעריש) איך האב אויף דיר געווארט, אוריה. (צו דר. אשכנזי) איר וואונדערט זיך, הער דאקטאר? (האלב זינגענדיג פארשייט) זים און לוסטיג איז די ליבע און אן שרעק איז די יוגענט!... כא־כא־כא!...

ד ר. א ש כ נ ז י: — הם... כ'פארשטיי... וואו איז אייער פאטער, פריילין?

ע ו ו א: — מיט סיר עדווארד אין דאס געצעלט פון דער אמבאסאדע.

ד ר. א ש כ נ ז י: — דאן מוז איך גיין. (איילט זיך) צום ווידערזעהן, צום ווידערזען, פריילין. (פארנייגט זיך, גיך אפ.)

ע ו ו א: — (האלט אוריה'ס קאפ אין אירע הענט און קוקט אים ליבלאך אין די אויגען) איך האב געווארט אויף דיר, אוריה, און האב געהערט אז דו ווילסט דא בלייבען לעבען...

א ו ר י ה: — (מיט געבעט) עווא, עס ציט מיך צו מיין לאנד...

ע ו ו אַ : — אָבער ווי וועל איך דאָ קענען לעבען אין דער טויטער, וויס־טער וועלט? ווילסטו איך זאָל שטאַרבען דאָ? ליבער, ליבסטער... דו וועסט זיך אומקערען מיט מיר אַ היים צום לעבען...

א ו ר י ה : — צווינג מיך ניט, געליבטע, מיר מוזען לעבען דאָ!...

ע ו ו אַ : — (צערטעלט אים) אַך, אוריה... דו האָסט מיך מער ניט ליב...

א ו ר י ה : — (דריקט זי צו זיך) איך האָב דיך ליב ווי פריער, עווא!

ע ו ו אַ : — נייז, דו האָסט, הפנים, שוין פאַרגעסען יענע זיסע, שטילע ליבעס־שטונדען, אין מיין פאָטערס גאַרטען אויפ'ן באַרג, ווען אונטען האָט די גרויסע שטאָט פאַריז געפּלאָטערט מיט איר לעבען.

א ו ר י ה : — איך האָב זיי ניט פאַרגעסען.

ע ו ו אַ : — געדענקסטו נאָך די וואונדערשיינע נעכט?... געדענקסט — טויזענטער ליכט געפלאַכטען אין אַ נעץ, האָבען אונטען, אין דער שטאָט, באַלויכטען אַלע גאַסען און מענער לוסטיגע און פרויען אויסגעצירטע האָבען זיך ווי לעבעדיגע שטראָמען באַוועגט אין גרויסער לעבענס־פרייד און האָבען אונז, אין טונקעלען שאָטען אויפ'ן באַרג, געוועקט צו ליבע און גענוס... און האַרץ אויף האַרץ, אוריה, האָבען מיר געוועקט צו ליבע און דעם טרוים פון ליבע... פון ליבע און פון לעבען... אַך, אוריה, דו האָסט עס שוין פאַרגעסען!

א ו ר י ה : — (דריקט זי לוידענשאַפטלאַך צו זיך) איך האָב עס ניט פאַר־געסען...

ע ו ו אַ : — (פאַרשייט, שטיפעריש) האַ־האַ־האַ!... און דאָך?! דאָך ווילסטו בלייבען דאָ: פאַרשמאַכטען צווישען ווילדע... נייז, נייז, אוריה! (ציט אים שטיפעריש מיט זיך) קום געליבטער!... (וואַרפט זיך צו דער ערד אויף די שטיינער פון די רואינען, שלעפּט אים מיט זיך; ער פאַלט אין איר שויס; זי טוליעט זיין קאָפּ צו איר ברוסט און קושט אים און האַלזט אים לייר־דענשאַפטלאַך. אין עקסטאַז) אַך, טייערער, ליבט דען ניט דיין האַרץ ווי מיינס? ליבסטו ניט דאָס לעבען?...

א ו ר י ה : — (צערטעלט זי און דריקט זי צו זיך לוידענשאַפטלאַך) עס ליבט, עווא, עס ליבט און בלוטעט!...

ע ו ו אַ : — (זייער פאַרשייט) בלוטעט?! האַ־האַ־האַ!... (האַלב זינ־גענדיג)

טריפט, טריפט, טראָפּענדלאַך,
בלוט פון ליבסטענס האַרצען...
אה! (עראָטיש, דריקט אים לוידענשאַפטלאַך צו זיך)
ס'מאַכט די ליבע שטאַרקער, זיסער דעם גענוס!...

(ציט אים צו זיך און קושט אים; ער הויבט זיך האַלב אויף און דריקט זיך אויך צו איר).

א ו ר י ה : — עווא, עס ציט מיך אבער צו מיין פאלק.

ע ו ו א : — ביי אים וועסטו פארשמאכטען, ליבסטער. איך וועל דיר לעבען געבען, ליבע און גענוס... דען ווער קען בעסער ליבען, צערטלען און פארוויגען אין גענוס — ווי עווא ? ! . . . און ווער קען בעסער רייצען די נשמה צו לעבען און צו ליבען, ווי פראנקרייכס פרייע טעכטער !... (דריקט אים ליידענשאפטלאך צו זיך; אימפולסיוו כאפט ער זי ארום און ביידע שליטען זיך אין א שטארקער ליידענשאפטלאכער אומארמונג. פויזע. פלוצים פלאקערען אויף צוויי פייערען אויף די שפיץ־בערג; אוינציגווייס צינדט אן א שמרוני די אויל־לעמפלאך ארום דעם אינערען ארייגאנג פון די טעמפעל־רואינען, די קאלאנען און די ארקען; אייניגע שמרונים, מיט גרויסע ברענענדיגע פאקעלען, שטעלען זיך פון ביידע זייטען טרעפ און די צוועלף ווייסע שטיינער. א שומרוני צינדט אן די לעמפלאך ארום דעם ארון קודש. לאנגזאם הערט זיך פון די געצעלטען פון די שמרונים דאס שטילע געזאנג.)

פ א ל ק : — (אין כאר) לית אלה — אלה אחד,

אלה אחד !

ס א ל א : — ניטא קיין גאט אויסער גאט דעם איינציגען.

פ א ל ק : — (אין כאר)

אלה אחד !

א ו ר י ה : — (ווי דערוואכט) ווי ? ! הער איך עס אין חלום, דאס אלטע ליד ? האט עס מיר די ליבע איינגעראמט אין אויער ? !... עווא, האסטו עס אויך געהערט ?

ע וו א : — (דריקט אים צו זיך) כ'האב געהערט, געהערט, געליבטער.

א ו ר י ה : — געהערט ? !... עווא, איז דען ניט מעגלאך, אז זיסער זאפט פון ליבע זאל דערטרינקען די נשמה ? פאר'סמ'ט דען ניט אמאל די לוסט די זעלע ? עווא, דו האסט עס אויך געהערט — דאס אלטע וואונדער־ליד ! (שטייט גיך אויף, זי נאך אים).

ע ו ו א : — איך האב עס אויך געהערט — דאס אלטע ליד פון אלטען געטער־דינסט... אבער, ליבסטער, איך וויל דיר נייע געטער געבען. איך וויל מיט דיר דעם גאט פון ליבע דינען... אך, אוריה, (דריקט אים צו זיך שטארקער און שטארקער) קום אוועק פון דאנען; קום אהין וואו ס'לעבט דאס לעבען... היינט איז דעם וויזיר'ס פעסט; קום אהין מיט מיר; דארט וועלען מיר פריי און אומגעשטערט זעטיגען די אנגסטען פון באגער. א, איך וועל דיך ליבען, ליבען, ליבען... (קושט אים ליידענשאפטלאך).

א ו ר י ה : — (מיט געוואלטיגער ליידענשאפט דריקט זי צו זיך און קושט זי) עווא, כשוף־מאכערין !... פרוי !... איך ווער פאר'שכור'ט פון דיין לאסקע: עס סמ'ט מיך דער דופט פון דיין פארשייטען צויבער... און לעבען וויל איך, לעבען !... (קושט זי שטארק. פויזע. דערזעט די פייערען אויף די

בערג) זע, עווא, זע! עס פלאַקערען די פייערען אויף די בערג; דער אַל־טער צייכען רופט דאָס פאָלק צום בית התפילה. און זע, דאָרט גליט דאָס פייער פון קרבן־פסח — א צייכען פון דערלייזונג, א רעטונגס־אָפּער פאַר מיין פאָלק... דאָך, מיין פאָלק גייט אונטער... און מיך ציט אזוי צום לעבען; פאַרפירעריש באַצויבערט מיך דיין שיינקייט און דיין מאַכט; דיינע אויגען, ווי כשוף־פייערלאַך אין וואַלד, נאַרען מיך און רופען מיך צום לעבען... איך וויל לעבען, עווא, דיין אָטעם איינציען אין זיך, אטעמען, אטעמען מיט דיר... (קושט זי שטאַרק).

עווא: — (אין דער אומאַרמונג, אין העכסטען עקסטאַז) און דו וועסט גליקלאַך זיין!...

אוריה: — און איך וועל גליקלאַך זיין!... (מאָמענטאַנע פויזע. די לבנה שוועבט לאַנגזאַם איבער די בערג, לינקס; א שוואַרצער שאָטען שפּריט זיך אויס, רעכטס, און אונטער דעם שאָטען זאַמעלט זיך דאָס פאָלק. עווא און אוריה פאַרשווינדען שנעל.)

פאַרהאַנג פאַלט.

צווייטער אקט.

(טיפע, זיסע טאַנץ־מוזיק און ניט קיין איבעריג ניכטערער כאָר־געזאַנג בלענדען זיך אויף אַ ווילע אינאיינעם.

דער פאָרהאַנג גייט אויף פּאַמעלאַך און דעקט אויף:

אַ וואונדערלאַכען גאָרטען אַרום דעם פּאַלאַץ פון דעם וויזיר פון שמרון אין דער אומגעגענד פון דער אַלטער שטאָט שכם. אין איינצעלנע און אין גרופּען זענען צעוואָרפען אין דעם גאָרטען: יוקאַליפּטען, צעדער, פּאַלמען און קאָקוסען. ער־טערוויים אויך אָראַנזשען, ציטראָנען, טייטלען און פייגען בוימער. בייטען פון האַלב־טראָפּישע בלומען און פלאַנצען אין וואונדערלאַכע פאַרבען ליגען אַרום קלענערע און גרעסערע קאָלירטע מירמעלשטיין פאָנטאַנען, פון וועלכע עס שפּראָצען, אונטער דער געמישטער בענגאַלישער באַלייכטונג פון דעם גאָרטען אין רעגענבויגען קאָלירען, דינע טוי־שטראָמען אַרויף. אויבען פאַרבייגען זיי זיך גראַציעז און פאַלען אַראָפּ מיט שטילען געפליסטער אין די וואַסער־באַסיינען אונטען.

צווישען די בוימער און בלומען־בייטען ציען זיך אַלבאַסטער־סטעזשקעס; ערטערוויים, אין האַלב באַהאַלטענע ווינקלען, שטייען נידעריגע דיוואַנען מיט פערזישע טעפּיכער געדעקט און קאָלירטע זיידענע באַלדאַכינען איבער זיי.

אַ ברייטער וועג פון אויסערגעוויינטלאַכען ווייסען מאַרמאָר ציט זיך פון צווישען די בוימער, איבער דער לייגג פון דעם גאָרטען ביז די ווייסע מאַרמאָרנע טרעפּ פון דעם פּאַלאַץ. אין מיטען פון דעם וועג איז אַ גרויסע טעראַסע, אַרום דעם שענסטען פאָנטאַן פון דעם גאָרטען — דעם „פאָנטאַן פון ליבע“. געהילט אין דעם טוי פון אומצייליגע שטראָמען פליסט און פליסטערט, אין אַ דעמערענדען בלוילאַכען ליכט, דאָס קריסטאַלענע וואַסער אַרויס פון צוויי דערוואַקסענע אַל־באַסטער־פיגורען, אַ מאַן און אַ פרוי, אין ליידענשאַפטלאַכער אומאַרמונג און צע־גיסט זיך אונטען אין דעם גרויסען באַסיין, איבער קליינע נאַקעטע קינדערלאַך, אין פּאָזעס, ווי זיי וואָלטען זיך אין אים געשפּילט און געפּליעסקעט.

דער פּאַלאַץ איז פון דריי זייטען אָפען אין גאָרטען אַריין. פון צווישען די אויסערע און ברייטע קאָלאָנען בלענדען אין גאָלד און אין פאַרבען די אינע־ווייניגסטע זאַלען פון דעם פּאַלאַץ, דעקאָרירט אין אַלטען אַראַבישען סטיל מיט אומצייליגע גילדערנע אויפשריפטען פון דעם קאָראַן אויף די מאַרמאָרנע ווענט און קאָלאָנען. דאָס גאַנצע טונקט זיך אין טיכען פון העלער באַלייכטונג וואָס שטראָמען אַרויס פון קריסטאַלענע קאַנדעליאַברעס און הענגלייכטער, און איז אין שאַרפען קאָנטראַסט מיט דער מאַטער בענגאַלישער ליכט פון די קאָלירטע לאַמטער־נעס, אין וועלכען דער גאָרטען איז איינגעטונקען.

דאָס האַלב שכור'ע געזאַנג ווערט פאַרטרונקען פון טאַנץ אין זאַל, וואָס ענ־דיגט זיך שוין. ציווילע און מיליטערישע הערען, אין אייראָפּייאישע און אָריענ־

טאַלישע קאָסטיומען און יוניפאָרמען, מיט דאַמען אין פאַרשייטע באַל־טאַנץ־קליי־דער און האַלב־מאַסקעס, צעשפּרייטען זיך פאַרוויים און גרופּענוויים איבער דעם גאָרטען, אין פאַרבאָרגענע אַלייען, אָדער, אין ראָמאַנטישע פּאָזעס, אויף די ניי־דעריגע דיוואַנען — אַלע מיט רעש'יגער פרייד, געפילדער און געלעכטער...

אַ האַלב שכור'ע גרופּע אָפיצירען פון פאַרשיידענע נאַציאָנען, מיט באָקאַלען אין די הענט — טייל זיצענדיג, טייל שטייענדיג — אַרום אַ טיש מיט ליידיגע און אָנגעפּילטע וויין־פלעשער און פאַסיגער דינערשאַפט, טרינקען און זינגען אין כאָר, אַקאָמפּאַנירענדיג זיך צום זין פון די ווערטער מיט שפּאָרען, בעכער־ און שווערדען־קלאַנגען).

כ א ר פ ו ן א פ י צ י ר ע ן : — (זינגען)

ווי־ווא !... ווי־ווא... קאַמעראַדען ! (שפּאָרען־קלאַנג)
לוסטיג נאַר אין לוסטיגען געזאַנג,
זינגען מיר, טרינקען מיר
דאָס גאָלדיג־זודיגע געטראַנק...
קלינגען מיט די בעכער צו ! (בעכער־קלאַנג)
שווערען מיט די שווערדען צו (שווערדען־קלאַנג)
דאָס טרינקען זאָל געדויערען אייביג !... אייביג !...

(טינקען, לאַכען, שפּאַסען ; איניגע האַלב שכור ; אַנדערע טרייבען אונטער די דינערשאַפט אָנצופילען די באָקאַלען. פירסט פּאַטריציוס קומט מיט די געסט. קוקט זיך אַרום ווי ער וואָלט וועמען געזוכט. דערזעט די גרופּע טרינקענדיגע אָפיצירען און גייט צו זיי.)

פ א ט ר י צ י ו ס : — א ! לוסטיגע געזעלען !... (זיי באַגעגענען אים מיט פרייד־געשריי).

א י נ י ג ע : — פּאַ־ט־ריצי־וס !...

א ן א פ י צ י ר : — פירסט פּאַטריציוס !...

א ל ע : — קומט, טרינקט מיט אונז, פּאַטריציוס !...

פ א ט ר י צ י ו ס : — א כוס אהער !... (מען דערלאַנגט אים אַ כוס).

היינט זאָל מען לוסטיג זיין קאַמעראַדען !

היינט זאָל מען טרינקען, טאַנצען, לעבען ; היינט זאָל מען פאַר דער ליבע טרינקען... (הויבט אויף זיין כוס) מיר טרינקען פאַר דער ליבע, לוס־טיגע געזעלען !...

א ל ע : — (הויבען זייערע באָקאַלען צו זיינעם) מר טרינקען פאַר דער ליבע איינס !

כ א ר פ ו ן א פ י צ י ר ע ן : —

ווי־ווא !... ווי־ווא !... קאַמעראַדען !
לוסטיג נאַר, אין לוסטיגען געזאַנג,
זינגען מיר, טרינקען מיר

דאס גאלדיג־זודיגע געטראנק...
קלינגען מיט די בעכער צו!
שווערען מיט די שווערדען צו!
די ליבע זאל רעגירען אייביג!... אייביג!...

(טרינקען, טומלען, לאכען: איינציגע זיינען שוין שכור; אנדערע טרייבען אונ־טער די דינערשאפט אנצופילען די באקאלען.)

פ א ט ר י צ י ו ם: — (אין הויכער שטימונג). ווי גוט דאס לעבען איז, געזעלען!

היינט טרינקען מיר און זינגען און טאנצען אויף דעם זיווגים־טאנץ
און ווענען זיך די ליבע פון די שענסטע פרויען געווינען אין דעם טאנץ!

א ז א פ י צ י ר: — היינט טאנצט מען אויף דעם שווערדען־טאנץ, פאטריציום!

דעם אלטען פעלקער־טאנץ פון לוסט און לעבען!...

פ א ט ר י צ י ו ם: — ניין קאמעראד, דער שווערדען־טאנץ איז היינט ניט מער דער טאנץ פון לוסט און לעבען. היינט איז דאס שווערד דער סימבאל פון דער מאכט וואס וועט די וועלט באהערשען!...

א ש כ ו ר ׳ ע ר א פ י צ י ר: — (שטרעקט אויס דאס שווערד) הם!... הם!... מיר טרינ—קען. הם... פאר׳ן שווערד!

פ א ט ר י צ י ו ם: — גערעכט, געזעל... (הויבט הויך דעם כוס) מיר טרינקען פאר׳ן שווערד!

כ א ר פ ו ן א פ י צ י ר ע ן: —

ווי־ווא!... ווי־ווא!.. קאמעראדען!
לוסטיג נאר, אין לוסטיגען געזאנג.
זינגען מיר, טרינקען מיר
דאס גאלדיג־זודיגע געטראנק...
קלינגען מיט די בעכער!
שווערען מיט די שווערדען צו!
דאס שווערד זאל טריאומפירען אייביג!... אייביג!...

(טומלען, שפאסען, לאכען ווי פריער. עווא און אוריה האבען זיך אויסגעטיילט פון די געסט. זי איז אין דער קליידונג פון אן אפראדיטען פארק־פייגעלע מיט געפינטעלטע פליגעל און לענט זיך אין גאנצען אויף זיין ארעם; ער איז אין א ווייסער זיידענער אבייע און ווייסען טורבאן געהעפט אין זילבער; א קורץ שווערד אונטער דער אבייע און א דריי־קאלירט בענדעל פון מיליטערישער אויסצייכענונג אויף דער ברוסט. זיי קומען נענטער, קוקען אויף דער גרופע זינגענדיגע אפיצירען א ווילע און קערען זיך אפ מיט פאראכטונג. זי האלט איין ארעם ארום זיין האלז און לאשטשעט אים שטיפעריש.)

פ א ט ר י צ י ו ם: — (אין זייער געהויבענער שטימונג ווארפט זיין כוס

צום טיש) גענוג, געזעלען! איך מוז שוין גיין. היינט בין איך אויף דער וואך!... איך וויל א מאסקע היטען, וואס איך וויל אין טאנץ געווינען! (מיט האנט־סאליוט) צום ווידערזען, קאמעראדען!

א ז א פ י צ י ר: — צום ווידערזען, פירסט! און זאל אייך גאט באַגליקען אין אייער וואונש...

א ל ע: — (אין שבור'ן דיסאנאנס, טומלען) צום ווידערזען, פירסט! צום ווידערזען! (פאטריציוס קוקט זיך ארום; קוקט מיט פארדאכט פון הינטען אויף אוריה'ן און עווא'ן און פארשווינדט. די אפיצירען טומלען נאך אביסעל, זינגען אין דיסאנאנס „ווי־ווא, ווי־ווא, קאמעראדען" און צעגייען זיך; איינִיגע שלאפען איין ביים טיש).

ע ו ו א: — (לאשטשעט אוריה'ן און שפילט זיך שטיפעריש מיט אים) אך, אוריה!... דיר איז גאר ניט צו מוט היינט!..

א ו ר י ה: — (ווערט זיך אקעגען אירע לאסקעס) לאז מיך, עווא, לאז מיך אליין מיט מיינע געדאנקען!...

ע ו ו א: — (שטיפעריש) נו, גיי, גיי!... איך האלט דיך ניט... (שטיפעריש לייגט ארום אירע הענט ארום זיין נאקען; פארשייט) דאך, אוריה!... ווי גוט עס וואלט געווען, נאך דער פרייד אין מאנץ־זאל, וואס האט אזוי גערייצט די לוסטיגקייט פון לעבען, ערגעץ אין א ווינקעל פון דעם אלטען גארטען זיצען אין דער נאכט און טרוימען פון דער ליבע!...

א ו ר י ה: — איך האב די פרייד אין טאנץ־זאל ניט געטיילט!...

ע ו ו א: — הא־הא־הא!... דו האסט דאך ניט געטאנצט! (שטיפעריש) א! דו שלעכטער, דו האסט מיך אויף פרעמדע הענט געלאזט...

א ו ר י ה: — (עמפאטיש) עווא... כ'האב אנדערש ניט געקאנט! כ'האב דארט אין זאל קיין ארט זיך ניט געפונען. איצט לאז מיך: איך וויל מיר רעכענונג געבען... איך פיל, עווא, איך האב א שווערען חשבון מיט מיין זעל... כהאב מורא. כ'האב צו גיך געלאזט זיך באהערשען פון דיין פארלאנג צו זוכען דא די פרייד פון לעבען... כ'געפין מיר דא קיין ארט ניט!

ע ו ו א: — (לאזט אים אפ, ערנסטער) נו גיי! בארואיג זיך... אוממעגלאך אבער, אוריה, דו זאלסט די פרייד פון לעבען ניט געפינען דא, וואו אלץ לעבט און פרייט זיך! ליבסטער. דו ווילסט מיט מיר אין גרויסען טאנץ פון ליבע גיין, דארט וועסטו צוריק געפינען די פרייד פון דיין נשמה! איצט גיי, ליבסטער, גיי! איך וועל דערווייל איז די אלייען אביסעל שטיפען מיט די מאסקעס און די געסט; און דו בארואיג זיך... איך וועל דיר ניט שטערען.

א ו ר י ה: — (נעמט אריין איר קאפ אין זיינע ביידע הענט. קוקט איר טיף אין די אויגען) א. ווי גוט דו ביזט, געליבטע. (הויבט פאמעלאך איר מאסקע אויף און קושט זי שטארק) נו, גיי!... שטיף דיר ווי דו ווילסט... (באלייט

זי ביז צו דער אַלייע. מיט שטראַלענדיגע ליבעס־באַוועגונגען געזעגענט זי זיך מיט אים און פאַרשווינדט; ער קערט זיך פאַמעלאַך אום; פאַרטיפט זיך ביס־לאַכוויים אין געדאַנקען און גייט אַזוי פאַריבער. פון דער אַנדער זייט קומען אַן דר. אַשכנזי און לוסיען דו רייטאַן.

ד ר. א ש כ נ ז י : — גוט האָט איר געטאָן, קאָלעגע, וואָס איר האָט סיר עדוואַרד ניט דערלאָזט צו ווענדען זיך צום וויזיר. ער זאָל אונז העלפען קריגען דאָס אַלטע ספר פון די שמרונים. עס וואָלט געווען אַן אומרעכט אויף די אָרימע מענטשען אויפצורייצען די שטאַטס מאַכט...

ל ו ס י ע ן ד ו ר י י מ א ן : — אַן אומרעכט און אַ זינד! און ס'איז אויך ניט נויטיג... דאָך, סיר עדוואַרד האָט קיין בייז ניט געמיינט.

ד ר. א ש כ נ ז י : — אַ, איך וויים. ער איז נאָר אין דעם פאַל, ווי אַלע מאָל, דער אַלטער גוטער, ענגלענדער... ביי וועמען עס איז פאַר יעדער זאַך נאָר איין באַוואַרעניש־אָרט פאַראַנען — דער בריטישער מוזעאום... כע־כע!

ל ו ס י ע ן ד ו ר י י מ א ן : — יאָ, אָבער מיר זיינען אייראָפּייער, קאָלעגע, די טרעגער פון דער העכסטער מענשליכער קולטור, און דאַרפען דאָ, אין אָריענט, ניט שטערען דאָס פרידליכע לעבען פון די האַלב פאַר־ווילדעטע פעלקער. מיר דאַרפען זיי העלפען.

ד ר. א ש כ נ ז י : — דאָס טוען מיר אויך!... אַ! איר זאָלט אָבער געווען זען, קאָלעגע, ווען איך האָב סיר עדוואַרד'ן דערציילט וועמען דער אַלטער פּריסטער צפניה וויל מאַכען פאַר'ן יונגען פּריסטער — כע־כע־כע!... האָט ער שיער געטאַנצט פאַר פרייד... ער איז געוועזען זיכער אַז דעמאָלט וועט אים גאָר אַן מי געלינגען קריגען פאַר'ן בריטישען מוזעאום דאָס אַלטע ספר תורה.

ל ו ס י ע ן ד ו ר י י מ א ן : — איך זאָל עס אויך דענקען! אוריה איז אַן אייראָפּייער.

ד ר. א ש כ נ ז י : — (איראָניש, צעצויגען) אַן אייראָפּייער!... וואָס ציט צוריק צו האַלבער ווילדקייט... דאָך סיר עדוואַרד וועט אים שוין צורו ניט לאָזען. ער זוכט אים שוין אַרום... ער וויל פון אים אַליין דעם צוזאָג האָבען היינט נאָך...

ל ו ס י ע ן ד ו ר י י מ א ן : — אוריה איז מיט עוואַ'ן דאָ ערגעץ אין די זאַלען, אָדער אין די אַלייען פון דעם גאָרטען...

ד ר. א ש כ נ ז י : — ער וועט אים שוין געפונען... אָבער עס פאַר־שאַפט מיר זאָרג!... איך האָב אוריה'ן צו לאַנג ערצויגען און געפלעגט אין אונזער גייסט צו קענען גלייכגילטיג זען אים צוריקקערען צום האַלב פאַר־ווילדטען לעבען... און סיר עדוואַרד וועט אים, פאַרקערט, נאָך מוט צו־

נעבען דערצו, כדי צו ערבען פאַר'ן ברימישען מוזעאום זיין אַלטע ספר־תורה.

אוריה: — (קומט מיט סיר עדוואַרד; סיר עדוואַרד אומרואיג, אומצו־פרידען) דאָס פאָלק אַליין, סיר עדוואַרד, דאַרף באַשטימען; ניט דער פּריסטער צפניה און ניט די עלטסטע... דאָס אַלטע ספר־תורה געהערט דעם פאָלק!

לוסיען דו ריימאַן: — (דרייט זיך אום) אַט זיינען זיי, הער דאָקטאָר.

דר. אשכנזי: — כ'האָב געוואוסט סיר עדוואַרד וועט אים שוין געפינען.

סיר עדוואַרד: — (מיט גיכער האַנט־באַוועגונג) שוין געפונען, שוין געפונען! אָבער ער פאַרשטייט גאָר ניט אַז ער דאַרף ווירקען אויפ'ן פאָלק לויט מיר פאַרלאַנגען, ווען ער וועט פּריסטער זיין...

אוריה: — אָבער איך בין נאָך ווייט דערפון.

סיר עדוואַרד: — זיי זאָגען דאָך אַזוי!

אוריה: — אָה, דאָס זיינען נאָר קלאַנגען...

סיר עדוואַרד: — (שטייט ניט אָפּ) אָבער זאָל עס געשען, דען מוז דאָס אַלטע ספר באַשיצט ווערען; עס איז אַן אַלטער אוצר...

אוריה: — (אַביסעל אויפגערייצט; עמפּאַטיש) און זאָל עס געשען, דען מעגט איר וויסען, סיר, אַז אונזער פאָלק אַליין וועט וויסען ווי צו שיצען זיינע אוצרות, די אַלטע ווי די נייע; און וועט אַליין זיך בויען אייגענע מוזעען!...

סיר עדוואַרד: — טע־טע־טע!... אייגענע מוזעען... אוצרות זיינען זיכערער אין בריטישען מוזעאום; דאָרט זיינען עקספּערטען דאָ. מיין יונגער פריינד, וואָס ווייסען ווי צו האַלטען זיי...

דר. אשכנזי: — איר קריגט זיך שוין... באַצייטענס!

סיר עדוואַרד: — (מיט אַנגערוקטע ברעמען, קוקט אַריבער די ברילען) קריגט זיך... ער ווייסט דאָך גאָר ניט אויף וואָסער וועלט ער איז... און ווייסט אַליין ניט וואָס ער וויל... אָבער ס'וועט שוין רעכט ווערען. איצט האָב איך ניט קיין צייט; איך איל זיך... אָבער מיר וועלען זיך נאָך היינט זען, קאָלעגען. ווען איך וועל דעם גאַנצען טאָוועל האָבען איבערזעצט; זוימט אייך דאָ ניט לאַנג... (גיך) דערוויילע, צום ווידערזען... איך האָב קיין צייט ניט!

לוסיען דו ריימאַן: — נאָר איר אײלט זיך, סיר! (מיט האַנט־כאַליוט) צו ווידערזען (דר. אשכנזי און אוריה פאַרנייגען זיך. סיר עדוואַרד גייט אָפּ; דו ריימאַן צו אוריה'ן) ווי קומט עס וואָס איר זענט אַליין? איר זענט דאָך עוואָ'ס באַגלייטער היינט!

א ו ר י ה : — געקומען ביז איך ווי איר באַגלייטער... מיט איר אינאײ־נעם פרייד געפינען אויפ'ן פעסט!...

ד ר . אַ ש כ נ ז י : — אַך, יאַ! דאַ איז פרייד פאַראַנען!...

א ו ר י ה : — איך האָב אָבער די פראַבע ניט אויסגעהאַלטען... און זי איז געצוואונגען איצט צו זוכען פרייד מיט אַנדערע פריינד... מיר איז ניט צו מוט דאַ!...

ד ר . אַ ש כ נ ז י : — ניט צו מוט?!...

ל ו ס י ע ן ד ו ר י י מ א ן : — (ליבלאַך) אַ! ליבער פריינד, דאַ דאַרף מען די פרייד פון לעבען פילען!

ד ר . אַ ש כ נ ז י : — דאַ איז זי שטאַרק פאַרפּוצט; באַדעקט מיט שימער און מיט גלאַנץ!

א ו ר י ה : — (שלאָגט אים איבער) איר מיינט מיט שכרות, לערער, מיט תאוה און מיט טאַנץ...

ל ו ס י ע ן ד ו ר י י מ א ן : — ניין! דאָס איז דאָך דאָס העכסטע לעבען... פון לוקסוס, רייכטום, מאַכט!... עס איז אָבער אויך דאָס שענסטע לעבען און דאָס פּרעכטיגסטע... מע דאַרף עס קענען שאַצען!

ד ר . אַ ש כ נ ז י : — מען דאַרף דעם קערן קענען פילען.

א ו ר י ה : — ס'קען זיין, איר זענט גערעכט... מיך אָבער לאָקט דער קערן ניט; מיך בלענדעט ניט דער לוקסוס און די פּראַכט! מיך שטויסט אַפּ דאָס גאַנצע לעבען — דאָס ווילדע, חיה'שע, פאַר'שכור'טע...

ד ר . אַ ש כ נ ז י : — דו איבערטרייבסט, אוריה!... און ס'איז דאַ אַן אַנדער לעבען אויך — דאָס לעבען פון די ברייטערע מאַסען פון די פעלקער.

א ו ר י ה : — איך קען אויך יענעם לעבען. איך האָב אַליין געלעבט אין דעם. אָבער דאָרט, אַלטער לערער, פירען די מענטשען פאַר'ן לעבען אַ שווערען קאַמף. דאָרט זענען מערסטענס טרערען!... און קומט די פרייד אַמאָל — אַמאָל גאָר די פאַרצווייפלונג — ווערען ווילד די פעלקער־מאַסען און דאָרט, ווי דאַ, איז שכרות, לוסט און תאוה דער ווילדער אויסדרוק פון דער פרייד אין לעבען... מיך ציט ניט צו אַט דער פרייד, מיך ציט ניט צו אַט דאָס לעבען. מיר חלומ'ט זיך אַנאַנדער לעבען!

ד ר . אַ ש כ נ ז י : — איי, אוריה, דאָס לעבען וואָס דיר חלומ'ט זיך — דאָס אַלטע מיסטיש־טרוימערישע לעבען, וואָס איז אַמאָל דאַ, אין אַלטען אריענט, אין בלייכען ליכט, אין סודות'דיגע נעכט, אין שאָטענס געטליכע געבוירען געוואָרען און האָט דעם גאָט פון דיינע אַלטע אבות איבער דער וועלט געזעצט, האָט שוין לאַנג זיין ווערט פאַרלוירען, האָט זיך אין די מערב־לענדער פאַרשמאָלצען מיט דאָס זוניגע און ליכטיגע און פריידיגע אין לעבען...

א ו ר י ה : — פאַרשמאָלצען, זאָגט איר, לערער?! פאַרביטען, זאָלט

איר זאָגעו. האָבעו עס די מענשעו, איז דאָס געיעג נאָך לוסט און פרייד, אויף אַלטע געצעו־דינסטעו — אויף הײדענישע זיטעו און פאַרלאַנגעו... און דינעו פריי דעם גאָט פון שכרות — דעם אַלטעו באַקכוס — און די אַפראָ־דיטעו־טעכטער... די טעכטער פון דער תאוה, וואָס איז ניט פרייד פון דער נשמה, נאָר אַלטע, ווילד באַטרונקענע פעלקער וואַקכאַנאַליעו... און אָט דאָס לעבעו דעקעו זיי נאָך צו מיט דער לערע פון אַ דערלייזער, וואָס איז דער היפך פון אַזא לעבעו... מיך ציט ניט צו דאָס לעבעו!...

ד ו ר י י מ א ן : — (פאַרוואונדערט, צוקט מיט די אַקסעל) עס איז מיר ניי!... דאָך קלינגט אין דעם דאָס וואַרהייטלאַכע וואָרט! אָבער, פריינד, איז אונזער לעבעו איז פאָרט ניט אַלץ זינד. ס'איז דאָ אין דעם אי שיינס, אי אײדעלעס צו באַוואונדערעו און צו שאַצעו!...

א ו ר י ה : — דאָס גוטע שאַץ איך אויך... אָבער ציעו — ציט מיך צו יענעם לעבעו וואָס מיינע אָבות, דער דור פון גרויסע לערער און נביאים, האָבעו אַמאָל, אין אַלטעו אָריענט, מיט טיפער ליבע צום שטילעו גליק, צו פרידעו און גערעכטיגקייט — מיט פייערדיג וואָרט געפּריידיגט און געלערענט! צו יענעם לעבעו ציט מיך!..

ד ר. א ש כ נ ז י : — אַך! עס איז שוין אָבער דעמאָלט נאָך אַ שיינער טרוים געוועו — אַ פרומער וואונש בלויז!

א ו ר י ה : — עס איז נאָך היינט דאָס העכסטע און דאָס שענסטע צו וואָס די מענשעו שטרעבעו (עס הערעו זיך פרייד־ און טומעל־געשרייעו גע־מישט מיט געלעכטער) און עס שטרעבט צו דעם מיין זעל... דאָס לעבעו דאָ איז מיר צו לאַסט און איך וואָלט שוין לאַנג דאָס פעסט פאַרלאָזעו, ווען ניט עווא...

ל ו ס י ע ן ד ו ר י י מ א ן : — אַ! דאָס ליבע קינד!... (אַ גרופּע מאַסקעו און געסט קומעו מיט טומעל און געפילדער. אַלע דריי ציעו זיך צוריק און מאַכעו פאַר זיי אַ וועג. דר. אַשכנזי און דו רייזמאַן נעמען אָפּשייד פון אוריהן מיט האַנט־סאַליוט; ער פאַרנייגט זיך; זיי גייעו גיך אַוועק; ער גייט פּאַמעלאַך, פאַלט ווידער אַריין אין טיפע געדאַנקעו און גייט אַזוי פאַריבער. עווא דו רייזמאַן קומט מיט דער גרופּע געסט צולעצט. זי לויפט פאָרויס פּאַטריציוס און רייצט זיך מיט אים פאַרשייט.)

ע ו ו א ד ו ר י י מ א ן : — אַ!... ניט געכאַפּט, פירסט! ניט גע־כאַפּט.

פ א ט ר י צ י ו ס : — וואָרט, איך וועל דיך נאָך כאַפּעו! (גיט זיך אַ דריי און כאַפּט זי) אָט, שוין געכאַפּט!... (זי דרייט זיך קונציג אויס).

ד ע ר א ל ט ע ר ה א ר : — (מיט ווייסער זיידענער און גאָלד־געשטיק־טער פעסע אויף דעם קאָפּ) ע... הע־הע־הע!... ניט איצט, פירסט, איצט גייט ניט אין קיין כאַפּערלאַך!

ע ו ו א : — (רייצט זיך) דאָך, ניט געכאַפּט!...

א ג ר ו פּ ע ד אַ מ ע ן ־ מ אַ ס ק ע ן : — (כאַפּען שטיפעריש דעם אַלטען האַר) שוין געכאַפּט! איצט געכאַפּט, פּעסטמייסטער!

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה אַ ר : — (לאַכט גוטמוטיג) אָבער וואָס איילט איר זיך אַזוי? שפּעטער ביים אַלטען זיווגים־טאַנץ וועט איר זיך אַלע קענען כאַפּען און אין דער פרייד פון ליבע אַ זיווג זיך געווינען...

ד י ג ר ו פּ ע ד אַ מ ע ן ־ מ אַ ס ק ע ן : — (שלעפּען אים שטיפעריש און מיט געלעכטער אין אַלע זייטען) שוין איצט... איצט געכאַפּט און פאַר־פאַלען!...

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה אַ ר : — געכאַפּט, געכאַפּט... כע־כע־כע!... אָבער אַ זיווג — ניט פאַר קיינער!...

ע ו ו אַ : — (שטיפעריש) מיר וועלען גורל ווארפען.

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה אַ ר : — ע, העהע־העהע!... עס וועט אייך גאָר ניט העלפען. צו אַלט, מיינע דאַמען, צו אַלט!...

ע ו ו אַ : — דאַן קויפט זיך אויס, פּעסטמייסטער, און רופט צום זיווג־טאַנץ: די ליבע ז'אומגעדולדיג... זי וויל ניט ווארטען!...

ד ע ר אַ ל טע ר ה אַ ר : — בינדט זי שטאַרקער... כע־כע־כע! זאָל זי זיך נאָר ניט בונטעווען... און אַ ווײַלע נאָך ווארטען! העהע! (עס הערט זיך ווי עס עפענען זיך ערגעץ טויערען אויף) פריער זאָלען די געשאַנקען און מתנות צום ווזיר'ס קאַמער קומען. איר הערט, די וואַך האָט שוין די טויערען געעפענט און די טרעגער וועלען באַלד פאַרבייגיין. דאַן רוף איך אייך צום טאַנץ און חתן־כלה וועלען זיך קענען כאַפּען...

פּ אַ ט ר י צ י ו ם : — (צו עוואַ'ן, זיך רייצענדיג) איך וועל דיך, כלה שענסטע, כאַפּען אינ'ם טאַנץ...

ע ו ו אַ : — (רייצט זיך מיט אים, זייער שטיפעריש) קיין מאָל ניט; האַ־האַ־האַ!... קיין מאָל ניט...

פּ אַ ט ר י צ י ו ם : — דאָס וועלען מיר נאָך זען; דו רייצסט מיר צו־פיל מיין באַגער!

א מ אַ ס ק ע : — אהאַ! די כלה שענסטע רייצט צופיל דעם באַגער פון דעם חתן־בחור... האַ־האַ... (אַלע לאַכען מיט טומעל.)

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה אַ ר : — ע! חתן־בחור פירסט, גיט אַכטונג!... אין אייערע לענדער מוז מען פריער פון איין זיווג פּטור ווערען, איידער מען כאַפּט אַ אַנדערען! ווען ניט, כע־כע־כע!... שמעקט עס מיט סכנה פאַר'ן כאַפּער... כע־כע...

א ל ע : — (לאַכען מיט טומעל) גיט אַכטונג, פירסט.

פּ אַ ט ר י צ י ו ם : — (פאַרביסען) אָבער, הויכגעשאַצטער פּעסט־מייסטער. איצט זענען מיר דאָך אין אייערע לענדער, וואו אַלאַ איז [illegible]

און מחמד זיין נביא... און מחמד׳ס גן־עדן איז פון אַלאַ׳ס געגאַד אַליין געהייליגט און געשיצט! האַ־האַ!

א ל ע: — (טומלען און לאַכען) אַ! פעסט־מייסטער באַזיגט, האַ־האַ־האַ!...

א מ אַ ס ק ע: — דאָך, פירסט, ווען עס רייצט דאָס בלוט צופיל... איז אַפּילו אַ קריסט אין רוים — אַ פרומער מחמד׳אַנדער, כאַ־כאַ־כאַ! (אַלע טומלען און לאַכען; פון די טויערען קומען פאַרוייס, מיט זייערע פירער, די טרעגער. אויף שטאַנגען איבערגעלייגט איבער די אַקסלען טראָגען אייניגע גרויסע טרויבען־צווייגען. אַנדערע אָליוועןּ־, אָראַנזשען־ און טייטלען־צווייגען, נאָך אַנדערע מאַנדלען־ און באַקסערען־צווייגען; אַנדערע טראָגען אויף די שטאַנגען קעסטלאַך מיט וואָל, זיידענס און קליינע געשטיקטע טעפּיכער און אַנדערע געשאַנקען. די פירער וויזען זיי דעם וועג פאַרביי די טרעפּ ביז זיי פאַרשווינדען הינטער דעם פּאַלאַץ. צווישען די טרעגער קומען אויך צוויי שומרונים וואָס טראָגען אויף אַ שטאַנג די הינטערשטע טייל פון אַ לעמעל. פאָרויס זיי גייט בן זאב, זייער וועג־ווייזער; אַרום די טרעגער קלייבען זיך די געסט וועלכע באַגעגענען זיי מיט פריידיגע אויסגעשרייען, שפּאַסיגע באַמערקונגען און געלעכטער און פאַרשווינדען מיט זיי ביסלאַכווייס אין דעם פּאַלאַץ.)

א ג אַ ס ט: — (ווייזט) זעט נאָר... זעט די גרויסע רויטע טרויבען. (צו אַ פרויען מאַסקע) זיי האָבען זאַפט גענוג צו פאַרבען רויט די פרויען־באַקען...

ע ו ו אַ: — און ווײַן גענוג צו פאַרטומלען אייך דעם שכל ניט צו וויסען וואָס איז עכט און וואָס איז פאַרפאַרבט. האַ־האַ־האַ! (אַלע לאַכען.)

א מ אַ ס ק ע: — זעט, זעט! באַקסערען... אַ גאַנצער בוים מיט באַקסערען. (אַלע לאַכען.)

א פ ר ו י ע ן מ אַ ס ק ע: — און וואָס איז דאָס?

ע ו ו אַ: — (פאַרשייט) האַ־האַ־האַ!... דער הינטער־חלק פון אַ לאַם!

א פ ר ו י ע ן מ אַ ס ק ע: — געברוינט ווי אַ געבראַטענס... (אַלע לאַכען.)

ע ט ל אַ כ ע ש ט י מ ע ן: — פעסט־מייסטער! וואָס איז דאָס? אויך אַ מתנה פאַר׳ן וויזיר?

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה אַ ר: — (דראָט גוטמוטיג מיט׳ן פינגער) ע! לאַכט נאָר ניט; בע־בע־בע, דאָס איז דעם וויזיר׳ס חלק פון אַ אָפּערונג ביים אַלטען פּסח־פעסט פון די שומרונים...

ע ו ו אַ: — אַ! איך האָב דאָס אַלטע פעסט געזען. (צו פּאַטריציוס, זיך רייצענדיג) פירסט! בעט אַ ביסעל ווייסע וואָל ביי יענע טרעגער.

א מ אַ ס ק ע: — וואָ סדאַרף דער פירסט די ווייסע וואָל?

ע ו ו א: — איינצואוויקלען זיין גרויסע ליבע — זי זאל זיך ניט פארקילען... (אלע לאכען.)

פ א ט ר י צ י ו ס: — (גערייצט) איך וועל זי בעסער אין אייערע צארטע קושען וויקלען... ס'וועט מיר ליבער זיין...

ע ו ו א: — אויב ס'וועט אייך געלינגען... כא־כא! (אלע לאכען; פאטריציוס גערייצט.)

פ א ט ר י צ י ו ס: — ס'וועט מיר שוין געלינגען... (ער ציט זיך צוריק אין אן אלייע. די געסט פארשווינדען ביסלאכווייס מיט די טרעגער הינטער'ן פאלאץ. עווא טיילט זיך אויס; אין זייער א געהויבענער שטימונג, האלב גייענדיג, האלב שוועבענדיג טרילט זי שטיל)

ע ו ו א: — טראלאלא! טראלאלא!...

האב איך מיר געשטיפט א ביסעל און געלאכט!
פון א קרבן'ם לוסט און ליבע שפאס געמאכט!
טראלאלא! טראלאלא!...
איצט זאל דער ליבסטער
טרינקען פון דער ליבע ווי פון וויין
און אין דעם זיווג'ס טאנץ
מיט מיר ווידער לוסטיג זיין!...
טראלאלא! טראלאלא!...

יואו־זשע איז דער ליבסטער?! (קוקט זיך ארום, זוכט אים אביסעל, וויל שוין פארשווינדען; פאטריציוס קומט אן פון הינטען; מיט א גיבער באוועגונג כאפט ער זי; זי דרייט זיך גיך אויס אין זיינע ארימס און פאטשט אים שטיפעריש מיט דעם פליגעל.)

ע ו ו א: — לאזט אפ!

פ א ט ר י צ י ו ס: — א! פארד־פייגעלע, דו וועסט ניט אוועקפליען אזוי גיך... ניט אומזיסט בין איך דיר נאכגעפלויגען פון פאריז אהער.

ע ו ו א: — (ראנגעלט זיך און לאכט פארסירט) הא־הא־הא! אומזיסט. פירסט, אומזיסט! (באפרייט זיך אביסעל; אין האלב זינגענדיגען טאן) ניט אייך וועט געלינגען צו בינדען מיינע פליגעל און ניט איר וועט פענטען מיין לעבען אפילו מיט גאלדענע שטריק...

פ א ט ר י צ י ו ס: — (אונטערטעניג) פאר וואס דען ניט?

ע ו ו א: — הא־הא־הא! ווייל איך וויל ניט, פירסט!

פ א ט ר י צ י ו ס: — א! איך קען דאס ליד: איך האב עס אפט געהערט... אבער דו וועסט פון מיינע הענט ניט אנטרינען מער און דיין מאסקע, עווא דוריימאן, פארשטעלט דיך ניט.

ע ו ו א: — (שוידערט אויף אין זיינע ארעמס) און ווייסט איר יא, פירסט, ווער איך בין. מעגט איר דאך וויסען, אז איר קענט מיין ליבע ניט

געווינען. (פּאַטשט אים מיט די פליגעל) לאָזט אָפּ! איר קענט מיר ניט געבען אין לעבען קיין פרייד און קיין גליק.

פּ א ט ר י צ י ו ס: — (מיט גרויס ליידענשאַפט, דריקט זי צו זיך) איך קען, עווא דו ריימאַן, איך קען!

ע ו ו א: — (לאַכט פאַרסירט) איר זענט פון זינען אַראָפּ; ווער זאָל עס דען בעסער וויסען?...

פּ א ט ר י צ י ו ס: — איך!... וואָס איז דען ליבע, ווייב, אַז פאַלשקייט און אַז ליגען? אַז יענער פּאַראַדי וואָס שווערט אייך אייביגקייט און טרייקייט? ליבע, עווא דו ריימאַן, איז גענוס... גענוס אין עראָס, ווייב! און וואָס איז לעבען, גליק אַז בלענדעניש און טרוימען? ווידער גענוס... גענוס פון רייכטומער און מאַכט און הערשאַפט איבער קנעכט... גענוס פון שטאָלצער ערע און פאַרערונג. איך קען דאָס אַלץ דיר געבען מיט דער פולען האַנט און גרויסער מאָס. (זייער ליידענשאַפטלאַך) איך קען גענוס דיר געבען, ווייב, הימעלשען גענוס אין יענעם ליבעס טאַנץ, ווען עס גליט די לוסט פון לייב צו לייב... איך קען גענוס דיר געבען, קינד, פון ערע און פאַרערונג פון לאַנגע דורות שטאָלצע העלדען און מוט פון איידעל בלוט... גענוס פון ריזיגע פאַרמעגענס — פון מאַכט און הערשאַפט... זאָג וואָס דו באַגערסט — קיין פרייז איז ניט צו גרויס...

ע ו ו א: — (באַפרייט זיך אַלץ מער פון זיינע אָרימס און קאָקעטירט אין טאָן ענדערונג) אַך, פירסט, ווי עס פלאַמט אין אייך די ליבע... אָבער דער פרייז וואָס זאָל די ליבע קויפען, פירסט, דאַרף די ליבע זיין ווערט... איך וויל נאָר שלעסער, קיניגלאַכע שלעסער!

פּ א ט ר י צ י ו ס: — (ליידענשאַפטלאַך און אונטערטעניג) איך האָב דאָס אויך. איך האָב אַ שלאָס, אַ קיניגלאַכען שלאָס, הויך אויף די בערג פון יענער קייט וואָס זוימט דעם ים אין זידלאַכען טיראָל. אַ שלאָס מיט טורעמס ביז אין הימעל און געבעל־שפּיצען, וואָס באָדען זיך אין פריען מאָרגען אין די נעבלען פון דעם הימעל און גולדען זיך מיט בלישץ און גלאַנץ אין דער ערשטער זון־רויט. איך האָב אַ וואונדערלאַכען שלאָס, וואָס שפּיגעלט זיינע טורעמס און די געבעל־שפּיצען אין דעם העלען אָווענט אָפּ, אין די בלויע כוואַליעס פון דעם ים, ווי ריזען מאַכטיגע אויף וואַך געשטעלט פון אַלע קעניגטומער — דער פּראַכט און שטאָלץ פון אַלטען ביזאַנטעום! דאָרט האָבען דורות פון מיינע אבות געקיניגט און געהערשט — אין בלוט פאַרטרונקען פיינט, איז ווייז געבאָדען פריינט — דו דאַרפסט דאָס וואָרט נאָר זאָגען און די שאָטענס פון די הערשער אויף די אַלטע טראָנען וועלען דיר געהאָרכזאַם זיין...

ע ו ו א: — (שפּילעריש, קאָקעטירט נאָך מער) ווי שיין, פירסט, דאָך... ניט דאָס אַליין קען ליבע קויפען... נאָר אַלטער שטויב פון אָפּגעלעבטע

טראַנען. האַ־האַ־האַ!... איך וויל נאָך גאָלד און קנעכט און איידעלשטיינער, פּירסט!

פּ אַ ט ר י צ י ו ס: — (גיך) איך האָב עס אַלץ... (ווידער אין ליידענ־שאַפטלאַכער אומטערטעניגקייט) איך האָב אַ האַלזבאַנד, קינד — אַן אוצר און אַ הייליגטום, דאָס זעלטענסטע אין אַלע עקען פון דער וועלט — די הייליגע העלענאַ האָט אים אויף איר האַלז און בלויזער ברוסט געטראָגן.

ע ו ו אַ: — (מיט געמאַכטער ערפורכט) די הייליגע העלענאַ!...

פּ אַ ט ר י צ י ו ס: — יאָ!... פּערעל ליבטיגע, ווי טרערן די גרויס, זענען אין אים אין גאָלד געפּאַסט און עמעראַלדען־שטויב, ווי גרינע זאַמד, איז צעשאָטען איבער זיי. אין לאַפּיס־שטיינער און קוילען־שוואַרצע דימענטען שפּרייט זיך דער צלם אויס אויף דער בלויזער פרויען ברוסט מיט קרים־טען־חן און קריסטען־ליבע פאַר אַלע מענשען־קינדער... איך האָב אַ דיאַדעמע פון אַפּאַל־שטיינער און וואונדער־בריליאַנטען, געשליפען און געזעצט פון מייסטער הענט, אין גילדערנע פעדים געוועבען. אַ קרוין און סצעפּטער האָב איך פון אַלט־קאַסטיליען'ס טאַפּאַז און ציילאַן רובינען — רויט ווי בלוט — וואָס פינקלען אין דער פינסטער מיט געלבלאַך פייעריגען שיין, ווי וועלפיש הונגעריגע אויגען... און קנעכט האָב איך און דינסטען, אין אנגסט פון טויט באַרייט צו דינען דיר. (זייער ליידענשאַפטלאַך. ציט זי צו זיך און וויל זי קושען) זאָג נאָר דאָס וואָרט... נאָר ליבע וויל איך... גענום — גענום פון דיינע פרויען צויבערס...

ע ו ו אַ: — (אַ ביסעל אומרואיג, ווערט זיך קעגען זיין ליידענשאַפט) אָ! ניט מער ווי דאָס פאַרלאַנגט איר, פּירסט! (לאַכט פאַרסירט) האַ־האַ־האַ! איר האָט זיך אָבער צו שפּעט דערמאָנט...

פּ אַ ט ר י צ י ו ס: — די ליבע פון אַ פרוי צו געווינען איז קיינמאָל ניט צו שפּעט!

ע ו ו אַ: — (אומרואיגער, ערנסטער) איך דענקט אַזוי? נאַ, לאָזט מיר אָפּ, פּירסט! גענוג געשפּאַסט... איך וועל אייך אויסזאָגען אַ סוד. (אין האַלב טאָן) איך האָב מיין ליבע שוין פאַר'קנס'ט; איך האָב אַן אַנדערען ליב, אַ גרויסע, איידעלע זעלע.

פּ אַ ט ר י צ י ו ס: — (לאָזט זי אימפּולסיוו אָפּ, ווי ער וואָלט זי אָפּגעשטויסען) דו האָסט אַן אַנדערען ליב?! אַן איידעלע זעלע? דאַן וועט ער מיר ווירדיג דעם וועג אָפּטרעטען...

ע ו ו אַ: — איר שפּאַסט, פּירסט?

פּ אַ ט ר י צ י ו ס: — ביי גאָט, עס איז מיר ניט צו שפּאַס!... ער וועט דעם וועג מיר פריי מאַכען; ווען ניט, וועל איך זיין איידעלע זעלע מיט אָט דעם שווערד פון ברייטען וועג אַוועקשאַרען און פריי וועט מיר דער וועג זיין צו דיין ליבע און גענום...

ע ו ו אַ: — (אומרואיג, אָבער עמפּאַטיש) איר וועט זיך ניט דער־וועגנען, פירסט!

פּ אַ ט ר י צ י ו ס: — איך שווער!... (פון די טרעפּ פון דעם פּאַלאַץ שאַלט אַ טראָמייט) אַט רופט מען צו דעם טאַנץ, דו הערסט, עווא דו ריימאַן, איז זיווג־טאַנץ וועל איך דיך כאַפּען און דיין ליבע וועט מיר געהערען: נאָר מיר!

ע ו ו אַ: — איך וועל דעם טאַנץ ניט טאַנצען... (עס קומען עטלאַכע געסט צוריק פון הינטער דעם פּאַלאַץ.)

פּ אַ ט ר י צ י ו ס: — (אין האַלב טאָן) דו וועסט זיך פון דיין גורל ניט אויסדרייען; מיט גוטען, אויב דו ווילסט; מיט בייזען, אויב ס'מוז זיין — געהערען וועסטו מיר.

ע ו ו אַ: — (עמפּאַטיש) איר זענט אַ נאַר, פירסט!... ניטאָ די מאַכט וואָס קען מיך נויטען צו אייער ליבע... און וועט איר זיך דערוועגען דאָס שווערד צו הויבען אויף מיין ליבסטען, גיט אַכט!... עווא דו ריימאַן קען האַסען פּונקט ווי ליבען. (עס קומען מער געסט מיט'ן פעסט־מייסטער פון הינ־טער דעם פּאַלאַץ, מיט טומעל, געלעכטער און ריידעריי; מיט זיי קומען אויך צוריק די טרעגער מיט זייערע פירער, מיט ליידיגע שטאַנגען און גייען צום טויער פון וואַנען זיי זענען געקומען; עווא פּאַרלירט זיך צווישען די געסט; זוכט אוריה'ן מיט'ן בליק, געפינט אים ניט און פאַרשווינדט; פּאַטריציוס וואַגט איר ניט נאָכצוגיין און ציט זיך צוריק אין אַן אַנדער ווינקעל).

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה אַ ר: — איילט זיך ניט אַזוי; עס איז ערשט דער ערשטער רוף צום גרויסען זיווגים־טאַנץ. דאַך, איר, מיינע דאַמען, גייט אין די פרויען־זאַלען און גרייט זיך צו: פּוצט זיך, שמינקט זיך... הע־הע־הע! זאָל די ליבע אונטער דער מאַסקע וואָס שענער זיין... און איר, מיינע הערען, גייט אין די רויך־צימערען רויכט דעם שמעקעדיגען נאַרגילע און שאַרפט די פיס צום טאַנץ... די ליבע רייצט זיך מיט'ן כאַפּער... הע־הע־הע! מען דאַרף פלינק און שאַרף זיין אויף די פיס... (מערערע געסט אין מאַסקען גייען אַרויף צו די זאַלען פון דעם פּאַלאַץ; אוריה קומט פּאַמעלאַך פון אַן אַלעע, ווי פריער געשטימט; שטעלט זיך אָפּ ביי איינעם פון די קליינע פּאַנ־טאַנען טיף אין געדאַנקען. דער אַלטער האַר צו אַ הויכער מאַסקע); טאַנצט איר אויך אין זיווגים־טאַנץ?

ד י ה ו י כ ע מ אַ ס ק ע: — וואָס איז דען מיין נשמה ניט פון פרייד געמאַכט? איך וויל אויך מיין זיווג כאַפּען אינ'ם טאַנץ...

ד ע ר אַ ל ט ע ר ה אַ ר: — זאָל אייך אַלאה העלפען; עס וועט אַביסעל שפּאַס זיין: הע־הע!

אַ מ אַ ס ק ע: — אויב עס וועט באַשערט זיין... וועלען מיר אַלע אונזערע זיווגים כאַפּען אינ'ם טאַנץ.

ד י ה ו י כ ע מ א ס ק ע : — עס איז שוין אין די הימלען פריער באשטימט געווארען, איך זאל מיין ליבסטען כאפען היינט אין טאנץ...

(אלע פארשווינדען אין די זאלען פון דעם פאלאץ; פון די טרעגער מיט די פירער טוילט זיך אויס בן זאב מיט זיינע טרעגער).

בן זאב : — גייט צו די טויערען, טרעגער, און ווארט אויף מיר פון יענער זייט. איך וויל א רגע דא פארווײלען. איך וויל דעם עלצטען פון די פרעמדע הארען זען. זיי זענען אלע דא. און וויסען וויל איך צו האבען זיי חלילה ניט פאר׳מסור׳ט אונז פאר׳ן וויזיר... זיי האבען מיר מיין רו פאר־שטערט פון זינט עס איז מיר איינגעפאלען הילף פון זיי צו בעטען אנטקעגען צפניה׳ס איינגעשפארטען ווילען... גייט, טרעגער, איך וועל באלד זיין מיט אייך. (זיי גייען צו די טויערען; ער קוקט זיך ארום; מאכט א פאר שפאן ווי ער וואלט געזוכט אימעצען מיט די אויגען און טרעפט זיך פלוצלונג פנים אל פנים מיט אוריה׳ן).

בן זאב : — (א פארציטערטער) אוריה! ... דא! ביים וויזיר׳ס טאנץ־פעסט! אלה בארעמהארציגער! ... (אביסעל רואיגער) אדער האסטו דען אויך, ווי איך, באזונדער פון דיין פאלק, צום הערשער׳ס פיס געבראכט גע־שאנקען היינט? ווי קומסטו אהער? ווייסט צפניה, דער כהן גדול פון דאס פאלק, אז דו ביסט דא?

א ו ר י ה : — (אביסעל פארלוירען, טרעט צוריק א שפאן) ניין, עלצטער פון מיין פאלק, דער אלטער כהן גדול ווייסט ניט וואו איך בין. און ניט צו ברענגען מתנות פאר׳ן וויזיר בין איך אהער געקומען. איך בין געקומען, עלצטער, די פרייד פון לעבען צו געפינען דא און זי געניסען...

בן זאב : — (פאטשט מיט די הענט) אלה, אלה אחד! ... שומרנ׳ס זון, א כהן פון זיין פאלק, אין דינסט ביי דיין מזבח, איז אהער געקומען די פרייד פון לעבען צו געניסען, צווישען פרעמדע פעלקער וואס דינען פרעמדע געטער אין תאוה, שכרות און אין טאנץ... עס קען ניט זיין... דו מאכסט חוזק אוריה פון דיין פאלק און פון דיין גאט!...

א ו ר י ה : — דו זאלסט אזוי ניט ריידען, עלטסטער! דו קענסט עס ניט פארשטיין, אבער ווי קען איך דען לייקענען? ! עס איז דער ריינער אמת.

ב ן ז א ב : — דער ריינער אמת? וויי! ווייסטו דען ניט, נאך וואס דער אלטער צפניה האט דיך אהער צוריק צו אונז גערופען?

א ו ר י ה : — איך ווייס!

ב ן ז א ב : — דו ווייסט? ! און דאך ביזטו אהער געקומען פון פרעמ־דען לעבען און פרעמדער פרייד געניסען?...

א ו ר י ה : — ניט פון פרעמדער פרייד... איך האב געהאפט די פרייד פון מיין נשמה צו געפינען דא.

ב ן ז א ב : — פון דיין נשמה ? ! א ! איך האב אין מיין בלוט געפילט, פון זינט דו ביזט אהער געקומען, אז דו ביזט אונז א פרעמדער און קענסט ניט אונזער גאט...

א ו ר י ה : — דו טוסט מיר אומרעכט, עלצטער ! איך קען מיין גאט און בין ניט פרעמד מיין פאלק... עס ציט מיך צו מיין פאלק, צו לעבען פאר מיין פאלק ! דאך לעבט אין מיין נשמה די לעבענס־פרייד וואס פילט אן יעדער מענשענ׳ס הארץ און וויל ניט רוען... און אין דעם קאמף ווער איך צעריסען און פארצערט... א ! דו פארשטייסט עס ניט ! ...

ב ן ז א ב : — גאט, וואס פאר אן אומגליק עס איז אויף אונז געקומען... צוויי זין פון זעלבען פאלק — בין איך אהער געקומען, אויפ׳ן פרעמדען פעסט, אין דערנידערונג צינז צו לייגען פאר דעם הערשער׳ס פיס און ער, — ווי איינער פון זיי, פון פרעמדען לעבען און פרעמדער פרייד געניסען... אבער זאג, ווי קענסטו מיט הענט אין זינד פארשמירט און די נשמה אין דער תאוה פאר פרעמדע פריידען דורכגעווייקט, קומען פאר דעם אלה אחד פון דער וועלט און דינען אים ?... און פירען אין זיינע וועגען זיין אויסדערוועלט פאלק ? ! ...

א ו ר י ה : — עלצטער, פארשטיי מיך דאך ! אין קאמף און אין לייד־דען שלאגט זיך מיין נשמה... און איך זע דעם וועג נאך ניט...

ב ן ז א ב : — דאן קום מיט מיר צו אים, צום כהן גדול פון דאס פאלק, און זאג אים. זאג זיך אפ צו ווערען גאט׳ס געזאלבטער כהן גדול און דינען אים ביים הייליגען מזבח. און ווען די צייט וועט קומען וועט אנאנדערער, א ווירדיגערער פון דיר, פארנעמען צפניה׳ס ארט.

א ו ר י ה : — זיך אפזאגען ? ! ... אין שוואכמוטיגקייט זיך פארלייקענען ? ארויסרייסען דאס שטרעבען פון דער זעל צו שאפען א ניי לעבען ? שלום מאכען מיט דאס אלטע און פארפוילטע, ווען די זילבער־קלאנגען פון אונזערע גרויסע אלטע אבות רופען, אין איינקלאנג מיט דער צייט דאס לעבען ניי און אנדערש מאכען... ניין, עלטסטער פון מיין פאלק, איך וועל מיט דיר גייען... און וועל זיך פון דעם שטרעבען פון מיין זעל ניט אפזאגען. איך וועל זיך יעדער מאכט און יעדער שטרעבונג אנטקעגענשטעלען און וועל דעם קאמף געווינען...

ב ן ז א ב : — איך אבער, אוריה, וועל גיין צום פאלק און וועל אים דיינע זינד דערציילען. צפניה, דער כהן גדול, איז טויב ; דאס פאלק אבער וועט הערען און וויסען וואס צו טאן. עס וועט דיך ניט דערלאזען מיט דיינע זינדיגע הענט באריהרען דעם מזבח פון אונזער גאט, פון אלה, אלה, אחד ! ...

א ו ר י ה : — ווילסטו מיך דען שרעקען, עלצטער, און אפשרעקען פון זיך אליין ? דאס פאלק וועל איך אליין מיין זעל אויפדעקען און זאל עס זען

ווי גרויס עס איז מיין ליבע צו אים, ווי גרויס דער שטרעבען צו דינען אים מיט יעדען טראָפּען בלוט...

בן זאב: — (פאַרביסען) דאָס פאָלק וועט ניט גלויבען... דו ביזט דעם פאָלק אַ פרעמדער!... (טראָמייטען־שאַל פון פּאַלאַץ; בן זאב דערשראָקען גייט גיך אָפּ).

אוריה: — (ווי דערשלאָגען, פאַמעלאַך, צעצויגען) אַ פר־עמ־דער!... (מאַסקען און געסט קומען מיט געפּילדער און לויפען צום פּאַלאַץ).

מאַסקען און געסט: — צום טאַנץ... צום טאַנץ... קומט דינען גאָט אין ליבע און אין טאַנץ!... (עווא קומט צולויפען מיט די מאַסקען און געסט און שרייט אויך אין גרויסער פרייד).

עווא: — צום טאַנץ... (דערזעט אוריה'ן, פאַרוואַרפט די הענט אַרום זיין נאַקען) אַ!... אוריה, קום דינען גאָט אין ליבע און אין טאַנץ.

אוריה: — (קוקט איר גלייך אין די אויגען, מאַפּעלאַך) דאָס זיינען געצען־דינסטען, עווא!...

עווא: — נאָך אַלץ ניט פריי, ניט פריילאַך... נאָך אַלץ פאַרטיפט אין זאָרג? באַזעלט דיך גאָר די פרייד ניט היינט, אוריה?

אוריה: — ס'איז אַ פרייד אַ געקינצעלטע, געליבטע; זי קומט ניט פון דער פרייער זעל.

עווא: — אַ! איך פאַרשטיי ניט דיין געמיט. נו, זאָל דיין פרייד אַן אַנדערע זיין, ווער שטערט דיר דען? אָט זע, אוריה, אין מיר טאַנצט און קוועלט פאַר פרייד יעדער אבר... קום טאַנץ מיט מיר, אוריה!

אוריה: — ניט היינט... און ניט דאָ, געליבטע.

עווא: — דו שרעקסט מיך היינט. פלעגסטו דאָך אמאָל, דאָרט ביי אונז, הארציג טיילען מיט מיר די פרייד פון לעבען. האָט דען דאָס אָרט, דאָס לאַנד פון דיין פאַרוויסטער היים דערשטיקט אין דיר יעדע פרייד פון לעבען?

אוריה: — ניט דאָס אָרט און ניט דאָס לאַנד... דאָס לעבען, עווא!

עווא: — דאָס לעבען? ווי קען דען לעבען זיין אַן פרייד? (זי צער־טעלט אים און קושט אים) נו, זאָל די פרייד וואָס פילט מיין לעבען אריבער־גיין אויך אין דיין זעל; קום, פריי זיך מיט מיר, טאַנץ מיט מיר, אוריה...

אוריה: — (אין קאַמף) איך — קען ניט...

עווא: — ווי־זשע וועסטו קענען לעבען אַן פרייד אין דער נשמה, אַן לעבענסלוסט, אַן זיסער מוזיק וואָס צערטעלט טיף די זעל און צוקט יעדען נערוו און מוסקעל, אין ווירבעל פון דעם טאַנץ? ווי וועסטו קענען לעבען אַן ליבע און אַן פרייד?

אוריה: — (פאַרטראַכט) ווי וועל איך קענען לעבען? (טאָן ענדערונג) איך וויל עס גאָר ניט, עווא!...

עווא: — און דאָך, זינט דו ביזט אַהער געקומען, ביזט דו גאָר אַנאַנדער מענש געוואָרען. ווי עס וואָלט אַ שווערע לאַסט אויף דיין געמיט געלעגען; ווי עס וואָלט אַ חלום דיך פאַרפּאָלגט (שטיפעריש, פאַרשייט) נו, געננוג דיר שוין, אוריה... הער בעסער, און גרויס זיך מיט דיין גליק: אַט האָט מיר ערשט דער פירסט פּאַטריציוס מיט פיבערישער ליידענשאַפט געשוואוירען ליבע, כאַ־כאַ־כאַ!... און שלעסער קעניגליכע, און קרוינען אַלטע און האַלזבענדער פון איידעלשטיינער — דעם גאַנצען שטאָלץ פון זיינע אבות האָט ער צו מיינע פיס געלעגט. און דו ביסט גאָר ניט שטאָלץ דערמיט וואָס דו פאַרמאָגסט עס אַלץ... איך האָב ד י ך דאָך ליב!

אוריה: — איך ווייס... און דאָך...

עווא: — וואָס — דאָך? (טאָן ענדערונג) קום טאַנץ מיט מיר, אוריה! און טאַנץ ביז עס וועט די פרייד פון לעבען זיך אומקערען צו דיר.

אוריה: — (מיט געבעט) עס גייט מיר ניט קיין טאַנץ, עווא! (אַנטשלאָסען) דו ביזט גערעכט: מיין זעל איז ווייט פון יעדער פרייד פון לעבען דאָ; עס וועגט אויף מיר אַ שווערע לאַסט; עס חלום'ט זיך אַ וואונדערלאַכער חלום, וואָס וועט דאָס לעבען ווערען. ווען ס'וועט דער מוט און ווילען זיין... איך האָב דעם מוט און ווילען, עווא!...

עווא: — אַ חלום! (טאָן ענדערונג) קום לעב מיט מיר די ווירקלאַכקייט... קום טאַנץ מיט מיר, אוריה... טאַנץ מיט מיר דעם אַלטען זיווג־טאַנץ...

אוריה: — (צערטעלט זי טרוימעריש) ניט איצט געליבטע! אַמאָל, ווען ס'וועט אין פרידען אַ פריי און גליקלאַך לעבען בליען אויף די בערג און טאָלען און קוועלען וועט די פרייד פון יעדער מענשענ'ס זעל, וועל איך מיט דיר, געליבטע, אין גרינעם טאָל, מיט זילבער שיין באַגאָסען, אינאיינעם מיט די זין און טעכטער פון מיין פאָלק, מיט פרייען כאָר־געזאַנג, דעם ווינט אַנטקעגענטאַנצען... און ס'וועט דער טאַנץ, געליבטע, פון דער נשמה זיין... ניט איצט... איצט רופט אַ גרויסער חוב, אַ וואונדערלאַכער שטרעבען!

עווא: — אָ! איך וועל ביז דעמאָלט ניט דערלעבען. איך וועל דערשטיקט ווערען פון אומעט און פון פיין.

אוריה: — (מיט געבעט) עווא!... (קורצע פויזע) דאָך!... (לאָזט זי אימפּולסיוו אָפּ) דו ביזט גערעכט! עס ליגט צעשיידען דער וועג פון אונזער לעבען: דיך ציט צו פרייד, געזאַנג און טאַנץ, צום גענוס פון לעבען;

מיך ציט צו שווערער אַרבעט... צו שאַפֿען אויף דאָס ניי און בויען אויף דאָס ניי — דאָס נייע לעבען...

עווא, איך האָב דיך ליב... און די ליבע האָט מיך אויף אַ מינוט ניט פֿאַרנאַרט! איך קען אָבער מיט איר מיין זעל ניט דערשטיקען; איך קען ניט מיטגיין מיט דיר אין דיינע וועגען... מיר מוזען זיך צעשיידען!...

ע ו ו א : — גאָט!... ווי קענסטו עס גאָר אויף דיינע ליפּען ברענגען? ווי וועל איך דען קענען לעבען אָן דיין ליבע? ווי וועסטו, אוריה, לעבען אין דער שיידונג?

א ו ר י ה : — איך וויים. עס וועט ניט גרינג זיין, עווא, ניט דיר, ניט מיר!... עס מוז אָבער געשעען!... (וויל גיין).

ע ו ו א : — (לאָזט אים ניט) אוריה!

א ו ר י ה : — ס'איז ניטאַ קיין אַנדער וועג...

ע ו ו א : — (פֿאַביטערט) גאָט, איך האָב געפֿילט, אַז דו ביזט שוין ניט דער וואָס האָט מיך פֿריער געליבט מיט אַזאַ פֿייער; כ'האָב אָבער ניט געגלויבט, אוריה, דו זאָלסט מיך קענען פֿאַרבייטען אויף אַ חלום!...

א ו ר י ה : — עס איז ניט קיין חלום, עווא, עס איז דער העכסטער שטרעבען פֿון מיין זעל!

ע ו ו א : — (אימפּולסיוו) אַ חלום... אַ חלום... פֿאַר וועלכען דו ברייננסט מיך פֿאַר אַ קרבן!

א ו ר י ה : — וואָס רעדסטו, עווא?

ע ו ו א : — (פֿאַרביסענער) ווי וואָלט געווען, ווען איך וואָלט דיך פֿאַרביטען אויף יענער לוסט און ליידענשאַפֿט, אויף יענע רייכטימער און פֿריידען וואָס האָט מיר ערשט דער פֿירסט פּאַטריציוס געאָפֿערט?!

א ו ר י ה : — עווא, פֿאַרשטייסטו מיך אויך ניט?! ווען איך וואָלט דיך פֿאַרביטען אויף אַנאַנדער פֿרוי, וואָלסטו געקענט מיך שווינען, האַסען און פֿאַר דיין באַליידיגטען געפֿיל, פֿון מיר אַפֿילו די ביטערסטע נקמה נעמען... אָבער, עווא, דו ווייסט דאָך, אַז דאָס איז ניט אַזוי... פֿילסטו דען ניט ווי מיין נשמה ווערט צעריסען אין קאַמף פֿון ליבע און שטרעבען?!... גיי, לעב דיין לעבען און לאָז מיך טאָן מיין אַרבעט און מיין פֿליכט!... (וויל ווידער גיין).

ע ו ו א : — (קלאַמערט זיך אויף זיין ברוסט) גאָט, דאָס קען ניט זיין; ס'וועט קיינמאָל ניט געשעען... (פּויזע; טראָמייטען־שאַל; עווא הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום; פֿון פּאַלאַץ קומען עטליכע אָריענטאַלישע מוזיקער מיט סטרונע און צימבעל אינסטרומענטען און זעצען זיך אויף קליינע טעפּיכער ביים פֿאַנטאַן; זיי פֿאָלגט באַלד כמעט לויפֿענדיג אַ גרופּע מענער אין ווייסע קאָסטיומען, מיט זייער לידער פֿאַרוים, זייער רייך און אָריענטאַליש געקליידט; אַלע

מיט אנטבלויזטע שווערדען געהאלטען איבער'ן קאפ; נאך זיי קומט, אין דער זעלבער טעמפא, א גרופע מיידלאך אין פארשייטע טאנץ־קאסטיומען, האלב מאסקען און ווייסע טיכלאך הויך געהאלטען אין איין האנט; פארויס זיי קומט זייער לידערין אויך אזוי, נאר זייער רייד אריענטאליש געקליידט. אלע פארמירען זיך זייער גיך צום טאנץ ביים „פאנטאן פון ליבע" אונטער דער מוזיק פון אריענטא־לישען ארקעסטער, וואס גייט ביסלאכוויים איבער צו אלגעמיינער טאנץ־מוזיק, ווען דער גרופען־טאנץ גייט אריבער אין אן אלגעמיינעם טאנץ פון געסט און מאסקען. געסט און מאסקען קומען פון אלע זייטען מיט יובעל געשרייען: „צום טאנץ!" "צום טאנץ!")

עווא: — זע, אוריה, ווי עס קוועלט די פרייד פון לעבען... קום, לאמיר זען דעם טאנץ. (ער גייט מיט איר א שפאן־צוויי פארויס אוןביידע בלייבען שטיין. זי האלט אים ביי דער האנט; טראמייטען־שאל צום טאנץ).

דער לידער: — (טאנצט דעם אריענטאלישען שווערדען־טאנץ און זינגט צו פון צייט צו צייט אין פאסיגען רעטשיטאטיוו; די מענער מיט די אנט־בלויזטע שווערדען אין אקאמפאנירענדע באוועגונגען צו זיין טאנץ):

מיר טאנצען דעם אלטען שווערדען־טאנץ!
דעם טאנץ פון פעלקער־פרייד און געטער־דינסטען!...

די לידערין: — (ווי דער לידער, טאנצט מיט דעם ווייסען טיכעל אין דער הויך; די מיידלאך אקאמפאנירען מיט פאסיגע באוועגונגען צו איר טאנץ):

מיר טאנצען דעם אלטען זיווגים־טאנץ!
דעם טאנץ פון פרייד און ליבע!...

דער לידער: — אונזער צייכען איז דאס שווערד, — דער צייכען פון דער מאכט!

און מיט דער מאכט באשווערען מיר אייך,
שענסטע טעכטער פון שומרנ'ם טאלען,
אונז צו געהערען אין דער ליבע!...

די לידערין: — אונזער צייכען איז די אומשולד — די אומ־שולד פון דער כלה־שיין

און ווילט איר, מענער, מיר זאלען אייך געהערען
אין דעם געגנום פון דער ליבע;
כאפט אונז אין דעם זיווגים־טאנץ...
(די מענער אויסער דעם לידער שיידען די שווערדען; טאנצען אנט־קעגען די מיידלאך מיט פרייד געשרייען).

די מיידלאך: — כאפט אונז... כאפט אונז!...

די מענער: — מיר ווען... מיר וועלען... (ביסלאכווייז פאר־שפרייט זיך די לוסטיגקייט פון די פארלאך, אונטער אלגעמיינער טאנץ־מויזק,

אויף די מאַסקעס און געסט; מענער טאַנצען אַנטקעגען פרויען, יובעל און פרייד געשרייען: „כאַפּט אונז"; „כאַפּט אונז"; „מיר וועלען; מיר וועלען אייך כאַפּען"; עוואַ האַלט אוריה'ן פאַר דער האַנט; זי שטייט אָבער ניט איין אויף אַן אָרט; מיט ברענענדיגע אויגען שוועבט זי אַרום; מאַכט טאַנץ־באַוועגונגען; פּרואווט אַנציגדען אוריה'ן מיט איר לוסטיגקייט — עס געלינגט איר ניט; זי קוקט זיך אָפּט אַרום און קעמפּט אויגענשיינלאַך מיט זיך אַליין. טראַמייטען־שאַל. די פאַרלאַך וואָס האָבען זיך געכאַפּט, קושען זיך פאַרשייט און טאַנצען אַוועק צום פּאַלאַץ. די לוסטיגקייט באַרואיגט זיך אַ ביסעל. לענגערע פּויזע).

עוואַ: — קום טאַנץ מיט מיר, אוריה!...

אוריה: — עס גייט מיר ניט קיין טאַנץ!...

עוואַ: — אַ! דו שטויסט מיך אין די אָרעמס פון מיין פאַרפאַלגער; פאַטריציאוס האָט געשוואוירען צו כאַפּען מיך אין טאַנץ...

אוריה: — (כאַפּט זי אימפּולסיוו אַן מיט די הענט ביי די אַקסעל) עוואַ! דאָס וועט אים קיינמאָל ניט געלינגען!... (טראַמייטען־שאַל ווי פריער; די מענער אַנטבלויזען די שווערדען; די מיידלאַך הויבען אויף די טיכלאַך און טאַנצען מיט מער און מער אזארט).

דער לידער: —

מיר טאַנצען... און וועלען אייך געווינען אינ'ם טאַנץ.
איר מוזט דאָך אונז געהערען און אונז הייליג שווערען
ביז אין קבר טרייהייט און געגנוס...

די לידערין: — (טאַנצט מיט מער און מער אזארט)

מיר טאַנצען... נו, כאַפּט אונז אינ'ם טאַנץ!
מיר וועלען אייך געהערען, מיר קענען זיך ניט ווערען
און ביז אין קבר שווערען טרייהייט און געגנוס...
אזוי איז דאָס געבאָט!...

(אַלע גרייטען זיך צום פּאַרוויז טאַנץ; עוואַ לאָזט אָפּ אוריה'ן; קוקט זיך אומרואיג אַרום; שטייט ניט איין אויף אַן אָרט).

דער לידער: —

דאָך וועלען מיר נאָך האַלטען וואַך איבער אייך,
היטען אייך פון דער זינד און צוימען אייך,
און אין דער וואַך, רו און גליק געווינען!...

די לידערין: —

דאָך, ווי וועט זיין דעם היטער...
וואָס וועט פון אונזער ליבע מאַכען שפּאַט און לוסט...
בייז איז די נקמה; מיט גאַל דאָס פרויען האַרץ;
גיפט מישט עס אין דעם בעכער פון זינדיגען פאַרברעכער.

צו שטילען וויטאַג און פּיין אין דער ברוסט...
נו, כאַפּט אונז אין דער ליבע... געווינט אונז אין דעם טאַנץ!...

(די מענער שיידען די שווערדען; די מיידלאַך הויבען אויף די טיכלאַך און אַלע טאַנצען פּאָרוויים ווי פריער. דער טאַנץ פאַרשפּרייט זיך מיט גרויסען אַזאַרט).

ע ו ו א : — (ציטערט פון אויפרעגונג) אוריה, קום טאַנץ מיט מיר!... באַשיץ מיך אין דעם טאַנץ... (שפּרינגט אימפּולסיוו אַריין אין טאַנץ; אוריה פאָלגט איר נאָך אַ שפּאַן־צוויי; בלייבט שטיין; אָנגעשטריינגט היט ער זי מיט די בליקען און מיט קאָרעספּאָנדירענדע באַוועגונגען צו איר טאַנצען).

פּ א ט ר י צ י ו ם : — (מיט טייוועלשער פרייד צו אַן אָפיצער) אַ! קאַ־מעראַד, זי האָט ניט אויסגעהאַלטען און זי וועט מיינע זיין (וואַרפט אַראָפּ דעם אויבערשטען מאַנטעל) נאַ, האַלט!... (שטייט אַ מינוט, אומבאַשלאָסען, קוקט זיך אַרום; צערייצט שפּרינגט אַריין אין טאַנץ; טאַנצט מיט גרויסער ליי־דענשאַפט אַנטקעגען עווא׳ן; לאַווירט צו כאַפּען זי; זי מיידט אים אויס און טאַנצט קעגען אַנאַנדערען. אוריה אין שטאַרקער אָנשטריינגונג היט יעדע באַוועגונג זייערע מיט צוגעפּאַסטע באַוועגונגען כמעט אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין. פּאַטרי־ציום, אַלץ מער און מער גערייצט, פאַרפאָלגט עווא׳ן מער און מער. זי איז אויך מער גערייצט און מיידט אים מער עקשנות׳דיג אויס; זי איז אָבער כמעט אָן כחות. לענגערע פויזע פון גרויסען אַזאַרטען טאַנץ. פּאָרלאַך כאַפּען זיך אין טאַנץ און פאַרשווינדען פאַרשייט צום פּאַלאַץ. פּאַטריציוס מאַכט אַ ווילדען פאַרזוך צו כאַפּען עווא׳ן; ער כאַפּט זי כמעט, אָבער אוריה פאַרצאַמט אים דעם וועג. טראַ־מייטען־שאַל; אין פּאַטריציוס הענט פאַלט אַריין די הויכע מאַסקע; עווא אָן כחות פאַלט אין אוריה׳ס אָרימס; ער טראָגט זי כמעט אויף די הענט אַרויס אַ פּאָר שפּאַן).

פּ א ט ר י צ י ו ם : — (אין שטאַרקער אויפרעגונג, וויל אָפּשטויסען פון זיך די הויכע מאַסקע; זי לאָזט זיך ניט) ניט אייך האָב איך געמיינט!...

ד י ה ו י כ ע מ א ס ק ע : — (שטאָלץ) דאָך!... מיך האָט איר געכאַפּט... איר וועט דעם אַלטען מנהג, הער, ניט וואַגען צו ברעכען... מיך האָט איר אין דעם אַלטען זיווגים־טאַנץ געכאַפּט און מיינער זייט איר!

פּ א ט ר י צ י ו ם : — ניין, איך האָב אַנאַנדערע ליב און קען אייך ניט געהערען...

ד י ה ו י כ ע מ א ס ק ע : — (געלאַסען) איך גלויב עס ניט! ווי האָט איר דען אין זיווג־טאַנץ געטאַנצט?

פּ א ט ר י צ י ו ם : — (אַביסעל דערשראָקען, צוריק געזעצט) איך שווער ביי ריטער־ערע!

ד י ה ו י כ ע מ א ס ק ע : — (איראָניש) ביי א י י ע ר ריטער

ערע! (בויגט זיך אַביסעל אָן; הויבט אויף די מאַסקע אויף אַ סעקונדע און לאָזט אים שטאָלץ אָפּ) ווען האָט איר פאַלש געשוואוירען, פירסט, היינט, צי דע־מאָלט! ...

פּאַטריציוס: —)אַ פּאַרציטערטער, אַ טריט צוריק) גאָט, איך — דאַ?! ... (אַ ביסעל רואיגער, אין האַלב־טאָן) אָבער ניט דאַ איז דאָס אָרט צו שענדען מיך און מאַכען מיך צו שפּאָט.

די הויכע מאַסקע: — (שטאָלץ און פאָדערענדיג) דאַ האָט איר מיך אין טאַנץ געוואונען און דאַ, כאָטש, נאָר צום שיין פאַר לייט, ניט צו מאַכען מיך צו שפּאָט, וועט איר מיר היינט געהערען...

פּאַטריציוס: — זייט גנעדיג!

די הויכע מאַסקע: — איך בין עס צופיל מאָל געווען (באַפעלע־ריש) היינט וועט איר מיינער זיין, אויב איר ווילט ניט, אין קייטען, אויף דאָס נייַ מיר ליבע שווערען.

פּאַטריציוס: — (אונטערטעניג) אויב עס מוז אַזוי זיין, דאַן אין אַלטער ריטער־ווערדע, זאָל עס אַזוי זיין... איר זאָלט מיר נאָר די פריי־הייט געבען נקמה דאַ צו נעמען.

די הויכע מאַסקע: — איר זענט פריי. (דרייט זיך אַוועק פון אים; ער זוכט עוואַ'ן מיט די בליקען; דערזעט זי מיט אוריה'ן; גייט אויפ־געגעגט צו זיי; עוואַ צערטעלט און לאַשצעט אוריה'ן).

פּאַטריציוס: — (אין שטאַרקער אויפרעגונג כאַפּט זיך צום שייד פון זיין שווערד) אַ שמרוני מיר אין וועג?! ... (צו אוריה'ן) ווער ביזטו דען וואָס האָט געוואַגט דאָס שענסטע מיידעל זיך צו רויבען אין דער ליבע! ...

אוריה: — (קוקט אים אָן דערשטוינט) ווער איך בין? איך בין שומרנ'ס זון און בין שטאָלץ דערמיט. אָבער ווער ביזטו דען, הער, איך זאָל דיר דאַרפען רעכענונג אָפּגעבען פון מיין ליבע!?

פּאַטריציוס: — ניט דיר וועל איך דערציילען ווער איך בין (הויבט אויף די שייד מיט'ן שווערד און וויל אים שלאָגען).

עוואַ: — (דערשראָקען, שטעלט זיך צווישען ביידע, שיצט אוריה'ן; צו פּאַטריציוס) איר וועט זיך ניט דערוועגען... (צו אוריה'ן, פאַרסירט) דער פירסט פּאַטריציוס שפּאַסט! האַ־האַ־האַ! ער האָט מיר היינט געשוואוירען ליבע; ער האָט דאָך ניט געוואוסט, אַז איך האָב אַנאַנדערען ליב.

אוריה: — פירסט פּאַטריציוס...

פּאַטריציוס: — דיך האָט זי ליב?!

אוריה: — וואָס גייט עס אייך דען אָן?

פּאַטריציוס: — וואָס ס'גייט מיך אָן?! דו טרעט מיר אויס דעם וועג, פאַרהאַסטער מענש.

אוריה: — זענט אירביים זינען, הער!

פּאַטריציוס: — (אין גרויסער אויפרעגונג) טרעט מיר אויס דעם וועג, שמרוני; ווען ניט, ביי גאָט, באַצאָלסטו מיט דיין לעבען... (הויבט הויך זיין שייד און שווערד, אין ווילדען אַנגריף, אים צו שלאָגען; עוואַ באַשיצט אים; עס קומען זיך צונויף געסט אין מאַסקען).

עוואַ: — ווי וואַגט איר ביים וויזיר'ס עפענטליכען פעסט?!

אוריה: — (אין אימפּולסיווער באַוועגונג צו באַשיצען זיך, כאַפּט דאָס הענטעל פון זיין שווערד) איך האָב אין אייערע מערב לענדער אויך די קונסט פון שווערדען געלערענט און קען זיך וואויל באַשיצען אין אַ ערען־קאַמף!

שטימען: — אַ שווערדען־קאַמף... אַ שווערדען־קאַמף... (געסט און מאַסקען קלייבען זיך אַרום).

עוואַ: — (אַ פּאַרציטערטע) אוריה, אום גאָטעס ווילען!... פירסט, וואָס ווילט איר טאָן?

אוריה: — (ציט דעם שווערד האַלב פון דעם שייד) איך וויל מיין ליבע און מיין לעבען שיצען... איך וויל דיך באַשיצען, עוואַ!...

פּאַטריציוס: — (מיט שטאָלץ) ניט מיט דיר, פאַרהאַסטער שמרונ'ס זון, וועל איך, פּאַטריציוס, דער יורש פון אַלטע ריטער־שטאַמען, אין שווערד־געפעכט זיך מעסטען... טרעט מיר אויס דעם וועג, עוואַ דו ריימאַן, איך וועל אים ווי אַ הונט דערשלאָגען. (הויבט די שייד הויך צו שלאָגען אים).

עוואַ: — (ציט זיך אויס אין איר גאַנצער לייגג) אוממענש, איך וועל דיך מיט די הענט דערשטיקען... (פּאַטריציוס מאַכט אַ שפּאַן צוריק).

אוריה: — (שטייט אַ סעקונדע ווי ער וואָלט זיך אויף עפּעס באַשלאָסען; לאָזט דאָס הענטעל פון שווערד; עס פאַלט צוריק אין שייד) איך קען ניט, דורות רופען מיך... דאָס שווערד אין אַקעראַייזענס צו איבערשמידען!... איך וועל קיין בלוט ניט זוכען, עוואַ!... (ציט זיך איילענדיג צוריק; עוואַ גיך נאָך אים, ביידע אָפּ).

פּאַטריציוס: — (מיט פאַראַכטונג) דער פייגלינג! ער האָט אויך דאָס שווערד באַליידיגט! עס זאָל אים ניט געשענקט זיין... קאַמעראַדען, ווער גייט מיט מיר? מיר וועלען אים און זיין געזינדעל אויך אין זייער הייל געפינען און צום טויט דערשלאָגען... נקמה, קאַמעראַדען... (לעבעדיגער טראָמייטען־שאַל).

שטימען: — אַ!... צום פעסט־טיש! דער רוף צום פעסט־טיש. (מאַסקען און געסט טאַנצען פאַרוייס צום פּאַלאַץ).

די הויכע מאַסקע: — (רירט אָן פּאַטריציוס אַקסעל) איר ווערט

מיך, פירסט, אין טאַנץ באַלייטען צום פעסט־טיש. דאַן וועט איר ווידער פריי זיין.

פ אַ ט ר י צ י ו ס : — (מיט טיפער פאַרנייגונג) איך וועל עס, פירסטין טאַן און, געזעלען, מיר וועלען אונזער נקמה שפּעטער נעמען! ... (פאַרלאַד טאַנצען צום פּאַלאַץ; פּאַטריציוס טאַנצט מיט דער הויכער מאַסקע).

פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט

דריטער אקט

(דער פאָרהאַנג גייט אויף פּאַמעלאַך און דעקט אויף די געגענד ביי די בערג און די טעמפּעל רואינען, ווי פריער, נאָר שפּעט אין דער נאַכט. אונטער דעם שאָטען פון די רואינען פון דעם טעמפּעל זאַמעלט זיך דאָס פאָלק. עווא און אוריה קומען אָן אין ליכט, לינקס. בן זאב טרעט אַרויס רעכטס, אין שאָטען; דערזעט אוריה'ן מיט עווא'ן).

בן זאב: — (דערשראָקען) אַ! ... אוריה מיט דער קריסטין דאָ? !... גאָט!... (עווא טרעט גיך צוריק הינטער די רואינען; אוריה בלייבט שטיין אַליין, דעם קאָפּ טיף געבויגען).

בן זאב: — (מיט איינגעהאַלטענעם כעס, שטרייננ) אוריה, זון פון אהרן כהן גדול, איך זע דו ביזט שוין דאָ... און ניט אַליין... (קאָנטראָלירט זיך) גיי, אַלזא, און מאַך דיך גרייט!

אוריה: — (הויבט פּאַמעלאַך אויף דעם קאָפּ) גרייט, צו וואָס, עלטסטער פון מיין פאָלק?

בן זאב: — דעם כהן גדול'ס ווילען וועט דערפילט ווערען. ער האָט מיך געשיקט דיר זאָגען, אז עס וועט נאָך היינט געשעהן... אויף זיין באַפעל פאַרזאַמעלט זיך דאָס פאָלק און ער אַליין וועט באַלד דאָ זיין. ער וועט דיר די כהונה איבערגעבען...

אוריה: — (פאַרציטערט) היינט!... שוין!...

בן זאב: — (גיפטיג) אזוי וויל ער; זיין ווילען איז דאָך הייליג... גיי, טובל זיך פון דיינע זינד און גרייט זיך צו!

אוריה: — (הויבט אויף דעם קאָפּ צום הימעל) גאָט!... (קורצע פּויזע. עס הערט זיך דאָס מאָנאָטאָנע געזאַנג „לית אלה — אלת אחד!" ער שטעלט זיך אָן און הערט זיך צו אַ ווײַלע).

אוריה: — (פּאַמעלאַך) דורות רופען מיך... (פאַרשווינדט).

בן זאב: — (מיט אַן אויסגאָס פון כעס) שמרונים, עלצטע! האָט איר געזען די קריסטין דאָ מיט אים, מיט אוריה'ן? וויי, וויי איז אונז. (גרינגע אומרואיגקייט אין פאָלק מיט אויסרופען: „וואו"? !.. ווער!.... אַ קריסטין"... סיר עדוואַרד מיט אַ צעעפענטען פאַרמעט אין דער האַנט קומט פון די געצעלטען. נאָך אים דו ריימאַן, דר. אשכנזי און דער אַראַבער מיט אַ לאַמטערען אין דער האַנט. דאָס פאָלק זאַמעלט זיך ביסלאַכוויז פאַרויס).

סיר עדווארד: — (צעשטרייט, גיך, אזוי ווי ווערענדיג זיך קעגען ווענען) לאָזט מיך... איך מוז דעם פאָלק עס איבערלעזען!...

ד ו ר י י מ א ן : — (מיט געבעט אין קול) אָבער, סיר עדוואַרד, מיר דאַרפֿען זיי ניט שטערען... עס איז דאָך זייער פעסט!...

ס י ר ע ד ו ו א ר ד : — אָך, לאָזט צו רו, קאָלעגע, דאָס פעסט איז נאָך ניט אין גאַנג... און עס קען אויך שפּעטער זיין; און דאָ איז אַן אוצר, אַן אַלטער אוצר. זאָלען זיי עס הערען און אַליין פאַרשטיין ווי נויטיג עס איז פאַר זיי צו זאַמלען זייערע אַלטע שריפטען און אַלטע אוצרות און באַהאַלטען זיי אין אונזערע מוזעען. (שטעלט זיך אין דער פּאָזע צו לייענען).

ד ר. א ש כ נ ז י : — דאָך ניט איצט, קאָלעגע...

ס י ר ע ד ו ו א ר ד : — ווען דען? איצט... ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז דאָ. (צום אַראַבער) אבא, אבא, לייכט מיר צו. (דאָס פאָלק שפּאַרט זיך אַרום אים פון דערוויטענס; צפניה וויזט זיך אויף די רואינען פון דעם טעמפּעל; גייט פאַמעלאַך; בלייבט שטיין אין דער הויך אויף אַ שטיין און הערט זיך צו; אוריה קומט פון דער זייט; בלייבט שטיין כמעט אומבאַמערקט הינטער דר. אשכנזי; עווא וויזט זיך אויף אַ ביסעל שפּעטער הינטער די שטיינער און בלייבט די גאַנצע צייט אומבאַמערקט.)

ס י ר ע ד ו ו א ר ד : — (גרייט צום לעזען) הערט אויס, שומרונים, הערט אַלע אויס, וואָס אייער אַלטער נביא זאָגט צו אייך: (דאָס פאָלק קלייבט זיך נענטער.)

א י י נ י ג ע פ ו ן ד ע ר מ א ס ע : — אַן אַלטער נביא...

א נ ד ע ר ע : — לאָמיר הערען!...

ק ו ל ו ת : — לאָמיר הערען!...

ס י ר ע ד ו ו א ר ד : — (אין דער פּאָזע, אבא לייכט אים צו, לעזט:)

„און גאָט האָט מיר געהייסען: רייד צו זיי;
„אַנטפּלעק זיי...
„איך וועל אייך נאָך פאַר זיגער מאַכען,
„פאַר זיגער איבער דאָס לעבען.
„ניט מיט'ן שווערד אויפ'ן שלאַכט־פעלד,
„מיט מענשען'ס בלוט באַגאָסען,
„וועל איך אייך צו זיגער מאַכען!...
„ווען אין די קלאַרע וואַסערען פון ירדן
„וועט איר זיך רייניגען און טובלען
„און אַפּוואַשען די הענט פון בלוט און שלעכטע מאַטען
„און רייניגען און לייטערען די זעל פון טונקעלע באַגערען!...
„דאַן, וועל איך דיך פאַר'ן זיגער מאַכען איבער שונאים
אומגעצייליטע!"

ס י ר ע ד ו ו א ר ד : — (צום אַראַבער) אבא! שטיי ניט ווי אַ גולם; לייכט מיר צו אָט דאָ!

ד ע ר אַ ר אַ ב ע ר: — אַט דאָ! (טוט אַזוי.)
ס י ר ע ד וו אַ ר ד: — (לעזט.)
„און ווען איר וועט אמת'דיג און תמימות'דיג און ריין זיין
„און ריין וועט זיין די זעל און קלאָר, ווי ריין און קלאָר עס איז
„דער ערשטער זון־שטראַל וואָס קושט זיך אין פרימאָרגען
„מיט דעם שניי־שפּיץ פון לבנון...
„דאַן וועל איך אייך פאַר זינגער מאַכען!
„און זאָג זיי, נביא, זאָג; דו האָסט מיין שטים פאַרנומען:
„אַז זינגען וועט און וועט באַזינגען די ריינע זעל
„דעם לוסט־באַגער נאָך בלוט און גאָלד און לוסט...
„און זינגען וועט דאָס לעבען, דאָס אייביגע,
„וואָס וועט פון ריינע קוואַלען פון דער זעל
„שטראָמען אומגעשטערט אויף אייביג...
„און דו, מיין פאָלק, גערייניגט אין דעם שטראָם פון לאַנגע
לײדען,
„וועסט זיין דער זינגער איבער פעלקער!...
„אַזוי זאָגט גאָט, גאָט דער איינציגער...
„דער גאָט פון אַלע צייטען!..."

ס י ר ע ד וו אַ ר ד: — (צו אַלע) אַך! דער אומגעשיקטער אַראַבער! גראָד דאָ האָט ער דעם טאָוועל אָפּגעבראָכען; אָבער עס איז אַן אוצר סאַי ווי סאַי... אַ צוואונג פון אַן אַלטען נביא. איך שיק עס היינט נאָך, דורך טראַנספּאָרט, קיין לאָנדאָן, אין ברִיטישען מוזעאום... קום, אבא... (מיט אַבאַ'ן גיך אָפּ; צפניה קומט נעענטער).

אַ ש ט י מ ע א י ן פ אָ ל ק: — איר הערט: אַ נביא!... אַ נביא האָט גערעדט!... (געדראַנג אין פאָלק.)

צ פ נ י ה: — אַ נביא?!... דאָס פאָלק, מיט יראת הכבוד, מאַכט אים אַ וועג) ניין, אַ הייליגער: געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען, אלה, אלה אחד!

א ו ר י ה: — (צו דר. אַשכנזי) אַט ד אָ ס איז, אַלטער לערער, דער חלום — די אייביגע ירושה פון מיין פאָלק...

ד ר. אַ ש כ נ ז י: — אַן אַלטער חלום... אַ טויטער בוכשטאַב, קינד, אַ שיינדעל אין מוזעאום!

א ו ר י ה: — ניין, ס'איז ניט אמת, לערער!... עס איז אַ צוואונג, אַ שטרעבען וואָס וועט נאָך ווען עס איז דאָס לעבען גובר זיין!...

צ פ נ י ה: — (דערזעט אוריה'ן, דערנענט זיך צו אים מיט פרייד) אַ! אוריה, דו ביזט אויך דאָ! געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען. איך האָב מיט אלה'ס גענאָד דערלעבט די שעה צו פירען דיך צו דער עבודה פון גאָט דעם איינ־

ציגען און זאַלבען דיך פאַר דעם כהן גדול פון דיין פאָלק. די אַלטע האַרען דאָרט דאַרפען אונז ניט שטערען. קום מיין זון!

אוריה: — (אימפולסיוו, מיט אַ טריט פאָרויס) איך גיי, כהן גדול! איך וויל מיין לעבען ווידמען יענעם גרויסען שטרעבען פון די אַלטע הייליגע.

שטימען פון פאָלק: — הערט!... הערט!...

דר. אשכנזי: — (האַלט אָפּ אוריה'ן מיט דער האַנט אויפ'ן אַקסעל) אוריה! ניט דאַ, אין טויטען טאָל, און ניט דעם גוסס'דיגען פאָלק, דאַרפסטו דיינע קרעפטען ווידמען און אַפּגעבען דיין לעבען!... דאָרט, אין די מערב־לענדער, וואו דאָס לעבען איז פריש און גרויס; וואו די זון מיט העלע שטראַלען וואַרימט פעלדער, יונג־צעאַקערטע, דאָרט דאַרפסטו דיינע זוימען זייען... דאָרט איז דיין אָרט, אוריה, ניט דאָ!...

צפניה: — (דערשטוינט) וואָס הער איך, גאָט!?... וואָס רעדט איר, אַלטער האַר? (אין פאָלק איז אַ שטילער, אומרואיגער מורמלען.)

דר. אשכנזי: — (אומגעאַכטעט) דאָרט זענען גערטנער דאָ, אוריה, מיט פירות זאַפטיגע... דאָרט זיינען פעלקער דאָ פול מיט מוט און לעבען; דאָרט טראָגט דער מענש דעם פאַרשריט אין דעם קאַמף — דאָרט שאַפט דער מענש דאָס לעבען... יענע פעלקער, אַלטער פריסטער, דאַרף מען זיינע כחות ווידמענען; דיין פאָלק איז פון דער צייט אַליין פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג און טויט...

אוריה: — אַ... לערער!...

צפניה: — ווי?!... מיין פאָלק פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג און טויט?!... ווער וואַגט דאָס אונז צו זאָגען? ווער וואַגט די מאַכט פון גאָט אויף זיך צו נעמען און זאָגען, אַז מיין פאָלק מוז אונטערגיין?! ווער איז דער פאַלשער נביא דאַ, וואָס באַט אונז אַן צו לייענען אין די שטערען דאָס מזל פון מיין פאָלק און זען בנבואה זיין אונטערגאַנג און טויט?...

דר. רימאַן: — (ווייך) זיי ניט געערגערט, גרויסער פריסטער, דיין פאָלק איז אָנמאַכטיג און קען דערפאַר ניט לעבען לייגנער!...

צפניה: — (מאַכטיג, מיט שטאַרקער באַגייסטערונג) מיין פאָלק, איר אַלטע האַרען, לעבט זינט גאָט דער איינציגער האָט די וועלט באַשאַפען און וועט לעבען ביז זיין ווילען וועט זי חרוב מאַכען...

דר. אשכנזי: — אַלטער קינדער־גלויבען...

דר. רימאַן: — ווי אַזוי דען, אַלטער פריסטער?

צפניה: — (אין גוואַלדיגען עקסטאַז) מיט אלה, אלה'ס חסד... מיט אלה, אלה'ס כח!

דר. אשכנזי: — (געריזצט) בלינדער גלויבען!...

אורי ה: — גרויסער, שטאַרקער גלויבען... הויך דערהויבט ער די נשמה... און פירט זי אומפאַרמיידלאַך צו איר ציל!...

ד ר. אשכנזי: — פאַר־פירט — זי!...

אורי ה: — אַ!... ווען איך וואָלט, ווי איר, געגלויבט און וואָלט, ווי איר, געפילט, ווי גערען וואָלט איך אין אייער וועג געגאַנגען צו יענעם לעבען פון בלוט און קאַמף... מיך פלאַגט אָבער די זעל: איך פיל אַן אַנדער וועג!... מיך ציט דאָס הארץ צו יענע גרויסע אַלטע ליכטער וואָס האָבען צענדליגער יאָרהונדערטער מיט שיין די וועלט באַגאָסען און האָבען אין דעם טאָל — אויף די בערג פון אַלטען אָריענט — אַ טרוימעריש צויבער־בילד פון שטילער מענשען־ליבע, פון פרידען, יושר און גערעכטיגקייט גע־וועבט... אַהין, יענעם לעבען צו שאַפען, ציט מיך!...

איר רופט מיך אַהין אין די מערב־לענדער, צו יענעם ווילדען קאַמף, צו בלוט, צו לוסט, צו גאָלד... מיך אָבער ציט צום הייליגסטען, צום שטילען מענשען־גליק: צום גליק פון אַ פאַרגרעסערטען עקסטאַז פון יענעם זיסען חלום... מיך טרייבט די זעלע דאָ צו לעבען, דאָ צו וועבען און שאַפען דעם הימעל־רייך פון גליק און פרידען — אויף דער ערד...

צפני ה: — אַ! מיין זון... ווי די ריינע טראָפענס פון דעם איילבערט טריפען דיינע ווערטער אויף מיין הארץ!...

אורי ה: — אַ! איר לערער! איר שפּאַט פון אונז — די טרוימער פון דער וועלט... — מיין לאַנד, זאָגט איר, איז טויט, פאַרדאַרט זענען אירע פעלדער; פאַרשוואונדען זענען די גראָזען און די וועלדער, פאַרטריקענט איז דער באָדען, פאַרברענט פון הייסע זונען ליגט ער אין ימים זאַמד פאַר־וואַנדעלט... — איך ווייס עס!

מיין פאָלק זאָגט איר, גייט אונטער... — אויך דאָס ווייס איך! און דאָך, איך גיי!... איך גיי צום פאָלק מיט יענעם נביא׳ס גרויסען גלויבען, אַז סוף כל סוף באַזיגען וועט די ריינע זעל דעם באַגער פון בלוט און גאָלד און לוסט; און זיגען וועט דאָס לעבען, דאָס לויטערע, דאָס ריינע, דאָס פרידלאַכע לעבען...

איך גיי, כהן גדול, איך גיי!... דורות רופען מיך!... זאַלב מיך מיט דעם אויל פון גרויסען גלויבען, באַלייכט דעם וועג מיר, גייסט פון מיינע גרויסע אבות!...

בן זאב: — (צום פאָלק, אויפריציצענדיג) ער גייט!... ער גייט!... דער פרעמדער!...

שטימען: — (אין פאָלק מיט גערודער) ער גייט!... ער גייט!...

אַן אויפגערעגטע שטימע: — (גאַנץ הויך) אוריה גייט!

צפני ה: — (לאַנגזאַם, עקסטאַטיש) געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען

אלה, אלה אחד!... אוריה גייט צו דיין מזבח!... קום, אוריה! קום, מיין זון! (גייט, אוריה א שפאן נאך אים).

עוואַ: — (לויפט צו אוריה'ן פון הינטער די רואינען; קלאַמערט זיך אָן אים) אוריה!... אוריה!...

אוריה: — (ציטערט אויף) דורות רופען מיך, עווא!

בן זאב: — (אין גרויסער אויפרעגונג) א!... איר זעט, די קריסטין דא ביים בית התפילה!... וויי, וויי!... (געערודער אין פאלק.)

דורימאן: — (שטיל צו עוואַ'ן) טאַכטער, דאַ איז טאַבו פאַר דער פרוי!...

עוואַ: — (קלאַמערענדיג זיך אָן אוריה'ן) ניין, איך וועל אים ניט פאַרלאַזען!

(גרויסער גערודער אין פאַלק וואָס שפּאַרט זיך פאַרויס.)

צפניה: — (באַמערקט עס, דערזעעט עוואַ'ן; גיט אַ שפאַן צוריק) ווער איז די פרעמדע דאַרט, די פרעמדע אשה — ווער?

בן זאב: — (פאַרביסען) די פרעמדע, כהן גדול, איז אַ קריסטין, א נוצרית, אַ פרעמדע!...

שטימען: — (אין גערודער) אַ קריסטין... אַ נוצרית... אַ פרעמדע!...

אַן אויפגערעגטע שטימע: — אַ טמא קריסטין ביים בית התפילה... וויי, וויי!...

אַנאַנדערע שטימע: — שיק זי אוועק, די פרעמדע!...

דאָס פאַלק: — (מיט אַן אויפגערעגענדער באַוועגונג פאַרויס) שיק זי אוועק, כהן גדול!... שיק זי אוועק, די נוצרית!...

צפניה: — (באַפעלענדיג) פיר אַף די פרעמדע קריסטין, בן זאב, אין די געצעלטען פון די פרויען! (לייכטע באַרואיגונג אין פאַלק.)

עוואַ: — (קלאַמערט זיך אין אוריה'ס אַקסעל) אור־ריה!...

צפניה: — (דערשטוינט) אוריה, איז די פרעמדע קריסטין — דיר ניט פרעמד!?

דאָס פאַלק: — (אין שטאַרקער אויפרעגונג מיט באַוועגונג פאַרויס) שיק זי אוועק, כהן גדול!...

(צפניה הויבט די הענט צום הימעל קעגען דער כוואַליע פון פאַלק.
דאָס פאַלק רוקט זיך צוריק מיט אויסגעשרייען: „הערט!"... „הערט דעם כהן גדול!")

צפניה: — (צו אוריה'ן) אוריה, דאַרף דען א פרעמדע, און נאך א קריסטין, שטערען אונז צו טאָן וואָס גאָט געבאָט?!...

אוריה: — (מיט געזאַמעלטען מוט) צפניה, כהן גדול, זי איז מיר ניט קיין פרעמדע.

בן זאב: — די קריסטין — ניט קיין פרעמדע!...

שׁ ט י מ ע ן א י ן פ א ל ק: — ווײ!... ווײ געשריען!...

אַ ז א ו י פ ג ע ר ע ג ט ע ש ט י מ ע: — ער איז אַ פרעמדער!... ער איז אונז פרעמד!...

שׁ ט י מ ע ן: — ער... ער... ער... איז אַ פרעמדער!...

צ פ נ י ה: — (מיט גרויסער מאַכט צום פאָלק) ער? ער איז אייך פרעמד?! אוריה, מיין ברודער אהרן׳ס זון — דער פון דור צו דור פון גאָט געזאַלבטען כהן! אוריה איז אייך פרעמד?!... (טאָן ענדערונג) אוריה, זון, קום מיט מיר: איך וועל דיך ביי די טרעפ פון בית התפילה זאַלבען און דאַן, ביים אַלטען הייליגען מזבח, מיט ריינער זעל פאַר גאָט, וועסטו אים דינען... קום, מיין זון...

א ו ר י ה: — (פרואווט זיך באַפרייען פון עוואַ׳ן) איך גיי, כהן גדול, איך גיי!...

ע ו ו א: — (קלאַמערט זיך אָן אים) אוריה, איך אויך... איך גיי מיט דיר! איך וועל דיך ליב האבען אומעטום און העלפען דיר אין לעבען...

א ו ר י ה: — (כאַפט זי קאָנוואולסיוו ארום) עווא, דו אויך? מיין ליבע און מיין לעבען!... (זי פאַלט אין זיינע אָרימס. מאָמענטאַן שטילען אַלע. דאָס פאָלק אין אַ מאָמענטאַנער באַוועגונג צוריק, וויגט זיך אין אַ ברויזענדער כוואַליע פאָרויס; בן זאב פון פאָרענט.)

ב ן ז א ב: — ווײ!... ווײ געשריען!...

שׁ ט י מ ע ן: — (אין שטורעמדיגער אויפרעגונג) ווײ! ווײ! מיט הער נוצרית! ווײ איז אונז!!

צ פ נ י ה: — (אין שטאַרקען קומער, פאַרוואַרפט דעם ווייסען קאָפּ צום הימעל מיט פאַרמאַכטע אויגען) ג־אָ־ט!... אלה־אחד!... נעם צו מיין ראיה! די אַלטע אויגען זאָלען עס ניט זען!... (בלייבט אזוי שטיין אין דער פּויזע.)

א ו ר י ה: — (לאָזט אָפּ עוואַ׳ן; מיט אויסגעשפּרייטע הענט צום פאָלק, אַ שפּאַן פאָרויס) פאָלק! שומרונים!... זי וויל אויך איר לעבען שיינקען אייך!... ליבען אייך און דינען אייך!...

ד אָ ס פ א ל ק: — (מיט גוואַלדיער אויפרעגונג) די פרעמדע קריסטין!! די טמא נוצרית!... ווײ! ווײ!...

ב ן ז א ב: — פרעמד בלוט וויל ער אין אונזער אַלטען ריינעם שטאַם פאַרמישען... און פרעמדע געטער דינען!... סקילה!... סקילה קומט אים. סקילה!...

ד אָ ס פ א ל ק: — סקילה!.. סקילה... פאַרשטיינט אים! סקילה!...

ב ן ז א ב: — (וואַרפט אַ שטיין) נאַ!... (שטיינער פליען פון אַלע זייטען מיט גוואַלדיגע אויפגערייצטע געשרייען „סקילה, סקילה"; אוריה שטייט אַ ווייַלע מוטיג; פּרואווט גיין אַ שפּאַן פאָרויס. דאָס פאָלק, אין ווילדער אויפ־רייצונג, באַוואַרפט אים מיט שטיינער; אַ שטיין טרעפט אים — ער פאַלט.)

עווא: — (ווען אוריה פאַלט) אַ! גאָט!... (פאַלט אין אָנמאַכט אין די אָרימס פון דו רייזמאַן.)

דר. אשכנזי: — (לאָזט זיך העלפען אוריה'ן) ב־אַ־ר־ב־אַ־ר־ע־ן!...

צפניה: — (עפענט די אויגען; אין שרעקלאַכער פאַרווירונג פאַסט ער דאָך די סיטואַציע; ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לייַנג פון זיין קערפער און טרעט העפטיג צווישען פאָלק און אוריה'ן; בן זאב פאַרלירט זיך, דאָס פאָלק באַוועגט זיך אומרואיג צוריק; אוריה שטייט לאַנגזאַם אויף.)

צפניה: — ג־אָ־ט!... אלה — אחד!... היינט נאָך האָסטו מיר געוויזען דיין גרויסען חסד, גאָט!... היינט האָסטו דאָס ליכט וואָס דאַרף דעם טויט מיר ברייגנען, פאַר מיינע אויגען פאַרגעפירט... דאָך האָסטו מיר אַ רגע לייַנגער נאָך דאָס לעבען געשיינקט... (אין עקסטאַטישען געבעט־טאָן) ג־אָ־ט!... אלה — אחד!... וואָס איז געווען דיין ווילען?!... האָסטו שטראָפען מיך געוואָלט — אָדער בענשען ווילסטו אונז — דיין אָרים זינדיג פאָלק!... באַווייז דיין גרויסען ווילען — גאָט!...

אוריה: — צפניה!... גרויסער גייסט פון מיינע אַלטע, פרייע בערג!... ווייז מיר דעם וועג צום ליכט... איך וועל אין דיינע טריט דיר פאָלגען! עווא, לערער, פאָלק, מיך רופען דורות!... דער דראַנג פון מיין נשמה רופט... איך גיי, איך גיי, כהן גדול!

צפניה: — (אין שטאַרקען רעליגיעזען עקסטאַז) געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען אלה, אלה אחד!... (ער שפרייט אויס די הענט) עפענט אויף דעם ארון — קינדער פון מיין פאָלק! (דער אָרון עפענט זיך) זינגט צו גאָט זיין לויב־געזאַנג — אלה, אלה אחד!... (ביי די רואינען זינגט זיך שטיל "לית אלה אלה אחד". פון דעם ארון איבער דעם אַלטען ספר, שטראַמט אַן אָראָראַ ליכט איבער דעם אַלטען צפניה; בן זאב וואַקעלט זיך צוריק און ציטערט פון שרעק; דאָס פאָלק, אין ערפורכט בויגט די קעפּ; מאָמענטאַנער אומרואיגער טומעל הינטער די רואינען. פאַטריציוס מיט עזעלען, מיט אַנטבלויזטע שווערדען קומען פון הינטער די רואינען, וואַקלען אָבער מיט ערפורכט צוריק אין דער אָראָראַ פון ליכט. מאָמענטאַנע פויזע.)

צפניה: — (אין דעם זעלביגען עקסטאַז, שליסט די אויגען) קום, אוריה, גאָט'ס ליכט איז ווידער דאָ! (גייט אין דאָס ליכט, אוריה נאָך אים) איך הער טראַמייטע שאַלען... מען רופט! אוריה, מען רופט מיך אהין!... (ביידע דערגרייכען די טרעפּ אין דאָס גלאַררייכע ליכט; אוריה מיט אַ פוס אויף די טרעפּ; צפניה לייגט זיינע הענט אויף אוריה'ס קאָפּ).

צפניה: — געבענשט זאָל זיין דיין נאָמען, אוריה! (וויגט זיך אַ סעקונדע און פאַלט צו די טרעפּ אויף אוריה'ס הענט.)

שטימען: — צפניה... צפניה איז טויט... טויט דער כהן גדול!

אנדערע שטימען: — טויט!... טויט!... (דריקען זיך מיט ערפורכט צו די טרעפּ.)

שטימען: — אוריה... אוריה לעבט!...

א שטימע: — געבענשט זאל זיין זיין נאמען!

אנדערע שטימען: — געבענשט... געבענשט זאל זיין אוריה!...

שטימען: — אוריה!...

א שטימע: — אוריה — כהן גדול!...

דאס פאלק אין כאר: — (אין דער שטיל)

לית אלה — אלא אחד!

אלה אחד!

אוריה: — (גלייכט זיך אויס איבער צפניה'ס קערפּער; הויבט אויף דעם קאפּ צום הימעל; שטיל און פאמעלאך:)

כ'וועל לעבען!... לעבען פאר מיין פאלק;

און ווייטער וועבען זיין גרויסע גייסטיגע ירושה —

פרידען, ליבע, יושר און גערעכטיגקייט —

אין דאס לעבען, אין דער אייביגקייט!

לית אלא — אלה אחד!

אלה אחד!

(לייגנערער שופר־שאל. אלע הערען זיך צו אנגעשטריינגט; הויך אויפ'ן בארג שוועבט די מוזע אין איר פריערדיג ליכט איבער דעם גע־בויגענעם קאפּ פון דיכטער)

די מוזע: — דיכטער, דער שופר שאלט!... וואס קינדיגט ער אן זיין זעל?

דיכטער: — כ'האב געזען א זעאונג!... די יוגענט קומט דערלייזען די פארפאלגטע און די ליידענדע... און בויען א ניי לעבען אויף די אלטע זיילען — ליבע, פרידען און גערעכטיגקייט!...

דאס פאלק אין כאר: — (זייער שטיל)

לית אלא — אלה אחד!

אלה אחד!

(פארהאנג פאלט פאמעלאך)

די באַפרייאונג*)

אײן אקטער

---

* צוערשט געדרוקט אין „דער אידישער קעמפּער“. 1907.

די באַפרייאונג

פּערזאָנען:

מאַריטץ ראַקאָוו, 38 יאָר.
דינא אבראַמאָווגאַ, זיין פרוי, 27 יאָר.
לעווערסאָן, מאַריטצ'עס יוגענט־פריינט, 20 יאָר.
מאַריע, אַ פּוילישׁ דינסט־מיידעל ביי די ראַקאָוו'ס.

צייט — איצט; אָרט — ניו־יאָרק.

(אַ גרויס שיין צימער, ניט זייער רייך, אָבער זויבער און געשמאַקפול מעבלירט. לינקס — אַ לאַנגער טיש מיט ביכער, זשורנאַלען און שרייבגעצייג; אַן עלעקטרישער לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור, אַ גלאָבוס און אַנדערע וויסענשאַפטלאַכע אינסטרו־מענטען; לעבען טיש אַ מאָריס־שטול. ביי דער וואַנט אַ פּיאַנאָ, לעבען איר אַ הויכער גאַז־לאָמפּ מיט אַ רויטען אַבאַזשור. אויף דער פּיאַנאָ — בילדער און סטאַטועטקעס. ווייטער לינקס אַ טיר מיט קאָלירטע פּאָרטיערען. די וואַנט געגענ־איבער דאָס פּובליקום פירט צו אַ גרויס גלאַזערן פאָרהויז מיט אַ טיר צו דער גאַס. צוויי ברייטע, טיפע, גלעזערנע פענסטער פוןביידע זייטען פאָרהויז. איבער זיי הייגגען פאַנאַנדערגענומען שווערע פּאָרטיערען. דורך די פענסטער פון פאָרהויז זעט זיך די באַשנייטע גאַס — נאַקעטע באַשנייטע צווייגען פון ביימער און דאָס ברענענדע ליכט פון די גאַסען־לאָמפּען. רעכטס — אַ שמאָלע טיר, אַ קאַמין מיט ברענענדע שטיקער האָלץ אויף גליענדע קוילען. איבער'ן קאַמין—אויפ'ן „מענטעל־פּיס“ — בריקאַבראַק פון אַלערליי באַפּוצונגען. אין די פענסטער סטאַטועטקעס, בלומענטעפּ.

אָוונט. דאָס צימער איז ניט העל באַלויכטען. דורך דעם לינקען פענסטער שלאָגען זיך דורך די בלאַסע שטראַלען פון דער לבנה. פון ערגעץ־וואו הערט זיך אַ קלאָרע ליטערע שטימע אין דער אַריע פון טאָסקאַ. דינא — אַ געזונטע, שיינע פרוי — האַלט אין ענדיגען איר טואַלעט. אין די ערשטע מינוטען גייט זי אַריין און אַרויס רעכטס פון דער שמאָלער טיר. זי פּוצט זיך און האַלט שטיל אונטער דער זינגענ־דיגער שטימע; דאַן שטעלט זי זיך אָפּ לעבען טיש רעכטס, הערט זיך צו צום זינגען מיט אַ לייכטער פרייד אויף איר פּנים. מאַריטץ — אַ הויכער ברייטביינערדיגער מאַן, מיט אַ בלאַס קריינקלאַך געזיכט, מיט קראַנקהאַפטער פאַרב אין די באַקען, מיט גרויסע שוואַרצע, אַ ביסעל איינגעפאַלענע אויגען. ער האָט אַ שיינע, שמאָלע באָרד און איז ערטערווייס שוין גרוי. ער טראָגט אַ קורצען סאַמעטענעם זשאַקעט, לייכטע

טונקעלע הויזען און האַלב־לאַקירטע שטעק־שיך; זיצט אין מאַריס־שטול אָנגעשפּאַרט אָן טיש מיט אַן אָפענעם בוך אויף דער קני. איצט האָט ער אויפגעהערט צו לעזען, קוקט אויף זיין פרוי און הערט זיך צו צום זיסען געזאַנג. מאָמענטאַנע פּויזע).

מ אַ ר י ט ץ. (פאַרהוסט זיך אַ ביסעל, רוט אָפּ. אטעמט שנעלער ווי געוויינט־לאַך, קוקט אַ פּאָר מינוטען אויף איר לעבעדיגער, זיך באַוועגענדיגער פיגור. דאָס זינגען הערט אויף.) וואָס־זשע, דינאַ, דו גייסט טאַקע היינט אין דער אָפּערא?

ד י נ א. געוויס, דו זעסט דאָך, אַז איך גרייט זיך צו. לעווערסאָן וועט מסתמא באַלד קומען נאָך מיר. (זי קוקט אויפ'ן זייגער) אָבער, עס איז נאָך דאָ גענוג צייט!

מ אַ ר י ט ץ. לעווערסאָן?!... האָט ער דיר דען צוגעזאָגט צו קומען נאָך דיר?

ד י נ א. נו, געוויס האָט ער מיר צוגעזאָגט. ווי דען, אַליין וועל איך גיין?

מ אַ ר י ט ץ. (פאַרהוסט זיך אַ ביסעל) וואו האָסט דו אים דען געזען?

ד י נ א. (קוקט זיך אום פאַרוואונדערט) וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? וואָס אַרט דאָס דיך וואו איך האָב אים געזען?

מ אַ ר י ט ץ. (קוקט אויף איר אַ ווײַלע) איך האָב געמיינט אַז דו וועסט אָפּלייגען דאָס היינטיגע גיין אין דער אָפּערא אויף אַן אַנדערש מאָל.

ד י נ א. וואָס איז דען?

מ אַ ר י ט ץ. גאָר ניט! (פאַרהוסט זיך אַ ביסעל.)

ד י נ אַ. דו פיהלסט זיך אפשר ניט גוט?

מ אַ ר י ט ץ. ניין, ניין, איך פיל זיך ניט ערגער און ניט בעסער ווי אימער... נאָר עפּעס אַזוי, גלאַט... עס ווילט זיך מיר היינט ניט בלייבען אַליין... (פאַרהוסט זיך.)

ד י נ א. (אַ ביסעל מיט פאַרדרוס) אַך, גראָד היינט!...

מ אַ ר י ט ץ. יאָ, עפּעס גראָד היינט!... עס טוט מיר זייער באַנג, דינאַ, ווייל עפּעס גראָד היינט שיינסט די צו זיין אַזוי אויפגעלייגט, דו זעסט אויס אַזוי ליבלאַך... אַזוי פריילאַך. אַ שאַד, כ'לעבען, אַ שאָד וואָס איך פיל זיך היינט אַזוי מאָדנע... אָבער... (ער פאַרהוסט זיך.)

ד י נ א. אויפגעלייגט? איך? עס דאַכט זיך דיר. איך באַמערק עס נאָר ניט!... און אפשר איז עס אמת. וואָס איז דער חידוש? איך קלייב זיך גיין אין דער אָפּערא — פיל איך זיך אויפגעלייגט... איך האָב דאָך דערוואַרט אַ ביסעל פאַרגעניגען. אין מיין לעבען האָב איך אַזוי ווייניג פאַר־געניגען... וואָס איז דער חידוש?

ד י נ אַ. (שטויסט אים אָפּ) אַ! אָט וואָס? איך פאַרשטיי דיך שוין. אַ האַנט אויף אַן אַקסעל, קוקט איר גוטמוטיג אין די אויגען אַ ווײַלע און ציט די

ווערטער) יא. וואס איז דער חידוש . . . איבערהויפט נאך אז מען גייט מיט אים . . . מיט לעווערסאנ׳ען ! . . .

דינא. (שטויסט אים אפ) א ! את וואס ? איך פארשטיי דיך שוין. דו הויבסט שוין ווידער אן. עס טאטשעט דיך שוין ווידער דאס ווערעמעל — דער גיפט פון דיין נשמה . . . —דער גיפט וואס האט אלע יארען פאר׳סמ׳ט אי דיין לעבען אי מיין לעבען. איך פארשטיי דיך שוין ! איך פארשטיי פאר וואס גראד היינט גלוסט זיך דיר ניט בלייבען אליין ! איך דארף נאר ליידען. מיין לעבען דארף נאר זיין איין גרויסע שווערע לאסט פון מי און זארג. ביי־טאג דארף איך געבען פיאנא־שטונדען — אויפצוהאלטען דאס הויז — דיינע פארדינסטען קלעקען דאך אויף גאר ניט — ביינאכט דארף איך זיך גיאנטשען מיט דיר — אפהיטען דיין געזונט ; — אט דאס איז מיין לעבען, אבער פאר־גנעניגען, ווי קומט עס צו מיר ? ! (מיט פארדרוס) געניסען פארגעניגען טאר איך ניט — דיר וועט פלוצלונג דורכפליען א משוגעת אין קאפ און דיר וועט זיך ניט וועלען בלייבען אליין ! . . .

מאריטץ. אבער, דינא, איך... פארלאנג פון דיר גארניט... און דיינע פארגעניגען וויל איך דיר ניט שטערען. פארקערט, וואלט איך נאר געקענט . . . א, וואלט איך נאר געקענט ! . . . וואלט עטוואס אנדערש געווען. דו אבער, דינא, פארשטייסט מיך גאר ניט. מיר ווייזט זיך תמיד אויס אז צווישען דיר און לעווערסאנ׳ען איז פאראנען א מין נאטירלאכע פריינטשאפט, אזא מין גייסטיגע שטימונג . . . א . . . א . . . נו, ווי זאל איך עס אנרופען ? . . עס ווייזט זיך מיר אויס, דינא, אז איר . . .

דינא. (שלאגט אים איבער) ניט א ווארט מער . . . איך בעט דיך, מאריטץ, רייד ניט צו מיר אזוי. איך וועל בעסער ניט גיין ; איך וועל בלייבען מיט דיר. אבער אזעלכע רייד וויל איך ניט הערען, זיי באליידיגען מיך . . .

מאריטץ. אבער, דינא, דו פארשטייסט מיך ניט !

דינא. איך וויל דיך ניט פארשטיין. איך האב דיר שוין הונדערט מאל געזאגט אז צווישען מיר און אים איז גאר ניטא מער ווי די געוויינטלאכע פריינטשאפט צווישען מענשען. איך האב דיר שוין פיל מאל דערקלערט, אז אין מיין גאנץ לעבען איז ניטא קיין איינציגער מאמענט, קיין איינציגע פרייד — און ניט נאר האב איך קיינמאל ניט געליבט די אלע — רעדען זיי נאר אויס, מאריטץ, — מוסען. ליבערמאנען און דעם „אייביגען סטודענט“ — וואס דיין בייזע אייפערזוכט אויף זיי האט מיך אזוי אומבארמהארציג פארפאלגט, נאר אפילו דיך, דיך אליין, מיט וועמען דאס אומגליקלאכע לעבען האט מיך פארבונדען — אפילו דיך, מאריטץ, האב איך אויך קיינמאל ניט געליבט !... איך לעב א לעבען אן ליבע, אן גליק, אן האפנונג — ווילסט דו נאך ביי מיר מיינע פריינט אויך אוועקרויבען ? ! . . .

מאַריטץ. (איבערראַשט) ניין, ניין, דאָס וויל איך ניט. אָבער, דינא, האָסט דו מיך טאַקע גאָר קיינמאָל ניט געליבט? . . . אַך, ווי דו טוסט מיר ווײ! (פאַרהוסט זיך אַ ביסעל) איך לייקען ניט . . . איך האָב שוין לאַנג פאַרשטאַנען דעם ביטערען אמת, אַז דו ליבסט מיך ניט, דערפאַר טאַקע האָט זיך מיר תמיד אויסגעוויזען, אַז דיין זעלע גאַרט נאָך ליבע — ליבע צו אַן אַנדערען; איך האָב געגלויבט, אַז קיין שום אומשטאַנדען אין לעבען קענען ניט טויטען דעם נאַטירלאַכען באַגער צו ליבען. און איך ווייס, אַז פריער אָדער שפּעטער מוז דאָס ליידיגע פּלאַץ אין דיין זעלע אויך פאַרפולט ווערען. ניט קיין בייזע אייפערזוכט איז עס, דינא. עס איז דער אמת — דער אמת וועגען דער מענשלאַכער נאַטור . . . אָבער, דינא, אַז דו האָסט מיך קיינמאָל ניט געליבט — דאָס האָב איך ניט געגלויבט — דאָס ווילט זיך מיר ניט גלויבען אפילו איצט. איך האָב געגלויבט, אַז צו דער חתונה, וויינינגסטענס, האָסט דו מיך דאָך געליבט. (ער נעהענט זיך צו איר און נעמט ליבלאַך אַן איר האַנט) נעדיינקסט דו דען ניט יענע גאָלדענע צייט, יענע זיסע טרוימען פון צוויי שטרעבענדע זעלען — יענע האָפענונגען גליקלאַך צו זיין? דינא, איך בין דאַמאָלס גליקלאַך געווען — און דו? . . .

דינא. איך? קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט! . . .

מאַריטץ. קיינמאָל ניט?! וואָס זשע האָט דיך געצוואונגען פאַר מיר חתונה צו האָבען?

דינא. אַ, מאַריטץ, איך בין דאַמאָלס נאָך אַ קינד געווען. 18—19 יאָר אַלט; דו ביזט געווען אַ דערוואַקסענער מענש פון דרייסיג יאָר! וואָס האָב איך פאַרשטאַנען? איך האָב נאָך דאַמאָלס ניט פאַרשטאַנען, אַז אַ קינד, אַ פרוי קען וואָגען צו האָבען אַ דעה אויף איר לעבען, אַז זי קען זיך ווערען געגען דעם ווילען פון אירע עלטערן. אמת, מיינע עלטערן האָבען מיך ניט געצוואונגען חתונה צו האָבען פאַר דיר . . . זיי האָבען דיך אָבער יאָ געוואָלט. דו ביזט זיי שטאַרק געפעלען געוואָרען . . . „אַן עכט געבילדעטער מענש“, פלעגען זיי זאָגען. און וואָס האָב איך דאַמאָלס געוואוסט — אַ געהאָרכזאַם קינד פון אַ רואיגער, שטילער סוחר׳ישער פאַמיליע! אין גימנאַזיום האָב איך געלערנט אַן שוועריגקייטען און געלעבט האָב איך אָן זאָרג. קיין זאַך האָט מיר ניט געפעלט. קיין זאַך האָט מיך ניט באַאומרואיגט. אפילו די שרעקען פאַר די פּאָגראָמען פלעגען ניט שטערען אונזער געוויינטלאַך לעבען. מיר זיינען תמיד זיכער געווען, אַז מיין פאָטער וועט שוין אַלצדינג פאַריזאָרגען, אַז ער וועט אונז מסתמא פאַרהיטען פון זיי . . . ער איז געווען אַזוי באַפריינדעט מיט נאַטשאַלסטווע! וואָס האָב איך געוואוסט? דיינע זיסע חלומות, יענע אידעאַלען און צילען, פון וועלכע דו פלעגסט אַזוי באַגייסטערט טרוימען, ווען דו פלעגסט מיך ליידענשאַפטלאַך דריקען צו דיין האַרצען, האָב איך ניט פאַרשטאַנען — איצט ווייס איך, אַז איך האָב זיי

ניט פארשטאנען — אבער נאך ווייניגער האב איך פארשטאנען אז דאס טוליען זיך צו דער ברוסט פון א מאנספערזאן, די הייסע קושען, די הארצ־לאכע אומארמונג, דער טיפער אומפארשטענדלאכער באגער פון א ריינער. יונגער נשמה נאך עפעס אומבאקאנטעס ! . . . איז ניט קיין ליבע . . . א, איך בין נאך גאר א קינד געווען, און וויפיל אומגליקלאכע קינדער, נעבאך, פאלען קרבנות פון דער זיסער פארשטעלונג, וואס מאלט זיי א גליקלאך לעבען. מאריטץ, אמאל האב איך עס ניט פארשטאנען. אבער שוין באלד נאך דער חתונה, ווען דיין ווילדער ווילען האט צעבראכען אונזער שטילע היים, געגען מיינע טרערען ; ווען דו האסט זיך אין גאנצען אפגעגעבען דעם קאמף פאר אידעאלען — דעם קאמף פאר וועלכען איך האב אזוי מורא געהאט — און ווען דו האסט מיך צום סוף אפגעריסען פון אלעמען וואס זיינען מיר טייער געווען און האסט מיך געבראכט אהער . . . קיין אמעריקע . . . א ! . . . דא האט מיר דער שוידערלאכער אמת פון לעבען ביסלאכוויים די אויגען גע־עפענט . . . איך האב פארשטאנען, אז איך האב דיך קיינמאל ניט ליב געהאט... וואלט איך דיך געליבט, וואלט מיר אלעס ליב געווען. איצט פאר־שטיי איך עס, מאריטץ, איצט וואלט איך געוואלט לעבען . . . לעבען אנאנדער לעבען . . . אבער . . .

מאריטץ. (מיט געצוואונגענער רואיגקייט) איך פארשטיי עס אויך . . . ראמאלס בין איך געווען א געזונטער מענש מיט אן אייזערנעם ווילען. איך האב געהאפט דיך צו זען גליקלאך מיט מיר אין קאמף פאר גרויסע אידע־אלען... היינט... זיבען־אכט יאר אין גאנצען — וואס איז פון מיר געווארען ?

דינא. נייז, קראנק ביזט דו שוין פריער געווען, פאר דער חתונה !

מאריטץ. יא, אמת, אבער די פראפעסארען האבען מיר פארזיכערט, אז איך בין פאלקאם געזונט געווארען. ווען ניט דאס, וואלט איך מיין ליבע צו דיר דערשטיקט אין מיין ברוסט. ניט ליידען האב איך דיך געוואלט זען ; גליקלאך, גליקלאך האב איך געהאפט וועלען מיר זיין.

דינא. גליקלאך אן ליבע, ווי קען עס זיין ? !

מאריטץ. געווים, אויב דו האסט קיינמאל ניט געליבט ביזטו קיינמאל ניט געווען גליקלאך. —

דינא. קיינמאל ניט . . . קיינמאל ניט . . . (פויזע.)

מאריטץ. וואס־זשע האלט דיך לעבען מיר ?... פארוואס גייסט דו בעסער ניט אוועק, ווארום ליידסט דו ? . . .

דינא. (פריינטלאכער און צארט) מאריטץ, אוועקגיין פון דיר... ווי קען איך עס ? וואס וואלט איך געפילט, ווען איך וואלט פארגעסען די פליכטען וואס דאס לעבען האט אויף מיר ארויפגעלייגט ? מאריטץ, איך וואלט זיך אליין פאראכטעט, איך וואלט זיך פארהאסט !... אמת, עס זיינען

דאָ מאָמענטען ווען די שרעקלאַכע אייפערזוכט טרייבט מיך צו משוגעת. ווען דיין גריבלען זיך אין מיין נשמה רייסט זי מיט צוואַנגען פון דיר און ברייננט מיר אזעלכע טיפע ווייטאָגען, אַז איך וואָלט אַנטלאָפען פון דיר וואו די אויגען וואָלטען מיך געטראָגען . . . אָבער, מאָריטץ, וואָס וואָלטען אפילו אונזערע פאַרטגעשריטענע פריינט געזאָגט ווען איך וואָלט אוועקגעוואָרפען אַ מאַן וואָס, די גאַנצע וועלט ווייסט, ליבט מיך ווי זיין אייגען לעבען. גלויב מיר אפילו זיי וואָלטען געטייט אויף מיר מיט די פינגער ווי אויף אַ געפאַלענער און אויב זיי וואָלטען מיך געשמייכעלט, מיט דער צונג, פאַר מיין העלדען־מוט. וואָלטען זיי מיך דאָך פאַראורטיילט אין דער נשמה· אַ, מאָריטץ, איך קען זיי גוט... איך וועל זיי אַזאַ געלעגענהייט ניט געבען, איך וועל זיי דאָס ניט דערלויבען . · . מאָריטץ, איך וויל ניט פאַראַכטעט ווערען פון מענשען. — איך וויל זיך אַליין ניט פאַראַכטען. איך טראָג דעם יאָך פון מיין לעבען, די פליכטען וואָס אַן אומגליקלאַכע הייראַט האָט אויף מיר ארויפ־געלייגט, שטיל, טיף באַגראָבען אין מיין זעלע — באַהאַלטען פון מענשלאַכע אויגען... וואָלסט דו נאָר רואיג געווען. וואָלסט דו נאָר ניט אויפגעריעט די שרעקלאַכע וואונדען, וואָלטען מיר ווי עס איז געלעבט אין שטילען פרידען ! . . ·

מ אָ ר י ט ץ . (גערירט) דינא, דו ביסט אַ מלאך ! . . · אַ מאַרטירער . . · (אויפגערייצט) אַ, דו ביסט אַ קנעכט ! . . . און גראָד דאָס קען איך ניט איבערטראָגען. איך קען ניט איבערטראָגען דיין מאַרטירערטום צוליב מיר . . . איך קען ניט איבערטראָגען דאָס באַוואוסטזיין, אַז דו לייַדסט אוים רחמנות צו מיר . . . איך וויל ניט דיין רחמנות . . . (ער פאַרהוסט זיך) עס איז נאָר אַ צייכען פון דיין שוואַכקייט, פון דיין קנעכטשאַפט צום לעבען . . . צו מיר . . . צו דער געזעלשאַפט ! . . .

ד י נ א . (פאַרוואונדערט) איך פאַרשטיי דיך ניט, מאָריטץ, וואָס וואָלט דיר דען ארויסגעקומען ווען איך וואָלט מיינע פליכטען פאַרגעסען ; ווען איך וואָלט ניט געקוקט אויף זיך, ניט אויף דיר, ניט אויף דעם געזעל־שאַפט און וואָלט אוועקגעגאַנגען פון דיר ?

מ אָ ר י ט ץ . (רואיגער) מיט אים ? . . .

ד י נ א . (דערשטוינט) מיט וועמען ?

מ אָ ר י ט ץ . מיט... מיט לעווערסאָנען ?...

ד י נ א . שעם דיך, מאָריטץ. ער איז דער אַנשטענדיגסטער יונגערמאַן פון אַלע אונזערע באַקאַנטע. ער איז אַזוי אומשולדיג ווי אַ קינד. דו טוסט אים אַן אומרעכט. גלויב מיר, פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער באַקאַנט־שאַפט האָבען נאָך זיינע הענט מיך ניט אָנגערירט אַנדערש ווי מיט אַ געוויינט־לאַכען האַנט־דרוק — גלויב מיר, די לייכטסטע פראָבע מיט מיר זיך אַנדערש צו באַגיין, אַחוץ וואָס די אַנשטענדיגסטע אַרט דערלויבט, וואָלט פון מיר אַזאַ

ווידערשטאַנד געבראַכט. אַז ער וואָלט עס זיין גאַנץ לעבען ניט פאַרגעסען.
פאַרשטייסט, מאַריטץ, צי ער ליבט מיך, צי ניט, — און ער האָט עס מיר
מיט קיין וואָרט קיינמאָל ניט געגעבען צו פאַרשטיין — איך אים אָבער . . .
איך ליב אים ניט, ניין, איך ליב אים ניט . . .

מ אַ ר י ט ץ. דו ? ! . . . דיך פאַרשקלאַפט מיין לעבען. פאַרשטייסט
דען ניט, דאָס וואָס איך לעב פאַרשקלאַפט דיך... איך... איך פאַרשקלאַף
דיך . . . ער אָבער, ער האָט דיך ליב מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין יונגער,
לעבעדיגער נשמה !... זעסט עס דען ניט, פאַרשטייסט עס דען ניט ? !...

ד י נ אַ. ניין... איך זע עס ניט ! איך פאַרשטיי עס ניט... אָבער,
וואַרט... (שפּאַסהאַפט) נו, וואָס וואָלט דען געווען, ווען ער זאָל מיך טאַקע
ליב האָבען און איך אים... וואָלט איך דען געדאַרפט דיך פאַרלאָזען צוליב
אים, אפילו ביי דיין איצטיגען געזונט ?...

מ אַ ר י ט ץ. געוויס... דינאַ... געוויס !

ד י נ אַ. דאַן וואָלט איך אַן אוממענש געווען.

מ אַ ר י ט ץ. ניין, דו וואָלסט נאָר אַ מענש געווען...

ד י נ אַ. און וואָס וואָלט דעמאָלט פון דיר געוואָרען ?

מ אַ ר י ט ץ. פון מיר ? דעמאָלט... (ער לייגט אַרויף ביידע הענט אויף
אירע אַקסלען, קוקט זי אָן מיט ברענענדיגע, גרויסע אויגען — זיינע באַקען
פלאַמען) דעמאָלט... איך וויים ? דאַן וואָלט איך עס ווארשיינלאך ניט איר־
בערגעטראָגען : — ניין, איך וואָלט עס ניט איבערגעטראָגען, דינאַ ! . . .
דעמאָלט וואָלט איך אפשר אין זיך דעם אַלטען, שטאַרקען מאַריטץ ווידער
געפונען, דעם אַמאָליגען, דעם געזונטען . . . דעם מאַכטיגען ווילען וואָלט איך
אין זיך געפונען און איך וואָלט מוט געקראָגען. (ער לאָזט זי פּלוצלונג אָפּ)
יאָ, מוט, פון אַלעם און פון אַלע אַ סוף צו מאַכען.

ד י נ אַ. (פאַרציטערט) מאַריטץ, וואָס רעדסטו, דו וואָלסט אומשולדיגע
מענשען אומגעבראַכט ?...

מ אַ ר י ט ץ. (לאַכט היסטעריש) הע... הע... דעמאָלט ? וואָלט עס
דען אומשולד געווען ?... דעמאָלט ? ! אַה, ווער ווייסט וואָס דעמאָלט וואָלט
געווען ?...

ד י נ אַ. איז דיר, מאַריטץ, לעבט אַ מענש און אַ בעסטיע...

מ אַ ר י ט ץ. (רואיגער) ניין, דינאַ, אין יעדען מענשען לעבט אַ
מענש — אַ גרויסער, אַ מאַכטיגער מענש — און אַ מענשעלע, אַ קליינס
— אַ בעסטיע־מענשעלע... ווען דאָס מענשעלע בויגט זיך פאַר דער וועלט
און קניט פאַר די אָפּגעטער וואָס מענשען האָבען באַשאַפען — ווי דער הונט
פאַר דעם שטעקען, לאַשצעט זיך פאַר זיין האַר — דאַן איז די בעסטיע — אַ
קנעכט... ווען אָבער דאָס מענשעלע מיינט, אַז דורך דערוואָרבענער מאַכט
ווערט עס גרעסער און שטאַרקער פון אַנדערע, ווען מענשען בוקען זיך צו

דעם און פאַרגעטערען עס נאָך אין זייער טיפער אומוויסענהייט — דאָן איז עס די בעסטיע, — די מאַכטיגע, די וועלט־פאַרשקלאַפענדע בעסטיע — דער הערשער איבער קנעכט!... נאָר, ווען דער אמת׳ער מענש — דער ריזיגער, דער גרויסער הויבט זיך אויף איבער דעם מענשעלע אינ׳ם מענשען — דאַן ווערט ער פריי און די וועלט ווערט פריי פון אים; ווייל דער גרויסער, דער ריזיגער מענש, אין וועלכען דאָס מענשעלע — די בעסטיע — איז טויט, זוכט נאָר פריי צו זיין; ניט באַהערשען וויל ער, און ניט באַהערשט וויל ער זיין; און אין דעם קאַמף פון לעבען מיט זיין גלייכען, דינאַ, מוז ער געפינען איינשטימונג... נאָר איינשטימונג... ווייל אונטעריאָכונג אָדער הערשאַפט צווישען פרייע מענשען־גייסטער איז טויט פאַר אַלע... אָה, מיין פריינט, דו פאַרשטייסט עס ניט, דו פאַרשטייסט ניט אפילו אַז עס איז דאָס מ ע נ ש ע ל ע אין דיר, די ב ע ס ט י ע וואָס האָט דיך ביז איצט פאַרשקלאַפט מיט ליבע און מיט פליכטען; און עס איז דאָס מ ע נ ש ע ל ע. דער ק נ ע כ ט אין דיר, וואָס האָט דעם יאָך געהאַרכזאַם געטראָגען...

ד י נ א. איך פאַרשטיי דיך ניט... איך פאַרשטיי דיך ניט...

מ אַ ר י ט ץ. (הוסט צו אַ ביסעל.) איך ווייס, דינאַ, איך ווייס... אַבער ווען דו וואָלסט פאַרשטאַנען, וואָלסט דו אפשר אויך געפילט, אַז אין מיר זוך איך דעם מענשען, וואָס זאָל די בעסטיע באַהערשען און דיך פריי מאַכען... אַבער... אַה! וואָלט איך געזונט געוועזן, וואָלט איך פון לאַנד צו לאַנד איבער דער וועלט געלאָפען, אומעטום וואָלט איך מיין ליבע צו דיר — די ליבע צום געשלעכט — אויף ליבע צום מענשען פאַרביטען און יענע וואָלט איך מיט אידעאַלען, מיט האָפענונגען און מיט קאַמף גענערט... און דו וואָלסט פריי געוואָרען, פריי צו לעבען דיין אייגען לעבען... בין איך אַבער צו שוואַך און געפין ניט די מאַכט — איך געפין ניט דעם מענשען אין זיך... פאַרשטייסט, דינאַ, און ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל נאָך אַ שקלאַפען־טרייבער זיין!...

ד י נ אַ. (מיט פריינדלאַכען מיטלייד.) אַבער, מאַריטץ, מיר שיינט נאָר, אַז דו טרוימסט... טרוימסט אַז אַן אויפהער. אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען לעבען, וועל איך מיינע פליכטען טריי בלייבען. עס קען אַנדערש ניט זיין!

מ אַ ר י ט ץ. איך ווייס... אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען לעבען... אַזוי לאַנג ווי א י ך וועל לעבען!... (מען קלינגט).

ד י נ אַ. (שנעל) מאַריטץ, דאָס קומט אודאי לעוועַרסאָן! איך בעט דיך, זיי צו אים פריינטלאַך. ער איז דאָך אונזער פריינט... יאַ, ער איז דאָך דיין פריינט מער ווי מיינער... (מאַריטץ גייט לאַנגזאַם צום מאַריס־שטול, זעצט זיך, שפּאַרט זיך אָן אַ טיש און קוקט ווידער אין בוך אַריין.)

(די זעלבע און לעווערסאָן — דינאַ גייט אים אַנטקעגען.)

ל ע װ ו ע ר ס אַ ן. אַ... גוט נאָװענט, מאַדאַם. (דערזעט מאַריטצ'ען.) מאַריטץ, דו אויך אין דערהיים? גוט... גוט נאָװענט, קראַנקער טרוימער!... אַט האָב איך בלומען געבראַכט, רויזען... (דינאַ פאַרמעסט זיך זיי צו נעמען) ניין, ניט פאַר אייך, מאַדאַם; װען ער איז אין דערהיים, זיינען די בלומען פאַר דעם קראַנקען... פאַר אייך נאָר איין רויז... אַ גרויסע, אַ שיינע!... (ער רייסט אַרויס אַ רויז פון בוקעט און גיט זי דינאַ'ן. זי נעמט צו, דאַנקט מיט אַ שמייכעל און שפּיליעט זי אָן אויף זיך.) נאַ, נאַ דיר בלומען, מאַריטץ — איך האָב זיי געטראָגען און האָב שיער די האַנט ניט אָפּגעפרוירען. אַה, װאַרף שוין אַװעק דאָס בוך... גריבעלט זיך און גריבעלט זיך און זוכט חכמות אין די טויטע עדות װער װייסט פון װאָסערע נאַרישקייטען... נאַ, שמעק, שמעק זיך בעסער אָן מיט זיסע פאַרפומען פון דער נאַטור. (ער גיט אים די בלומען) און געניס אום װינטער אַ זומער־ריח... די פילסט װי זיי שמעקען?

מ אַ ר י ט ץ. (נעמט, שמעקט די בלומען און קוקט אים אָן אַ װיילע.) לעבעדיגער װי תמיד, עס מוז דיר זיין גוט אויפ'ן האַרצען... (עס הערט זיך װידער די זינגענדיגע שטימע.)

ל ע װ ו ע ר ס אַ ן. מיר, מיין פריינט, איז תמיד גוט אויפ'ן האַרצען. דו הערסט, מאַריטץ, מען זינגט. (ער הערט זיך צו און זינגט מיט אַ װיילע לעבעדיג.) און פאַר װאָס טאַקע ניט? פאַרשטייסט, זיצען און שװיצען דעם גאַנצען טאָג ביים פּופּט, ראַנגלען זיך מיט ציפערען, רעכענען אַהין און אַהער, כּפל'ען דאָס עשירות פון מיין פּרינציפּאַל איז גאָר ניט אַזאַ פאַרגעניגען... אָבער, מען מוז דאָך לעבען... און מיר װילט זיך לעבען... דערפאַר אָבער װען איך װער פריי, װען איך געהער מיר, װיל איך ניט טראָגען אויף זיך די לאַסט פון דער װעלט — דאָס װאָס איר, עכטע ראַדיקאַלען, רופט דעם װעלט־שמערץ... איך װיל ניט... איך װיל לעבען...

מ אַ ר י ט ץ. לעבען?... װאָס־זשע הייסט לעבען?...

ל ע װ ו ע ר ס אַ ן. לעבען הייסט געניסען. פאַרשטייסט, איך װיל ניט דעם מאָרגען פאַרזאָרגען; איך װיל דעם היינט געניסען... װען איך לעז אַ בוך — לעז איך דאָס בעסט, דאָס שענסט, װייל עס פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגען — איך װיל ניט קליגער װערען פון דעם!... איך גיי אין טעאַטער, אין דער אָפּערע — װייל די קונסט מאַכט מיר פאַרגעניגען — איך גלויב ניט אין איר פרעדיג און געהאָרך ניט איר מאָראַל. אַט האָב איך ליב די געזעלשאַפט פון שיינע פרויען — דו מיינסט פאַר װאָס? װייל שיינע געשטאַלטען באַצויבערען מיך. פאַרשטייסט, איך בין, דאַכט זיך, אַ מאַספּערזאָן, האַ?! און דאָך האָב איך ליב בלומען און גרינס װי אַ װאַסער־נימפע... עפּעס װייזט זיך מיר אַלץ אויס, אַז זיי זיינען די

פּאַרב און דער דופט פון דער גאַנצער נאַטור... זיי פאַרדיגען ניט... זיי מוסר'ן ניט... — זיי שמעקען... ניט אמת, מאַדאַם? (ער גייט צו צו דינאַ'ן, נעמט איר האַנט אין זייגער און גלעט זי צאַרט.)

ד י נ אַ. (באַמערקט עס ניט.) יאַ, יאַ, הער לעווערסאָן, איר זייט גערעכט!

מ אַ ר י ט ץ. (קוקט זיי ביידען אָן אַ ווייל.) אָבער אַז מען קען ניט לעבען?

ל ע װ ע ר ס אָ ן. (נאָך אַלץ ווי פריער) וואָס הייסט מען קען ניט?... לעבען דאַרף זיך וועלען און אַז מען וויל... קען מען... (ער דריקט איר האַנט אין זייגע) אונז ווילט זיך לעבען, און מיר דאַרפען... און מיר קענען לעבען— ניט אמת, דינאַ אַבראַמאָוונאַ?...

ד י נ אַ. (אַ ביסעל איבעראַשט — באַפּרייט איר האַנט) יאַ, יאַ, לעבען... דאַרף מען וועלען!...

מ אַ ר י ט ץ. אייך ווילט זיך לעבען... דאָס איז אמת... און איר דאַרפט... און איר וואָלט געקענט... דאָס פאַרשטיי איך. דו, לעווערסאָן, פילסט אַזוי. נאַטירלאַך! אָבער פאַרשטייסט דו דען ניט, אַז עס קענען זיין אַזעלכע געשפּאַנטע אומשטאַנדען וואָס לאָזען ניט לעבען... דו ביסט דאָך עפּעס אַ מאַטעמאַטיקער... אַ מעכאַניקער... פאַרשטייסט דו דען ניט, אַז ווען גלייכע קרעפטען שלעפּען אַ זאַך אין געגענזייטיגע ריכטונגען (ער אילוסטרירט מיט די הענט) דערלאָזען זיי ניט קיין באַוועגונג... און די זאַך רירט זיך ניט פון אָרט...

ל ע װ ע ר ס אָ ן. (נעענט זיך צו מאַריטץ'ען). איך האָב אַפילו די מאַטעמאַטיקע ניט שטאַרק ליב... און די מעכאַניקע... נאַ... זי — נאָר ביי דער גימנאַסטיקע... אָבער כ'לעבן, אַ שאַד וואָס דו ביסט אַ מרה־שחורה'ניק און ניט קיין מעכאַניקער — אַ ניט וואָלסט דו דאָך ווייניגסטענס געוואוסט, אַז דאָס וואָס דו מאָלסט (ער מאַכט נאָך זייגע באַוועגונגען) איז שטילשטאַנד... טויט!... און אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין שטילשטאַנד — אין דער נאַטור באַוועגט זיך אַלעס... אַלעס לעבט!... אָבער מאַריטץ, לאָז דאָך צו רו, וואָס ווילט זיך דיר פלוצלונג פילאָזאָפירען איצט? זיי זיכער, דו וועסט מיין לעבעדיקייט, מיין לוסט צו געניסען דאָס לעבען, מיין גרויסען פאַרלאַנג נאָך פאַרגעניגען ניט קאַליע מאַכען... ניין, דו וועסט מיר דאָס לעבען ניט פאַר'מיאוס'ען... מאַדאַם, גייען מיר אין דער אַפּערע? איר זייט דאָך שוין פאַרטיג! טוט אָן דעם ראָק און די הוט — איך בעט אייך — אַ ניט וועלען מיר נאָך קומען אין דער אַפּערע ווי די אמת'ע אַריסטאָקראַטען — אין מיטען פון צווייטען אַקט!... (ער נעמט דעם מאַנטעל און וויל איר העלפען.)

ד י נ אַ. אָבער... הער לעווערסאָן!... (זי קוקט דאָ אויף אים, דאָ אויף מאַריטץ'ען.)

מ א ר י ט ץ. (באטראכט זיי) ניין, לעווערסאן, מיר ווילט זיך ניט פילאזאפירען איצט... קום אהער... (לעווערסאן לייגט אוועק דעם ראק און גייט צו צו מאריטצ'ען.) איך האב דיר נאר געוואלט דערקלערען, אז עס קענען געמאלט זיין אומשטענדען ווען מען וויל לעבען... און מען קען ניט... פארשטייסט... מען קען ניט... עפעס לאזט ניט... אמאל אבער קען מען ניט לעבען — און עס ווילט זיך ניט לעבען!...

ל ע ו ו ע ר ס א ן. (זייער לעבעדיג) דאן, קראנקער, איז די בעסטע צייט צו גיין אין דער אפערע... פארשטייסט?... ווייסט דו וואס איך וועל דיר נאר זאגען, מאריטץ, קום מיט אונז אין דער אפערע!... (גייט צו צו דינא'ן און נעמט אירע ביידע הענט) נו, גייען מיר אין דער אפערע? אלע... איך... איר... מאריטץ, גייסט מיט אונז?

מ א ר י ט ץ. (קוקט אויף זיי ביידען.) ניין, גייט אליין. (פארהוסט זיך.)

ד י נ א. (מאכט פריי אירע הענט.) ניין, ניין, הער לעווערסאן, איך מוז עס אפלייגען אויף אנאנדערש מאל.

ל ע ו ו ע ר ס א ן. (ערשטוינט.) אפלייגען? פאר וואס דען? איר זייט דאך שוין אנגעטאן צו גיין! (ליבלאך). ווילט איר דען ניט גיין מיט מיר? איר האט דאך אליין פארגעשלאגען צו גיין היינט אין דער אפערע... עס איז דאך אייער וואונש געווען...

ד י נ א. גייט מיט אייך, הער לעווערסאן, ווילט זיך מיר זייער, אבער... מאריטץ איז היינט עפעס ניט אויפגעלייגט... איך קען אים ניט לאזען אליין...

מ א ר י ט ץ. (פאר זיך) ווידער רעדט אין איר דער שקלאף... ווידער ביז איך איר אין וועג!...

ל ע ו ו ע ר ס א ן. (אביסעל אויפגערעגט.) א, נארישקייטען... מאריטץ ניט אויפגעלייגט... א גיים, ווען איז ער דען יא אויפגעלייגט?!... מאריטץ, פארשטער דאך ניט דעם פארגעניגען פון מענשען ווען זיי ווילען אביסעל געניסען. כ'לעבען, עס איז דער גרעסטער פארברעכען... פארקערט, קום מיט, אויב דו פארגינסט אונז ניט...

מ א ר י ט ץ. איך וויל ניט גיין. איר אבער זאלט יא גיין... און איך פארגין עס אייך פון גאנצען הארצען... עס איז נאר געווען איין מאמענט היינט אויף דער נאכט ווען עס האט זיך מיר ניט געוואלט בלייבען אליין, אבער איצט... איצט איז עס פאראיבער... גייט! איר קענט גיין... (מיט געמאכטער פריינדלאכקייט) אט זיינען דיינע בלומען, לעווערסאן, אט איז א גוט בוך... און דארט ביים שכן זינגט א שיינע שטימע... א, איך וועל מיך אונטערהאלטען...

ד י נ א. (קוקט אויף אים.) ניין, ניין, הער לעווערסאָן, גייט אַליין...

ל ע ו ו ע ר ס אָ ן. איר מוזט מיטגיין... מאַריטץ, זאָג דעם אמת — איז משוגעת אנשטעקענד? דאכט זיך אז דו האָסט זי שוין אַ ביסעל אָנגעשטעקט... נו, גייען מיר?

ד י נ א. וואַרט... הער לעווערסאָן, אפשר וואָלטען מיר גאָר אַלע געבליבען אין דער היים? איך וועל מאַכען טיי... מאַריטץ וועט עפּעס פאַרלעזען, דערנאָך וועל איך שפּילען... ווי מיינסט דו, מאַריטץ...

ל ע ו ו ע ר ס אָ ן. ניין, ניין, ניין... היינט גייען מיר אין דער אָפּערע. איך וויל די היינטיגע פאָרשטעלונג פאַר קיין פאַל ניט פאַרלירען... איך גיי... (ביידע קוקען אויף מאַריטצען.)

מ אַ ר י ט ץ. (פעסט.) און דו, דינא, דו ווילסט דאָך גיין...

ד י נ א. יאָ, איך וויל... אָבער...

מ אַ ר י ט ץ. (פעסטער.) גייט מען, אז מען וויל...

ד י נ א. און דו?...

מ אַ ר י ט ץ. (אנטשלאָסען.) איך? ! וואָס איך? אַך, דינא, זאָרג זיך ניט פאַר מיר... גיי, און געניס דאָס לעבען... דיר ווילט זיך דאָך... (ער שטייט אויף) שטילשטאַנד, זאָגט לעווערסאָן, איז טויט... אָט אַזוי איז עס! ... זאָל אָבער אין דער שפּאַנונג פון קרעפטען איינע אויפהערען — זאָל זי נאָכלאָזען... דאַן איז דאָ ווידער באַוועגונג... ווידער לעבען... און נאָכלאָזען מוז איינע — אַ קראַפט, — ווייל שטילשטאַנד איז טויט... ניט אמת, לעווערסאָן? גיי, דינא, גיי, זאָג איך דיר, און זאָרג זיך ניט פאַר מיר. לעווערסאָן, נעם זי מיט — זאָל זי געניסען דאָס לעבען...

ד י נ א. און דו? דו וועסט בלייבען אַליין?...

מ אַ ר י ט ץ. געוויס, דינא, געוויס וועל איך בלייבען אַליין... גערן... גערן...

ד י נ א. (קוקט אויף אים.) מאַריטץ, מיינסט דו עס ערנסט? !

מ אַ ר י ט ץ. נו, פאַרשטייט זיך!...

ד י נ א. דאַן וועל איך גיין.

מ אַ ר י ט ץ. גיי, זאָג איך... גיי... (לעווערסאָן העלפט איר אָנטון די תוט, דעם מאַנטעל. די שטימע זינגט ווידער. מאַריטץ קוקט אויף זיינע באַוועגונגען.)

ל ע ו ו ע ר ס אָ ן. אָט אַזוי, מאַריטץ, דאָס איז אנטשידען פאַרגינפּטיג! (צו דינ'ן) זיינען מיר פאַרטיג? (צו מאַריטצ'ען) דו וועסט שוין מסתמא שלאָפען, ווען איך וועל זי ברענגען אַהיים. נו, האָב־זשע אַ גוטע נאַכט... (דריקט אים די האַנט.) פאָלג מיך, מאַריטץ, פאַרטיף זיך ניט אינ'ם לעזען... נעם זיך ניט אַרויס די אויגען... פאַרמאַטער ניט דיין קאָפּ אומ־

זיסט. כ'לעבען, דו וועסט שוין ניט קליגער ווערען... אַט שמעק די רויזען... טרוים פון שיינע זאכען, און הער דאַס זיסע געזאַנג... פארשטעסט? ! נו, א גוטע נאכט... (לעווערסאָן און דינאַ גייען צו דער מיטעלסטער טיר. מאַריטץ באַגלייט זיי אַרוים.)

ד י נ אַ. (בלייבט שטיין ביים טיר און קוקט אויף מאַריטצען אַ ווײַלע.) מאַריטץ...

מ אַ ר י ט ץ. (פעסט.) אַ גוטע נאכט.

ד י נ אַ. אַ גוטע נאכט !... (לעווערסאָן און דינאַ גייען דורך דער מיטעלסטער טיר. אָפּ.)

(מאַריטץ אַליין. אַ פּאָר מינוטען שטייט ער ביי דער טיר, דעם קאָפּ איבערגעבויגען אָן איר און קוקט זיי נאָך. דאַן גייט ער אָפּ אַ טריט און קוקט פון וויטען דורכ'ן פענסטער. לאַנגזאַם גייט ער אַוועק פון פענסטער און דרייט זיך ארום ווי אַ צעמישטער... ער גייט צו צו אַ קליינעם שראַנק רעכטס, נעמט ארוים אַ פלאַש וויין, גיסט אָן אַ גלאָז, און שטעלט די פלאַש צוריק. ער קוקט אַ פּאָר סעקונדען אויף דעם וויין דורך דאָס ליכט, דערנאָך טרינקט ער אוים מיט איין מאָל, אָן אָפּרו...)

מ אַ ר י ט ץ. (נאָך אַ קורצער פּויזע.) גוט... זייער גוט... (ער גייט צו זיין ארבעטס-טיש... שטעלט זיך אָפּ, קוקט אויף דער פּיאַנאָ, אויף פארשיעדענעס אין צימער, אויף אַ פּאָרטרעט... אַ טיפער טרויער באַדעקט זיין פּנים... אין אַ פּאָר סעקונדען ארום גייט ער ווי מאַכטלאָז צום מאָרים-שטול. לאַנגזאַם פאַרדרייט ער דעם עלעקטרישען לאָמפּ אויפ'ן טיש און פאַלט צו צום שטול, בייגט איין דעם קאָפּ, באַהאַלטענדיג אים אין זיינע הענט... עס איז שטיל... די שטימע זינגט ווידער, שטאַרק און ברויזענד קלינגט זי אין דער שטילקייט. מאַריטץ פאַרהוסט זיך. ווען ער שטייט אויף איז זיין פּנים רויט, די אויגען אָנגעגאָסען מיט בלוט... זיי פייערען! ער ציט זיך לאַנגזאַם אוים אין דער גאַנצער לייבג פון זיין קערפּער איבער'ן טיש און שפּאַרט זיך אָן מיט איין האַנט... ער מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט געפּרואווט זיינע קרעפטען ! לאַנגזאַם גייט ער צום טיש רעכטס, שפּאַרט זיך אָן אים אָן און הערט זיך צו צום זינגען. עס רייצט אים אויף).

מ אַ ר י ט ץ. (נערוועז, אויסגעצויגען.) אַ... אַ, הע !... (ער רופט) מאַריאַ, מאַריאַ !...

מ אַ ר י ע. (קומט אריין.) וואָס וויל דער פּאַן?

מ אַ ר י ט ץ. גיי מאַריאַ, זאָג די שכנים דאָרט זיי זאָלען אויפהערען זינגען. עס רייצט מיך אויף... זאָג זיי, אַז איך פיל זיך ניט גוט...

מ אַ ר י ע. (אומווילינג.) אומזיסט, פּאַן, זיי וועלען ניט הערען. די שכנה, דאָ, האָט זי שוין געבעטען... ביי איר איז אַ קינד קראַנק, אַבער זיי ווילען ניט... אָך, עס איז אזוי קאַלט... און עס וועט נאָך שנייען...

מ אַ ר י ט ץ. אַבער גיי דאָך, גיי מאַריאַ !

מ א ר י ע. אויב איר הייסט, וועל איך גיין...

מ א ר י ט ץ. נו, געוויס הייס איך... (מאַריע אָפּ.)

(מאַריטץ שטייט אַ סעקונדע פּאַרטראַכט, פּונקט ווי ער וואָלט געזוכט די ענדע פון זיין פריערדיגען געדאַנק. דערנאָך פּאַרציט ער לאַנגזאַם דעם לאָמפּ אויפ'ן טיש רעכטס... עס ווערט טונקעלער אין צימער. דורכ'ן צווייטען פענסטער לינקס שיינען אריין די בלייכע שטראַלען פון דער לבנה. דער דרויסען איז ווייס־באַ־שנייט. מאַריטץ קוקט פאַרוואונדערט אַ פּאָר סעקונדען אויפ'ן בלאַסען ליכט. דער־נאָך גייט ער אָפּ רעכטס צום טיש, עפענט אַ טיש־קעסטעל, נעמט ארויס אַ גרויסען פּוטליאַר און ציט פון אים ארויס אַ בלישצענדען רעוואָלווער. ער באַטראַכט אים... פּרואווט אים... שפּילט זיך מיט אים, לייגט אים אַוועק אויפ'ן טיש און גייט צו דער מיטעלער טיר. ער שיינט צו געווינען מאַכט, גייט זיכערער, שטאַרקער... ער שליסט צו די גרויסע טיר און וואַרפט דעם שליסעל אויפ'ן טיש רעכטס. גייט ווידער צו צום טיש וואו דער רעוואָלווער ליגט, לאָדט אים אָן... קוקט אויף אים, טראַכט אַ ביסעל...)

מ א ר י ט ץ. (פאַרטראַכט.) יא, (ווי אויפגערעגט.) מאַריא, מאַריא!

מ א ר י ע. (קומט אריין) וואס וויל איצט מיין הער. איך האב אייך געזאגט, זיי וועלען מיך ניט פאלגען!...

מ א ר י ט ץ. ניין, ניין... ניט דאס. מאך מיר דאס בעט, מאריא, איך וועל זיך באלד לייגען שלאפען.

מ א ר י ע. א! גוט, גוט. (וויל גיין, באַמערקט דעם רעוואָלווער און ווערט פאַרציטערט.) מיין גאָט!... וואס האלט איר אין די הענט, פאַן?! (צלמ'ט זיך מיט שרעק.)

מ א ר י ט ץ. א רעוואלווער... א שפּילצייג.

מ א ר י ע. א שפּילצייג?... (צלמ'ט זיך.) איר ווייסט, פאַן, איך האב געהאט אן אנקעל, ער פלעגט זייער פיל טרינקען און אפט שלאגען די מומע... האט ער זיך אמאל געשפילט מיט זיין ביקס און זיך אויף דער מומע געצילט, האט אים דער טייפעל אפגעטאן...

מ א ר י ט ץ. דער טייוועל?!

מ א ר י ע. יא, יא, מיין הער, דער טייוועל — ער האט אים דער־שאסען... מיר האבען אליין געהערט דעם שאס... ווי פון א קאנאנע... עס האט געהילכט ארום און ארום גאר ניט ווי א ביקס. אלע זיינען זיך צונויפ־געלאפען און איידער דער אנקעל איז געשטארבען, האט ער דערציילט אונזער גלח, אז דאס האט אים דער טייוועל אפגעטאן... מען טאר זיך ניט שפּילען מיט אזוינע זאכען. גאט באהיט. (צלמ'ט זיך.)

מ א ר י ט ץ. (אומגעדולדיג.) נו, נו, מאריא, האב ניט מורא... גיי מאך דאס בעט. (קורצע פּויזע. זי גייט צו דער טיר. פאַרטראַכט.) אבער גע־רעכט איז זי דאך. רעוואלווערען, ביקסען מאכען צופיל ליארעם... גיי...

(זי גייט אַפּ.) ניט מיט ליאַרעם דאַרף מען שטאַרבען... ניין... (מאַריטץ בלייבט שטיין, קוקט אויפ׳ן רעוואָלווער און דיינקט נאָך... די שטימע זינגט ווידער.)

מ א ר י ט ץ. (ווי באַלעבט פון אַ נייעם געדאַנק.) א !... (ער לייגט אַוועק דעם רעוואָלווער, גייט שנעל רעכטס, עפענט מיט אימפּעט אַ קליינעם שראַנק, זיינע באַוועגונגען זיינען שנעלער, שטאַרקער און געווינען יעדע מינוט אין מאַכט און זיכערקייט. ער נעמט ארויס אַ קליין פלעשעלע.)

מ א ר י ט ץ. (פאַרהוסט זיך.) ענדלאַך... זי... איך... אלע... אלע מוזען פריי ווערען... (גייט צום טיר ליגקס מיט פעסטע טריט. ביי דער טיר טרינקט ער פון דער פלעשעלע. עס פאַלט אים אַרויס פון דער האַנט; מיט דער צווייטער כאַפּט ער זיך אָן ביי דער טיר. שטייט אַ מינוט, דאָס פּנים שרעקלאַך פאַרענדערט, דאַן דרייט ער זיך צונויף אין דרייען אין אַ שרעקלאַכען קראַמף... ער ראַנגעלט זיך... פאַלט... קריכט אין שרעקלאַכע שמערצען צום מאַרים־שטול... ראַנגעלט זיך ווידער. די שטימע זינגט צאַרט און ווייך... די לבנה שיינט ניט אַזוי שאַרף ווי פריער, איר ליכט איז עטוואָס טונקעלער; די בוימער פון יענער זייט גאַס שאַקלען זיך ווי אין אַ ווינט. עס גייט אַ שניי. דאָס ליכט פון די גאַסען־לאַמפּען פלאַקערט אויף, צאַנקט אין קאַמף מיט׳ן ווינט. מאַריטץ ראַנגעלט זיך מיט׳ן טויט. פעסטע טריט פון אַהינטער דער מיטעלסטער טיר און דינאַ׳ס שטימע.)

ד י נ א. (הינטער די קוליסען.) ניין, ניין, הער לעווערסאַן, (פּרוּאווט עפענען די פאַרשלאָסענע טיר.) קלאַפּט ניט, קלאַפּט ניט, איך האָב אַ שליסעל. (מאַריטץ כאַפּט זיך אויף אויף אַ סעקונדע, שטרעקט זיך אויס אין אַ קאַנוואולסיווען קראַמף און שטאַרבט... עס הערט זיך ווי אַ שליסעל עפענט די טיר).

ד י נ א. (קומט אריין פאַרשנייט, נאָך איר לעווערסאַן. זי וואַרפט אַראָפּ דעם מאַנטעל, די הוט. ער העלפט איר.) ניין, הער לעווערסאַן, ניין, איך האָב ניט געטאָרט גיין. דאָס געוויסען האָט מיך געפּלאָגט דעם גאַנצען וועג. און איך פאַרזיכער אייך, איך בין זייער צופרידען וואָס איך האָב מיך אומגעקערט. (גייט צום טיש רעכטס.) ער האָט זיך ניט גוט געפילט; ער האָט מיר אויסדריקלאַך געזאָגט און מיין פליכט איז געווען צו בלייבען אין דער היים—נאָך אין אַזאַ וועטער. יאָ, יאָ, עס פרייט מיך וואָס איך האָב זיך אומגעקערט... (זי ציט אויף דעם לאָמפּ אויפ׳ן טיש רעכטס, עס ווערט ליכטיגער.)

ד י נ א. (גוטמוטיג.) נו, זייט ניט בייז. אָט וועל איך מאַכען טיי... און עס וועט ווידער ווערען לעבעדיג... ווילט איר טיי מיט וואַרעניע?... שלאָפט שוין מאַריטץ... (דרייט זיך אום און דערזעט מאַריטצ׳עס קערפּער).

ד י נ א. (אויף אַ סעקונדע פאַרגאַפט... לויפט צו צו אים מיט אַ שרעקלאַכען געשריי פון פאַרצווייפלונג.) מאַריטץ... מאַריטץ... (פאַלט צו צו זיין קערפּער) מיין גאָט, וואָס איז געשען?

ל ע ו ו ע ר ס א ן. (בויגט זיך נאָך איר איבער׳ן קערפּער.) ער האָט עפּעס געטרונקען... (דערזעט דאָס פלעשעלע) גיפט!... גיפט!... שווערלאַך...

דינא. (טרייסעלט דעם קערפער.) מאריטץ, מאריטץ... העלפט!...

לעווערסאן. ער איז טויט... טויט...

דינא. (ליארעמט און שרייט אין פארצווייפלונג.) ראטעוועט!...

מאריע. (קומט אריין א דערשראקענע.) וואס איז געשען, פאני?...

לעווערסאן. גיך, מאריא, בריינג דעם דאקטאר... אט דא באלד...

מאריע. דעם דאקטאר?

לעווערסאן. יא, גיך... רייד ניט!... דער הער איז קראנק...

מאריע. אז איר הייסט, גיי איך. (אפ.)

דינא. (בלייבט שטיל, קוקט צעטראגען אויף מאריטצ'עס שרעקלאך געזיכט.) א!... גאט!... (קערט זיך אפ און ציטערט) איך האב מורא פאר אים... (זי ציטערט אין שרעק.)

לעווערסאן. (בויגט זיך צארט איבער איר קערפער, הויבט זי אויף און פירט זי א ביסעל לינקס...) מאדאם... בארואיגט אייך!...

דינא. (דריקט זיך צו אים אין שרעק, פאלט מיט'ן קאפ אויף זיין אקסעל און ברעכט אויס אין א היסטעריש געוויין.)

לעווערסאן. (צארט.) מאדאם, דינא אבראמאווונא... בארואיגט אייך!...

דינא. (נאך א סעקונדע, א ביסעל רואיגער, הויבט אויף דעם קאפ. פלוצלונג — פארווירט) לאזט מיך אפ... בארירט מיך ניט... (רייסט זיך אוועק פון אים) א! איך האב אזוי מורא... (ציטערט.) עס ווייזט זיך מיר אויס, אז איך פיל דעם אמת פון זיינע לעצטע ווערטער!... א! גאט, מיר זיינען די שולדיגע אין זיין טויט... מיר זיינען די מערדערס... (פאלט אין א שטול און וויינט.)

לעווערסאן. (צארט.) דינא אבראמאווונא... וואס רעדט איר?... בארואיגט אייך... בארואיגט אייך...

(פארהאנג.)

דער שטורעם פון דער נשמה

(א דראמע אין דריי אקטען מיט אן עפילאג)

(איבערזעצט פון ענגליש: מארק שווייד.)

דער שטורם פון דער נשמה

פ ע ר ז א נ ע ן:

יאנקא גרען — א זייער רייכער פינלענדישער לאנד־און־וואלד־באזיצער מיט גרויסע זעגערייען אין העלסינגפארס און פעטראגראד.

אלאף גרען — יאנקא׳ס זון, א יונגערמאן צווישען דרייסיג און פינף און דרייסיג.

קעטלין — יאנקא׳ס צוועלף־יאריגע טאכטער, וועלכע באוויזט זיך ניט, איבער וועלכער מען רעדט אבער אזוי לעבהאפטיג, אז זי ווערט פולשטענדיג געשילדערט אין איר קינדערשער אומשולד און שיינקייט.

דיאנא יאנגא — אלאפ׳ס געליבטע, א מיידעל פון עקסטרעמען רעוואלוציאנערען טעמפעראמענט.

סעלמא — אלאפ׳ס אלטע אם און קעטלינ׳ס דערציערין.

פעטער פראנקא — א קינסטלער, א מענש נאענט פון די פופציג — כמעט שטענדיג „בגילופין“.

לאנגלען און טאליא — רעוואלוציאנערען־קאמעראדען.

ארט — העלסינגפארס און פעטראגראד.

צייט — איצט.

ערשטער אקט

(אן אפגעזונדערט געוועלב־אַרטיג צימער אינ'ם קעלער פון יאַנקאַ גרענ'ס קיניגלאַכער רעזידענץ אין העלסינגפאַרס, פינלאַנד. דאָס ליכט אין צימער איז האַלב־טונקעל און וואַרפט דאָ און דאָרט געהיימניספולע שאָטענס אויף די ווענט. דיאַנאַ יאַגאַ זיצט אין אַלאַפ'ס שויס. אירע אָרעמס זיינען אַרום זיין האַלז אין אַן אויסברוך פון געשפּאַנטער ליבע. זי זינגט אַ באַגייסטערטע און לייגט אַריין איר גאַנצע ליידענשאַפטלאַכע נשמה אין איר געזאַנג. אַלאַף מיט זיינע אָרעמס אַרום איר איז פולשטענדיג פאַר'כישופ'ט פון ליבע. ער הערט זיך צו צו איר נערוועז מיט פאַרמאַכטע אויגען. לאַנגלען און טאַליאַ זיצען ניט ווייט פון זיי אין אַ שאָטענדיג ווינקעל, הערען זיך איין אָדער רעדען צווישען זיך סודות'דיג, טרינקענדיג זייער ביר).

דיאַנאַ יאַגאַ: — (זיך ווענדענדיג צו אַלאַפ'ן) אַ, אַלאַף! (זינגט)
א, אַלאַף.
האסטו געגוג קוראזש אין זיך צו גיין אויפ'ן לעבענס־וועג
און אייביג בלייבען דער מאַן:
אפצוטרייסלען פון זיך די לאַסט פון פאַרגאַנגענע דורות
און גיין פאראוים פאַר די צייט?
האסטו מוט געגוג אין זיך, אַלאַף?
האסטו מוט געגוג צו וואַרפען אַלץ פאַר דעם אמת
און מקריב זיין אַלץ —
די גליענדע ליבע און דאָס ליכטיגע גליק —
דאָס לעבענס־בלוט פון מענשען און דיין אייגען לעבען
אויך — — — —
האסטו מוט געגוג אין זיך, אַלאַף?
(רעדט) אויב יאָ — דאַן קום אַן שרעק מיט אונז צו זיין אונזער פירער און מיר וועלען דיר מיט ליבע נאָכגיין.

פעטער: — (קומט אריין אין זיינע פאַרשמירטע אַרבעט־קליידער, אַ ביסעל שכור'לאַך; ער טראָגט זיין פאַליטרע מיט די פינזעלס אין איין האַנט און אין דער צווייטער אַ גלאָז שאַמפּאַניער, וואָס ער דערלאַנגט אַלאַפ'ן) נעם, אַלאַף, טרינק מיט מיר.

אַלאַף: — (דערשטוינט, עפענט זיינע אויגען.) ניין, ניין, פעטער. אַ דאַנק דיר. דו ווייסט גוט, אַז איך טרינק קיינמאָל ניט.

פ ע ט ע ר: — נאר דאס איינע גלאז מיט מיר, אלאף, מיר צוליב.

א ל א ף: — ניין, ניין, פעטער. א דאנק דיר.

(דיאנא כאפט פלינק ארויס דאס גלאז פון פעטער'ס האנט און טרינקט עס פייערלאך אויס ביז'ן לעצטען טראפען. אלאף פארזינקט ווידער אין זיין פריערדיגען צושטאנד.)

פ ע ט ע ר: — (מיט פרייד) אבי עס אויסגענוצט צום גוטען. (לאכט) מיין יונגע דאמע האט א סך מוט.

(לאנגלען און טאליא קוקען מיט געהיימען פארדאכט אויף פעטער'ן.)

ט א ל י א: — (שטייט האסטיג אויף; אין האלבע טענער אנווייזענדיג אויף פעטער'ן.) איז מען מיט אים זיכער, אלאף?

א ל א ף: — (עפענענדיג זיינע אויגען.) גאנץ זיכער. ניטא וואס צו שרעקען זיך. (פאלט ווידער אריין אין זיין פריערדיגען צושטאנד.)

ט א ל י א: — דו וואלסט בעסער געטאן, ווען דו שיקסט אים אוועק. לאמיר בעסער זיין אינגאנצען זיכער.

א ל א ף: — (עטוואס אויפגערעגט.) אומזין.

(טאליא זעצט זיך; דיאנא זינגט ווידער.)

ד י א נ א: — (זינגט) א, אלאף, האסטו מוט גענוג אין זיך

צו גלייבען אין דעם ליכטיגסטען ציל,
ווען עס זאל דיך אפילו די וועלט פארלאכען;
און אזוי ווי דער אייביגער שטראם, וואס מאכט
טראפענוויים,
קארבען אין די וואונדערלאכע פעלזען פון דער ערד,
אזוי זאלסטו אן אויפהער בויערען און צעשטערען
דאס לעבען פון די פארגאנגענע דורות.
אויב דו קענסט דאס, אלאף, שמיד א ברודערלאכען
בונד מיט אונז
און פיר דעם פארביסענעם קאמף, ווען אפילו אראפ
ביז'ן גרוב.

א, אלאף, האסטו מוט גענוג אין זיך?

פ ע ט ע ר: — (איבערשלאגענדג) וואס, צום טייוועל, איז דאס? וואס פאר א ליד פון קאמף און קבר זינגט איר עס, מיין פריילין? צו וואס האט איר זיך אלע דא פארשטעקט אין דער אייזערנער פינסטערער הייל און זיצט דא און זינגט מיט אזא חושכ'דיגער ווילדקייט אייערע קברים-לידער? העי! ווארפט אייך ארויס פון דאנען אויף גאט'ס אפענער וועלט און קוקט אן די וואונדערלאכע הארבסטיגע לאנדשאפטען דא ארום פונ'ם שפיץ פון קליינעם בערגעל אין דרויסען. קומט ארויס, מענשענקינדער!

טאליא: — (סודות׳דיג און אין אַ געדריקטען טאָן) הער, לאַנגלען, דעם זאַטען שוויין. ווי ער רעדט;

אלאף: — פאָלג מיך, פעטער, און גיי דיך אליין צו דיינע לאַנדשאַפטען. דו שטער אונז ניט. מיר האָבען אונזערע אייגענע לאַנדשאַפטען, וואָס זיינען ניט ווייניגער שיין ווי דיינע. וואָרף דיך ארויס פון דאַנען — און שנעל!

פעטער: — (ציט די אַקסלען) דאַרפסט דיך די צונג ניט קאַליע מאַכען. איך בין שוין ניטאָ. (גייט ארויס.)

דיאנא: — (זי צערטעלט אַלאַפ׳ן און הערט אים ניט אויף צו קושען. זי זינגט ווידער) אַ, אַלאַף, איז אין אונז אַלעמען פאַראַן מוט געגוג,
שטאַרק ווי אייזען וועט זיין אונזער בונד
און אין דעם ווילדען קאַמף פאַר דער וועלט פון
נייעם לעבען
וועט זיין דער קוואַל פון אונזער קראַפט און אונזער זיג.
אַ, חברים, איז פאַראַן מוט געגוג אין אונז?
(פויזע.)

אלאף: — (אַזוי ווי אויפוואַכענדיג, שטויסט אימפּולסיוו אָפּ דיאַנאַ׳ן פון זיין שויס) יאָ, דיאַנא! מיר האָבען! אַלע מוט געגוג. נאָר אַזוי ווי שוואַכלינגען זיינען מיר אויף אַ וויילע געפאַלען אַלס פרעס־פלייש צו די זינלאָזע סענטימענטאַליטעטען. נידער מיט זיי! צו אונזערע פליכטען, חברים. די פּלענער זיינען פאַרטיג. נאָך אַ נאַכט אָדער צוויי פון ווילדען אומ׳רחמנות׳דיגען קריג, וועט די מאַכט זיין אין אונזערע הענט און מיט דער שפּיז אין האַנט וועלען מיר דיקטירען דער מענשהייט דאָס אידעאַלע לעבען. פאָראויס, חברים! פאָראויס! אויפ׳ן קאַמף־פעלד וועלען מיר אויסרופען דעם זיג און די באַפעלען פון די אַרבעטער פון דער וועלט.

דיאנא: — (וואַרפט לײַדענשאַפטלאַך אירע אָרעמס ארום זיין האַלז) ווי גוט דו ביזט, אַלאַף, וואָס דו רעדסט אַזוי. איך פיל, אַז עס איז מיין ליבע, וואָס ברענגט דיך צו דיין העלדישער פירערשאַפט. פאָראויס, חברים! פאָראויס! זאָג עס נאָכאַמאָל, אַלאַף.

טאליא: — (וואַרים) דאָס איז אונזער לאָזונגסוואָרט, חברים.

לאנגלען: — (אַראָטאָריש) דאָס איז דער וואונדער־רוף. פיר אונז — מיר פאָלגען דיך נאָך.

אלאף: — (מיט פאַרמאַכטע אויגען, ווי נאָכטראַכטענדיג אַ וויילע) אויב אַזוי — פאָרווערטס! פאָרווערטס! נעמט די נעכסטע באַן צו דער הויפּט־שטאָט אויף דער אַנדערער זייט פון׳ם וואַסער. עס וועט אייך דאָרט אָהינברייננען אין צייט. זייט פאָרזיכטיג. זאָל קיין צופעליקייט ניט שטערען אונזערע פּלענער. האָט די קריגסשיף „וויטאָראַ" איז האַפען אין צייט צו פירען

די קאנאנען, ווי איך וועל באפעלען. איך וועל זיין דארט. איר קענט אייך פארלאזען. איצטער — פארווערטס צו פליכט!

טאליא און לאנגלען: — (צוזאמען) מיר זיינען פארטיג, חבר!

לאנגלען: — ווי דו באפעלסט, אזוי וועט זיין. (צו טאליא'ן) קום! (גייען ארויס.)

דיאנא: — (ווידער אין א ספאזם פון ליבע) ווי וואונדערלאך! ווי באפעלעריש!

אלאף: — (קעמפט זיך צו באפרייען) אבער מיר טארען דאס ניט, דיאנא.

סעלמא: — (ציטערענדיג, אויפגערעגט) אלאף! מאטי אונזער שכן איז נאר וואס געקומען פון יענער זייט, פון דער הויפטשטאט, און ער דער־ציילט שרעקלאכע זאכען, אלאף. מאטי זאגט, אז דער הער יאנקא, אייער פאטער, איז אין געפענגעניש. זיינע געשעפטען און פאבריקען האט מען בארויבט און אויפגעבונטעוועטע רויבערישע באנדעס האבען אלץ פון אים צוגענומען.

אלאף: — (דערשטוינט) מיין פאטער אין געפענגעניש. זיין אייגענטום פארכאפט. אבער ניין, אם, דאס קען דאך ניט זיין. די מענשען זיינען ניט קיין רויבער־באנדעס. מיין פאטער האט באדארפט נאכגעבען זייערע פאדע־רונגען, וואלטען זיי אים ניט איינגעזעצט אין געפענגניש.

סעלמא: — אבער מאטי זאגט דאך, אז זיי האבען אים איינגעזעצט און, גאט מיינער, אלאף, פריילין קעטלין איז דאך געווען מיט אים. וואו איז זי איצט? איך האב אזוי מורא, אלאף.

אלאף: — איר קינדישע אומשולד און איר שיינקייט וועלען זי גוט באשיצען.

סעלמא: — אבער, אלאף — מאטי זאגט, אז באנדעס ווילדע מענשען לויפען ארום אין דער הויפטשטאט און הרג'ענען און מארדען און פארשווינען קיינעם ניט. מיין גאט! וואס זאל איך טאן! (מיט א פלוצליכען באשלוס) איך וועל אהינגיין, אלאף, יא, איך וועל גיין. איך מוז געפינען מיין קליינעם מלאך און זי באשיצען.

אלאף: — (דערשטוינט) דו טארסט ניט, אם — איך וועל דיך ניט לאזען. דו דארפסט דיין לעבען ניט שטעלען אין געפאר.

סעלמא: — אבער, גאט מיינער, זי איז דאך דארט אליין. וואס וועט ווערען פון איר? ווי זי מוז זיך דארט שרעקען, מיין ארעם קינד, מיין פייגעלע. זי איז דאך נאך א קינד. ערשט עלף יאר געווארען לעצטען מערץ.

אלאף: — (צערטעלט זי) יא, יא, איך ווייס. אבער דו דארפסט דיין לעבען ניט איינשטעלען אין אזא געפאר. דו טארסט ניט גיין. הער, דיאנא, דו וועסט נאך כאפען טאליא און לאנגלען אין דער הויפטשטאט און ווען

דו וועסט אויסגעפינען אלץ וועגן מיין פאטער'ס ארעסט, וועסטו אויך אויסגעפינען וואו מיין קליינע שוועסטער קעטלין געפינט זיך. גיב גוט אכטונג אויף איר. אייל דיך. (פ ע ט ע ר קומט אריין.) דארפסט זיך גארניט שרעקן, אם. קעטלין וועט זיין גוט פארזארגט אין דער הויפט־שטאט. דו נעם זיך בעסער צוזאמען און גיב אכטונג אויף אט דער שכור'ער בעסטיע. (ווייזט אן אויף פעטער'ן.) זע, ער זאל גיין אין בעט אריין איידער ער דער'הרג'עט זיך ערגעץ. (פארמאכט זיינע אויגען און צערטעלט זי.) און יוען דער גרויסער אידעאל וועט דערגרייכט ווערן, דאס נייע לעבן פון'ם מענשען וועט זיין איינגעארדענט אויף דער וועלט, וועט די קליינע קעטלין ארבעטען אזוי ווי יעדער ארבעטער צו פארדינען איר ברויט און מיט איר ריינער אומשולד און קלארער נשמה וועט זי באגייסטערען דאס בעסטע און שענסטע, וואס איז פאראן אין לעבן. דו דארפסט דיך, אם, ניט שרעקן פאר קעטלינ'ס זיכערקייט. גיי בעסער זע, אז דער דומקאפ דארט זאל זיך בארואיגען. (ווייזט אן אויף פעטער'ן.)

פ ע ט ע ר: — דומקאפ? דו פאר'חלומ'טער נאר! איך גיב דיר א מינוט צייט צוריקצוציען דיין באליידיגונג אדער...

א ל א ף: — אדער וואס?

פ ע ט ע ר: — (דראענדיג) אדער איך וועל מאלען פון דיר א פארטרעט, אלאף.

א ל א ף: — (גוטמוטיג) דאס איז גענוג שטראף.

פ ע ט ע ר: — אבער וואס האב איך דא געהערט, אלאף? פריילין קעטלין איז איצטער אין דער הויפטשטאט — אין דעם אויפגעבונטעוועטען נעסט פון משוגעים?

א ל א ף: — שטיל, פעטער! שטיל!

פ ע ט ע ר: — וויל איך ניט זיין שטיל, איז וואס־זשע! קעטלין דארט. און אזוי האט געוואלט דיין מיליאנערישער פאטער. וועלכען דו, זיין משוגענער רעוואלוציאנערער זון, וואלט אויפגעהאנגען אויפ'ן ערשטען בעסטען לאמטערן. איך קען אייך ביידע און איר גייט מיך ביידע ניט אן: ניט אפילו ווען איר זאלט זיך איינער דעם אנדערען אויפעסען רויערהייט אדער געבראטען. נאר קעטלין, דאס אומשולדיג קינד, וואס איך האב איר נשמה אפטמאל געזען אפגעשפיגעלט אין איר בלייך לענגלאך געזיכט און טיף־בלאע אויגען. זע, גיב אכטונג, אלאף, דו ביזט פאראנטווארטלאך פאר איר לעבען. (ווענדט זיך צו דער אם.) איצטער אלטע סעלמאַ, פיר מיך צו מיין בעט. (דרייט זיך אום און דערזעט דיאנא'ן.) העי, הער! אט איז מיין מוטיגע יונגע דאמע, וואס האט אויסגעטרונקען מיין גלאז ביז'ן לעצטען טראפען. ווי מוטיג!

ס ע ל מ א: — (א ביסעל בארואיגט.) זאגסטו, אלאף, אז איך מעג

רואיג זיין. פריילין קעטלין וועט זיין גוט פאַרזאָרגט. זאָגסטו. נוּ, אייל־זשע דיך צו. אייל דיך צו.

אַ ל אַ ף: — יאָ, יאָ, טייערע.

ס ע ל מ אַ: — קומט־זשע, הער פּעטער, מיט מיר. (ביידע ארויס.)

אַ ל אַ ף. — שנעלער, דיאַנאַ. (דיאַנאַ כאַפּט אים אין די אָרעמס און קושט אים ווידער. אַלאַף פאַרלירט זיך אויף אַ מאָמענט און באַרואיגט זיך ווידער) גיי, גיי, דיאַנאַ! מיר טאָרען דאָס ניט, זאָג איך דיר. גיי! איך וועל דיר שפּע־טער נאָכקומען און דאָרט וועל איך דיך אין צייט פירען אין דעם ענדלאָכען קאַמף צום זיג פון דער שטריינגער הערשאַפט פון די אַרבעטער פון דער וועלט. אַ. דיאַנאַ. דיין ליבע איז אַ באַגייסטערונג און מיין קראַפט צו לעבען אָדער שטאַרבען פאַר דעם אידעאַל.

ד י אַ נ אַ: — (אין אומאַרמונג) מיין מוטיגער פירער. פיר ווייטער. מיר וועלען דיר נאָכפאָלגען ביז צום זיג.

(ער נעמט זי אין זיינע אָרעמס, קושט זי ליידענשאַפטלאַך און לאָזט זי אימפּולסיוו אָפּ.)

אַ ל אַ ף: — (באַפעלעריש) גיי!

ד י אַ נ אַ: — איך גיי. (גייט אָפּ.)

(ער שטייט אַ וויילע טיף פאַרטראַכט, דערנאָך נעמט ער ארויס פון אַ שופלאָד אַ לאַנגען פאַר׳חתמ׳עטען קאָנווערט און רופט.)

אַ ל אַ ף: — סעלמאַ! סעלמאַ! (סעלמאַ קומט אריין. ער גייט צו איר צו און גלעט זי צערטלאַך.) נעם דאָס. סעלמאַ. אויב איך וועל אומקומען אין קאַמף. וועל פאַרוואונדעט ווערען און שטאַרבען אויפ׳ן פעלד אָדער אין שפּי־טאָל. עפען דאָס און פיר אויס מיין צוואה און מיינע פאַרלאַנגען.

ס ע ל מ אַ: — (ציטערענדיג) אָבער אַלאַף — דו גייסט דאָך אריבער אין דער הויפּטשטאָט אויף יענער זייט?

אַ ל אַ ף: — יאָ, אָם.

ס ע ל מ אַ: — (קלאַמערט זיך אָן אים) אַלאַף, מיין קינד, מיין זויג־קינד, איך האָב דיר געגעבען מיין יוגענט און מיין לעבען. און יאָרען שפּע־טער. ווען דיין מאַמע איז דיר געשטאָרבען, — אין גן־עדן זאָל זי זיין — האָב איך געלעבט נאָר פאַר דיר און פאַר פריילין קעטלין. גאָט ווייסט, וואו זי איז איצט, און דאָך ווילסטו נאָך אויך גיין אהין. וואו דו קענסט דיין לעבען פאַרלירען. ווי אזוי וועל איך לעבען אָן אייך, מיינע קינדער. גיי ניט, אַלאַף, גיי ניט!

אַ ל אַ ף: — (זייער נערוועז, אויפגערעגט, פּרואווט זי באַרואיגען.) די פאַרשטייסט ניט, טייערע סעלמאַ. איך מוז גיין. איך גיי פאַר אַ גרויסע זאַך, פאַר אַ ניי לעבען! איך גיי צו געווינען און זיגען אויפ׳ן שלאַכטפעלד און איך טאָר ניט שטאַרבען. איך וועל צוריקקומען צו דיר אַ זיגער. נאָר

אויב איך וועל שטארבען, אויב דאס ערגסטע וועט געשען, דאמאלס זאלסטו טאן פונקט ווי איך בעט דיך. (גיט איר דעם קאנווערט. זי נעמט אים פאר איין עק.) נו, איצטער זיי בראוו, מיין טייערע אלטיטשקע. די טייערסטע מאמע פון מיין לעבען, און לאז מיך גיין. איך טאר מער קיין צייט ניט פארלירען. איך מוז גיין.

(ער רייסט זיך אפ, גייט האסטיג צו דער טיר און גייט ארויס.)

ס ע ל מ א : — (רופט) אלאף! אלאף!

(ווען די טיר פארמאכט זיך, פאלט איר דער קאנווערט פון דער האנט ארויס.)

(פארהאנג גייט פאמעלאך אראפ.)

צווייטער אקט

(דאָס אייגענע געוועלב־אַרטיגע צימער. אַלאַף קומט אַריין וואַקלענ־דיג זיך, טריקענדיג שאַמפּאַניער פון אַ גלאָז. פּעטער גייט אים נאָך, ווי געוויינטלאַך, אַ ביסעל שיכור׳לאַך).

אַלאַף: — שטן! אַזוי ווי די שלאַנג פון גן־עדן האָסטו מיך גע־רייצט. איך האָב נאָכגעגעבען און האָב געטרונקען מיט דיר, — אָבער ניט מער. (וואַרפט אַוועק דאָס גלאָז, וואָס ווערט צעבראָכען מיט אַ קראַך.) אַוועק פון מיר! (קוקט מיט אַ ציטער אויף זיינע הענט.) אַ! זעסט — בלוט, בלוט, בלוט!

פּעטער: — (עס פאַרשאַפט אים, ווייזט אויס, פאַרגעניגען) דו ווילדער רעוואָלוציאָנער! וואָס איז מיט דיר? ביזטו פון זינען אַראָפּ? איינמאָל איז דיין לעבען האָסטו געטרונקען מיט מיר אַ ביסעל געטלאָכען נעקטאַר. מאַר־זשע עס איצטער ניט קאַליע מיט דיין חרטה האָבען און מיט דיין תהלים זאָגען. (לאַכט.) בלוט, זאָגסטו, איז אויף דיינע הענט? דו נאַרישער רעוואָלוציאָנער! וואָס מיינט דאָס דען פאַר מיר! היינט האָט איר רעוואָ־לוציאָנערען געזיגט דורך מענשלאַך בלוט. מאָרגען וועלען־יענע אַנדערע זיגען, ווידער דורך מענשלאַך בלוט...

אַלאַף: — (לויפט אַ ווילדער צו צו אים) אַרויס פון דאַנען, זאָג איך!

(ווען פּעטער ציט זיך צוריק מיט זיין טייוולישען געלעכטער, קומט אַריין דיאַנאַ יאַגאַ. פּעטער גייט אַרויס.)

דיאַנאַ. — פּאַררעטער! פּאַררעטער איז דיין נאָמען — נידער־טרעכטיגער פאַררעטער. דו האָסט פאַרלאָזט דאָס קאַמף־פעלד, ווען דער זיג איז געוואונען געוואָרען און דער אידעאַל דערגרייכט דורך דיין אייגע־נער העלדישער אָנשטריינגונג. פאַררעטער! פאַררעטער!

אַלאַף: — (שטאַרט ווידער אויף זיינע הענט) בלוט! פּורפּור פלעקען פון בלוט אויף מיינע הענט. און איצט וויל איך, אַז דו, דיאַנאַ יאַגאַ, זאָלסט אויך אַוועק פון דאַנען. דו, וועמען איך האָב פאַרקויפט מיין נשמה. דו האָסט עס געזען? בלוט! בלוט! שחיטה און בלוט. צעוואַרפענע טויטע מענשען. פרויען און קינדער, צעשפּרייט איבער דעם פעלד פון זיג. און קעטלין גע־שחט׳ען! קעטלין?!

דיאַנאַ: — פּאַררעטער! קעטלין?! וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַ קרבן מער צי אַ קרבן ווייניגער פאַר דעם נייעם אידעאַלען לעבען?

אַלאַף: — (גיט ווילד אַ לויף צו צו איר) אַ, דיאַנאַ, גיי אַרויס פון דאַנען, איידער איך טויט דיך. ווען די מענשהייט — אַלע אַרבעטער און ליידענדע פון דער וועלט, וואָלטען דערגרייכט דאָס נייע אידעאַלע לעבען

מיט הונדערט יאר שפעטער, ווען אפילו צוויי הונדערט יאר שפעטער. אויב נייטיג — אין בלוט פארגיסונג, אין מענשלאכע קרבנות, וואלט זיך געלוינט דאס ווארטען, דיאנא. נאך מער וויל איך דיר זאגען, עס וואלט געווען די אומבאדינגטע פליכט פון דער נשמה צו ווארטען און ארבעטען דערפאר אין פרידען.

ד י א נ א: — פאררעטער! אזויריידען פאררעטערס.

א ל א ף: — (כאפט זי ווילד אן און לאזט זי אימפולסיוו אפ) א, דיאנא! דו האסט ניט באדארפט צורייצען איר מיר די אנגעשטריינגטע געפילען פון מיין ניט־געזעטיגטער ליבע. איצט איז צו שפעט — מיין ליבע מוז האבען דאס וואס זי פאדערט.

ד י א נ א: — פאררעטער, מיין ליבע איז ניט פאר דיר.

א ל א ף: — (כאפט זי אן) איך וועל זי האבען, אלצאיינס צי דו ווילסט צי ניט.

ד י א נ א: — איך זאג, אז ניין. פאררעטער!

א ל א ף: — (כאפט זי אין זיינע ארעמס און זי, קעמפענדיג, צערייסט אים זיין קראגען און א האלב העמד) פארדאמטע מכשפה! דו האסט לאנג גענוג געפייניגט מיין נשמה מיט דיינע פאר'סמ'טע צערטלאכקייטען, קושען און ליבע. איצט וועל איך האבען די זאטקייט פון מיין ליבע. איצט וועל איך אלץ האבען.

ד י א נ א: — (ווען זיי דערגרייכען די שוועל פון דער טיר לינקס, וועלכע אלאף עפענט מיט א קראפטיגען שטופ פון זיין פוס) ניין, פאררעטער, דו וועסט ניט זעטיגען דיינע ליידענשאפטען און דיין ליבע מיט מיין בלוט!

א ל א ף: — (כמעט אריינגווארפענדיג זי אין זיין צימער, וואקעלט זיך צוריק) אין דיין בלוט, אין דיין בלוט! (זי לויפט אריין און פארקלאפט די טיר. ער כאפט אן זיין שטול ביים טיש און פאלט א מידער אין שטול. פויזע. ער באטראכט זיינע הענט.) איר בלוט!

א ל א ף: — (צינדט אן א ליכט און באטראכט הערבייי זיינע הענט, רופענדיג) סעלמא! סעלמא! (סעלמא קומט אריין שנעל) שנעלער, אם, לעש אוים אלע ליכט. איך בעט דיך, עס איז צו ליכטיג. איך קען ניט זען די בלוט־פלעקען אויף מיינע הענט. (זי קוקט אים אן) איך בעט דיך, אם, טו וואס איך בעט דיך. (זי לעשט מעכאניש אוים די ליכט. ער באטראכט ווידער זיינע הענט ביים שיין פון ליכט.) זעסט, אם, דאס בלוט פון די געשאכטענע איז אויף מיינע הענט און איך האב זיי געוואשען און געריבען — און ווידער געוואשען. נאר די געמיינע פלעקען ווילען ניט אראפ. דו זעסט, אם?

ס ע ל מ א: — וואס, אלאף?

א ל א ף: — די בלוט־פלעקען אויף מיינע הענט.

ס ע ל מ אַ: — גאָט מיינער! איז ער פון זינען אַראָפּ? (זי צלמ׳ט זיך עטלאַכע מאָל).

אַ ל אַ ף: — דער קרייץ! — אַ, סעלמאַ, אין דעם ים בלוט, דורך וועלכען מיר זיינען דורכגעגאַנגען אויסצורופען דעם זיג פון דעם נייעם אידעאַלען לעבען פאַר די אַרבעטער פון דער וועלט, האָבען מיר אונזער קרייץ געמוזט אויסשטעלען אפילו צו שאַנד און פאַראַכטונג. אָבער דער וואָס איז געשטאָרבען אויף דעם קרייץ איז דאָך געשטאָרבען פאַר דעם נייעם אידעאַלען לעבען.

ס ע ל מ אַ: — גאָט, דערבאַרעם דיך אויף דעם אָרעמען קינד. (בעטענדיג.) אָבער, אַלאַף, ביזטו געקומען אַליין? וואו איז קעטלין?

אַ ל אַ ף: — קעטלין! (מיט וואַנזיניגען געלעכטער. קוקט אויף זיינע הענט.) אַ, סעלמאַ, קעטלין איז איצטער זיכער. איך קען קיין שלעכטס ניט געשען. זאָל דיין הארץ דיר רואיג זיין, אַם — איך קען דיר מער גאָר ניט זאָגען.

ס ע ל מ אַ: — אוי, גאָט! מיין קעטלין איז געראַטעוועט. געבענשט זאָל זיין דיין נאָמען. (גייט פאַמעלאַך אַרויס אַ באַרואיגטע.)

אַ ל אַ ף: — (קוקענדיג אויף זיינע הענט ביים שיין פון ליכט; פאַרזינקט פאַמעלאַך אין אַ צווייפעלהאַפטען צושטאַנד פון אומכאַכט.) די בלוט־פלעקען פון די געשחט׳ענע אויף מיינע הענט וועלען קיינמאָל ניט פאַרשווינדען. (ער בלייבט אומכאַכטיג. אַ לענגערע פויזע, וואָס ווערט בלויז אונטערגעבראָכען דורך אַלאַפ׳ס אויסגעשרייען אין זיין דעליריום — אַנטציקט און באַגייסטערט) פאַרוועטס! פייער! זיג! טאַליאַ! לאַנגלען! פאַרוועטס! (ווידער אַ לייגערע פויזע — נידערגעשלאַגען און דערשראָקען) מענער! פרויען! בלוט! (ווידער אַ קורצע פויזע. — פּעטער קומט אַריין און קוקט זיך אַרום). גאָט! קעטלין! גע׳שחט׳ען — בלוט! (פּעטער טרייסעלט אַלאַפ׳ן, — ער עפענט זיינע אויגען.) ווי אַזוי ביזט דו אַהער געקומען, פּעטער, דאָ אויף דעם שלאַכטפעלד?

פּ ע ט ע ר: — אויפן שלאַכטפעלד? וואָס איז מיט דיר? דו ביזט ניט אויפ׳ן שלאַכטפעלד. (טרייסעלט ווידער אַלאַפ׳ן. — אַלאַף קוקט זיך אַרום.) איך בין געקומען זוכען די אַם, אַלאַף, און וואָס האָב איך געהערט? קעטלין גע׳שחט׳ען!

אַ ל אַ ף: — (קוקט זיך אום — קומט צוריק צו זיך) געשחט׳ען פּעטער, קעטלין איז גע׳שחט׳ען.

פּ ע ט ע ר: — (ניכטערט זיך אויס. — דערשראָקען) גאָט מיינער! האָסטו ניט געזאָגט סעלמאַ׳ן, אַז קעטלין געפינט זיך אין זיכערע הענט?

אַ ל אַ ף: — קעטלין א י ז זיכער — אין איר אייביגער רו אין הימעל.

פּ ע ט ע ר: — אַלאַף! ווייסט עס די אַם?

א ל א ף: — (כאפּט אים אן) ששש... זאג קיין איינציג ווארט ניט דער אם, איך בעט דיך. זי וואלט עס ניט אויסגעהאלטען. אַ, פּעטער, זעסטו איצטער די בלוט־פלעקען אויף מיינע הענט? זע! אוי, וואס איך האב אלץ איבערגעלעבט! וואס פאר א קראַפט האט עס איבערגעבראכען מיין נשמה איז צוויי! א פּאנאראמע פון בלוט און גרויל האט אויפגעטרייסעלט מיין גאנץ וועזען און האלט מיך נאך איצטער געפאנגען.

פּ ע ט ע ר: — יא, אלאף, אבער אזוי איז די וועלט.

א ל א ף: — א קאשמאר? אבער, פּעטער, מיט'ן גאנצען פייער פון מיין נשמה זע איך דאך דעם אויפגאנג פון א ניי און גלאררייך לעבען. מיט דעם גאנצען אמת פון מיין הארץ האב איך געפירט צום זיג די מאסען פון לאנד. נאר ווען איך האב געזען דאס שלאכט־פעלד און בין געגאנגען צו מיין זיג דורכ'ן בלוט פון די גע'שחט'ענע, האב איך געזען דאס טיפערע ליכט פון דער מענשלאכער נשמה. דאס ליכט וואס פירט צום נייעם אידעאַלען לעבען אן בלוט־פארגיסונג. דאמאלס, פּעטער, בין איך אנטלאפען פון דעם בלוט־באד. און איצט טראג איך בלוט־פלעקען אויף מיינע הענט — דאס בלוט פון מענשלאכע וועזענס.

פּ ע ט ע ר: — אבער דאך, אלאף. מיר זיינען דאך ניט שולדיג אין דעם בלוטיגען קאשמאר פון דער וועלט.

א ל א ף: — יא, מיר זיינען שולדיג, ווייל דער קאשמאר איז בלוט — מענשלאך בלוט.

(פארתאנג.)

דריטער אקט

(אַן עלעגאַנט צימער אין דער קיניגלאַכער רעזידענץ פון יאַנקאָ גרען אין העלסינגפאָרס; גרויסע ווענעציאַנישע פענסטער פירען ארויס אויף אַ באַלקאָן מיט אַן אויסזיכט אויף'ן פינלענדער פאַרגוס. אין דער ווייטענס, אויף יענער זייט וואַסער, זעט זיך די הויפטשטאַט; פלאַמענדיגע רויטע פענער פלאַטערען איבער דער הויפשטאַט.)

אַלאַף: — (קרענקלאַך שוואַך, אַ ביסעל נידערגעשלאַגען, בעט דעם פאַטער) פאַטער! וואָס טוסטו? ערשט ניט לאַנג ביזטו קום מיט דיין אייגענעם לעבען אַנטרונען פון דעם בלוטיגען זיג פון די ארבעטער פון דער הויפטשטאַט; און דאָס אויך נאָר אַ דאַנק דער פאַררעטערישקייט פון דיינע היטערס. איצטער, זייענדיג אין דער היים רואיג און זיכער, האָסטו גערופען די מיליציע פונ'ם שטאָט קאַלטבלוטיג צו דער'הרג'ענען מענער, פרויען און קינדער, די אייגענע מענשען, וואָס באַשאַפען דיין רייכקייט, מאַכען דיינע מיליאָנען פאַר דיר, נאָר דערפאַר, ווייל זיי בעטען אַ קרישטעלע מער, אַ ביסעל אַ העכער געהאַלט פאַר אַ בעסער לעבען. פאַטער! ווי קענסטו דאָס טאָן? דו האַלטסט דאָך זיך פאַר אַ פרומען קריסט. וואָלט קריסטוס, דיין אויסלייזער, אַזוינס געטאָן?

יאַנקאָ גרען: — איך בעט דיך, אַלאַף, מיש זיך ניט אריין אין מיינע געשעפטען. וואָס וואָלסטו געוואָלט זאָל איך טאָן, לאָזען אַז די הינט מיר דיקטירען מיינע געשעפטען און מיך לערנען וואָס עס הייסט רעכט און וואָס אומרעכט? אָדער וואָלסטו געוואָלט, איך זאָל זיי לאָזען מיך צווינגען זיי צו באַשעפטיגען. ווען זיי בונטעווען זיך און סטראַשען מיך מיט'ן לעבען, אין דער צייט וואָס איך קען קריגען פונקט אַזויפיל און מער, וועלכע האָבען דאָס רעכט און די פרייהייט צו ארבעטען? נעם אַן מיינע באַדינגונגען און מיין פאַרגעשלאַגענעם געהאַלט אַלס רעכט און גוט.

אַלאַף: — אָבער אום דאָס אַלץ צו טאָן, פאַטער, פאַרגיסטו אַ ים מיט מענשלאַך בלוט. לוינט זיך דיר ניט אויסצוגעבען דאָס נישטיגע קליינגעלט, וואָס דאָס קען קאָסטען, ווען דו האָסט מיליאָנען אויף מיליאָנען פאַר זיך און קענסט מאַכען נאָך מער מיליאָנען פון דער ארבעט פון די אייגענע מענשען, וועלכע דו שחט'סט איצטער אום? לוינט זיך דיר דאָס ניט? דו. וואָס דו ביזט געשטאַנען אין שאָטען פון טויט, ווען זיי האָבען געזיגט?

יאַנקאָ: — (איבערפלאַכלאַך) געגוג דיר, אַלאַף. דיין געבעט וועט דיר צו גאַרניט העלפען. איך האָב מיר געפונען אַ וועג ארויסצוגיין פון מיינע אייגענע שוועריקייטען. איצט זאָלען זיי זיך געפינען זייערען. און באַגרייף, אַז מיך האָט דאָס געקאָסט מיליאָנען אין אייגענטום, געהילץ און

מאַשינעריי, וואָס די אויסוואָורפען פון דער הויפּטשטאָט האָבען ביי מיר אוועקגערויבט. און איך נעם פון מיינע אַרבעטער גאָרניט. איך גיב זיי אַלץ, אַלץ, וואָס איך באַטראַכט פאַר רעכט און גערעכט. און אויב די פאַר־דאַמטע שקלאַפען בונטעווען זיך, זאָלען זיי באַצאָלען מיט זייער בלוט דערפאַר.

אַ ל אַ ף: — (נערוועז, עטוואָס אויפגערעגט) ניט דו, פאַטער, גיסט זיי. נאָר זיי גיבען דיר אַלץ וואָס זיי האָבען. זייערע מוסקולען און זייער אַר־בעט; דעם שוויים פון זייער פּנים. (ווידער מיט געבעט.) אָבער פאַטער, אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט און אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגען איז ניט ווערט דאָס בלוט פון מענשען. ווען עס זאָל אַפילו נעמען נאָך הונדערט יאָר אָדער מער אויס־צוגלייכען צווישען אייך וואָס עס איז רעכט און וואָס אומרעכט. (ווידער מיט געבעט.) פאַרגיס ניט קיין מענשלאַך בלוט. האָב עס ניט אויף דיינע הענט.

(עס הערט זיך דאָס לאַנגזאַמע דערנענטערען זיך פון אַן אַרמיי.)

אַ ל אַ ף: — (מיט זיין קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען) און דאָך האָט קריסטוס גע־לערענט פרידען אויף דער ערד און גוטסקייט צווישען מענשען. (ווען די טריט פון די אַרמייען ווערען דייטלאַכער, דערהערט זיך דער פינישער נאַציאָנאַ־לער הימן. אַלאַף הערט זיך איין אַ ווייל. די מוזיק הערט אויף. אַלאַף ווערט מיטאַמאָל אויפגערעגט) וואָס איז? וואָס איז דאָס?

י אַ נ ק אַ: — (שיינענדיג) אָ, אַלאַף, דאָס איז דער מאַרש פון אונזערע בראַווע ווייסע גוואַרדיעס, וואָס די פּאַטריאָטען פון אונזער פאָלק האָבען גע־שיקט אין אַפּענעם קאַמף צו צעשטערען די אויפגעבונטעוועטע מאַסען פון אונזערע רינשטאָקען. נאָכדעם ווי זיי האָבען געזען דעם ערפאָלג פון זייערע לייט אין דער הויפּטשטאָט און געוואָלט דאָ איינפירען די פירערשאַפט פון דער מאַסע. אָבער זיי קענען דאָס ניט טאָן, אַלאַף. יאָרהונדערטער זיי־נען מיר געווען די שטאָלצע פרייע מענשען אַרום די פינישע וואַסערען און מיר וועלען די פרייהייט ניט אונטערגעבען אויף זייער באַפעל. בעסער יועלען מיר זיי אויסראָטען.

אַ ל אַ ף: — (פּרוּוועט לויפען צום באַלקאָן) גאָט! נאָר ניט קיין מאַסען־בלוט־פאַרגיסונג! זאָל עס נאָר ניט זיין בלוט און בלוט — און נאָך מער בלוט.

(ער לויפט צום באַלקאָן, נאָר פאַטער, וועלכער קומט אַריין אין דעם מאָמענט, שטעלט אים אָפּ.)

פּ ע ט ע ר: — וואוהין לויפסטו, נאַר?

אַ ל אַ ף: — ריידען צו די מאַרשירענדע אַרמייען. לאָז מיך. איך קען מיך ניט אַנטקעגענשטעלען קעגען דעם באַפעל פון מיין נשמה. לאָז מיך, לאָז מיך ריידען צו זיי!

פ ע ט ע ר: — (ווי געוויינטלאַך, „בגילופין") דו ביזט משוגע, אַלאַף. ריידען צו די מאַרשירענדע אַרמייען...

אַ ל אַ ף: — יאָ. ווייל זיי זיינען געשיקט געוואָרען צו שחט'ען מענשען.

פ ע ט ע ר: — אומזיניגער מענש, אָבער דאָס איז דאָך זייער אַרבעט. ווען־יענע האָבען געזיגט אין דער הויפטשטאָט, האָבען זיי די אַרמייען דאָ אויסגע'שחט'ען. און ווען די וועלען דאָ זיגען, וועלען זיי די אַרמייען דאָרטען אויס'שחט'ען. דאָס איז די שפיל, אַלאַף.

אַ ל אַ ף: — (שטורמיג) די שפיל פון מענשלאַכער בלוט־פאַרגיסונג.

פ ע ט ע ר: — (לאַכט סאַרקאַסטיש) וואָס מיינט דען פאַר זיי בלוט!

אַ ל אַ ף: — (זייער אויפגערעגט) אָבער איך וועל זיי זאָגען, אַז זיי טאָרען דאָס ניט...

(די טריט פון דער אַרמיי הערען זיך אין דער ווייטענס.)

פ ע ט ע ר: — (לאַכענדיג) דו ביזט משוגע!

י אַ נ ק אַ: — זיי מוזען, אַלאַף. עס איז זייער פאַטריאָטישע פליכט. (ער גייט אַרויס.)

פ ע ט ע ר: — (אַנווייזענדיג וואו יאַנקאָ איז אַרויסגעגאַנגען) פאָטער און זון —

אַ ל אַ ף: — (גייט אַרויס אויפ'ן באַלקאָן; רעדט אויף די טעכסטע טענער) מענער! בראַווע מענער פון מיין פריי פאָלק! וואוהין מאַרשירט איר — מיט וואָס פאַר אַ שרעקלאַכע שליחות גייט איר? שחט'ען; אויסקוילען; גיין אין בלוט! שטעלט אייך אַנטקעגען דעם אויס'שחט'ען און דעם בלוט־פאַרגיסען פון אייערע אייגענע ברידער און מיטמענשען!

(שטימען הינטער דער בינע.)

אַ י י ז ש ט י ם: — אויפמערקזאַם!

(דאָס מאַרשירען הערט אויף.)

אַ י י ז ש ט י ם: — הערט... הערט... אַ גרויסער פאַטריאָט רעדט צו אונז!

אַ ל אַ ף: — ניין, מיינע בראַווע חברים. ניט קיין פאַטריאָט רעדט צו אייך, נאָר איינער מיט אומבאַגרעניצטער ליבע אין זיין נשמה צו אייך און צו דער גאַנצער מענשהייט. איינער וואָס גלייבט מיט אייך אין קריסטוס'עס פרידען אויף דער ערד און גוטסקייט צווישען מענשען. איינער וואָס האָט געפירט אין קאַמף צום נייעם אידעאַלען לעבען, נאָר איז מיט אַ דערשראַקענער נשמה פאַרציטערט געוואָרען פון דער שחיטה און דעם בלוט. וואָס האָט אין דער הויפטשטאָט געפירט צום זיג פון די אַרבעטער פון דער וועלט. איך בעט אייך איצטער, בראַווע מענשען פון מיין לאַנד, אָפּצושטעלען אייער מאַרש צו דער שחיטה פון אייערע אייגענע.

שטימען: — א משוגענער! א פאררעטער!
(אלאף רעדט ווייטער.)

שטימען: — א פאררעטער צו אונזער לאנד! פארווערטס!
(עס דערהערט זיך א שאס און אלאף וואקעלט זיך צוריק, דאס בלוט רינט איבער זיין פנים.)

אלאף: — בלוט, נאך מער בלוט! (פרואווט ארויסצוגיין.)

פעטער: — (לאזט אים ניט) וואוהין איצטער?

אלאף: — צום פאלק. (גייט ארויס.)

פעטער: — (שרייט אים נאך) משוגענער, דו געהערסט אין א משוגעים־הויז אריין!

(טומעל און גערודער הינטער די קוליסען: עס הערט זיך ווידער דער נאציאנאלער הימן, דער קלאנג פון מארשירענדע טרופען, א נערוועזער קלינג ביי דער טיר. פעטער עפענט די טיר. עס קומען אריין טאליא און לאנגלען, זיי טראגען מאסקען, וועלכע זיי נעמען אראפ פון זיך.)

פעטער: — (קוקט זיי אן מיט קאמישער איבעראשונג) די קאמעראדען!

(א גרויסער טומעל הינטער די קוליסען. טאליא און לאנגלען אין מיסטעריעזען שרעק קומען נענטער צו פעטער׳ן. א קורצע פויזע. אלאף קומט אריין, בלייך און צעשלאגען, ליידענדיג, ווייזט אויס, פון דער וואונד וואס ער האט באקומען.)

פעטער: — (לאכט) אלאף, דיינע קאמעראדען, די באפעלער פון דער וועלט...

טאליא: — (מיסטעריעז) אלאף, דער זיג פון די ארבעטער פון דער וועלט פארשפרייט זיך פון דער הויפטשטאט ביז דעם פינישען אויסגום.

לאנגלען: — (ארטאריש) קום, קאמעראד! פיר אונז ווייטער צום זיג אין דיין אייגען לאנד. ווי דו האסט אונז געפירט אין דער הויפט־שטאט.

אלאף: — (קומענדיג צו זיך מיט א גרויסער אנשטרענגונג מאמענטאן און אימפולסיוו) שקלאפען! לאנג גענוג זיינט איר געפירט געווארען צו זיג און צו שחיטה און צו מאסענמארד און בלוט פוןביידע זייטען. גייט איצ־טער צו די וואס פירען אייך און זאגט זיי אין מיין נאמען, אז זיי זאלען אפשטעלען די שחיטה. אפילו ווען עס זאל נאך נעמען יארהונדערטער צו דערגרייכען דאס נייע אידעאלע לעבען פון דעם מענשען. גייט, איר שקלאפען.
(ער פאלט אן כוחות אין זיין שטול.)

טאליא: — (סודות׳דיג) ס׳איז, אלזא, אמת, אז...

לאנגלען: — (אויך אזוי סודות׳דיג) אמת. ער איז געווארען א פארעטער צו דער גרויסער הייליגער זאך. (גייען שנעל ארויס.)

פ ע ט ע ר: — (א ביסעל אומזיכער, שכור'לאך) די לאסט פון זיין לע־בען איז ווי אז אפענע שווערט, שארף פוןביידע זייטען... איין משוגעים־הויז איז ניט גענוג פאר אים...

(פארהאנג.)

עפילאג

(אַ קליינער פרייער פּלאַץ אין אַ געדיכטען וואַלד צופוסענס פון אַ ניט־הויכען באַרג. ס'איז שפּעט נאָך האַלבען טאָג, די שטראַלען פון דער אונטערגייענדיגער זון שלאַגען דורך דעם וואַלד און פאַלען טיילווייז אויף אַלאַפ'ן. אויפ'ן באַרג פון דער ווייטענס זעט מען אַ קליינע כאַטקע געמאַכט פון בלעטער, צווייגען און געטריקענטער בלאָטע. פויגעל־געזאַנג הערט זיך, דער גאַנצער וואַלד אָטעמט מיט טירישען לעבען. אַלאַף. דער נזיר — גרוי, צעשויבערט און אין צעריסענע קליידער, איז צופוסענס ביים באַרג. אַרום אין דער געגענט זיינען פאַראַן פויגעל, וועווערקעס, העזלאַך און אַלאַף, ארומקריכענדיג, שניצט עפּעס און צווישטשעט זיי נאָך, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיי אין זייער אייגענער שפּראַך.)

אַלאַף: — (צוויטשטענדיג) פּט — פּט — פּט. (אין קינדישער שפּראַך) צווי... צווי... אַט איז אַ מאַלינע. (וואַרפט אַ מאַלינע צו אַ פויגעל) איינס פאַר דיר און איינס פאַר מיר. (וואַרפט זיך אַ מאַלינע אין מויל אַריין, קריכט אין מיטען, פייפט) נאַ, צווי... צווי... אַט איז אַ נוס, אַ זיס ניסעלע. (וואַרפט אַ נוס צו אַ וועווערקע) איינס פאַר דיר און איינס פאַר מיר. (קריכט לינקס, פייפט) נאַ, העזעלע... העזעלע... אַט איז אַ נוס פאַר דיר און אַ בלאַט פאַר דיר. (וואַרפט די נוס און דאָס בלאַט) אַ ביסעלע גראָז, פריש גראָז.

(פּעטער, אַ ביסעל שכור'לאַך, ווי געוויינלאַך, קומט אָן פון רעכטס אין הינטערגרונט, אין זיין ראָק און מיט זיין פּאַליטרע און פּינזלען אין דער האַנט. ער גייט דורך די קוסטען צו צום פרייען פּלאַץ. ער קומט צו צו אַלאַפ'ן און ווערט פּלוצלונג איבעראַשט. ער שטייט און באַטראַכט אַלאַפ'ס מאָדנע באַנעמען זיך מיט די פויגעל און מיט די חיות).

פּעטער: — אַלאַף! (אַלאַף גיט זיך אַ צי צוריק מיט אַ ציטער און כאַפּט זיך אימפּולסיוו פאַר די אויערען. פּעטער גייט פאַרביי אַלאַפ'ן און פאַר־שטעלט אים דעם זון־אונטערגאַנג. אַלאַף בלייבט אָן באַוועגונג.) דאָ, אַלאַף? ווי מאָדנע, ווי איבעראַשענד! איך האָב ארומגעקלעטערט אין וואַלד צו מאָלען דעם וואונדערלאַכען זון־אונטערגאַנג. האָב איך עפּעס באַמערקט אַ מאָדנע בלאָטיגע כאַטקע אויפ'ן באַרג, און בין אַהערגעגאַנגען, און געפין דאָ דיך, אַן איינזאַמען נזיר אין די וועלדער. אַלזאָ, אַלאַף, ווי גייט עס דיר אויף דער וועלט?

(אַ קורצע פּויזע. אַלאַף, וועלכער שטייט ווייטער אין דער זעלביגער פּאָזיציע, ווערט, ווייזט אויס, אויפגערעגט.)

פ ע ט ע ר: — פאַרוואָס רעדסטו ניט? האָסטו פאַרלוירען די מענש־לאַכע מתנה, וואָס מאַכט די מענשען אַפּט פאַר ליגנערס? (קורצע פּויזע.) העי, אַלאַף, דיין שפּיל איז גאַנץ ניי! אַ נזיר אין די וועלדער מיט די וואונ־דער פון דער נאַטור ביי דיינע פיס. אָבער וואָס איז נאַטור? טויטע מאַ־טעריע, וואָס פוילט און פאַרפּעסט די לופט, וואָס מיר אָטעמען, ביז איך, מיט דעם שאַפענדיגען גייסט פון אַ גאָט, גיב עס אַ געשטאַלט אין פאַרבען און קאָלירען... מאַך עס שיין אָדער מיאוס, לעבעדיג און אָטעמענדיג מיט מיין נשמה. אַזוי איז דאָס לעבען, אַלאַף... דאָס געוויינטלאַכע לעבען פון'ם מענשען. און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע ווי דו, וועלכע זיינען ווי געטער וואָס קענען באַשאַפען און אריינאָטעמען דערין און אַזוי געשטאַלטען עס לויט זייערע אייגענע פאַרלאַנגען. (פּויזע.) פאַרוואָס רעדסטו ניט, דו פאַר־דאַמטער נאַר? האָסטו פאַרלוירען די מתנה, וואָס איז אָפטמאָל שטאַרקער פון'ם ליגען און לערענט דעם מענשען דעם אמת? דו נאַר, דו לעבסט אויף יאַגדעס און נים און שפּייזט דיינע פייגעל און קראַליקעס מיט יאַגדעס און נים. אָבער זע! אָט האָט אַ פויגעל אויפגעפּיקט אַ וואָרעם און האָט פאַרגאָסען זיין בלוט! (אַ לאַנגע פּויזע.) פאַרוואָס רעדסטו ניט? האָסטו מיר גאַרניט צו זאָגען?

אַ ל אַ ף: — (נערוועז, צערודערט) גיי אַוועק. דו פאַרשטעלסט דעם שיינעם זון־אונטערגאַנג! גיי אַוועק פון דאַנען!

(גיט זיך ווידער אַ צי צוריק. פּעטער גייט צוריק מיט אויסגע־שטאַרטע אויגען אויף אַלאַפ'ן.)

(פאָרהאַנג.)

די אידישע ביהנע

אברהם גאָלדפאַדען *)

אַז איך גריבעל זיך אַ ביסעל אין מיין זכרון, הויבען זיך אויף פאַר מיינע אויגען בילדער פון מיין קינדהייט, וועלכע, מיר דאַכט, איך קען קיינמאָל ניט פאַרגעסען. און צווישען די בילדער פון יענער גאָלדענער קינדער צייט שוועבט אַרויס דאָס אָרימע בילד פון דעם ערשטען אידישען טעאַטער.

ביי אַלע פעלקער, אין אַנהויב פון זייער גייסטיגען לעבען, זיינען געווען פאָלקס־זינגער, משוררים, וועלכע פלעגען אין זיסע, קלינגענדע לידער דערציילען דעם פאָלק זיין רייכע געשיכטע, לויבען די גרויסקייט פון זיינע געטער, אויפוואַרימען זיינע מענשלאַכע געפילען און לערנען אים גוטע מדות. ביי אונז, מיט אַ יאָר דרייסיג צוריק, אין אַנהויב פון דעם אייראָפּייאישען גייסטיגען לעבען ביים אידישען פאָלק אין רוסלאַנד, האָבען זיך אויך באַוויזען אַזעלכע זינגער, און איינער פון די ערשטע פאָלקס־משוררים איז געווען ישראל גראָדנער — דער ערשטער אידישער אַקטיאָר.

ער פלעגט אין אַ שבת־צו־נאַכטס, אויף דער פולער וואָך, זינגען לידער ביי אונז אין שטאָט; ווי אומגעדולדיג מיר פלעגען וואַרטען אויף דעם דאָזיגען יום טוב! און אַז ער פלעגט אַרויסקומען אַלע מאָל אַנדערש אָנגעטאָן און גרימירט און פלעגט זינגען, פלעגט זיך אונז אויסווייזען, אַמאָל אַז ער דערציילט אונז אַ קאַפּיטעל פון זיין אייגענעם לעבען און אין די טענער פון די ווערטער:

„פריוור־זשע זאָג איר ניין, —
שרייט זי אויף די ציין“,

האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער ליידט און קרעכצט נעבאַך אונטער דעם יאָך פון אַ ווייב אַ מרשעת וואָס דערגייט אים די יאָרען; און אַמאָל, אַז ער פלעגט אויסשטעלען אויף אונז זיינע גרויסע, שוואַרצע בלישצענדע אויגען, פלעגען

---

*) די פאָרליגענדע אָפּשאַצונג איז אַ צוזאַמענהעפטונג פון צוויי באַזונדערע אַרטיקלען, פון וועלכע דער ערשטער איז, אונטער דעם נאָמען „דער אָנפאַנג פון דער אידישער דראַמע אין רוסלאַנד“, ערשינען אין 1901, אין „יעקב גאָרדינ׳ס יובילייאום סאָווועניר“, און דער צווייטער, אונטער דעם נאָמען „ביים קבר פון אברהם גאָלדפאַדען“, איז געווען געדרוקט אַלס קורצער נעקראָלאָג אין דעם פעברואַר־נומער פון דער „צוקונפט“, 1908.ביידע אַרטיקלען ווערען דאָ שטאַרק געקירצט: פון דעם ערשטען לאָז איך אַרויס אַ לענגערע אָפּווייכונג וועגען דער אַלט־גריכישער און נייער דראַמע, וועלכע האָט ניט קיין אָרגאַנישע פאַרבינדונג מיט דער טעמע; פון צווייטען לאָז איך אַרויס דעם שלום, וואָס איז אַן איבערחזר׳ונג פון אַ טייל פון דעם וואָס ווערט געזאָגט אין ערשטען אַרטיקעל. — י. ע.

מיר פילען, אז ער טאַפּט אויס די טיפע סודות פון אונזער קינדערשער נשמה און גלעט אונז מיט זיין ווייכער, זיסער שטימע פאַר אונזערע מעלות, אָדער ער בייזערט זיך אויף אונז פאַר אונזערע חסרונות. אַמאָל פלעגען מיר לאַכען פון אים ביז טרערען און אַמאָל פלעגען מיר וויינען, וויינען אַן אמת קינדעריש געוויין, און גאָר אַמאָל פלעגען מיר זיין ברוגז אויף אים פאַר וואָס ער פלעגט מאַכען, אז טאַטע־מאַמע זאָלען זיך עפּעס אַזוי מאָדנע איבערקוקען און שטאַרק רויט ווערען... מיר האָבען ניט פאַרשטאַנען! ...

אָט דאָס איז געווען דער טאַלאַנטפולער אידישער משורר, וועלכען דער אידישער פאָלקס־פּאָעט אברהם גאָלדפאַדען האָט געטראָפען אין יאַסי, אין 1876, און דורך וועלכען, ווי ער דערציילט אַליין, ער איז געפאַלען אויפ'ן געדאַנק צו מאַכען אַן אמת אידיש טעאַטער, וואו מען זאָל קענען לערנען און בילדען דאָס אידישע פאָלק, די גרויסע אידישע מאַסע און פאַרשאַפען איר מער־אָדער־ווייניגער גוטען פאַרגעניגען. זעהט איר, מעגט איר אייך זיין ווער איר ווילט, מעג אייך דאָס אידישע פאָלק נוגע זיין ווי דער פאַר־אַ־יאָריגער שניי, מעגט איר שוין זיין דערוואַקסען צו דער מדרגה, ווען די אָרימע זשאַרגאָנישע שפּראַך קלינגט פּשוט ווי אַ מין אַנדרוגינוס אין אייערע אויערען, מעגט איר זיך האָבען איינגערעדט, אַז דאָס אידישע פאָלק און די אידיש־זשאַרגאָנישע שפּראַך קענען ניט באַשאַפען אַזאַ דראַמאַטישע דיכטונג, ווי די צו וועלכער איר האָט צוגעוואוינט אייער איידעלען געשמאַק, מעגט איר אייך גאָר דענקען, אַז די דראַמאַטישע קונסט איז די מתנה פון די געטער נאָר פאַר די אומות העולם. גוט, מעגט איר אייך אַזוי דענקען און פאַרשטיין, איר וועט אָבער, כ'לעבען, ניט וואַגען אָפּצולייקענען, אַז פאַר דעם גרויסען עולם, פאַר דעם פּראָסטען אידישען פאָלק, וואָס פאַרשטייט נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט קיין אַנדער שפּראַך ווי זשאַרגאָן, איז דאָס אידישע טעאַטער מיט 25 יאָר צוריק געווען, ווי עס וואָלט נאָך געקענט היינט זיין, איינס פון די שטאַרקסטע מיטלען פון אמת'ער בילדונג. דערפאַר טאַקע איז געווען כדאי, אַז דער אידישער דיכטער אברהם גאָלדפאַדען זאָל אַנווענדען אַלע זיינע בעסטע קראַפטען צו בויען דאָס אידישע טעאַטער. צי ער האָט געהאַט גרויסע צי קליינע דראַמאַטישע פייאיקייטען, צי האָט ער די מענשלאַכע נשמה טיף באַטראַכט, צי נאָר אַזוי פון אויבען־אויף, דאָס וועלען מיר נאָך האָבען צייט שפּעטער צו באַקלערען. דערווייל אָבער האָט ער, בויענדיג דעם בנין פון אידישען טעאַטער, באַשאַפען זיך אַן אייביגען אָנדענקען אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק.

אָט לאָמיר נאָר זען וואָס ער האָט געטאָן:

אַז גאָלדפאַדען האָט אָנגעהויבען בויען דאָס אידישע טעאַטער, איז די בינע ביי די אומות העולם שוין געווען כמעט אויף דעם זעלביגען שטאַנד, אויף וועלכען זי איז ביי זיי היינט.

די רעאַליסטישע דראַמע האָט שוין דאַמאָלס געבליט אין אייראָפּע. און עס ווייזט אויס, אַז ביז אַ געוויסער צייט אין גאָלדפאַדענ׳ס טעאַטער־דיכ־טונג איז ער געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דעם שטרעבען צו מאָלען, ווען ניט גאַנצע רעעלע בילדער, איז וויניגסטענס איינצעלנע, כאָטש קליינינקע, אָבער דאָך רעעלע לעבענס־פאַקטען. אַזוי, למשל, איז זיין „כישופמאַכערין“, וואָס איז געבויט אויף דער האַנדלונג פון אַ שלעכטער פאַלשער פרוי, וועלכע מאַכט יד אחת מיט אַן אַלטער מכשפה, און מאַכט נעבאַך אַ תל פון אַ גליק־ליכער פאַמיליע אום צו פאַרזאָרגען איר אייגענע טאָכטער, וואָס איז איר געבליבען פון ערשטען מאַן. אַזוי אויך, אין די „צוויי קוני לעמעלס“, מאַכט אַ יונגער סטודענט אַלערליי קונצען, שטיפט ווי אַ וויסער־חברה׳ניק, בכדי צו דערשרעקען אַ אידען אַ יחסן, וואָס וויל פאַרשלייערען זיין וואויל טעכ־טעריל צו אַ יחוס׳דיגען הינקענדיגען שלים מזל, און ער, דער סטודענט, האָט טאַקע פאַר איר חתונה, ווייל דער אַלטער נאַר גיט זיך אונטער. אַזוי אויך, אין „קאַבצענזאָן עט הונגערמאַן“, ווערט נעבאַך אַ געפּעסטעטע מיידעל פאַראומגליקט דערפאַר, ווייל ווי פיל הייטנוועלטיגע מיידלאַך האָט זי גע־נאַשט אַ לעק פון אַ שלעכטען ראָמאַן און מיינט, אַז וואָס אין אים שטייט איז תורת משה, — אַז מען דאַרף חתונה האָבען און לעבען ווי דער ראָמאַן הייסט. זאָגט זי אָפּ די בעסטע שידוכים און האָט חתונה פאַר אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט פאַרשטאַנען זי אָפּצונאַרען און אויסצונאַרען איר פאַרמעגען און זי ליידט און באַצאָלט טייער פאַר אירע נאַרישקייטען. אַזוי אויך אין אַנדערע פון זיינע פּיעסען ווי „די באָבע מיט דעם איניקעל“, „שמענדריק“, „דער פאָדריאַטשיק“, וועלכע זיינען אַלע קלייניטשקע, פּיצעניאַנטינקע לעבענס־פאַקטען, וועלכע גאָלדפאַדען האָט מיט אויבערפלאַכלאַכע שטריכען אויסגע־מאָלט אין דער פאָרמע פון טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

באמת גערעדט וואָלט געווען אַ פאַרברעכען צו מעסטען דעם דראַמאַטי־שען ווערט פון גאָלדפאַדענ׳ס פּיעסען מיט דער מאָס פון דער הייניגער רעאַליסטישער קריטיק. די היינטיגע קריטיק פאָדערט, אַז אַ דראַמאַטישער דיכטער זאָל, ערשטענס, קענען מאָלען ריכטיגע טיפּען, — דאָס הייסט, פאָר־שטייער פון אַ געוויסען סאָרט מענשען — געוויינטלאַכע, אַלטעגלאַכע מענ־שען, זאָלען זיין נאַטור טריי, אי קערפּערלאַך, אי גייסטיג, פון אָנהויב פון דער האַנדלונג ביז צום סוף, און ניט ווי עס פּאַסירט אָפּט, אַז אין אָנהויב פון דער פּיעסע איז דער געמאָלטער טיפּ אַ העלד, אין מיטען אַ קאָקעטירענדע דאַמע און צום סוף פשוט אַ פושע ישראל.

צווייטענס, מוז דער דראַמאַטישער דיכטער קענען פאָרשטעלען זיינע טי־פּען און מענשען אין פּאַסענדער טעטיקייט, דאָס הייסט, דאָס וואָס זיי טוען, די גאַנצע פאַרהאַנדלונג פון דעם שטיק, מוז זיך קלעפּען צו זייער פּערזענ־

לאַכקייט, און ניט אַז עס זאָל זיי פּאַסען משונה ווילד, ווי למשל, אַ שלעכטען אידישען אַקטיאָר די ראָלע פון אַ רוימישען צעזאַר, אָדער אַ ניו יאָרקער „סאַלון קיפּער" דער פּאַרזיץ אין אַמעריקאַנער סענאַט.

דריטענס, מוז דאָס גאַנצע שטיק האָבען אַן אומשטאַנדליכען צוזאַמענהאַנג, ד. ה. עס מוז זיין אַ בנין וואָס פאָלגט לאָגישערווייז פון די אומשטאַנדען פון לעבען. די דראַמע מוז זיין אַ גאַנצע זאַך וואָס מען קען ניט צעברעכען און צעברעקלען אַן דעם, אַז מען זאָל שאַדען דער רעעלער האַנדלונג. ניט ווי, למשל, אין אַ סך אידישע פּיעסען, פון וועלכע מען וואָלט געקענט ארויסווארפען דעם גאַנצען מיטען און דער אַנהויב מיט'ן סוף וואָלטען יאַקבי געבליבען אַ פּיעסע, אָדער מען וואָלט געקענט פאַרבייטען דעם סוף פון אַ קבורה אויף אַ חתונה און עס וואָלט אַלץ געווען אַ פּיעסע. פאַרשטייט זיך, טאַקע אַזאַ פּיעסע וואָלט דאָס געווען, מישטיינס געזאָגט! די רעאַליסטישע דראַמען־קריטיק פאָדערט ריכטיגע טיפּען און מענשען, אַ קערפּערלאַך, אַ גייסטיג, אַ פּאַסענדע האַנדלונג, וועלכע פאָלגט פון דעם פּסיכישען וועזען פון אַלע וואָס באַטייליגען זיך אין דער דראַמע, רעעלע אומשטאַנדען, גאַנצקייט און ריכטיקייט פון לעבענס־בילד אָדער לעבענס־אומשטאַנדען וועלכע די דראַמע וויל פאָרשטעלען. דאָס אַלעס מוז אויסגעדריקט ווערען אין אַ שענער, גלאַטער, פאַרשטענדלאַכער שפּראַך.

נאַטירלאַך, אויב דער דיכטער באַזיצט גאָר גרויסע קונסט, קען אים די מאָדערנע דראַמע שטעלען גאָר גרויסע אויפגאַבען. זי קען פון אים פאָדערען ער זאָל נאָך פון די רעעלע טיפּען און אומשטאַנדען שאַפען נייע אידעאַלען אין דעם מענשלאַכען לעבען, דאָס הייסט ער זאָל לאָזען געוועלטיגען אין דער טעטיקייט פון זיינע מענשען ניט נאָר די מענשלאַכע געפילען און אומשטאַנדען, נאָר אויך דעם מענשלאַכען פאַרשטאַנד, וועלכער זאָל אַנטדעקען די באַהאַלטענע און באַשאַפען נייע אומשטאַנדען אין לעבען, און זיי ווידער זאָלען באַשאַפען נייע מענשען. אָבער דאַן ווערט דער קינסטלער ניט נאָר דער דיכטער, וואָס פינזעלט אומבאַוואוסטערהייט די טיפסטע פאַלדען פון דער מענשלאַכער זעלע, די רעעלסטע אומשטאַנדען פון לעבען און פון דער געזעלשאַפט אַקוראַט ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם שוואַרצאַפּעל פון זיין אויג — ער ווערט דאַמאָלס ניט נאָר דער קינסטלער, דער מאָלער, נאָר ער דערטאַפּט אויך, אין דעם „מוז" פון דעם מענשלאַכען לעבען, וועלטען וועלכע דאַרפען ערשט קומען, וועלטען וועלכע מוזען קומען — דאַמאָלס ווערט ער דער דיכטער דער פּראָפעט.

אַזעלכע דיכטער־זשעניען דאַרף מען אין אונזער אידישער וועלט ניט זוכען. אַפילו די אומות העולם, להבדיל, האָבען אַזעלכע זשעניען גאָר ווייניג.

אַ פּשיטא שוין מיר אידען, ביי וועמען די גאַנצע דראַמען־דיכטונג איז ערשט פינף־און־צוואַנציג יאָר אַלט.

צולעגען די דאָזיגע מאָס פון דראַמאַטישער קריטיק צו גאָלדפאַדען׳ס אַרבעט וואָלט פּשוט געווען אַ מיאוסע זינד. גאָלדפאַדען האָט זיך געדאַרפט רעכענען ניט נאָר מיט דער אַנטוויקעלטער אייראָפּייאישער דראַמע, נאָר אויך מיט דעם שטאַרק אומאַנטוויקעלטען צושטאַנד פון זיין פאָלק. קעגען אַזאַ צושטאַנד פון אַ פאָלק קען די קונסט נאָר קעמפען. דער קינסטלער קען נאָר זוכען צו בילדען און באַלערען דאָס פאָלק. און דאָס האָט גאָלדפאַדען אויך געטאָן.

גאָלדפאַדען האָט אין זיינע ערשטע פּיעסען באַקעמפט דעם חסידיזם און דעם אידישען יחוס מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין זעלע. ער האָט געזוכט אויפצואוועקען ביים אידישען פאָלק דעם גייסט פון בילדונג און האָט געהאָפט, אַז דורך בילדונג וועט דער נאַרישער פאַנאַטיזם, דער ווילדער אַבערגלויבען, דער אוממענשלאַכער האָס צווישען די פאַרשיידענע כתות און קלייזלאַך פאַרשווינדען. גאָלדפאַדען, ווי די גאַנצע אידיש־רוסישע אינטעליגענץ פון יענער צייט, האָט געזוכט צו פרעדיגען צו זיין פאָלק, לערנען דאָס פאָלק גוטע מדות; ער האָט געגלויבט דאָס גוטע, פאַרשאָלטען דאָס שלעכטע און איינגעוואָרצעלט אין זיין פאָלק אַ שטרעבען צו אויפקלערונג, צו אָרענטלאַכקייט, און אין זיינע שפּעטערדיגע ווערק ווי „שולמית“, „בר כוכבא“, און אַנדערע — אַ באַוואוסטזיין פון נאַציאָנאַלער גאַנצקייט. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן דורך דעם אידישען טעאַטער.

פון דראַמאַטישען שטאַנדפּונקט אָבער מוז מען צוגעבען, אַז אין זיינע שריפטען געפינט מען נאָר ווייניג ריכטיג געמאָלענע טיפּען; אַפילו די מענשען וועלכע ער שיינט צו קענען גאָר גוט, האַלטען אויך ניט אויס די גאַנצקייט פון זייער פּסיכאָלאָגישען לעבען. זיינען זיי אַמאָל שטאַרקע מענשען, העלדען און אַמאָל ווערען זיי מעקעלאַך. זיי בייטען זייער פּנים, זייער אינערלאַכע פּסיכאָלאָגישע געשטאַלט, ווי די בילדער בייטען זיך אין אַ פּאַנאָראַמע. מערסטענטיילס ווערען אַלע גוט און פרום ווי גאָלדפאַדען אַליין ווינשט דאָס. מען זעט באַשיינפּערלאַך, אַז דער אידעאַל נעמט ביי גאָלדפאַדען׳ען די אויבערהאַנט איבער דער ריכטיקייט פון די מענשען וועלכע ער שטעלט פאָר. „זאָל די קונסט“, טראַכט זיך גאָלדפאַדען, „איינעמען אַ מיתה משונה, אַבי די ליבע, די בילדונג, די גוטע, פיינע מענשען זאָלען טריאומפירען אין דער פאָרשטעלונג.“ און די קונסט נעמט טאַקע איין אַ מיתה משונה! האַנדלונג איז אין גאָלדפאַדען׳ס פּיעסען אָפטמער פאַראַן מער ווי נויטיג. עס טוט זיך כסדר. און דאָס איז פּשוט דערפאַר, ווייל די האַנדלונגען קומען ניט אַרויס פון דער נשמה פון דעם טוער, נאָר פון דער מעשה וואָס גאָלדפאַדען וויל דער־

ציילען אין דער פאַרשטעלונג. אזוי, למשל, נאַרט אַפּ דער סטודענט אין „די צוויי קוני לעמעלס" ניט נאָר דער חסיד, דעם פאָטער פון דעם מיידעל, פאַר וועלכען ער וויל חתונה האָבען, וואָס דאָס איז די הויפּט־זאַך, ניט נאָר דעם אמת'ן קוני־לעמעל, וואָס מען קען נאָך פאַרטראָגען, — ער נאַרט אויך אָפּ דאָס אָרימע מיידעל נעבאַך, די טאָכטער פון דעם שדכן. פאַר וואָס? עס, אזוי, עס זאָל זיך וואָס מער טאָן אין דער פאַרשטעלונג! ביי גאָלדפאַדענ'ען איז געוויינטלאַך דאָ צופיל האַנדלונג אויך דערפאַר, ווייל די מענשען זיינען ניט ריכטיג געמאָלען. יעדער טיפּ איז ניט אַ יחיד, נאָר פון שטיקלאַך מענש אַ געמאַכטער רבים, און יעדע שטיקעל טוט עטוואָס וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם גאַנצען. די אומשטאַנדען פון דער האַנדלונג מאַלט גאָלדפאַדען מער אָדער וויינינגער רעאַל, באַהאַנדלענדיג מער־וויינינגער רעאַלע פאַקטען. אָבער די גאַנצקייט פון דער פאַרהאַנדלונג איז אָפטמאָל בלויז צו־זאַמענגעשטוקעוועט מיט אַ לידעל. דערפאַר אין דעם לידעל טאַקע איז גאָלד־פאַדען דער גרויסער אידישער פאָלקס־פּאָעט.

גאָלדפאַדענ'ס טאַלאַנט אַלס דראַמאַטישער שרייבער איז אָן ספק ניט קיין גרויסער. די טעמעס, וועלכע ער באַהאַנדעלט זיינען געוויינטלאַך קליי־נינקע. די האַנדלונגען פאָלגען אָפטמאָל ניט פון דער אינערלאַכקייט פון די מענשען און ניט פון דער צוזאַמענשטימונג פון די אומשטאַנדען. די טיפּען זיינען קוים אין אויבערפלאַכלאַכע שטריכען געשילדערט, און זיינען נאָר מיט זעלטענע אויסנאַמען אויסגעהאַלטען ביז אין סוף פון דער האַנדלונג. און כאָטש די האַנדלונגען, וויינינגסטענס אין זיינע ערשטע פּיעסען, זיינען מער אָדער וויינינגער רעאַל. איז אָבער די צוזאַמענשטעלונג און די גאַנצקייט פון דער פּיעסע אַ קונציגע, ניט קיין נאַטירלאַכע.

גאָלדפאַדען קומט ערשט צו זיין אמת'ער גרויסקייט, ווען ער הערט אויף צו זיין דער דראַמאַטישער דיכטער און ווערט דער דיכטער פון זיין פאָלק. ווען ער וויינט איבער די ליידען פון אַן אומגליקלאַך קינד און רופט זיין פאָלק צו רחמנות אין „אוי, איר אידען, בני רחמנים"; ווען ער וועקט זיין פאָלק צו בילדונג און ליכט אין „שטיי אויף מיין פאָלק, עס איז שוין טאָג"; ווען ער באַקלאָגט דעם אייביגען וואַנדערער אין דעם וויי־געשריי „אַ איד ביזט דו, גיי, וויטער גיי!"; אָדער ווען ער באַזינגט די גרויסקייט פון זיין פאָלק אין דעם טראַדיציאָנעלען „ראָזינקעס מיט מאַנדלען" — דאַן איז ער אין זיין אמת'ער גרויסקייט, דאַן בעט ער זיך אויס אַ וואָרימע נעסט אין דעם בוזעם פון זיין פאָלק אויף לאַנגע קומענדע דורות.

די פּאָעטישע דיכטונג האָט סוף כל סוף געגומען די אויבערהאַנט אין גאָלדפאַדענ'ס טעטיקייט און ער האָט אָנגעהויבען דיכטען זיינע היסטאָרישע אָפּערעס ווי „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ", „שולמית", „בר־כוכבא", „עקדת יצחק"

און אַנדערע. צום גרויסען באַדויערען איז דאָס אויך געווען דער אָנהויב פון דער גרויסער מאַסע היסטאָרישע אָפּערעטעס און דראַמעס, וועלכע האָבען זיך אַנטוויקעלט אין אידישען טעאַטער און וועלכע זיינען איינפאַך ווערטלאָזע, אומזיניגע שרייבאַכץ פון אומגעבילדעטע און טאַלאַנטלאָזע מענשען. אַפילו גאָלדפאַדענ'ס היסטאָרישע אָפּערעס, כאָטש אין זיי האָט ער אָפטמאָל דער־גרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון פּאָעטישען סטיל אין דער זשאַרגאָני־שער שפּראַך, האָבען פון דעסטוועגען קיין ערנסטען דראַמאַטישען ווערט ניט, איינפאַך דערפאַר, ווייל גאָלדפאַדען האָט מיט דער געשיכטע געהאַנ־דעלט פּונקט ווי מיט די רעאַלע ערשיינונגען פון אונזער לעבען: ער האָט זי נאָר אויבערפלאַכלאַך באַרירט און האָט מער מאָל צונויפגעמישט היינט־וועל־טיגע אומשטאַנדען און מענשען מיט דער פאַרצייטיגער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק.

די שענסטע פון זיינע היסטאָרישע אָפּערעס איז געווים „שולמית". דער הויפּט־געדאַנק איז אייגענטלאַך דאָס, וואָס דער העלד האָט אַ שלעכטען זכרון און פאַרגעסט, אַז ער האָט געשוואוירען ליבע צו אַ מיידעל, וועלכע ער האָט אליין אַרויסגעראַטעוועט פון אַ ברונען. ער דערמאָנט זיך אָן דער ליבע ערשט נאָכדעם ווי די עדות, אַ קאַץ מיט אַ ברונען, וואָס זיינען געווען דער־ביי, ווען ער האָט געשוואוירען, זיינען זיך נוקם אין אים און עס שטאַרבען ביי אים זיינע צוויי קינדער אין איין טאָג. די מעשה אליין איז גאָר ניט קיין אינטערעסאַנטע; וואָס עס ווירקט אויף אייך אין דער פּיעסע איז ניט דאָס לעבען, ניט די טאַטען פון די מענשען, אַפילו ניט די מענשען אליין, נאָר דער פּאָעטישער אַנסאַמבעל פון דעם גאַנצען בנין — די שיינע, קלינגענדע ווערטער, דער אויבערפלאַכלאַכער גלאַנץ פון דער געביידע. עס איז דאַכט זיך פון קרישטאָל דאָס גאַנצע שטיבעלע — אָבער פּאַסט אויף! עס איז גאָר אַזאַ מין דין, זייער דין גלאָז דורך וועלכען עס שפּילט זיך דורך אין אַלערליי רעגענבויגען־קאָלירען די שיין פון גאָלדפאַדענ'ס פּאָעטישען ליכט, — אָבער אָנרירען טאָן מען דאָס אַפילו ניט מיט אַ פינגער: מען קען עס מיט אַ ריר צעברעכען. אמת, מען דאַרף זיין אַ קינסטלער אויפצובויען אַזאַ שיין שטי־בעלע פון אַזאַ דין גלאָז, און דאָס טאַקע האָט גאָלדפאַדענ'ס פּאָעטישער גייסט געקענט.

„בר כוכבא" איז אַ באַדייטענט בעסערע פּיעסע און איז אויך מער היס־טאָריש באַגרינדעט, דערפאַר איז „עקדת יצחק" — באַגרינדעט אויף דער מעשה'לע פון חומש, — איינפאַך אַ מישמאַש פון זייער פּאָעטישע שטעלען מיט זייער בלישצענדע און פאַנטאַסטישע דעקאָראַציעס. אין דער פּיעסע ווייזט גאָלדפאַדען, אַז אים איז לחלוטין פרעמד די גאַנצע קריטישע ליטע־ראַטור איבער דער ביבעל, וועלכע האָט זיך דורך אַזוי פיל מי אַנטוויקעלט

פאַר די לעצטע פופציג יאָר אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד. ער איז ניט טריי צו דעם טעקסט פון דעם ביבלישען מיף און אויך ניט צו דעם טעקסט פון דער אַראַבישער איבערדערציילונג וועגען דעם מיף און מאַכט דעם אַרימען ישמעל פאַר אַ משונה ווילדען פאַיאַץ — אַ קאָמיקער בלשון טעאַטער. די אַראַבער וואָלטען גאָלדפאַדענ'ען געקוילעט, ווען זיי זאָלען ווי־סען וואָס ער האָט געטאָן מיט זייער מיטאָלאָגישען שטאַם־פאָטער. ווי עס ווייזט אויס האָט גאָלדפאַדען גערייינקט, אַז אין אברהמ'ס צייטען האָט מען זיך געטיילט מיט אַ ירושה אַזוי ווי מען רייסט זיך און מען צופּט זיך איבער אַ ירושה אין פאָדאָנקישאַק, האָט ער אויסגעמאָלט אַ בילד פון טיילען זיך מיט אברהמ'ס ירושה, אַז דעם אַלט סעמיטישען קולטור־פאָרשער קען ווערען פינסטער און וויסט אין די אויגען. איבערהויפּט איז אים אַזוי פרעמד יענע טונקעלע עפּאָכע, אַז ער וואָלט געמעגט פאַרשווייגען וועגען איר.

און פונדעסטוועגען זיינען אין „עקדת יצחק" פאַראַן ביישפּילען פון דער שענסטער זשאַרגאָנישער פּאָעזיע. אָט ווי אברהם אַנטוויקעלט זיין הויפּט־וואונש נאָך אַ קינד:

„אַ קינד וואָס זאָל זוכה זיין פון אונז ביידע צו שטאַמען,
„ניט פאַרפלעקען, נאָר ערע מאַכען מיין פאַרדינטען נאָמען,
„אַ קינד פון חכמה און גייסט, וואָס זאָל זיין אויך אימשטאַנד
„צו ירש'ענען מיין פאַרמעגען, דערווערבען דורך גייסט און פאַרשטאַנד
„דאָס וואָס איך האָב געפאָרשט און דערגרינדעט אויף קלאָר,
„אַז עס איז דאָ אַ גרויסער מייסטער איבער דער נאַטור,
„אַז אַלעס וואָס איז געווען, וואָס ס'איז דאָ און וועט ווערען,
„וואַסער, לופט און ערד, זאָנע, מאָנד און שטערען,
„זיינען ערשט שלוחים פון אַ שעפער אַ לעבעדיגען,
„וואָס ער האָט קיין אָנפאַנג און וועט זיך אויך ניט ענדיגען —
„אויף אַזאַ יורש האָב איך געבעטען, וואָס ער זאָל פלאַנצען ווייטער
„פון דור צו דור די תורות פון זיין פאָטער...
„אָ, קען ער דען הייסען בוים, ווען ער לאָזט אַרויס קיין צווייגען ?
„קען ער הייסען קוואַל, ווען זיינע וואַסערען שטייען און שווייגען ?
„קען איך דען הייסען מענש, דעם שעפער'ס ווערק דאָס שענסטע
„דיין אייגען ווערק צעברעכען, מייסטער קענסטו ?"

יאָ, אַברהם גאָלדפאַדען האָט ניט נאָר באַשאַפען דאָס אידישע טעאַטער, וואָס קען מיט דער צייט ווערען דאָס שטאַרקסטע און בעסטע מיטעל פאַר אמת'ער בילדונג און אמת'ער קונסט, נאָר ער איז נאָך אַלץ פאַרבליבען דער גרויסער אידישער זינגער, דער דייגקענדער פאָעט, וואָס האָט געקענט פאַר־שיידענע געדאַנקען אַריינגיסען אין דער שענסטער פאָעטישער פאָרמע, וועל־כע די זשאַרגאָנישע שפּראַך באַזיצט. די בעסטע אידישע דראַמאַטישע דיכ־טער האָבען אים שוין איצט איבערגעיאָגט אין דער דראַמאַטישער קונסט; די יונגע דורות אידישע זשאַרגאָנישע פאָעטען וועלען אים מעגלאַך נאָך אַרי־

בעריאָגען אין דער פּאָעזי. אָבער אברהם גאָלדפאַדען וועט אויף אימער פאַרבלייבען אין דער געשיכטע פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור דער באַשאַפער פון דעם אידישען טעאַטער און אידישער דראַמע, און נאָך מער, דער גרויסער אידישער פאָלקס־פּאָעט, וואָס האָט מיט דער וואַרימקייט פון זיין מוזע און מיט דעם ליכט פון זיין טאַלאַנט געוואַרימט דאָס האַרץ פון זיין ליידענדען פאָלק און אים באַלויכטען דעם וועג צו זיין באַשטענדיגען פאָרטשריט.

* * *

*) צו די קברים פון די אַ ל ט ע קעמפער פאַר דער אידיש־זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און אידישער טעאַטער־קונסט איז צוגעקומען דער פרישער קבר פון דעם אידישען פאָלקס־דיכטער און גרינדער פון דעם אידישען טעאַטער אין רוסלאַנד — אברהם גאָלדפאַדען. אין דעם עלטער פון 67 יאָר איז ער דאָנערשטאָג, דעם 9טען יאַנואַר, געשטאָרבען, אַרומגערינגעלט פון נאָענטע פריינד און פאַרערער. דאָס אידישע פאָלק האָט אין אים פאַרלוירען איינעם פון זיינע עלטסטע און אפשר אויך פאָפּולערסטע פאָלקס־דיכטער.

ווי עס פּאַסירט מיט אידישע דיכטער און קינסטלער, האָבען די גרויסע מאַסען פון פאָלק זיך פיל מער באַטייליגט אין דער לויה פון דעם דיכטער — אין דעם צוטיילען אים דאָס „לעצטע רעכט" — מיט אַ פּאַראַד און גלאָריע פון אַ גאַסען־פּראָצעסיע, ווי זיי האָבען זיך אינטערעסירט מיט די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען, ווען ער איז שוין געווען אַלט און שוואַך און האָט געמוזט אָנקומען צו דער שטיצע פון די הערען און דאַמען, וועלכע ער אַליין האָט אין זיינע יונגע יאָרען, אין דעם אייפער און דער באַגייסטערונג פאַר דער אידישער טעאַטער־קונסט, געפורעמט און אויסגעקנאָטען אַלס קינסטלער און שוישפּילער. פונדעסטוועגען האָט דער אַלטער דיכטער און גרינדער פון אידישען טעאַטער דאָך זוכה געווען צו האָבען אַ זעלטענעם פאַרגעניגען פון אַן אַלטען קינסטלער: שוין אין דער צוועלפטער שעה פון זיין לעבען האָט ער נאָך געזען אויף דער בינע דאָס לעצטע ווערק פון זיין שאַפונג „בן־עמי", וועגען וועלכען ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „מיט דעם ווערק וועל איך שליסען מיין לעבענס־אַרבעט. דערנאָך וועל איך אָוועקלייגען די פעדער פאַר אינגערע מענשען צו אַנטוויקלען וואָס איך האָב אָנגעהויבען".

און דאָס פאַרגעניגען צו זען זיין לעצט ווערק אויף דער בינע איצט, און מיט ערפאָלג, האָט באַמת געדאַרפט זיין אַ זעלטען פאַרגעניגען פאַר דעם אַלטען דיכטער. ווייל, וואָס זאָל מען לייקענען, דאָס שיינע קונסט־קינדעלע

---

*) פון דאַנען אָן געהערט שוין צום נעקראָלאָג. דער ווערט פון דעם קליינעם אויפזאַץ ליגט אין דער שילדערונג וואָס ער גיט אונז פון גאָלדפאַדען'ס לעצטע טעג. — י. ע.

— דאָס אידישע טעאַטער — וואָס אברהם גאָלדפאַדען האָט געשאַפען אין רוסלאַנד, איז שוין לאַנג אַרויסגעוואַקסען פון דעם וויגעלע, אין וועלכען ער האָט עס געבאָוועט און געוויגט און געזונגען צו דעם ווי אַ צאַרטע מאַמע, זיסע לידעלאַך, געשעפּט פון דער פאָלקס־נשמה און באַגייסטערט פון דער התלהבות פון זיין אייגענער דיכטער־זעלע.

דאָס קינדעלע איז אויסגעוואַקסען אין אַ שיין, בליענד מיידעל, וועלכע אַנטוויקעלט זיך ראַש אין אַ פּראַכטפולער יונג־פרוי. און אברהם גאָלדפאַדען — דער גרינדער פון אידישען טעאַטער, אונזער ערשטער בינען־דיכטער, — האָט אין די לעצטע עטלאַכע יאָר פון זיין לעבען דאָס שענסטע מיידעל, די אידישע בינע און די אידישע דראַמע, גאָר פשוט ניט דערקענט...

אָפּטמאָל פלעגט זיך מיר אויסווייזען, ווען מיר פלעגען ריידען דערפון, אַז איך האָב אין זיינע אַלטע אויגען געזען יענע גרויסע טראַגעדיע פון אַ קינסטלער־זעלע, וועמען זיין אייגענע קונסט האָט נאָך ביים לעבען ווייט־ווייט איבערגעוואַקסען. דאָס האַרץ, דאָס אַלטע האַרץ האָט, דאַכט זיך, זיך געפרייט און אַנגעקוואָלען וואָס דאָס טייערע קינד בליט און וואַקסט אַזוי און ווערט אַזאַ שיינע, רייצענדע יונג־פרוי. אָבער די נשמה האָט גענאָגט, גע־וויינט און געבלוטעט פון דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס שיינע, רייצענדע מיי־דעל וועט שוין קיינמאָל ניט גיין געאָרעמט מיט דעם גרייז־גרויען אַלטען אין די גערטנער פון די מוזען...

דערפאַר איז ביים פאָלק, דער ערפאָלג, פון זיין לעצט ווערק „בן־עמי“, געווען פאַר׳ן אַלטען דיכטער דאָפּעלט טייער. האָט אונזער טעאַטער־קונסט געמעגט ווייט איבערוואַקסען זיין גייסט, האָט זי געמעגט זיך אויפהויבען אויף אַזעלכע הויכע האָריזאָנטען, צו וועלכע זיין דראַמאַטישע קונסט האָט קיינמאָל ניט געקענט דערגרייכען, די ליבע אָבער פון פאָלק צום אַלטען דיכטער איז געבליבען אַזוי שטאַרק ווי אַמאָל.

יעקב גאָרדינ׳ס „סאַפאָ“ *)

אַ פאָררעדע — און איבערהויפּט אַ פאָררעדע געשריבען ניט פון דעם מחבר אַליין — קען זיין אַלץ וואָס מען וויל אַז זי זאָל זיין. זי קען זיין אַ קריטיק וואָס זוכט, געפינט און לויבט די מעלות, אָדער פאַרדאַמט די חסרונות פון דעם ווערק צו וועלכען זי ווערט געשריבען; זי קען אָבער אויך זיין פשוט אַ דערקלערונג, אַ באַלייכטונג, דורך וועלכען מען זאָל בעסער פאַרשטיין דאָס ווערק. דאָס לעצטע מיין איך צו טאָן אין דער איצטיגער פאָררעדע.

יעקב גאָרדינ׳ס ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אירע מעלות און חסרונות — און ספּעציעל יעקב גאָרדינ׳ס גרויסע פאַרדינסטען אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער דראַמאַטישער קונסט — קענען נאָך איצט ניט אָפּגעשאַצט ווערען. ערשטענס דערפאַר, ווייל יעקב גאָרדין האָט זיין אומערמידלאַכע ליטעראַרישע אַרבעט נאָך ניט געענדיגט און מיר האָפען נאָך לאַנג צו זען אים ווירקען און שאַפען צווישען אונז; און צווייטענס אויך דערפאַר, ווייל די אידישע ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קריטיק איז נאָך אין איר וויקעלשנור און די אָפּשעצונג פון אַזאַ קראַפט ווי יעקב גאָרדינ׳ס איז נאָך איבער אירע כחות. דאָס אַלץ וועט בלייבען פאַר דער שפּעטערדיגער קריטיק און פאַר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור צו טאָן. דערווייל מעג דער אידישער לעזער, פריער פון אַלץ, זוכען גאָרדינ׳ען צו פאַרשטיין. אויב די פאָררעדע וועט דעם לעזער העלפען דערצו, האָב איך מיין ציל דערגרייכט.

* * *

דאָס פאָרליגענדע ווערק „סאַפאָ“ האָט אַ קנאַפּע שייכות מיט דער אַלטער גריכישער סאַפאָ און גאָר קיין שייכות ניט מיט דער „סאַפאָ“ פון דעם פראַנצויזישען שרייבער דאָדע. עס איז אַ זעלבסטשטענדיגע אַרבעט און מאָלט אין בולט׳ע שטריכען די מערקווירדיגע פּערזענלאַכקייט פון האָפיע פינגערהוט און איר שווערען קאַמף אין לעבען.

ניט סתם ליבע, מיט די מעגלאַכע סבות וואָס קענען זיך טרעפען מיט דער פאַרליבטער פּערזאָן אויף איר וועג, איז דער הויפּט געדאַנק פון דעם דראַמאַטישען בילד; נאָר ליבע אין דער ברוסט פון אַ פרייען מענשען, פון אַ דערוואַכטער נשמה — פון אַ פרוי, וועלכע קען ניט און וויל ניט דערלאָזען, אַז איר פּערזענלאַכקייט, דער זעלבסטשטענדיגער מענש אין איר, זאָל צע־

---

*) ערשינען אַלס פאָררעדע צו דער פּיעסע, ווען דער „יעקב גאָרדין ליטעראַרי סוירקעל“ האָט, אין יאָר 1907, אַרויסגעגעבען זי אין אַ ביכעל.

מאַלט ווערען צווישען די עקזיסטירענדע אומשטאַנדען פון אונזער פאַלשען און היפּאָקריטישען לעבען — אָט דאָס איז די טעמע פון דער דראַמע. די פרייע פרוי קעמפט מוטיג קעגען דעם איינגעוואָרצעלטען אַלטען לעבען און איר ענערגישער קאַמף וועבט און מאָלט די דראַמע פון איר לעבען. אין דעם זין איז „סאַפאָ“ ניט בלויז אַ רעאַלעס און לעבעדיגעס בילד פון קאַמף צווישען דעם אַלטען און נייעם לעבען, נאָר עס טראָגט אין זיך אַ גרויסע דערציאונגס-קראַפט.

סאַפיע פינגערהוט איז אַן אָדעסער מיידעל: אַ שיינע, אַ ביסעל אַ גע־בילדעטע מיט אַ קינסטלערישער נשמה... זי האָט ליב מוזיק ווי איר לע־בען. זי איז אַ שטאַרקער, זעלבסטשטענדיגער מענש. ווי קומט דאָס אַלץ צו איר — צו אַן אָרים מיידעל, דערצויגען ביי אַ טאַטען אַן אמת׳ן אָדעסער פּוסט־און־פּאַסניק און אַ מאַמען אַ פאַרהאַטעוועטען קנעכט, ווי נאָר אַ אי־דישע טאָכטער קען זיין ביי אַזאַ פּראַנט וואָס טוט ניט אַ האַנט אין קאַלטע וואַסער און לעבט אויף דעם חשבון פון זיינע קינדער — דאָס דערציילט אונז דאָס ווערק ניט. אַזאַ איז זי און שוין. אין אָדעס ביי די פאָטאָגראַפען לעבען רעטושיער־טיש, צווישען די גייטאַרינס און מאַדיסטקעס, צווישען די פאַבריק־מאַכערינס און גלאַט אַזוי צווישען די דורשטיגע נאָך קענטעניסען און קונסט, קען מען זיך מיט אַזאַ מיידעל טרעפען.

און סאַפיע פינגערהוט איז איינע פון די פרייע מענשען וואָס האָט דער־וואַכט צו אַ זעלבסטשטענדיגען לעבען. ווען זי פאַרליבט זיך אין איר בעל־הבית — אין דעם פאָטאָגראַף באָרים סטאַווראַפּאָלסקי — ביי וועמען זי אַרבעט אַלס רעטושירערין—וואַרט זי ניט ביז דער ראַבינער וועט אויף איר ליבע אַרויפלייגען דעם „קאַזיאָנע פּעטשיאַט“, אָדער ביז דער מסדר קדושין וועט זי פאַראייניגען מיט איר געליבטען מיט דעם רינג פון אַ שקלאַפען־קייט... ניין, איר נשמה איז אַ פרייע און זי ליבט מיט דער גאַנצער נשמה. אויף ליבען דאַרף זי ביי קיינעם קיין דערלויבניש ניט פרעגען און זי גלויבט דעם וואָס זי ליבט און גיט אים אַלץ אוועק... אַלץ וואָס ביי איר איז טייער אין לעבען. אָבער דער פּרייז פאַר דעם אַלעמען מוז זיין ליבע, אמת׳ע, ניט קיין מאַסקירטע ליבע. ווי נאָר זי דערוויסט זיך, אַז באָרים סטאַווראַפּאָלסקי האָט גאָר ליב אַ שפּיל צו טאָן זיך מיט איר שוועסטער אויך, דאַן שטעלט זי זיך ניט אָפּ פאַר דעם וואָס די היינטיגע היפּאָקריטישע וועלט מיט איר שמאַכטפולען, ליגנערישען פאַמיליען־לעבען וועט זי בראַנדמאַרקען ווי אַ פאַר־ברעכערין און טייטלען אויף איר מיט די פינגער ווי אויף אַ געפאַלענער... ניין, זי זאָגט זיך אָפּ פון איר חתן, וויל פאַר אים ניט חתונה האָבען אפילו דאַן, ווען ער דערמאָנט איר, אַז זי „מוז“...

„מוז“ איז ניט פאַר איר געזאָגט געוואָרען. זי מוז קיין זאַך ניט טאָן

וואָס איז ניט דער באַגער פון איר וועזען, וואָס איז ניט דער אויסדרוק פון איר נשמה. זי מוז ניט חתונה האָבען און לעבען מיט אַ מאַן וואָס ליבט זי ניט. זי מוז זיך ניט שעמען צו טראָגען די לאַסט פון זאָרג פאַר דער פרוכט פון איר אמת׳ער ליבע — עס איז די פרוכט פון איר פרייהייט!... זאָל די געזעלשאַפט זי פאַרדאַמען, זאָלען די פריינט און באַקאַנטע זי ניט שוינען... שטיל וועט זי טראָגען איר לאַסט, שטיל וועט זי אַרבעטען פאַר זיך און פאַר איר ליבע... זי וועט אָבער תמיד בלייבען טריי איר נשמה...

און זי באַקעמפט די פאָראורטיילען פון מענשען... און לעבט זיך איר פריי, איר זעלבסטשטענדיג לעבען.

און יאָרען גייען פאָריבער.

* * *

אין אונזער היינטיגער וועלט געשיכטע שטייט אָפטמאָל די וויסענשאַפט, די ליטעראַטור און די קונסט אין דינסט פון די רייכע און מאַכטיגע. און אָפילו די, וואָס האָבען גאָט׳ס פייערעל אין זייער נשמה — די ליטעראַטען, די קינסטלער און די וויסענשאַפטס־מענער זיינען אמאָל געצוואונגען צו פאַר־קויפען זייערע פיאַיקייטען און טאַלאַנטען פאַר — בארעס געלט. פאַר־שטייט זיך, אַז דער האַנדעל מיט דער נשמה נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמעס. אמאָל ווערען די רייכע די באַשיצער פון דער קונסט און די קינסטלער — די מעצענאַטען פון דער קונסט, ווי מען רופט עס. אַנאַנדערס מאָל ווערען זיי די שטיצער און העלפער פון דער וויסענשאַפט — די פאַרשפרייטער פון ביל־דונג און ליכט, הייסט עס — און זיי בויען אוניווערזיטעטען און ביבליאָטע־קען, ריכטען איין אינסטיטוטען און מוזייען. אָבער אימער איז דאָ אַ גע־שעפטעל דערביי, אימער זוכען זיי צו האַלטען דעם פרייען געדאַנק, די פריי־שאַפונגס־קראַפט פון מענשען אין די אייזערנע צוואַנגען פון זייער הער־שאַפט. ביי אונז אידען קען מען אָנווייזען אויף אַזאַ קלאַס באַוואוסטע בעלי צדקות נאָר אין יענע דעמאָקראַטישע לענדער, וואו אידען האָבען דורך פאָ־ליטישער גלייכבארעכטיגונג און דער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם שוין אַנטוויקעלט אַן אייגענעם קלאַס רייכע וואָס האָט איבערגענומען אַלע מדות פון דעם זעלבען קלאַס און דעם לאַנד אין וועלכען זיי וואוינען; וואו זיי האָבען זיך שוין אַסימילירט און צונויפגעגאָסען מיט יענעם קלאַס אין איין לייב און איין זעלע, און פאַרשטייען שוין, ווי יענע, צו שאַצען די הערשאַפט איבער די גרויסע מאַסען פון פאָלק און איבער די קראַפטען וואָס קענען זיי פירען צו פאָרטשריט. אין רוסלאַנד אָבער, ווען אַן אויפגעקומענער גביר — אַ כאַם, אַ גראָבער יונג — אַ פישער, ביי וועמען אָפילו די זעלע איז דורכ־געזאַפּט מיט דעם ריח פון טשיכאַן, ווערט פלוצלונג אַ באַשיצער פון קונסט — אַ מעצענאַט, איז עס ווייל ער זוכט זיך איינצוקויפען אין יחוס. ער פּענ־

טעט אָבער דערביי אויך די נשמה און דאָס געוויסען פון דעם קינסטלער, ווייל דער יחוס אליין אין דאָך אים קאַרג, ער וויל נאָך אויך איינהאַנדלען אַ מציאה... גלאַט צוליב יחוס אליין וואָלט ער זיך ניט געלאָזט אַזוי פיל קאָסטען. אָבער ווען צו דעם יחוס איז נאָך צוגעלייגט אַ גוט געשעפטעל, ווי צום ביישפּיל, חתונה מאַכען מיט דעם קינסטלער זיינס אַ טעכטערל — אַך, פאַר וואָס ניט?...

אין „סאַפאָ" איז מלך שטעמפּעל, דער פישהענדלער, אַזאַ מין מעצענאַט פון דער קונסט... ער קויפט דעם טאַלאַנטפולען פּיאַניסט אַפּאָלאָן זאַנענשיין פאַר אַן איידעם פאַר זיין מעזינקע דערמיט וואָס ער האַלט אים אויס פינף לאַנגע יאָר אין פּעטערסבורג ביי זיין שטודיום. זאַנענשיין קומט קיין אָדעס זיך באַזעצען און חתונה האָבען מיט מלך שטעמפּעל'ס טעכטערל. ער קומט — דער אויסגעבאַליעטער קינסטלער באַצאָלען דעם חוב פאַר שטעמפּעל'ס מעצענאַטסטווע. באַגעגענט ער זיך אָבער מיט סאַפיע פינגערהוט... און ער פאַרליבט זיך אין איר, אין דער שיינער, שטאָלצער, קלוגער סאָפיע. זי — האָט איר ערשטע ערפאַרונג אין לעבען ניט אָנגעלערענט... און זי ליבט אים אויך... און ווי ליבט זי אים... שטאַרק, היים, טאַקע נאָר ווי אַ פרייע, שטאַרקע נשמה קען ליבען. און פאַר וואָס טאַקע ניט? וואָס זאָל איר שטערען אים צו ליבען? וואָלט זאַנענשיין געווען אַ שטאַרקער מענש, וואָלט ער געוואוסט, אַז מאַניטשקען — מלך שטעמפּעל'ס טאָכטער — האָט ער ניט ליב, אַז צו איר פילט ער נאָר אַ פאַרפליכטונג, אַ שולדיקייט — אַ מין געוויסענסביסע און ניט מער, און דאַרף פאַר איר ניט חתונה האָבען — ווייל זי וועט, אויף איר שטייגער, זיין אומגליקלאָך מיט אים. איז ער אָבער אַ שוואַכלינג, קען ער זיך ניט באַשליסען אויף אַ געוואַגטען שריט אין לעבען, און... ער האָט מיט איר חתונה.

ליבען ליבט ער אָבער סאָפיע'ן און זי אים אויך. און סאָפיע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך... איר ליבע איז אַן אמת'ע, אַ ריינע. וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי איר דאָס וואָס מענשען וועלען ווידער ריידען, ווידער טייטלען אויף איר מיט די פינגער, אָדער פאַרדאַמען און באַליידיגען זי. זי ליבט אַפּאָלאָן זאַנענשיין און ער זי אויך... און זי איז פאַרטיג צו ליידען און קעמפען קעגען די פאַראורטיילען פון מענשען, פון דעם כלל. און זי גיט אַפּאָלאָנ'ען אוועק אַלץ וואָס איר שיינע, גרויסע נשמה קען אוועקגעבען...

אָבער דער קאַמף פאַר איר ליבע איז ניט נאָר קעגען דער שטילער, היפּאָקריטישער פאַרדאַמונג פון דעם כלל אליין. עס הויבט זיך אויך אויף אַ קאַמף פון דער פרוי קעגען דער פרוי — אַ ליאַרעמדיגער, סקאַנדאַליעזער — אַ טיף באַליידיגענדער קאַמף. די געזעצלאַכע פרוי באַקעמפט די געליבטע פרוי. אויף דעם זייט פון דער ערשטער איז די געזעלשאַפטלאַכע מיינונג, די

רעליגיע, דאָס געזעץ... אַלץ, אַ חוץ ליבע. און ווען זי „וויל“—קען זי די געליב־טע פרוי „אויספּאַטשען“, אפילו „שיסען, און איר קומט גאָרנישט דער־פאַר“... אויף דער זייט פון דער אַנדערער איז אָבער נאָר איר אייגענע ריינע נשמה, איר ברענענדיגע ליבע, איר גרויסע בייגקעניש נאָך דעם וועמען איר ליבע געהערט. אויף איר זייט איז אויך דער קאַמף, דער שווערער קאַמף קעגען דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג און אָרדענונג, קעגען אַלץ וואָס איז פאַלש און ליגנעריש, מעג עס זיין אַ געבאָט אָדער אַ געזעץ...

צווישען דער אַלטער און דער נייער וועלט איז דער קאַמף אַ גרויסער, אַן אייביגער... אַן אומפאַרמיידלאַכער קאַמף. אין אומצייליגע פאָרמעס שוועבט ער אַרום אין לעבען. עס איז דער קאַמף פון דעם דערוואַכטען, שטאַר־קען איינצעלנעם מענשען קעגען די קריסטאַליזירטע פאָרמעס פון דער געזעל־שאַפט, קעגען די פאַרגליווערטע מיינונגען פון דעם גאַנצען כלל מענשען. עס איז דער קאַמף וואָס פירט צו פאָרטשריט... יעקב גאָרדין וואָלט געקענט דעם קאַמף אויסדריקען אויך אין אַנדערע רעעלע פאָרמעס פון דעם לעבען, אויך אין אַנדערע אָרטען וואָלט ער אים געקענט פאָרשטעלען. אָבער אין קיינער פון די אַלע לעבענס־ערשיינונגען וואָלט דאָס בילד ניט אַרויסגעקומען אזוי שאַרף, די דראַמע וואָלט ניט געווען אַזוי פול מיט אמת׳ע ליידען און ווייטאָגען פון אונזער לעבען ווי אין דעם קאַמף פון די נאַטירלאַכע געפילען פון דעם מענשען, — אין דעם קאַמף פון דער ליבע קעגען די צוואַנגען פון געזעלשאַפטלאַכע פאָראורטיילען, דינים און געזעצען.

סאַפיע פינגערהוט האָט דעם קאַמף ניט געוואונען... אין דעם איז די גרויסע דראַמע פון איר לעבען...

אפאָלאָן זאָנענשיין איז ניט נאָר אַ שוואַכלינג, נאָר אויך אַ מענש מיט אַ קליינער, איינגער נשמה. אפילו די ווי דער אָקעאַן ברייטע און טיפע מוזיק פון מאָצאַרטען האָט זיין נשמה ניט אויסגעברייטעט; אפילו ניט די הימעלש־ליכטיגע מוזיק פון טשייקאָווסקי׳ן האָט זי אויסגעלייטערט; און ניט אפילו די טרוימערישע נאָקטורנעס פון שאָפּען׳ען האָבען געקענט פאַרוויגען און איינשלעפערען זיינע אַלטע פאָראורטיילען קעגען דער פרייער פרוי און אירע פרייע האַנדלונגען. די קונסט האָט אויף זיין נשמה ניט געווירקט אין דער דאָזיגער ריכטונג... אויך ער, פאַר וועמען זי האָט אַלץ אין לעבען גע־אָפּפערט — אפילו ער ווייזט אָן אויף איר זשעניטשקען — אויף איר קינד — די פרוכט פון איר ליבע און קאַמף — ווי אויף דער לאַסט פון איר שאַנדע. אויך ער — אין די שווערסטע מינוטען פון איר קאַמף — שטעלט זיך אויף דער זייט פון די מאַכטיגע — אויף דער זייט פון דעם כלל... און סאַפיע פינגערהוט׳ס דראַמע האָט זיך טרויעריג געענדיגט...

איז זי געפאַלען אין קאַמף?

יאָ, יעקב גאָרדין וויל עס אַזוי. אַ פּאַרוואונדעטע פון די לעבענס־פּיילען, אַ געשטערויכעלטע וויל זי זיך אָפּגעבען צו אַ שטיל לעבען פאַר זיך, פאַר אירע עלטערען, פאַר איר קינד.

אָבער איר קינד?

זי האָט געקענט קעמפען קעגען די פאָראורטיילען פון מענשען, קעגען די דינים און געזעצען פון דער געזעלשאַפט, קעגען דעם בייזען ווילען פון אַ פרוי... אַ „געזעצלאָכע פרוי“... און אפילו קעגען דעם געבראָכענעם געמיט פון איר שוואַכלינג, וועמען זי ליבט אַזוי שטאַרק; יאָ, קעגען זיי אַלע האָט זי געקענט קעמפען. אָבער זי קען זיך הפנים ניט אַנטשליסען צו קעמפען קעגען איר קינד. זי קען זיך ניט אַנטשליסען צו לאָזען איר זשעניטשקען אַמאָל אין לעבען דערוויסען זיך דעם ריכטיגען אמת וועגען איר אייגענער געבורט, לאָזען זשעניטשקען פאַרשטיין איר מאַמע'ס נשמה, איר מאַמע'ס לעבען, איר מאַמע'ס קאַמף... זי קען זיך ניט אַנטשליסען צו לאָזען איר קינד אויפוואַקסען אָן אַ טאַטען — אָן אַ געזעצלאָכען טאַטען — אורטיילען זי און אפשר אויך פאַרדאַמען זי! ... ניין, זי קען זיך עס ניט אַנטשליסען. און זי קערט אום צו איר קינד דעם טאַטען, דעם פאָטאָגראַף, באָרים סטאַווראָפּאָלסקי.

שפּאָטיש אפילו, אָבער פאַלענדיג אין דעם שווערען קאַמף פון לעבען, לאָזט זי דעם ראַבינער לייגען אַ „קאַזיאָנע פעטשיאַט“ אויף איר שרעקלאָכען פאַל! ...

אָט דאָס איז יעקב גאָרדינס דראַמאַטישע בילד „סאַפאָ“.

דוד פינסקי׳ס דראַמעס *)

ניט אומגערן האָב איך **) באַצייכענט דוד פינסקי אַלס דעם „שאַפער פון דער נאַציאָנאַלער דראַמע אויס דעם עפּאָס פון דעם אידישען פאָלק״. ער ווערט עס אַלץ מער און מער אין זיינע נייסטע און בעסטע דראַמעס.

ווי די מערסטע אידישע שריפטשטעלער פון דער נייערער צייט האָט פינסקי אָנגעהויבען זיין טעטיקייט אין דער דראַמע אויף דעם פעלד פון רעאַליזם. זיין „אייזיק שעפטעל״ און „יענקעל דער שמיד״ — די שטילע, אָבער קראַפטיגע פאַמיליען דראַמע, וועלכע איז דעם אידישען פובליקום גוט באַקאַנט פון איר אַפטער אויפפירונג אויף דער היגער אידישער בינע, זיינען רעאַליסטישע דראַמעס פון אַ הויכען ליטעראַרישען ווערט, ניט קוקענדיג וואָס אין ביידע האָט דער קינסטלער זיך באַנוצט מיט אַן אויסער־לאַד און זייטיג מיטעל — שכרות אַרויסצוברייגען די אינער־לאַכע כחות פון זיינע העלדען וואָס באַשאַפען מיט זייערע האַנדלונגען דעם דראַמאַטישען קאָנפליקט און דעם העכסטען דראַמאַטישען מאָמענט. שכור׳ער־הייט ערשט פאַרוואַנדעלט זיך די דערשטיקטע ערפינדונגס־קראַפט אין דער נשמה פון דעם אָרימען אַרבעטער — אייזיק שעפטעל — אין אַ פאַר־ביטערט נקמה־געפיל קעגען זיין פייניגער, דעם בעל הבית, און ער צע־ברעכט אין דער פאַבריק זיין אייגענע ערפינדונג, וואָס דער בעל הבית האָט ביי אים אַוועקגערויבט פאַר אַ פּרוטה. ערשט שכור׳ערהייט דערוועקט זיך ווידער אין דער נשמה פון דעם שמיד יענע אויסגעלאַסענע תאוה צו מייד־לאַך און ווייבלאַך, צום ביטערען טראַפען און שייגעצעוואַטע טענץ, וועלכע ער האָט שוין כמעט אין זיך דערשטיקט דורך דער ריינער ליבע צו זיין ווייב — מיטלען וואָס נעמען פיל צו פון דעם עכט קינסטלערישען ווערט פון אַ דראַמע.

אָבער, אויך ווי די מערסטע אידישע שריפטשטעלער פון דער נייערער צייט, האָט פינסקי פאַרפרי פאַרלאָזט דעם באָדען פון דעם ריינעם רעאַליזם. שוין אין „יענקעל דער שמיד״ הערט זיך טיף אין הינטערגרינט פון קינסטלער׳ס אַן אייגענע נאָטע פון פאַרערונג און אידעאַליזירונג פון דער דערהויבענער גייסטיגער ריינקייט פון דער נשמה איבער דער ווילדער תאוה

*) „די וואַרהייט״, 17טען אָקטאָבער, 1915.

**) מיט אַ וואָך פריער, אין דער „וואַרהייט״, אין אַ רעצענזיע איבער דער קורצ־ווייליגער ענגליש־אידישער חודש־שריפט „איסט און וועסט״.

פון דעם חומר אין די פאַרהעלטעניסען פון מענער און פרויען. אין דעם שמיד איז די ריינע נשמה, דורך דער ליבע צו זיין פרוי, גובר זיין נאַטירלאַכע אינ־סטינקטיווע ווילדקייט. אָבער ערשט אין דעם האַלב רעעלען און האַלב פאַנ־טאַסטישען דריי אַקטער „גאַברי און די פרויען" איז פינסקי דער ריינסטער ראָמאַנטיקער פון אַט דער גייסטיגער דערהויבענקייט און ריינקייט פון דער נשמה אין דער ליבע פון מענשען. ניט „גאַברי", מיט זיין פלאַם פייערדיגער תאוה, מיט זיינע „מאָדערניזמען" אין דער ליבע און אין לעבען, ניט די „קליי־נע" — דער סימבאָל פון פאַרשייטער לוסט — נאָר „גאַיאל", ווי „טאַמאַראַ" אין דעם „שמיד", מאָלט דער דיכטער מיט יענער קינסטלערישער ליבע און פערערונג פון זייער ריינקייט און גייסט וואָס זינגט זיי, אין די שענסטע ראָמאַנטישע טענער, אַ לויב־געזאַנג.

שוין אין דער טראַגעדיע „פאַמיליע צבי", — דאָס שוואַכסטע אפשר פון פינסקי'ס דראַמאַטישע ווערק אַלס דראַמע, דאָך דאָס „אידישסטע", ווי ער האָט זיך מיט אַ ביסעל צופיל ניטשעשער גרויסקייט דערלויבט אויסצודריי־קען: „זעהט, איך גיב אייך דאָ דאָס אידישסטע ווערק" — טרעט פינסקי אריין אין זיין גרויסער לעבענס אַרבעט. דאָ איז ער ניט נאָר דער דיכטער פון אַ טראַגישען מאָמענט אין דער איבערלעבונג פון זיין פאָלק, ניט נאָר דער אידעאַליזירער פון יענעם גרויסען אַלטען גלויבען פון משה מגיד, וואָס איז דער טראַגישער גרונט מאָטאָ פון דעם גאַנצען ווערק, נאָר אויך דער מאָלער פון אַ שטיק עפאָס, פון אַ שטיק שוידערלאַכער אידישער היס־טאָריע אין וועלכען עס שטייען ניט נאָר קינדער קעגען עלטערן און על־טערן קעגען קינדער, גלויביגע קעגען אומגלויביגע, רייכע קעגען אָרימע, ברי־דער קעגען ברידער און אייגענע קעגען אייגענע, נאָר אַלע — דאָס גאַנצע פאָלק, געשפאָלטען און געשפּליטערט, שטייט יעדער קעגען יעדען באַדראָעט פון דעם לעבען אונטערצוגיין. דאָ ווערט פינסקי דער עפּיקער דראַמאַטורג — דער שאַפער פון דער נאַציאָנאַלער דראַמע.

פון דעמאָלט אָן בלעטערט ער די געשיכטע, די אַלטע אידישע געשיכטע פול מיט העלדישען קאַמף און זוניגען לעבען און מאָלט מאָמענטען, הגם ניט תמיד מיט געווינשטען ערפאָלג און העכסט קינסטלערישער מייסטער־שאַפט (ווי די ליבעס פון דוד המלך). ער קערט זיך ווידער אום אין „מרים פון מגדלה" צו דער טעמע פון דעם קאַמף צווישען דער תאוה'דיגער ליבע און דעם ריינעם גייסט, אָבער שוין ניט אין די דירעקטע פאַרהעלטענישען פון מאַן און ווייב, נאָר אין דער ווירקונג פון מענשען אויף מענשען — פון גייסט אויף גייסט. און ווידער טריומפירט איבער דעם סימבאָל פון תאוה'־דיגער ליבע, איבער מרים'ן, דער לויטערער גייסט פון דעם נוצרי. ער מאָלט. נאָך דער שיינער לעגענדע פון מדרש, אין דעם „אייביגער איד", דאָס בילד

פון דעם וואַנדערענדען פאָלק, וואָס איז פון אַן אַקער־בויער פאָלק אַ הענד־לער פאָלק געוואָרען, זוכענדיג זיין משיח׳ן זינט זיין לאַנד און זיין מקדש איז געפאַלען. און דורך די אַלע בילדער שטייען אויף ווי תחית המתים פון די קברים לאַנג פאַרגעסענע געשטאַלטען און ווי לעבעדיגע מענשען מיט נשמות, געפילען און באַדערפענישען, האַנדלען זיי און לעבען און פילען אויס לאַנג אָפּגעמעקטע וועלטען.

צו זיין עפּישער דיכטונג באַשאַפט אויך פינסקי זיין שפּראַך, זיין סטיל, זיין אויסדרוקס־פאָרמע. ניט נאָר דעם עפּישען דיכטער׳ס קונסט און זיין גע־שמאַק, נאָר אויך דער אמת פון דעם היסטאָרישען לעבען פאָדערט אַן איי־גענעם דראַמאַטישען סטיל. אָבער ניט גרינג איז אים צו באַשאַפען פון אונ־זער שפּראַך. אַ סטיל דאַרף זיך פון זיך אַליין, ממילא, אויספורמען. איז אונזער שפּראַך דערווייל נאָך ניט אַזוי ברייט און פליסיג און בייגיג; טרעפען זיך טאַקע אין פינסקי׳ס אָפט זייער שענעם, הויכען, זינגענדיגען סטיל ווי: „וואָס מאַכט מיר ווייך מיין האַרץ און מאַכט זי שמערצלאַך שלאָגען? שמערצלאַך ווייל פון ביינקעניש — ביינקעניש ווייל פון ליבע" — אויך אַזוינע שמערצלאַכע שווידערהאַפטיקייטען ווי דוד אין הויכען דיכטערישען סטיל: — „בת שבע, דער קיניג טראָגט נאָך דיר פאַרלאַנגען"; בת שבע, אין פּראָזאַאיש דייטש, — „איך בין פאַרהייראַט", אָדער נתן הנביא׳ס אויס־דרוק „אַ זיך באָדענדיגע פרוי", אָדער דער אָפטער „טיק" און נאָך עפטערע „יוכצען" — ווערטער, אויסדרוקען, וואָס פאַרדאַרבען אָפט די שענע שפּראַך, וואָס וויגט זיך אין אַ רעטשטאַטיוו געזאַנג אין איינקלאַנג מיט די געפילען, געדאַנקען און האַנדלונגען פון די מענשען.

דער עפּאָס פון דעם פאָלק איז ניט די פולע געשיכטע פון דעם פאָלק. פון דער געשיכטע פון אַ פאָלק גייען אין דער לייענג פון דער צייט הונדער־טער און טויזענטער שטריכען און האַנדלונגען און טאַטען פון דעם לעבען פאַרלוירען; זיי ווערען מטושטש אין דער צייט; אָבער איז דעם גאַנצען לעבען פון דעם פאָלק ציט זיך ווי אַ שיר אין דער אייביקייט, דורך זיין עבר און לעת־עתה, — אַמאָל אין טענער טראַגישע, אַמאָל מיט יובעל און גע־זאַנג — דאָס ליד, דאָס אייביגע — דער עפּאָס פון דעם פאָלק. מיט דעם דיכטער־אויער פאַרנעמט דער עפּיקער אָט דעם שיר, דערטאַפּט די טיפסטע נאָטען פון דער פאָלקס־נשמה; מיט זיין גרויסער פאַרשטעלונג בויט ער אויף דאָס לעבען אויף דאָס ניי, באַבויט עס און באַזעלט עס — און שאַפט די עפּישע דיכטונג פון זיין פאָלק.

פינסקי האָט פאַרנומען די טראַגישע געשיכטע פון אונזער פאָלק אין מיטעל־אַלטער. זיין דיכטער־אויער האָט פאַרנומען דעם טיפסטען קרעכץ פון דעם מאַרטירער־פאָלק; ער האָט געזען דאָס בילד פון די בלאַסע קדושים

דורכגעווייקט אין בלוט און געמאָלט אין די פאַרבען פון פלאַמען און שאָ־טען פון טויט און זיין פאָרשטעלונג האָט אים געשילדערט דאָס פאַרמאַ־טערטע וואַנדערענדיגע פאָלק. און וואָלט ער מער גאָר ניט געווען געשריבען ווי זיין „שטומער משיח“, וואָלט ער זיך אויך אַן ערענהאַפטען אָרט פאַר־שאַפט צווישען די גרויסע דיכטער פון אונזער פאָלק.

וואָסער אַ געוואַלדיגע טראַגעדיע איז דער „שטומער משיח“ — וואָסער אַ גרויס בילד און טיפע פסיכאָלאָגיע פון מענשען און מאַסען. וואָס פאַר אַ מאַכטיגע פיגור איז מנחם פניני — דער מאַרטירער — דער שטומער משיח, וועמען זיינע פייניגער האָבען אויסגעשניטען די צונג אין דער תפיסה. אָבער זיין גייסט האָבען זיי ניט צעבראָכען. מיט דער מאַכט פון זיין אָטעם און דער קראַפט פון זיינע אויגען, מיט דעם היפּנאָטישען כח פון זיינע האָפענונגען אויף דערלייזונג, באַגייסטערט ער דאָס פאָלק דורך זיין טאָכטער און פירט די פאַרטריבענע וואַנדערער פון איבעריע באַלד צום לאַנד פון די אָבות.

ניין, פניני איז ניט קיין משיח. ער איז דער סימבאָל פון דעם גייסט פון דעם פאָלק — דער סימבאָל פון דער דערלייזונג, אליין אין דער נשמה פון פאָלק. און איך ווייס ניט ווי דער דיכטער האָט געפילט; מיר האָט זיך געדוכט, אַז ווען די הענדלער און טענדלער האָבען זיך אויף דעם רוף פון דעם נייעם קיניג אומגעקערט צו זייערע באַפעדערטע נעסטען צוריק און די בעטלער און מאַסען זיינען צוריקגעגאַנגען צו זייערע טעפּ מיט פלייש — צוריק קיין איבעריע אין גלות פון יענעם ברעג, וואו עס איז געלעגען דאָס לאַנד פון אַלע האָפענונגען — איז פניני ניט אריינגעשפּרונגען אין די וואַסערען מיט דעם מאַכטיגען געשריי „גאָ־אַב!“ צו דערטרינקען זיך, נאָר צו קעמפען מיט די כוואַליעס אונטער דעם טאַנץ און געזאַנג פון דער משוגע־נער לאה'ס „משיח, משיח, משיח“, ביז ער וועט זיי ענדלאַך בייקומען.

* * *

אָבער פינסקי באַזיצט אויך דעם כח ארויסצוגיין פון דעם ריין־נאַציאָנאַ־לען און פאָלקסטימלאַכען אין דער ברייטער וועלט פון דעם אַל־מענשלאַכען. זיינע „בערג שטיינער“ זיינען אַ דערהויבען דראַמאַטיש בילד פון דעם שטרע־בען צו דער גאָלדענער צוקונפט און זייער „אוצר“, וואָס האָט ערשט זוכה גע־ווען איבערזעצט צו ווערען אין ענגליש פון פראָפ. לודוויג לואיסאָהן, — דער איבערזעצער פון האופּטמאַנ'ען *), איז, טראָץ דעם וואָס עס איז דורך־און־דורך פאָלקסטימלאַך אידיש, דאָך אַזאַ שטאַרקער בייסענדער שפּאָט אויף דער אַלמענשלאַכער יאָגעניש נאָך גאָלד, אַז אויך די אומות־העולם וועלען עס קענען צעקייען און פאַרשטיין.

---

*) „די טרעזשור“, אַ דראַמע אין 4 אַקטען, פון דוד פינסקי, איבערזעצט פון לודוויג לואיסאָהן. ב. וו. הוירש, ניו יאָרק, פּאַבלישערס.

און — דאכט זיך גאַר דורך אַ שפּאַס, דורך אַ פאַרשפּרייטעט פּזמון וועגען אַן אוצר אויף אַ בית־עולם — האָט דער דיכטער די מעגלאַכקייט צו מאָלען מענשען און גרופּעס און זייערע טאָג־טעגלאַכע קליינע אינטערעסען. אין דער יאָגעניש נאָך דעם אוצר באַטייליגען זיך יונג און אַלט, אָרים און רייך, קראַנקע און געזונטע — אַלע, קינד און קייט. און דאָס בילד, וואו עס ציען זיך ביז שפּעטע שאָטענס פון דער נאַכט, מענשען מידע און פאַרהונגערטע שוין און שטייען אויף די קברים פון די טויטע און זוכען... און זוכען... גאָלד... אַן אוצר — איז עס אַ מייסטעריש בילד. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער דיכטער פירט עס מאָמענטענווייז איבער מיט דער געצוואונגענער קאָמעדיע פון דעם קברות־אידען'ס פּאָדערונגען און דער סאַרזש־סצענקע, וואו אין דער בלינדער זוכעניש פון גאָלד, לאָזען זיך מענשען פירען אפילו פון אַן אידיאָט.

דערפאַר איז אָבער דאָס שלום־בילד פון די טויטע, וואָס לויפען ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, אין דער צוועלפטער שעה „אין שול אויף גיד", דאָס מייסטערישסטע בילד אין גאַנצען ווערק.

זיי ווייסען, די טויטע, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זיי ווייסען, אַז די לעבעדיגע האָבען געשטערט זייער רו — אַז צווישען לעבען און טויט איז „ניטאָ קיין שלום". זיי ווייסען אָבער אויך, אַז זיי אַליין זיינען ביים לעבען געווען באַהערשט פון די דורשטען, וואָס טרייבען די לעבעדיגע אין לעבען — זיי ווייסען: עס איז — „געלט... געלט... געלט..."

מענשען האָבען נאָך קיין פאָרטשריט ניט געמאַכט... עס הערשט נאָך אַלץ „געלט... געלט... געלט..."

אָבער, עס וועט קומען אַ צייט. באַהערשען דעם דורשט וועט דער מענש... דער לעבעדיגער... און זיי וועלען... און דאָס וועט זיין — דער „גרעסטער זיג" !...

— דער דיכטער דער ראָמאַנטיקער — גלויבט אין דער מענשלאַכער נשמה — און זינגט דאָס ליד פון אירע האָפענונגען.

פון נייעם אידישען טעאַטער *)

---

*) אונטער דעמדאזיגען אלגעמיינעם טיטעל ווערען דא צונויפגענומען דריי באזונ־דערע ארטיקלען. דער ערשטער פון דער „ווארהייט“, 26־טען מערץ, 1916, דער צווייטער און דריטער פון „טאג“, פון 14־טען סעפטעמבער און פון 5טען און 6טען נאוועמבער, 1919. די ארגאנישע פארבינדונג פון דידאזיגע ארטיקלען ליגט פון אויבען־אויף. — י. ע.

1. נייע פאַרזוכען

אויך אין אונזער ווינקעל פון קונסט און דראַמע — איבערהויפט צווישען די בעסערע און אינטעליגענטערע באַזוכער פון טעאַטער — רודערט זיך אַ ביסעל די לעצטע צייט.

וואָס איז געשען ?

ביי די אייראָפּייאישע פעלקער האָט זיך שוין לאַנג געפונען אַן עולם, אַן אומצופרידענער מיט דעם היינטיגען קאָמערציעלען טעאַטער, און קינסטלער, רעזשיסערען, וואָס האָבען אויפגעפירט די בעסערע, מער קינסטלערישע דראַמעס פון איבסען, הויפּטמאַן, מעטערלינק און מער געגוסספּולע קינסטלערישע פאָרמעס, און האָבען פאַר דעם עולם באַשאַפען אַ ניי טעאַטער, אַ נייע בינע.

ביי אונז, פאַרשטייט זיך, האָט מען אַזאַ פאָרטשריט פון טעאַטער און טעאַטער־גייער קוים געקענט דערוואַרטען. אָבער אפילו ביי אונז זיינען ניט זעלטען געמאַכט געוואָרען אַמאַטאָרישע פּראָבעס אויף אַ בעסער און קינסטלעריש טעאַטער. און מעגען די ליצני הדור חוזק מאַכען פון די קליינע דראַמאַטישע פאַראיינען, האָבען זיי דאָך מיט זייערע באַגרעניצטע מיטלען און פייאיקייטען, ערנסט און ערלאַך געשטרעבט ארויסצוברייגען די בעסערע דראַמע און באַשאַפען אין פאָלק אַ גרעסערען פאַרלאַנג פאַר אַ קינסטלעריש טעאַטער.

פאַר־אַ־יאָרען האָט, אונטער דער מענעדזשמענט פון אַב. עפּשטיין, דער יונגער קינסטלער בן־עמי, מיט דער מיטווירקונג פון דער טאַלאַנטפולער מאַדאַם שניצער, קינסטלעריש אויפגעפירט פּרץ'ס דריי איין־אַקטערס און אין די איינגערע קרייזען פון דעם אינטעליגענטערען עולם האָט זיך שוין דעמאָלט אַ היבש ביסעל גערודערט — עס האָט זיך גע'חלומ'ט אַ אידיש־קינסטלעריש טעאַטער. אָבער אפילו יענע געלונגענע פּראָבע קען זיך ניט פאַרגלייכען אין קינסטלערישען ערפאָלג מיט דעם איצטיגען פאַרזוך פון דער „נייע בינע“, אין דער אויפפירונג פון דוד פּינסקי'ס „גאַברי“, אונטער דער־זעלבער מענעדזשמענט. און, מעגען מיר אפילו, זיצענדיג אין טעאַטער, מאָמענטען־ווייס נאָך איצט זיך ניט קענען באַפרייען פון די אַמאַטאָרישע שפּורען פון דער אויפפירונג און שפּילען, פילען מיר אָבער די גאַנצע צייט, אַז מיר זיצען ביי אַן עכט־קינסטלערישער פאָרשטעלונג.

וואָס־זשע האָט ביינעטראָגען צו דעם באַטייטענטען קינסטלערישען ערפאָלג פון דער „נייע בינע“ ?

ערשטענס, דוד פינסקי׳ס שיינע דראַמע „גאַברי און די פרויען“.

צווייטענס, די עכט־קינסטלערישע אויפפירונג פון דעם רעזשיסער, הער יהושע גאָרדאָן, און,

דריטענס, די יוגענטלאַכע, קינסטלערישע אַמביציע און די כמעט פלאַס־טישע בייגיקייט פון דער גרופּע יונגע קינסטלער.

וואָס איז דוד פינסקי׳ס „גאַברי און די פרויען“? — אַ שיינע דראַמאַ־טישע פּאָעמע, כמעט אַ רעאַלעס בילד, אַזאַ וואָס מיר קענען באַגעגענען אין לעבען, איינגעפּאַסט אין אַ אידיליש־ראָמאַנטישער, האַלב פאַנטאַסטי־שער פאָרמע מיט אַ ריין ראָמאַנטישען ענד־ציל. די טעמע איז דער אייביג־אַלטער, אָבער תמיד פרישער און תמיד אויפ־דאָס־ניי פאַרבלוטיגטער קאַמף צווישען דער ריינער, צאַרטער ליבע, דער מוטערשאַפט, היים און איינגעזע־סען לויטער גליק (דאָס קליינבירגערלאַכע גליק), וואָס אונזערע יונגע און אולטראַ־יונגע באַשפאַטען אַזוי און לאַכען אַזוי ביטער אויס — מיט דער ברויזענדער פאַרפירערישער ליידענשאַפט און איר פאַר׳שכור׳ענדער לוסט און גענוס, וואָס לעבען אין דער מענשלאַכער זעלע.

דערפאַר טאַקע איז די דראַמע ניט קיין אידישע, נאָר אַן אַלמענשלאַכע און איר האַנדלונג קען פאָרקומען „ווען עס איז און וואו עס איז“, ווי דער ריכטער באַמיט זיך, אומנויטיגערהייט, צו באַטאָנען. זי וואָלט ניט געווען קיין ספּעציפיש אידישע אָדער ספּעציפיש גוי׳שע אפילו דעמאָלט, ווען זי וואָלט געווען, ווי דעם דיכטער׳ס „יענקעל דער שמיד“, וואָס איז אויף דער־זעלבער טעמע, אַן עכט־רעאַליסטיש בילד — אַ ווינקעלע פון אונזער לעבען — און די נעמען פון אירע איינטיילנעמער וואָלטען געקלונגען פראַנצויזיש, לאָמיר זאָגען, ווי גאַאיל, גאַברי און לעם קלינגען ביבליש־אידיש. איר טעמע איז אַן אַלמענשלאַכע — אַ פּאַראַלגעמיינטע: דער קאַמף פון די עלעמענ־טאַרסטע געפילען ביים מענשען — די געפילען פון ליבע און ליידענשאַפט. און זי ווערט אויף אַ האַרעלע אַ ניט סימבאָלישער דערפאַר וואָס איר פאָרמע איז אַ פאַנטאַסטישע, וואָס דער דיכטער באַצייכענט ניט איר „וואו“ און „ווען“, אָדער דערפאַר וואָס די עלעמענטאַרסטע געפילען פון ליבע און ליי־דענשאַפט ווערען פאַרקערפּערט אין פּאַראַלגעמיינטע מענשען־טיפּען.

איר האַנדלונג פאַרבלייבט דאָך אַ רעאַלע, אַ שיינע — אָט איז זי:

לעבען זיך „ווען עס איז און וואו עס איז“ אַ „פאָטער“ מיט אַ „מוטער“, לעבען גליקלאַך און רייך, אין זונשיין, בוימער און בלומען. האָבען זיי אַ טעכטערל — גאַאיל — אַ יונגע, אַ שיינע, ווי אַ פּאַרק־פויגעלע אַ לעבעדיגע, אַ שפּרינגענדיגע, פול מיט לעבענסלוסט. און זיי האָבען אַ געוועזענעם קנעכט — גאַברי — אַ שטאַרקער יונג, שטאַל און אייזען, הויך און שיין געוואַק־סען. שיינקט גאַאיל איר ליבע גאַברי׳ן, דעם געוועזענעם קנעכט, בסוף פון

איר פאַטער און מוטער. און ביידע, גליקלאַך איבערגליקלאַך, פאַרגייען זיך, ווי די פויגלען ביים זינגען, אין זייער זיסער אידיליע פון ליבע. און דער יונגער, דערשלאָגענער האַלב־נאַר — לעם — דער בלומען־קנעכט, איז דער שומר פון זייער ליבע.

דערוויסען זיך דעם סוד די בייזע „פאַטער" און „מוטער" און ווילען די ליבע צעשטערען, דאָס גליק פון די יונגע פאַרטיליגען. שטייט אויף אַ קאַמף אין דער נשמה פון גאַאיל. אַ קאַמף צווישען איר ליבע צו גאַבּרי און איר ליבע צו איר היים, צו דער ערד, צו די בוימער און בלומען; די ליבע צו איר „פאַ־טער" און „מוטער"... אָבער, „זיסער פון די לאָקקעס פון אַ מוטער זיינען די לאָקקעס פון אַ מאַן" און זי אַנטשליסט זיך. זי וועט מיט גאַבּרי'ן גיין אַהין ווייט — דאָרט וועט ער אַ היים איר בויען. ער איז שטאַרק און זי וועט אים העלפען — ב י י ד ע וועלען זיי בויען אַ היים פאַר זייער ליבע און גליק. מיטנעמען וועלען זיי אָבער אויך דעם האַלב דערשלאָגענעם נאַר — לעם — און די „קליינע", דאָס אָרימע יתומה'לע, וואָס איז גאַבּרי'ן געבלי־בען פון זיינע פריינד. און אַלע פיר פאַרלאָזען דאָס הויז פון דעם בייזען „פאַ־טער" און „מוטער".

צווישען די בערג און טאָלען, אונטער דער אויפגייענדיגער זון, ביים פליסטערדיגען וואַסערעל, האָבען זיי אַן אָרט געפונען. אַט דאָ וועט זייער היים זיין און גאַאיל און גאַבּרי וועלען גליקלאַך זיין. דאָ וועט גאַאיל די קליינע ערציען. שיינע מעשיות איר דערציילען און וועט איר אַ מאַמע זיין. אַ מאַמע? ניין, דאָס קען זי ניט... שיינע מעשיות האָט די קליינע ליב, אָבער איר מאַמע איז געשטאָרבען; זי זעט זי נאָר אין חלום אין ווייסען אָנ־געטאָן — אַ מאַמע קען זי איר ניט זיין. אָבער אויב אַ מאַמע איז אַזוי טייער, פאַרוואָס האָט גאַאיל איר אייגענע מאַמע פאַרלאָזט? אַך, די קליינע פאַר־שטייט ניט: „זיסער פון די לאָקקעס פון אַ מאַמען זיינען די לאָקקעס פון אַ מאַן". און די ווערטער פאַלען צום ערשטען מאָל אויף דעם אויער פון דער „קליינער". גאַאיל איז גליקלאַך אין דער אידיליע פון איר ליבע, און אין דעם גליק פון איר פאַרשטייענדער מוטערשאַפט. זי אַליין וועט דעם ערשטען גראָ־בען ערד אויסגראָבען דאָרט, וואו זייער גליקלאַכע היים וועט זיין. און זי טוט אַזוי. און יאָרען גייען פאַראיבער. צען לאַנגע יאָר.

דאָס הויז איז פאַרטיג — מיט מי און ליבע געבויט. פינף „פּופּקעלאַך" זיינען דאָ אין דער ליבע געבוירען געוואָרען — פינף הינדעלאַך און הענדע־לאַך איז די קוואַטשקע דאָ אויסגעזעסען — און ווי גליקלאַך קוואַקטשעט דאָ און פלאַטערט דאָ די פאַרהאָרעוועטע גאַאיל אַרום איר ליבער היים. נאָך די לעצטע ברעט וועט זי צושלאָגען. און יום טוב וועט זיין, און ליכט וועלען ברענען, וויין וועט זיך גיסען, טרינקען וועט מען און יום־טוב'ען דאָס חנוכת־

הבית. אָבער די קליינע איז אויסגעוואַקסען... דער דערשלאָגענער האַלבער נאַר, לעם, איז קלוגער געוואָרען. ער אויך וויל ליבע געניסען... ער וויל די קליינע... היט זי אָבער גאַברי פון זיינע לאַסקעס, היט זי פון זיינע קו־שען. זי האָט עס שוין לאַנג באַמערקט... און זי וויל ניט לעמ'ס לאַסקעס... און...

עס יום־טוב'ט זיך. ליכטיג איז און ווייִן טרינקט מען. טאַסטען האַלט מען — פרייד און גליק פילט איבער גאַאיל'ס האַרץ. אָבער נאָר גאַאיל'ס... לעם האָט זיין האַרץ־וואונש ניט דערגרייכט און איז ברוגז... ער גייט שלאָפען. און אויף דער „קליינער" און גאַברי'ן האָבען שוין די צוקונפטיגע געשעעענישען זייער שווארצען שאָטען געוואָרפען. גאַאיל ווערט מיד, מיד פון דער שווערער אַרבעט און איבערגעפילט מיט ליבע און גליק, אפשר אויך מיט ווייִן. זי וועט זיך צולייגען אויף אַ מינוט, אָפּרוען, איינשלאָפען. גאַברי וועט אויף אַ מינוט פריי ווערען פון איר גרויסער, ריינער ליבע און די זעלע, וואָס האָט זיך יאָרען לאַנג געשלאָגען אָנמאַכטיג צווישען דער ריינער ליבע פון גאַאיל און דער ליידענשאַפט און לוסט צו דער „קליינער", וועט זיך איין דעם מאָמענט פון פרייהייט איינגאַנצען דער ליידענשאַפט איבערגעבען.

די קליינע איז שוין אויסגעוואַקסען און פילט, אַז „ליבער ווי די לאַסקעס פון אַ מאַמען זיינען איר די לאַסקעס פון אַ מאַן". און זי וויל די לאַסקעס — זי גאַרט נאָך זיי; גאַברי האָט זיי אין איר געררייצט, ווען ער האָט זי, שוין אַ דערוואַקסענע, נאָך אַלץ ווי אַ קינד אויף זיינע קני געלאַשצעט און האָט זי מיט פּאָטער־ליפּען געקושט. אי זי, אי ער האָבען אין די קושען אנאַנדער טעם געפילט... ניט אומזיסט האָט ער זי פון לעמ'ען געהיט. און איצט, ווען גאַאיל שלאָפט, זידען די ליידענשאַפטען, ברויזט די לוסט... „צעדריקט" וויל די קליינע ווערען אין זיינע אָרעמס. „אין דרויסען" וועלען זיי גיין — און „זאָל די קליינע האָבען וואָס זי וויל..." אין זיין ווילדער לוסט — כאַפּט זי גאַברי אויף די הענט און...

דעמאָלט וואַכט גאַאיל אויף. ווי אין אַ בליץ האָט זי דעם אמת דער־קענט. זי ווייסט, אַז זי האָט גאַברי'ס ליבע פאַרלוירען. ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? דאָס האָט דער דיכטער פאַרפעלט אונז צו ווייזען. ער דערציילט עס אונז נאָר אין די פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען פון גאַברי דאָרט הינ־טער די קוליסען, זינט די „קליינע" איז גרויס געוואָרען.

און גאַאיל ווערט פּלוצלונג ניט מער די פאַרקערפּערונג פון איר גרוי־סער, ריינער, הערלאַכער ליבע פון דער מוטערשאַפט און היים און דאָס איינ־געזעסענע גליק פון מענשען; זי ווערט גאָר דער בלאַסער סימבאָל פון אַ דערהויבענער זעלע... זי וועט גאַברי'ן זיין ליידענשאַפט ניט שטערען. כמעט אָן קאַמף צעברעכט זי איר היים; נעמט אירע ק ל ע נ ע ר ע קינ־

דער מיט זיך און גייט צו איר פּאַטער. זאָל גאַברי זיין גליקלאַך; און די „קליינע" — די פֿאַרקערפּערטע, רייצענדיגע לוסט און ליידענשאַפֿט טריומ־פירט. אויף לאַנג? אַך, ניין!...

גאַברי און די „קליינע" זיינען גליקלאַך, נאָר מאָמענטענווייס — ווען די ליידענשאַפֿט באַפרידיגט זיי. די קליינע פילט, אַז גאַברי האָט זי ניט ליב — אַז זי זעטיגט נאָר זיין לוסט. גאַברי פילט, אַז ער איז ניט גליקלאַך. יענע ריינע, צאַרטע ליבע גאַאיל'ס אַנטפּלעקט אים איצט איר גרויסע צניעות'דיגע נשמה — דאַכט זיך, ער רופט זי אין זיין זעלע... שטילערהייט...

און גאַאיל קומט: זי קומט נאָך אירע עלטערע קינדער... די קליינע האָט שוין פֿאַרלוירען איר רייצענדע מאַכט איבער גאַברי'ן — ער וואָגט זיך אָבער ניט אומצוקערען. זיין נשמה איז צו קליין צו דערהויבען זיך מיט אַמאָל צו דעם צו וואָס דער דיכטער האָט אים באַשטימט און ער פּלאַנט צו פֿאַרלאָזעןביידען... גיין וועט ער אין דער וועלט אַריין — „אויס־שטורמען" זיך, „אויסלעבען" זיך. און ווען ער וועט אַלט ווערען? וועט ער זיך אומקערען צו איינער פון די ביידע... אָבער די קליינע וועט אים ניט אַריינלאָזען; זי — דער סימבאָל פון לוסט און ליידענשאַפֿט, דאַרף ניט קיין אויסגעלעבטע. אָבער גאַאיל? אָ, זי וועט זיך ערשט איצט נעמען צו דער אַרבעט — היטען וועט זי די היים און ווען ער וועט צוריקקומען, וועט גרייט זיין זיין שטול — זיין בעט געבעט... די זיסע, ליבע קוואָטשקע — קוואָק־טשעט ווידער איבער איר היים.

די קליינע גייט אַוועק... וואָס האָט זי דאָ צו טאָן? און גאַברי קוקט מיט „באַוואונדערונג" און „התפּעלות" אויף גאַאיל'ן; דאַן פאַלט ער צו אירע פיס און „קושט דעם זוים פון איר קלייד" — ניט אומזיסט פֿאַרענדיגט גאַאיל דאָס גאַנצע, אומקוקענדיג זיך אויף דעם קניענדיגען גאַברי, מיט די שיינע, קלוגע ווערטער: „מיין אַלטינקער", „מיין אַלטינקער"; זי ווייסט, אַז זיין סטראַשונאַק צו גיין אין דער ווייטער וועלט אַריין זיך „אויסשטורמען" און „אויסלעבען", איז געווען אַ פּוסטער קלאַנג. אַזוינע ווי ער זיינען קנעכט — אויסגעשטורמטע און אויסגעלעבטע — אייביגע קנעכט צו איר גרויסער ליבע...

אָט דאָס איז די שיינע דראַמאַטישע פּאָעמע „גאַברי און די פרויען". עס איז דאָס ליד, וואָס דער דיכטער האָט געזונגען דער צניעות'דיגער ליבע — דער מוטערשאַפֿט, דער היים און דעם איינגעזעסענעם גליק פון'ם מענשען. אָבער אירע האַלב־סימבאָלישע און האַלב־רעאַלע טיילנעמער טוען דאָך נאָר דאָס וואָס דער ראָמאַנטישער גרונט־מאָטיוו פון דעם ליד און דער דיכטער אַליין באַפעלען זי. אַזוי ווערט גאַאיל די פֿאַרקערפּערונג אָדער דער סימבאָל ניט נאָר פון

ריינער, צאַרטער ליבע, נאָר פון אַלדאָס בעסטע אין דער מענשלאַכער זעלע — אביסעל שוין צופיל אָן צו גוט פאַר אַ רעאַלען מענשען; און די אומשולדיגע „קליינע" ווערט, אַן אַ פאַרוואָס, די פאַרקערפּערונג אָדער סימבאָל פון פאַרפּי־רערישער לוסט און ליידענשאַפט און איז דאָך פּ ס י כ י ש מענשלאַך אומ־שולדיג אין איר דערוואַכונג און אין דעם באַגער צו באַפרידיגען אירע ליידענשאַפטען. און אַזוי צווייען זיך די איינצעלנע טיפּען אין טייל מענש און טייל סימבאָל, ווי עס צווייט זיך דאָס גאַנצע פון אָנהויב ביז דעם סוף פון דעם חנוכת הבית, אין אַ זעלטען שיינעם, כמעט אינגאַנצען רע־עלען, אידילישען טרוים פון ליבע, מוטערשאַפט און גליק, און פון דעם סוף פון דעם חנוכת הבית ביז דעם סוף פון דעם שטיק — אין דעם כמעט אינגאַנצען סימבאָלישען קאַמף פון ליבע און ליידענשאַפט. דאָך שאַדט עס ניט דעם קינסטלערישען גענוס פון דעם גאַנצען, דערפאַר, וואָס דער קינסטלער האָט פאַרשטאַנען צו פאַרקערפּערען דעם ראָמאַנטיזם פון דער שיינער פּאָעמע אין רעעלער האַנדלונג פון לעבעדיגע מענשען און ווען מען פאַרגינט זיך אויף אַ ווײַלע צו פאַרגעסען אָן דער סימבאָליק פון „גאַברי און די פרויען", שפּילט זיך אָפּ פאַר די אויגען אַ קינסטלערישע דראַמע פון אידילישער ליבע אין איר קאַמף מיט דער ליידענשאַפט.

צו דעם קינסטלערישען ערפאָלג האָט זייער פיל בייגעטראָגען די קינסט־לערישע רעזשי פון העך יהושע גאָרדאָן. דער רעזשיסער איז דער פלאַס־טישער, אָדער בויענדער קינסטלער פון דער בינע: די דראַמע איז זיין מוס־טער, זיין מאַטעריאַל. איז אָבער ניט נאָר דער שוישפּילער — דער ווידער־שאַפער פון מענשען און סימבאָלען — ניט נאָר די אויסערלאַכע דעקאָראַטיווע סביבה, נאָר אויך די אינערלאַכע אומבאַוועגלאַכע (סטאַטישע) און באַוועג־לאַכע (דינאַמישע) האַרמאָניע פון דער גאַנצער בילדלאַכער פאַרשטעלונג פון דער דראַמע; זיין לייוועגט — דאָס אָרט וואו ער בויט און מאָלט און מאָדע־לירט די בילדלאַכע פאַרשטעלונג פון דער דראַמע — איז די בינע, אָבער ניט די בינע אַליין; אויך די נשמה פון די צוקוקער איז זיין פעלד: אויף איר דאַרף ער קענען אָפּשפּיגלען די בילדלאַכע פאַרשטעלונג אַזוי, אַז זי זאָל זיך כסדר געפינען אין דער אילוזיע פון דער דראַמע. און דאָס האָט דער גאָרדאָן מיט קינסטלערישער פעאיקייט ביז אַ הויכען גראַד דערגרייכט.

ניט נאָר איז די גאַנצע דעקאָראַטיווע אויסשטאַטונג, מיט זעלטענע אוים־נאַמעם געוועזען שיין און קינסטלעריש, נאָר אויך דאָס גאַנצע אינערלאַכע בילד פון דער שיינער פּאָעמע האָט געוויזען די קינסטלערישע האַנט פון דעם רעזשיסער. דאָך, האָט ער ערנסטע פעלע פון עסטעטישען געשמאַק דאָ און דאָרט דורכגעלאָזט. האָט ער דען, למשל, ניט געפילט, אַז איינע פון די שענ־סטע סצענעס אין גאַנצען שטיק, די חנוכת הבית סצענע, איז כמעט קינסטלע־

ריש פאַרדאַרבען דורך דער לאַנגווייליקייט און באַנאַליטעט פון די באַנקעט־מאַסיגע טאָסטען און טאָסט־רעדעס, מיט גאַאיל אין דער טיפסטער פרייד פון איר האַרצען אַלס טאָסט־מייסטער? האָט ער ניט געקענט מיט דעם דיכ־טער זיך איינפאַרשטיין, אַז... טרינקען זאָל מען אָן אַ באַנקעט... אָדער טאָסט־רעדעס האַלטען... ניט גראָד אַרום טיש?... אָדער לעמ׳ס אויס־דרוק, זיי האָבען דאָרט „אַ גוטע צייט“ — וואָס איז פשוט ניט אידיש, נאָר אַ אידישע איבערזעצונג פון דעם ענגלישען „עי גוד טיים“... אפילו אויף דער זון זיינען פלעקען פאַראַן.

אויך די יונגע קינסטלערישע אַמביציע פון דער גרופע יונגע קינסטלער האָט פיל בייגעטראָגען צו דעם ערפאָלג פון דער „נייע בינע“. יעדער פון זיי האָט געלייסטעט דאָס בעסטע. די טאַלאַנטפולע מאַדאַם שניצער האָט ערטער־וויים פאַרטרעפלאָך געשפילט; פריילין קאָרנשטיין — דורכאויס גוט. הענרי שאַכט, יחיאל גאָלדשטיין, לואיס וויסבערג — האָבען דאָס בעסטע געלייס־טעט. מען דאַרף ניט איבער־קריטיש זיין. מיט אונזערע אַלטע דרעסירטע קינסטלער וואָלט מען קיין צענט־חלק ניט דערגרייכט — זיי וואָלטען זיך ניט לאָזען בייגען. דער גרויסער וואונש וואָס באַזעלט די יונגע פרויען און מענער, צו העלפען באַשאַפען אַ קינסטלעריש אידיש טעאַטער — איז זייער בעסטער אַטעסטאַט, איז זייער גרעסטער לויב.

און לאָמיר האָפען, אַז די צייט פאַר אַזאַ קינסטלעריש טעאַטער איז שוין געקומען. עס איז שוין לאַנג צייט... לאַנג צייט...

„דאָס נייע אידישע טעאַטער“ אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען

דאָס איז געווען פאַר־אַ־יאָרען, ווען הער מאָריס שווארץ, פון דעם אויר־ווינג פּליים טעאַטער, מיט דער הילף פון דעם יונגען קינסטלער יעקב בן־עמי און אַ יונגער קינסטלערישער שוישפּילער־געזעלשאַפט, האָבען אָנגעהויבען אַ ניי בלאַט אָדער, אויב מען וויל, אַ נייע עפּאָכע אין דער אידישער טעאַטער־קונסט. די נייע עפּאָכע איז ניט געווען ווי אַמאָל, מיט העכער פינף־און־צוואַנציג יאָר צוריק, ווען יעקב גאָרדין איז געקומען צום אידישען טעאַטער און האָט מיט זיין גרויסען דראַמאַטישען טאַלאַנט געאַרבעט און געשאַפען, געליטען און געבויט און איבערגעבויט דעם גאַנצען בנין פון דעם דעמאָלטדיגען שונדישען אידישען טעאַטער און האָט ניט נאָר אריינגעטראָגען דעם אינהאַלט פון דעם רעאַלען אידישען לעבען פון זיין צייט אין דער אידישער דראַמע, נאָר האָט נאָך די גרויסע אידישע שוישפּילער, וועלכע האָבען זיך דעמאָלט צו דער מדרגה פון פּאָיאַצען, מיט טאַצען און גלעקלאַך אראָפּגעלאָזט, צו זייער ווירדיגער הויך ווידער דערהויבען.

די איצטיגע נייע עפּאָכע איז באַשטאַנען אין דעם וואָס יונגע, אַמביציעזע שוישפּילערישע קרעפטען, מיט אַ נייעם באַגריף וועגען דעם וואָס דאָס אידישע טעאַטער דאַרף זיין, האָבען באַשלאָסען אַ פּראָבע צו מאַכען און ארויסרייסען דאָס אידישע טעאַטער פון דעם שונד אין וועלכען ער איז ווידער איינגעזונקען זינט יעקב גאָרדין׳ס טויט און אויפפירען אויסשליסלאַך ליטעראַרישע דראַמען. אָבער ביי די לייטענדע גייסטער פון די יונגע שוישפּילערישע קראַפטען און פון דער גאַנצער משפחה פון די אינגערע אידישע דיכטער, שריפטשטעלער, דראַמאַטורגען, מאָלער און קינסטלער, וועלכע באַגייסטערען זיי, ווייזט־אויס, זיינען שאָו׳ס „מרס. וואָרען׳ס פּראָפעשאָן“, ווייילד׳ס נישטיגע דענדישע דראַמעס, אַנדרעיעוו׳ס שלעכטע פּיעסען און אַפילו „שמשון און דלילה“ — אַ געמיש אוים דעם דענישען, פון פּאָעזיע, רעאַליזם, סימבאָליזם, אַ מעלאָדראַמאַטישע רעוואָלווער־סצענע און גלאַט שונד מיט אַ פּעטשאַט פון סטאַניסלאַווסקי׳ס קונסט־טעאַטער — עכטע דראַמאַטישע ליטעראַטור און עכטע דראַמאַטישע קונסט, און יעקב גאָרדין׳ס דראַמעס זיינען שוין ניט קיין דראַמאַטישע קונסט. מילא, אין דעם קענען זיין חלוקי דעות. יעקב גאָרדין, ציענדיג און שלעפּענדיג דעם עולם און אַפילו די קינסטלער צו דער הויך פון זיין באַגריף פון לעבען, צו זיינע עטישע און עסטעטישע באַגריפען, פלעגט זיך דערלויבען לעבענס־טרייע קאָמפּראָמיסען אַפילו ביז מע־

לאַדראַמאַטישען שאַרזש, אָבער מער ווי אַלץ פּלעגט ער זיך דערלויבען אַ פריידיג — אַ פריידיג פון זיינע ליבטיגע אידעאַלען.

די קונסט — די עכטסטע קונסט — שאַפט. אָדער זי שאַפט איבער דאָס לעבען — דאָס רעאַלע לעבען — אָדער איין מאָל אין אַ לייזנגערער עפּאָכע שאַפט זי ע פּ ע ס נייעס וואָס באַנייט דאָס לעבען. און ווען די קונסט און דער קינסטלער שאַפען ע פּ ע ס נייעס וואָס באַנייט דאָס לעבען — פריידיגען זיי; מעג עס זיין ניט קיין מאָראַל, ניט קיין עטישער פריידיג, נאָר דער פריידיג פון אַ פרייערען גייסט און פריידיגען לעבען; מעג עס זיין פאַר העכערער באַגייסטערונג, פאַר שיינקייט און קונסט; מעג עס זיין דער פריידיג פון דעם „איך" פון דעם קינסטלער. יעדע קונסט — פריידיגט. אויב זי איז קונסט און כאַפּט־אַרום די נשמה פון איר געניסער, וואַרצעלט זי אין אים דעם פריידיג פון איר אינהאַלט. אַזוי זאָגען מיר צו די אינגערע קינסטלער.

* * *

אָבער ניט די איבערזעצונגען פון פרעמדע שפראַכען זיינען געווען דער הויפּט פון דעם באַגאַזש פון דער נייער קינסטלערישער געזעלשאַפט פאַר־אַ־יאָרען אין אוירווינג פּלייס טעאַטער. זיי זיינען אַרויסגעטראָטען אין פּרץ הירשביינ'ס צוויי־דריי קליינע, שיינע זשאַנר־בילדלאַך פון דעם איינפאַכען אַלטען אידישען דאָרפסלעבען אין רוסלאַנד, וואָס איז אונז תמיד אַזוי ליב און האַרציג־טייער, און האָבען כמעט אַן אָנשטרענגונג געוואונען דאָס גרויסע צוטרויען פון דעם אידישען פּובליקום. דער גרויסער אידישער עולם האָט באַלוינט דאָס „מענעדזשמענט" מיט אַ ברייטער האַנט און האָט באַוויזען, אַז ער איז רייף פאַר אַ בעסערער אידישער בינע און פאַר אַ קינסטלעריש טעאַטער.

יענע פּראָבע לעצטען סיזאָן האָט אויפגעטאָן צוויי גוטע זאַכען: ערשטענס האָט זי געלערענט די אַלטע „מענעדזשערס", אַז מען דאַרף זיך פאַרזאָרגען אויף היינטיגען סעזאָן מיט בעסערע פּיעסען, און צווייטענס, האָט זי באַוואויגען דעם גרעסטען טייל פון יענע יונגע טאַלאַנטפולע שוישפּילער, מיט סיליאַ אַד־לער און יעקב בן־עמי, זיך אָפּצוטיילען פון דעם אוירווינג פּלייס טעאַטער און מיט דער גרויסער אידישער שוישפּילערין בינאַ אַבראַמאָוויטש און די שוישפּילער רובין און פריעד און מאַדאַם שניצער, וואָס זוכט נאָך אַלץ איר קינסטלערישען תיקון אויף דער אידישער בינע,, אָבער וואָס האָפט אים צו געפינען אין דער קינסטלערישער סביבה און דער רעזשי פון דעם גרויסען קינסטלער הער עמאַנועל רייכער, און אָרגאַניזירען דאָס „נייע אידישע טעאַ־טער", אין מעדיסאָן סקוועד גאַרדען.

די ערשיינונג אַליין איז שוין געווען אַ פריידיגע. אַ גרופּע טאַלאַנטפולע, יונגע, אַמביציעזע אידישע שוישפּילער, אַז גליענדע שטערען אין זייער מיט

און אַן פאַרלאָשענע קאָמעטען אַרום זיי — ניט אין דער האָפענונג צו מאַכען שטיקער גאָלד — נאָר מיט דעם שטרעבען אויפצופירען די בעסטע ליטעראַרישע דראַמעס און אויך קינסטלעריש זיי אויפפירען אונטער אַ געניטער רעזשי און דער באַגייסטערטער דעקאָראַטיווער קונסט פון אַ יונגען אידישען מאָלער, הער פאַשקאַ, איז אַן־און־פאַר־זיך, ווי דער טייטש וואָלט געזאָגט, אַ לויבענווערטע ערשיינונג. עס איז באמת די ווייטערע אַנטוויקלונג פון יענער נייער עפּאָכע.

די נייע קינסטלערישע געזעלשאַפט איז אין דעם „נייעם אידישען טעאַטער" אויפגעטראָטען פאַר'ן געערטען פּובליקום און דער אידישער אינטעליגענץ אין פּרץ הירשביינ'ס „פּוסטע קרעטשמע". מיר זיינען אויף יענער פאַרשטעלונג געווען און האָבען אַלע אירע גוטע זייטען און אַלע אירע פעלערען געזען — מיר האָבען זיך ניט אָפּגענאַרט, ניט אין די ערוואַרטונגען פריער און ניט אין דעם וואָס מיר האָבען געזען אין טעאַטער, און מיר האָבען אַ פּאָר זייער אָנגענעמע שעה פאַרבראַכט.

וואָלט דאָך גוט געווען... ליידען מיר אָבער אַלע פון אַ גרויס אומגליק. יעדער שריפטשטעלער. יעדער דראַמאַטורג, יעדער מאָלער און קינסטלער — אַלע, אַלע, פון קליין ביז גרויס, פון די עלטסטע ביז גאָר די אינגסטע, טראַגען זיך אַרום מיט אַ באַליאַטשקע... און די „באַליאַטשקע" איז: ע ר — ניט יענער — איז דער ג ר ע ס ט ע ר פון אַלע. און זיי זאָגען עס אָפט און חזר'ן עס איבער אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט — און אויב זיי האָבען ניט דעם מוט עס צו זאָגען אין דער הויך, טראָגען זיי עס אַרום אויף דער שפּיץ צונג — ביז זיי האָבען אָנגעשטעקט אונזערע קריטיקער מיט נאָך אַ גרעסערער „באַליאַטשקע" און יענע גייען צו צו דער אידישער ליטעראַטור, צו דער אידישער קונסט און דראַמע, אַפילו צו דער נייסטער ערשיינונג פון אַ קינסטלעריש טעאַטער מיט אַזאַ מאַסשטאַב און מאָס פון פאָדערונגען, ווי עס פּאַסט זיך צוצוגייען צו די גרעסטע אין דער וועלט... און אָדער זיי לויבען אַן אַ מאָס אין לויב־געזאַנגען, וואָס זאָגען גאָרנישט, אָדער זיי פאַרדאַמען אַן אַ מאָס און אַנשטאַט צו טאָן דאָס ביסעל גוטס, וואָס די קריטיק דאַרף טאָן, אינטערפּרעטירען און דערמוטיגען דאָס גוטע און העלפען אַנטוויקלען דאָס גוטע, אַנטמוטיגען זיי עס און שיטען אָפט אַרויף אַ לאָפּעטע ערד אויף דעם יונגען בוימעלע, וואָס דאַרף די האַנט פון דעם ליבענדען גערטנער צו באַוואַסערען עס און פלעגען עס...

אַזוי האָבען אייניגע גוטע, ערלאַכע מענשען געטאָן, ווען יעקב גאָרדין האָט זיין קאַמף געפירט, און אַזוי וועלען מסתמא אויך איצט טאָן ערלאַכע גוטע מענשען, ווען דאָס „נייע אידישע טעאַטער" טוט זיין גרויסע אַרבעט, צו שאַפען אַ קינסטלערישע אידישע בינע. זייער אַרבעט — זייערע אַנאַליזען

און קריטיקען זיינען אפשר בארעכטיגט... מיר זאָגען „אפשר", ווייל, נאָך
אַלעמען, דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אַז ליטעראַרישע טעאַטער־און קונסט־
קריטיקען אין אַלגעמיין זיין פּערזענלאַבע — ריין סוביעקטיווע — איינדרוי־
קען און אַנזיכטען; און וואָס איינעם געפעלט ניט און פאַרגעניגט ניט, קאָן
אַנאַנדערען, ניט מיט ווייניג געשמאַק, פאַרשטענדעניש און מבינות, געפע־
לען און שאַפען פאַרגעניגען. און זיי מיינען עס ערלאַך און ערנסט אונזערע
קריטיקער; זיי זיינען גוטע קריטיקער, אָבער שלעכטע מוזיקאַנטען: זיי
כאַפּען ניט דעם טאָן פון דעם נגון וואָס לויבט אָדער טאַדעלט... אָדער זיי
פאָדערען פולקאָמענהייט אין אַלעמען, אָדער זיי זינגען שירים פאַר אַ פולקאָ־
מענהייט, וואָס איז אין דעם ווערק ניטאָ. מיר האָבען יאָרענלאַנג אַריינגע־
קוקט אין דער אַלטער רוסישער שריפט „טעאַטער אי איסקוסטווא", וואָס האָט
פיל די גרויסע רוסישע טעאַטער־קונסט באַשריבען און קריטיקירט; מיר האָ־
בען יאָרען־לאַנג געבלעטערט די אַלטע דייטשע פּראַכט־שריפט „נאָרד און
זיד", וואָס האָט פיל וועגען טעאַטער און קונסט געשריבען און געלערענט,
און מיר געדענקען ניט, אַז דאָרט זאָל אפילו דער גרויסער אייראָפּייאישער
קינסטלערישער בינע, וואָס איז נאָך אַלעמען ניט פאַר די פאָלקסמאַסען גע־
שאַפען, נאָר פאַר דעם אינטעליגענטערען אייראָפּייאישען פובליקום, אַזוי
פיל פאָדערונגען פון פולקאָמענהייט געשטעלט ווערען אויף איין מאָל, ווי
עס האָט געשטעלט אונזער ליבער פריינד י. ענטין, אין דעם „אידישען קעמ־
פער", דעם „נייעם אידישען טעאַטער".

אום גאָטעס ווילען, ווי קען מען עס פאָדערען? פולקאָמענהייט אין דעם
שפּיל, פולקאָמענהייט אין דער רעזשי און פולקאָמענהייט אין קינסטלערי־
שען שפּילען... און מיר האָבען זיך געטראַכט: אַ קאָלעגע פון „טאָג" האָט
אָנגערופען „דאָס נייע אידישע טעאַטער" — „דאָס טעאַטער אָן רחמנות".
מיר זיינען זיך מודה, אַז פאַר אונז קלינגט דער נאָמען אַביסעל באָמבאַסטיש;
פיל רואיגער האָט אים כאַראַקטעריזירט ה' רייכער אַליין פון דער בינע: ער
ווייס, האָט ער געזאָגט, אַז טעכניש איז די אויפפירונג נאָך ניט פולקאָם, אָבער
אין גאַנצען גענומען, האָט ער באַטאָנט: „האָבען מיר אייך געגעבען דאָס
בעסטע, וואָס מיר האָבען"... און אַזוי איז עס: „דאָס נייע אידישע טעאַ־
טער" איז אין קינסטלערישען זין — „דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבען". און די
אויפגאַבע, אַפילו פון דעם ערלאַכסטען רעצענזענט און קריטיקער איז
ערפילט, ווען ער ווייזט אָן אויף די פעלערען, וואָס קאָנען אויסגעבעסערט
ווערען און אינטערפּרעטירט פאַר'ן עולם דאָס גאַנצע, כדי ער זאָל בעסער
קענען שעצען דאָס קינסטלערישע און מאַכט אַז ערנסטען און ערלאַבען פאַר־
זוך צו דערהויבען דאָס אידישע טעאַטער.

„איינזאַמע מענשען“ — „טביה דער מילכיגער“
דזשעני וואַליער

דין.. דין.. דין!.. קלינגען מיר נייע קלאַנגען פון דער אידישער בינע אַראָפּ.

ווי די שאַרפע, לויטערע קלאַנגען פון נייע גלעקער — געגאָסען פון מייס־טער הענט — שפּרייטען זיך די נייע קלאַנגען אויס צו מיר פון דער בינע — ממש איך הער זיי, ממש איך פיל זיי — דאָ ברייט און ברייטער, דאָ איינג און איינגער קלעפּען זיי זיך, גיסען זיך איבער פון קלאַנג צו קלאַנג — קלינ־גען זיי אַ גלאָקען־געזאַנג...

און איך פאַרקוק זיך אויף אַ קינסטלעריש אויסגעשטאַט ווינקעל פון דער בינע אין טעאַטער, און ווי בליצען פלאַמען אויף די געדאַנקען. יאָרען און יאָרען איז דאָס אידישע טעאַטער אַ באַלאַגאַן געווען; יאָרען און יאָרען האָ־בען אידישע בינען־קינסטלער צעביטען זייער טאַלאַנט אויף פורים־שפּילע־ריי... איז אַ שטאַרקע האַנט פון אַ לערער און קינסטלער געקומען און האָט דאָס אידישע טעאַטער פון דעם באַלאַגאַן אַרויסגעשלעפּט; האָט די בינען־קינסטלער דעם וועג צו דעם טעמפּעל פון דער קונסט געוויזען און האָט דאָס לעבען אויף דער בינע געבראַכט, אַ וואונדערלאַכע גאַלעריע פון מענשען און טיפּען געשאַפען: מירעלע אפרת, עטעניו פרידלענדער, סאַפּיע פינגערהוט און נאָך און נאָך... און הערשעלע דובראָוונער און צלאל ראַפּאָפּאָרט און חצקעל דראַכמע, און מאַטיוס פינגערהוט און נאָך און נאָך...

איצט שפּילט מען הויפּטמאַנ'ס „איינזאַמע מענשען“ אויף דער אידישער בינע אין „נייעם אידישען טעאַטער“. די גרופּע יונגע קינסטלער שטרייבגען אָן זייער ערנסטען ווילען איבערצושאַפען דאָס לעבען — די פריידען און די ליידען — פון פרעמדע מענשען און אַ פרעמדער סביבה — דאָס לעבען פון דער קליינבירגערלאַכער דייטשער פאַמיליע וואָקעראַט, אַזוי ווי הויפּטמאַן — אַ ז ו י ווי נ אָ ר הויפּטמאַן — האָט עס געקענט אין לעבעדיגע מענשען אין רעאַלע האַנדלונגען פאַרקערפּערען און באַשאַפען. איך בין ניט אַנט־ציקט פון דעם געבוי פון דער דראַמע „איינזאַמע מענשען“, ווי די קריטיקער זיינען. זי איז איינע פון די סאַמע ערשטע דראַמאַטישע דיכטונגען פון דעם גרויסען דראַמאַטורג און דיכטער און איז ערטערוויים צעצויגען און לאַנג־זאַם, און ערטערוויים קאַליידאָסקאָפּיש אָנגעפּיקעוועט מיט בילדער, סיטוא־ציאָנען און האַנדלונג מער ווי צופיל... אָבער... אַט וויקעלט זיך פאַר מיר פאַנאַנדער דאָס רואיגע פרידלאַכע לעבען פון דער בירגערלאַכער פאַ־

מיליע. שוין פון די ערשטע פרײדיגע און גליקלאַכע מאָמענטען, װאָס קומען אין דער פאַמיליע מיט דעם נײ־געבוירענעם עופה'לע, פיל איך זיך אומרואיג. איך װײס, אַז אויף דער קלײנבירגערלאַכער פרײד, אויף דעם קלײנבירגער־לאַכען גליק אין לעבען ליגט שוין דער צעשטערענדער גורל פון אַ טיפער דראַמע, װי בײ הויפּטמאַנ'ען — אַ טיפע שטילע דראַמע פון אינערלאַכער גײסטיגער פאַרפאַרעמדונג פונ'ם „אײנזאַמען מענשען" — יאָהאַנעס װאָקעראַט — דער זון פון דער פאַמיליע — פון זײנע אײגענע, פון זײנע ליבע — פון דער גאַנצער קלײנבירגערלאַכער װעלט... אָבער דאָ אויף דער בינע, אין דער פאָרשטעלונג פון דעם קינסטלער בן־עמי און װאַרשײנלאַך אויך אַ דאַנק דער רעזשי, איז יאָהאַנעס װאָקעראַט ניט דאָס — ער איז אַן אומרואיגער, אימ־פולסיװער גײסט — אַנאַנדער יאָהאַנעס װי דער װאָס איך האָב ביז איצט פאַרשטאַנען.

און איך װאונדער זיך: װי עלאַסטיש איז די אינטערפּרעטאַציע פון דער זעלע פון דעם מענשען אין דער בינען־קונסט!... יאָהאַנעס, האָב איך פאַר־שטאַנען, האָט געבראָכען מיט זײן פאַמיליע, מיט דעם קלײנבירגערטום — יאָ, מיט דער גאַנצער אַלטער װעלט, צוליב דעם נײעם גרויסען ליכט פון װיי־סען, װאָס האָט זײן פאַרשטאַנד באַלױכטען און האָט אין אים געװעקט אַ נײע דערקלערונג פון װעלט און לעבען. ניט אומזיסט איז ער געװען דער תלמיד פון דאַרװין און העקעל... ניט קײן קינסטלער איז ער, נאָר אַ דײנ־קער; ניט קײן מענש פון אויפפלאַמענדע אימפּולסען, ברױזענדע געפילען און שטורעם־עמאָציאָנען, נאָר פון רואיגען אינטעלעקט און ברײטען װיסען. װען ער לײדט, איז אויפגערעגט און בײז, איז ער דאָך דער דײטש פון װיסען און געדאַנק און קלײנבירגערטום פון ירושה אין דער זעל; ער לײדט און בײזערט זיך — אָבער ער איז דאָך ליב און מילד געשטימט װי דער מענש פון טיפען געדאַנק און ברײטען אינטעלעקט און ניט װי דער מענש פון שטאַרקע געפילען און רעגענדע עמאָציאָנען און צװישען די בײדע גײסטיגע קאָמפּלעקסען איז אַ גרויסע נפקא מיניה.

אָט שלאָגט ער זיך מיט דעם געפיל פון ליבע צו זײן מוטער און רחמנות צו זײן לײדענדער פרוי און דעם װילען צו צערײסען יעדען בלוט־באַנד מיט זײנע נאָענטסטע און ליבסטע אין זײן גרויסען גײסטיגען שטרעבען אַרױס־צובריינגען דאָס טיפסטע, דאָס אײנציגסטע פון זײנע געדאַנקען און דערקלע־רען די װעלט און דאָס לעבען אויף דאָס נײ. איך פיל אַמאָל מיט אים און אַמאָל מיט זײנע קרבנות... אָבער, תמיד איז פאַר מײנע אויגען יאָהאַנעס דער דײנקער, יאָהאַנעס דער געלערנטער — דער מענש פון הויכער אינטע־ליגענץ... אָט פילט ער זיך נאָר געשטימט צו דער גרויסער אויפגאַבע פון זײן לעבען, װען די רוסישע קורסיסטקע — מאַהר — איז לעבען אים. זי איז

דער סימבאָל פון דעם נייעם גייסט — פון זיין גייסט — פאַרקערפּערט אין דער פרוי. זי — האָט הויפּטמאַן אליין, ווי אַ לעבעדיגען מענשען, קיינמאָל ניט געזען; ער האָט זי ווי אַ לעבעדיגען מענשען ניט געמאָלען; ווען ניט, האָט דער גרויסער מייסטער פון דער מאָלעריי פון לעבעדיגע מענשען, אין איר, זיין באַרוף פאַרפעלט... אָבער ניין, זי געהערט גאָר צו דעם טיפּ פון פאַרקערפּערטע פּרויען־גייסטער, וואָס זיינען דעמאָלט אין דער דראַמאַטי־שער דיכטונג אין דער מאָדע געווען; זי געהערט צו דעם טיפּ הילדא אין איבסענ'ס „מייסטערבילדער", אָדער בעסער נאָך, צו דעם טיפּ אירינאַ — די רוסישע מאָדעל פון דעם סקולפּטאָר אין „ווען מיר טויטע דערוואַכען". פרוי ווי זי איז, באַפּרוכטעט פון דעם גייסט פון דעם דיכטער, קינסטלער אָדער דיינקער, איז זי דער סימבאָל פון דער געבורט פון דעם געשאַפענעם — דורך איר ווערט דאָס געשאַפענע געבוירען. גייט זי אָבער אוועק; טוט זי זיך אָפּ פון דער זעל פון דעם שאַפער, איז פאַר אים נאָר איין זאַך — דער טויט. אָבער אַנאַנדער יאָהאַנעס האָט בן עמי געשאַפען — ניט דעם טיף אינטעלעק־טועלען, נאָר דעם געפּילפּולען; ניט דעם רואיגען, נאָר דעם אימפּולסיוון; יאָ, כמעט דעם פאַרליבטען, ניט אין דעם גייסט, נאָר אין דער פרוי — אין דער קורסיסטקע; זיין יאָהאַנעס' טויט איז מער אַן אימפּולסיווער אַקט פון אַ פאַרצווייפעלטען. און איך האָב זיך געטראַכט: גוט איז געווים, וואָס די יונגע ערנסטע קינסטלער האָבען דעם ערנסטען ווילען די גרויסע מייסטער פון דער וועלט־דראַמע אויף דער אידישער בינע צו ברייננען, אָבער בעסער נאָך וואָלט געווען, ווען די יונגע אידישע קינסטלער — וואו זיי זאָלען ניט זיין — זאָלען זיך ווידמען דער אידישער דראַמע — דעם אידישען לעבען. עס איז זיי נענטער; עס איז אונז נענטער; עס איז נענטער צו אונזער עולם, נענטער צו אונזער פאָלק.

און איך בין געגאַנגען זען „טביה דעם מילכיגען" אין אורווינג פּליים טעאַטער.

„טביה דער מילכיגער" — יענער וואונדערבאַר־צוזאַמענגעזעצטער טיפּ פון דעם פּראָסטען, ערלאַכען, קלוגען אידישען בעל־הבית — דעם דאָרפּי־שען אָדער שטאָטישען, — מישטיינס געזאָגט, פון דעם אידישען קליינבירגער, וואָס איך האָב נאָך אין די אינגעלשע און בחור'שע יאָרען באַגעגענט, וואו איך האָב זיך נאָר אַ קער געטאָן — ווער האָט זיי דען ניט באַגעגענט? — און וועלכען מיר אַלע האָבען שפּעטער מיט אַזאַ ליבע געטראָגען אין אונזער פאָרשטעלונג פון דער גרויסער שילדערונג פון „טביה דעם מילכיגען" פון אונזער גרויסען פאָלקס־דיכטער — שלום עליכם.

„טביה דער מילכיגער", וואָס איז נאָך ערשט מיט אַ פּאָר צענדליג יאָר צוריק געווען די גרויסע מערהייט פון אונזער פאָלק און איז איצט, אויף

די ברייטע בלוטיגע וועגען פון דער צעווילדעטער איראָפּע דער שוצלאָזער קרבן פון אוממענשלאַכען האַס און טירישער פאַרפאָלגונג.

„טביה דער מילכיגער", וואָס אַפּילו פון צווישען דער געניאַלער שאַפונג פון אונזער גרויסען פאָלקס-דיכטער טיילט ער זיך אויס ווי דער פּערל טורעם פון זיין קעניגרייך.

אָבער ווען איך בין געזעסען אין טעאַטער און פאַר מיר האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקעלט דאָס לעבען פון טביה'ן אין דעם גרויסען דורכדרינגלאַכען שפּילען פון מאָרים שווארץ; ווען די געציילטע זיסע מינוטען פון פרייד אין דעם אידישען קליינבירגערלאַכען לעבען זיינען פאַרפלייצט געוואָרען מיט אַ ים פון ליידען און יסורים; פאַר'סמ'ט געוואָרען מיט דעם גיפט פון דער שלאַנג פון פאַרראַט און שמד, וואָס האָט גערויבט פון אים זיין אינגסטע און ליבסטע טאָכטער חוה, האָב איך, איינגעשטיקט פון די ליידען, געקוקט אויף דעם זיך אויפוויקלענדען לעבען און האָב בשום אופן ניט געקענט זיך באַפרייען פון אַן אינעווייניגסטען קלונג: טביה... טביה... נאָר טביה... אין די מינדעסטע דעטאַלען, מייסטערהאַפט געמאָלען, און אין די מינדעסטע דעטאַלען פון דעם קינסטלער אויף דער בינע, מייסטערהאַפט געשפּילט.

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז טביה'ס טראַגעדיע איז גאָר ניט אין דעם וואָס זיין טאָכטער איז אַנטלאָפען פון אים צום גלח; ניט אין דעם וואָס אין איר ליבע צום שייגעץ האָט זי זיך גע'שמד'ט. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס זיינען נאָר אינצידענטען, אין וועלכע דער גרויסער מייסטער פון פאָלקסטימלאַכקייט האָט ניט פאַרמאַגט קיין טראַגיזם ארייננצוגיסען, וואָס זאָל אויף מיין נשמה ווירקען; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די אינצידענטען זיינען נאָר „אַן פּאַסאַן" צו דער גרויסער טראַגעדיע פון „טביה דעם מילכינען". טביה'ס טראַגעדיע, האָב איך געפילט, און מיט מיר האָט עס, דאַכט זיך, געפילט דער גאַנצער עולם, ליגט פיל טיפער — זי ליגט אין יענעם ווייפולען צוזאַמענהאַנג פונ'ם צער פון אומצייליגע דורות, פון אומצייליגע שבת-צו-נאַכט'ן, ווען די שלוכצען און טרערען פון די מאַמעס אין די „גאָט פון אברהמ'ס" און די ניט-דערשטיקטע טרערען פון די טאַטעס, וואָס פאַלען אין די הבדלה-בעכערס, מישען זיך צונויף מיט די שבעה'ס אויף דער ערד נאָך די אומצייליגע אָפּגעריסענע, פאַרלוירענע לעבעדיגע טויטע...

גאָט, וואָסער אַ געוואַלטיגע טראַגעדיע אין דער נשמה פון אונזער פאָלק... און דער גרויסער מייסטער — האָב איך געפילט, — אפשר אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, איז זיך טריי געבליבען. דען וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט פאַר דעם גרויסען מייסטער פון דער פאָלקסטימלאַכקייט אַן אינצידענט פון שמד, וואָס האָט שוין אין היינטיגע צייטען אין דעם לעבען אַליין פאַרלוירען יעדען עלעמענט פון טראַגיזם. דער מייסטער האָט די טראַגיק

פון טביה׳ן געוועבט פון די אין בלוט און טרערען אויסגעוועבטע פּעדים פון דער פאָלקס־נשמה און דער קינסטלער מאָרים שוואַרץ האָט אָט די טראַגיק וואונדערלאַך אַרויסגעבראַכט.

סאַנטימענטאַליטעט ? ! . . . אומזין . . . פון דורות און דורות צונויפגע־לעגטען לעבען וועבען זיך ניט קיין טרערען־סאַנטימענטען, נאָר דער טרע־רען־עפּאָס. און זאָלען די אינגערע דורות — די פאַרפרעמדטע — און זאָלען שפּעטער די קומענדע דורות זען און פילען דעם טרערען־עפּאָס פון זייער פאָלק. פאַר מיר האָט זיך דאָ שוין טביה׳ס טראַגעדיע געענדיגט; פון מיינט־וועגען האָט חוה געמעגט ניט קומען צוריק. טביה׳ס לעבען איז סאַי ווי סאַי צעבראָכען; זיין נשמה איינגעוועבט אין דעם טראַגישען עפּאָס פון דעם פאָלק. פריער אָדער שפּעטער וועט אים אויך די „גראַמאַדאַ“ אַרויסטרייבען . . . אָבער וואָסער אַ באַטייט האָט אפילו דאָס אין אונזער מאַרטיר־לעבען ? . . . ער איז שוין פון יאָרטויזענטער געוואוינט צום וואַנדער־שטעקען. אָבער דער מייסטער האָט אַנדערש געוואָלט — טביה׳ן אינגאַנצען אַרויס־ברייננען, און מיט חוה׳ס צוריקער קומט ווידער דאָס ווייכע, דאָס רחמנות׳־דיגע — אפשר דאָס ליבענדע אין זיין נשמה. און דער שוישפּילער פאָלגט דעם מייסטער און אַ ווייכער רחמנות׳דיגער שטראַל באַלייכט דאָס פאַר־עלטערטע פּנים. און ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלען און איינער האָט מיר שטיל איינגערוימט: „וואָס דער מייסטער שרייבט ד ר אַ מ ע — איז דראַ־מע . . .“ האָב איך שטיל געטראַכט, אַז קיין קנעכט בין איך קיינמאָל ניט געוועזען אפילו צו דער קונסט און קינסטלער, איך האָב געענטפערט: ניין, שלום עליכם איז דער גאָניע פון אונזער פאָלקסטימלאַכקייט . . .

* * *

מיר זיינען געזעסען אין אורווינג פּליים טעאַטער און באַוואונדערט איר קונסט . . . „די טענצערין“ איז אַ שטורעם פון גרויסע קינסטלערישע כחות אין דער בינען־קונסט פון מאַדאַם וואַליער. די דראַמע איז אַ אידישע איבער־זעצונג פון דעם אונגאַרישען און האַנדעלט זיך אַרום דער טעמע: קונסט — ליבע — קונסט. די טענצערין — לאָלאַ, וואָס האָט שוין ניט איין ליבע גע־קענט, האָט נאָך אָבער קיינמאָל ניט געליבט. און ווען די ליבע דערוואַכט אין איר צו דעם יונגען לאַנד־באַזיצער — רעגט אויף אין איר ברוסט דער קאַמף צווישען דעם נייעם וואונדערלאַכען געפיל און דעם שטורמישען ווי־לען צו פאַרברענען הינטער זיך אַלע בריקען פון דער פאַרגאַנגענהייט. דער קאַמף איז אַ גרויסער, אַ פאַרצווייפעלטער . . . אָבער די אַלטע, גרויסע ליבע צו איר קונסט געווינט פּאַרט. און אין די ברויזענדע מאָמענטען פון קאַמף, ווי אין די שטילערע מאָמענטען מיט דעם געליבטען, ווייזט מאַדאַם וואַליער אַ וואונדערלאַך ברייטע גאַמע פון גרויסע דראַמאַטישע כחות אין איר קינסט־

לערישען באַזיץ. זי דריקט אויס אירע עמאָציאָנען און איבערגאַנגען מיט גרויסען קינסטלערלישען טאַלאַנט און קאָנטראָלירט וואנדערלאַך די אויס־דרוקען פון איר פּנים און אירע אויגען. ניט זעלטען פאַרכאַפּט פון דער גרויסער וואַרהאַפטיקייט פון איר שפּילען, לעבט איר איבער מיט איר די מאָמענטען פון איר לעבען. איר שטימע און דיקציע, אפילו אין אידיש — זי איז אַ קריסטין — די אינטאָנאַציע און איבערגאַנגען, זיינען פון אַ גרויסער געשולטער שוישפּילערין.

אַ סך זיינען די גרויסע סצענעס אין איר שפּילען, אָבער אייניגע טיילען זיך אויס ווי שטיקער קונסט־ווערק פאַר זיך אליין:

די פּרימאַרגענדיגע ליבעס־סצענע אונטער׳ן פרייען הימעל אויפ׳ן גראָז איז אַזאַ פאַרשייט, הײדעניש, ליריש קונסט־שטיק, וואָס טיילט זיך אויס ווי אַ שיין געזאַנג. אונזער עלטערען, צניעות׳דיגען עולם זיינען אַזעלכע ליבעס־בילדער פרעמד: די אינגערע — אפילו ניט פרעמד, אָבער באַהאַל־טען... פריי און אָפען זענען אַזעלכע ליבעס־סצענעס נאָר אין דער באַהעמע — אָבער ביי זיי זיינען אַזעלכע סצענעס גראָב און ציניש, אָפט פאַרגאַ־סען מיט אַלקאָהאָל און מיט די פאָלגען פון אַלקאָהאָל. ווי מאַדאַם וואָליער פירט זי דורך, איז זי היידעניש־פאַרשייט, אָבער ריין, קינסטלעריש און שיין — אַ סימפּאָניע פון ליבעס־עמאָציאָנען און נואַנסען.

מיט איר געליבטען אויפ׳ן לאַנד איז לאַלאַ׳ן לאַנג ניט באַשערט צו לעבען. ער איז גראָב און קליינבירגערלאַך — זי איז די גרויסע אַרטיסטין — די טענצערין. זי ציט אַהיים צו דער בינע, צו איר קונסט, און זי פאַר־לאָזט אים נאָך אַ ברוטאַלער סצענע... זי איז די הערשערין פון אַ גוואַל־דיגער סיטואַציע און אין דעם לעצטען ברוך מיט איר געליבטען, אין דער סצענע וואָס פאָלגט, אין דעם שטילען ציטער, וואָס כאַפּט זי אַרום, שטייט פאַר אייך אַ גרויסע קינסטלערין וועלכע מען דאַרף זען מער און מער צו קענען זי אָפּשאַצען אינגאַנצען. לאָמיר האָפען, אַז מיר וועלען נאָך האָבען די געלעגענהייט צו זען זי לאַנג צווישען אונז. לאָז זי זיין ניט נאָר אונ־זער שטאָלץ, זאָל די אידישע בינע אויך ווערען איר שטאָלץ.

פון דער אייראָפּייאישער בינע

דאָס שיקזאַלהאַפטע אין דער אַנטיקע און אין דער שעקספּירישער טראַגעדיע *)

.1

גלעקער וועלען קלינגען היינטיגען חודש כמעט איבער דער גאַנצער וועלט: גרויסע גלעקער און קלענערע; שווערע מעטאַלענע און דורכזיכטיג גלעזערנע. און אַלע אינאיינעם וועלען זיך צונויפגיסען אין אַ זיסער סימפּאָניע פון קלאַנגען.

און וואָלט דער קלאַנג ניט פאַרהילכט געוואָרען פון די קאַנאָנען־קנאַלען און דער פּעסט ניט פאַרשטערט געוואָרען פון די טרערען פון די אומגליקלאַכע און דעם טייוועל׳ס ווייראַד פון הרוגים אויף די שלאַכטפעלדער. וואָלט דער יום טוב נאָך גרעסער געווען.

די קולטורעלע מענשהייט וואָלט זיך פאַרפּוצט אין אירע בעסטע יום־טוב־קליידער און וואָלט אין דער עפענטלאַכקייט — אויף די גאַסען — אירע שענסטע הימנען געזונגען. דען עס איז דער דריי־הונדערט יאָריגער יום טוב פון דעם גרויסען סאָנעטען־זינגער און נאָך גרעסערען דראַמאַטורג — פון דעם דיכטער פון סטראַטפאָרד אַם אַוואָן. וויליאַם שעקספּיר.

און אַפילו מיר אידען, וועמען דער דיכטער האָט ניט איבעריג ליב געהאַט און פון וועמען ער האָט אָפט חוזק געמאַכט — מיר קהל׳ן זיך אויך, פרייען זיך, שרייבען. און טאַקע... ווי וואָלטען מיר — אַ פאָלק וואָס דינט אַפילו גאָט מיט דער התלהבות פון געצענדינער — ווי וואָלטען מיר אויסגעהאַלטען ניט צו דרייען זיך און טאַנצען און פּליעסקען אינאיינעם מיט דער גאַנצער קולטורעלער וועלט אין דעם קאַראַהאָד פון פרייד און ניט זינגען קיין שבחים דעם גרויסען גייסט — ווי וואָלטען מיר אויסגעהאַלטען ניט אַ בוק צו טאָן זיך דעם גרויסען דיכטער דראַמאַטורג, דעם אָפּגאָט פון דער קולטורעלער מענשהייט.

איך אָבער בין זיך מודה... וואָלט איך געווען געצוואונגען צו פאַרלירען זיך אין דעם כאָר פון דעם לויב־געזאַנג און שרייען הדד צוזאַמען מיט אַלע דעם גרויסען מייסטער, וואָלט איך זיך שטיקערהייט צוריק געצויגען אין מיין ווינקעלע און וואָלט קיין חלק ניט געהאַט אין דעם יום־טוב — ווייל עס ליגט ניט אין מיין טבע צו דינען געטער און בוקען זיך צו אָפּגעטער... בין איך עס אָבער ניט מחויב, יום־טוב איך מיר דעם גרויסען יום־טוב אויף מיין אייגענעם שטייגער: —

---

*) ערשינען אין דער „ווארהייט" (23טען און 30טען אפּריל און 7טען מאַי, 1916) בשעת דער גרויסער ענגליש־אַמעריקאַנער 300־יאָריגער שעקספּיר־פייערונג. אין דער איצטיגער אויסגאַבע ווערט דער ערשטער קאַפּיטעל בלויז עטוואָס אָפּגעקירצט. — י.. ע.

איך קוק נאָך אַמאָל אַריין דעם גרויסען מייסטער טיף אין די אויגען; בלעטער נאָך אַמאָל דורך זיינע אַלטע פאַרגעלטע בלעטער; מיש מיר ווידער דורך זיינע געשאַפענע וועלטען; און ווען איך זע אין זיי זיך אָפּשפּיגלען זיין גרויסע שאַפערישע פאַרשטעלונג, זיין טיפען פאַרשטאַנד פון דער מענשלאַכער נשמה. זיין קונסט צו מאָלען מענשען, בילדער — זאָג איך צו זיך: גרוים איז ער געוועזן — אודאי; אָבער די געוואַלטיגע גרויסקייט זיינע, ווי מיר זעען זי, ליגט ניט אין אים אַליין; זי ליגט אויך אין די שאַפערישע גייסטער פון די דורות וואָס זיינען נאָך אים געקומען, וואָס האָבען זיין יעדעס געשאַפען וואָרט איבערגעשאַפען; צו יעדען געשאַפענעם שטריך פון זיינע גרויסע מענשען־טיפּען זייערע שאַפערישע שטריכען צוגע־געבען; יעדעס געמעלד זיינס אין טויזענטער פאַרבען איבערגעמאָלט: אַזוי און אַזוי אים שאַפעריש פאַרשטאַנען; אַזוי און אַזוי אים שאַפעריש דער־קלערט און אים אין דער גרויסער און גרעסערער געשטאַלט אין דעם באַ־גריף פון די דורות דערהויבען.

דערפאַר זעען מיר אים גרעסער ווי ער איז געווען און ווי די גרויסע גייסטער פון זיין צייט האָבען אים געזען.

אים איז אויסגעפאַלען דער גורל פון יעדען שאַפערישען גייסט — פון יעדען גרויסען דיכטער און קינסטלער — מיט דער צייט און מיט דער שאַפערישער אומגעשטאַלטונג פון זיין קונסט דורך אַנדערע גאונישע קינסטלער, אַנדערש צו ווערען — אַנדערש און גרעסער. אָבער די אַנדערע גאונישע קינסטלער — די דיכטער און דראַמאַטורגען פון די דורות נאָך אים — האָבען ניט תמיד נאָר זיין גדולה פאַרגרעסערט און ניט תמיד נאָר אין זיין ליכט זיך געוואַרימט און געשיינט.

די נייערע דיכטער־דראַמאַטורגען האָבען זייער אייגענס געשאַפען, זייער אייגענס און נייעס. און כדי נאָך היינט צו קענען באַוואונדערען דאָס וואָס איז גרוים אין דער קונסט און דראַמע פון וויליאַם שעקספּיר מוז מען דאָס נייע קענען; מע מוז דעם גייסט פון אונזער גייסט — די מאָדערנע דראַמע — קענען, ווייל נאָר אין דעם ליכט פון אונ־זער אייגענס — פון אונזער גייסט — קענען מיר דאָס תמיד גרויסע און שאַצבאַרע אין די דראַמעס פון שעקספּיר'ן דערקענען און דאָס אַלטע, פאַר־וועלקטע און אָפּגעלעבטע אויסטיילען און פאַרוואַרפען.

וואָס, אַלזאָ, איז דער גייסט פון דער מאָדערנער דראַמאַטישער קונסט? וואָס האָבען אירע גאונישע דיכטער אַזוינס געשאַפען, וואָס אונטערשיידט זי פון דער אַלטער טראַגעדיע און פאַרעלטערט פאַר אונזער געשמאַק אפילו די גאונישע דראַמע פון דעם סטראַטפאָרדער גאון?

די אַלטע טראַגעדיעס פון די גריכען האָט באַהאַנדעלט דעם קאַמף פון

דעם מענשען קעגען דעם פּאַרויסבעשטימטען סדר פון דער וועלט: אַזוי און אַזוי איז די זיטלאַכע וועלט באַשאַפען געוואָרען; אַזוי און אַזוי זיינען אויסגעפּאַלען די מזלות פון די מענשען; זינדיגט אָבער דער מענש קעגען דעם סדר פון דער וועלט און דעם ווילען פון די געטער. — פּראָמעטעאוס, למשל, אין עסקילוס' טראַגעדיע, גנב'ט אַוועק דאָס פייער פון הימעל און ברייננגט עס צו די הילפלאָזע מענשען אויף דער ערד—עדיפּוס, דער קעניג אין סאָפאָקעל'ס טראַגעדיע, הרג'ט, ניט ווייסענדיג, זיין אייגענעם טאַטען און האָט חתונה מיט זיין אייגענער מאַמען. אָרעסט, אין יוריפּידוסעס טראַגעדיע, „עלעקטראַ" פאַרנאַרט זיין מאַמען, „קליטאַמערסטראַ", אין אַ פּאַסטקע און הרג'ט זי אויס נקמה וואָס זי האָט געטויטעט זיין טאַטען אַגאַמעמנאָן — און דאָס לעבען פון יעדען פון אָט די זינדער איז די שווערע טראַגעדיע פון מכפּר זיין אויף זיינע זינד. דער מענש אַליין איז דאָ ניט מער ווי אַ שפּילכעל אין דעם גוואַלדיגען שפּיעל פון די אויסערע קראַפטען — פון דער וועלט, די געטער, די מזלות — פון דעם פאַטום — וואָס געוועלטיגט איבער אַלץ, ער איז סוף כל סוף אָדער אַ קרבן פאַר זיינע זינד, אָדער, געריינגט און געלייטערט דורך די ליידען פון דעם לעבען, וואַרפט ער זיך אונטער אונטער זיין שיקזאַל און דערלעבט בשלום זיין איבעריג ביסעל יאָרען.

אַזוי האָט דער אַלטער גריך פאַרשטאַנען דאָס לעבען, אַזוי האָבען זיינע דיכטער־דראַמאַטורגען עס געזען און אַזוי האָבען זיי געשאַפען זייערע גרויסע טראַגעדיעס פון דעם עפּאָס פון זייער פאָלק.

אָבער אַפילו הונדערטער און הונדערטער יאָרען שפּעטער, ווען די אַנטיקע גריכישע וועלט מיט אירע געטער און מזלות איז פערשוואונדען געוואָרען פון לעבען, אַפילו דעמאָלט ווען די אייראָפּייאישע רענעסאַנס האָט באַלויכטען מיט איר וואונדער־ליכט דעם שאַפערישען גייסט פון דעם מענשען אין אַ פיבערהאַפטער אויפלעבונג פון וויסען און קונסט; אַפילו אין דער עליזאַבעטישער צייט אין ענגלאַנד אין סוף 15טען און אָנהויב 16טען יאָרהונדערט, ווען וויליאַם שעקספּיר האָט זיינע גרויסע ווערק געשאַפען; איז נאָך אַלץ ניט פאַרשוואונדען געוואָרען דעם באַגריף אַז אין גרונט פון דעם לעבען ליגט אַ פאַרויס באַשטימטער זיטליכער סדר פון דער וועלט אין וועלכען דער מענש און זיינע האַנדלונגען זיינען נאָר אַ שפּילכעל פון אויסערע קראַפטען — גוטע אָדער שלעכטע.

און אויך איבער דער גרויסער שעקספּירישער דראַמע שוועבט דער אַלטער גייסט פון דעם פאַטום, דעם שיקזאַל פון דעם מענשען, וואָס באַהערשט זיין לעבען און זיינע האַנדלונגען.

זיינען עס ניט די ליבע גוטע, שפּילערישע עלפען און פייעס — שרעטעלעך און וואַלד־נימפעס — וואָס שפּילען זיך אין לעבעדיגער שפּאַס־

האַפטיגקייט מיט די פאַרווירטע האַנדלונגען פון מענשען, ווי, למשל, אין דער וואונדער־שענער שעקספּירישער קאָמעדיע „אַ מיטזומער נאַכט'ס חלום", דאָן זיינען עס די בייזע גרויסע גייסטער פון מכשפות מיט צעפּאַטעלטע האָר און אויסגעשצירעטע ציין און מיד געזונקענע אויגען, וואָס מישען גיפט און פליען אין אַ זומפּ דורך דער לופט און דערוועקען די בלוטיגע לוסט פון הערשזוכט און זייערע פּאַלגען, — די גיהנמ'שע נשמה־פּלאָגען פון אַ „מאַקבעטה" און זיין „ליידי".

און עס איז ניט דער פאַרעווער „גייסט" פון דעם „קיניגליכען פאָטער" — דער סימבאָל פון פאַטאַלער גערעכטיגקייט, — וואָס פאָדערט נקמה פאַר די זינד געגען זיטלאַכען סדר פון דער וועלט, און הערשט אונבאַרמהאַרציג איבער'ן לעבען, האַנדלונגען און זעלען־שטימונגען פון דעם צעשוואומענעם, ווילענלאָזען האַלבען דיכטער, האַלבען אויבער־דענקער „האַמלעט", דעם בלייכען „פּרינץ פון דענעמאַרק", איז עס די כמעט אונבאַגרייפלאַכע מאַכט פון שיקזאַל, וואָס ברעכט די גוואַלטיג ריזיגע הערשער־פיגור פון דעם אַלטען „קעניג ליער" און בייגט אים צו אונטערטעניקייט און שלום מיט דעם פריער פאַרשטויסענעם, צניעות'דיגען, גוטען און גערעכטען. אומעטום, אין דער גרויסער שעקספּירישער דראַמע — ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דער מענש, ווי טיף און ברייט זיין נשמה, ווי טראַגיש זיין לעבען און האַנדלונגען, איז ער דאָך אַ שפּילכעל אין די הענט פון זיין שיקזאַל, אַ פאַטאַלער קרבן פון דעם פאָרויסבאַשטימטען סדר פון דער וועלט.

ניט אַזוי אין דער מאָדערנער דראַמע.

די מאָדערנע דראַמאַטישע דיכטונג געפינט די מאָטיוועו פון מענשלאַכער האַנדלונג, וואו זיי זיינען באמת — *אין דעם מענשען אליין, אין זיין נשמה*; און די דראַמע פון דעם מענשלאַכען לעבען איז נאָר דער *קאַמף פון דעם מענשען מיט די אומשטאַנדען פון לעבען; דער קאָנפליקט פון זיינע אייגענע נשמה דערשיטערונגען און זיינע אייגענע נשמה־שטימונגען*.

אויך די מאָדערנע דראַמע ווייסט, אַז דער מענש איז אָפט אַ *קרבן פון די אומשטאַנדען* פון דעם לעבען, זי ווייסט אָבער אויך, אַז דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל *די אומשטאַנדען זיינען* דער פאָרויס באַשטימטער *פאַטאַלער סדר* פון דער וועלט, קעגען וועלכען דער מענש האָט געזינדיגט און מוז מכפר זיין אויף זיינע זינד, נאָר דערפאַר ווייל אין זיין קאַמף קעגען די אומשטאַנדען פון לעבען איז דער מענש אָפט דער שוואַכערער; אָפט, אָבער ניט תמיד און ניט תמיד איז ער דער זינדיגער קעגען די אומשטאַנדען. אָפט זיינען *זיי גאָר די גרויסע זינדער* קעגען אים אפילו אין דעם קאַמף פון די

עלעמענטאַרסטע געפילען פון זיין נשמה — פון ליבע און האַס, קנאה און נקמה.

אַבער דער מענש האָט אַליין געשאַפען די אומשטאַנדען און אין זיין קאַמף קעגען זיי קען ער זיי איבערשאַפען.

אין דער מאָדערנער דראַמע, ווי אין לעבען איז דער מענש — זיינען די מענשען — די שאַפער פון זייערע אייגענע מזלות.

שוין אין מיטען פון לעצטען יאָרהונדערט, אין דער עפּאָכע פון אייראָפּייאישען ראָמאַנטיזם. האָבען זיך געוויזען סמנים פון דער נייער דראַמע; אָבער בלוט פון אונזער בלוט און גייסט פון אונזער גייסט איז זי ערשט געוואָרען מיט דער אַנטוויקלונג פון די גרויסע ווערק פון הענריק איבסען, גערהאַרד האופּטמאַן, סטרינדבערג און שניצלער און פון די גרעסערע און די קלענערע פראַנצויזישע און דייטשע דיכטער־דראַמאַטורגען אין די לעצטע פופציג יאָהר.

אַלע ווי איינער האָבען זיי אין זייער דראַמאַטישער דיכטונג געמאָלען דאָס לעבען: רעאַל, ראָמאַנטיש, אָדער סימבאָליש פאָרגעשטעלט די דראַמע פון דער מעשלאַכער זעלע אין איר קאַמף *זיך וואָרהאַפטיג אויסצולעבען און איבערצושאַפען דאָס לעבען*; אָבער אַלץ טאַקע דורך אירע אייגענע קראַפטען און אייגענשאַפטען און איר אייגענעם *ווילען* צו לעבען.

איז דען אַ חידוש, וואָס אונטער דער ווירקונג פון דער איינגעוואָרצעלטער מאָדערנער דראַמאַטישער קונסט, קענען מיר די גרויסע שעקספּירישע דראַמע איצט נאָר לייענען און גייסטיג באַוואונדערען — אָבער ניט פילען? דער גרונט פון די האַנדלונגען פון אירע גרויסע מענשען־טיפּען, ווי פאַרשטענדלאַך זיי זאָלען ניט זיין פאַר אונזער שכל, זיינען זיי דאָך פרעמד אונזער געפיל. מיר פאַרשטייען זיי, — מיר לעבען זיי אָבער ניט איבער.

2.

שעקספּיר און די מאָדערנע דראַמע

עס זיינען נאָך היינט דאָ מענשען, וואָס דערלאָזען גאָר ניט דעם געדאַנק, אַז שעקספּיר איז שוין טיילוויים פאַרעלטערט און אָפּגעלעבט: אַז אין זיינע גרעסטע מייסטערווערק, „אייביגע” טראַגעדיעס פון דער מענשלאַכער נשמה, איז דאָ אַ היבש ביסעל, וואָס איז דערווידער דעם מאָדערנעם קינסטלערישען געשמאַק.

פאַר יענע מענשען איז נאָך היינט יעדעם שעקספּיריש וואָרט אַ פּערל, יעדער זאַץ גינגאָלד, יעדע סצענע אַ שאַפערישער אַקט און יעדע דראַמע אַ וועלט מיט וועלטלאַך... און זיי געפינען שוין וועגען און אַרטען צו קליגען זיך אין דעם זין, איבער דעם גרויסען מייסטער.

וואָגט איינער אַנצואווייזען אויף דעם שונדישען ביי שעקספּיר'ען: וואָגט איינער אַ טייט צו טאָן אויף דעם אָפטען מיש־מאַש און פּלאָנטער פון פאַבעל און אינצידענט: אויף די בלוטיגע טאַטען און הרוגים, נויטיגע און אומנויטיגע, דערקלערבאַרע און אומדערקלערבאַרע: אויף די קונצען, שפּיצלאַך און פאַרטלען צעוואָרפען מיט אַ ברייטער האַנט איבער אַלע ווערק פון דעם גרויסען סטראַטפאָרדער דראַמאַטורג — פאַרהילכען הונדערטער קולות דעם אמת. און עס הייסט — דאָס שלעכטע, אַ „טיטוס אַנדראָניקוס”, למשל, האָט גאָר דער גרויסער שעקספּיר ניט געשריבען — דאָס האָט אַ „גוי” געטאָן און אַ מכשף האָט עס אויף זיין חשבון פאַררעכענט: דאָס איבעריגע אָבער — דאָס און יענעם — זיינען פּשוט די געוואַגטע העזה'ניקעס ניט מסוגל צו פאַרשטיין...

דאָך... דעם קריטישען געדאַנק פון דער נייער צייט האָבען אַזעלכע אומווירדיגע טענות ניט געקענט אָפּשטעלען, און עס מערען זיך, אין דער נייער צייט, די, וואָס האָבען אויך אין דער קונסט און אין דער דראַמע מיט'ן אַ"טען אינגאַנצען צעריסען: וואָס האָבען דאָס אַלגעמייז־מענשלאַכע און „אייביגע” אוניווערסעלע אין דעם לעבען און דער דראַמע אויסגעביטען אויף דעם אינטימען און רעעלען. און זיי ציט מיט אַלע כחות אפילו דאָס גרויסע, געניאַלע אין דעם סטראַטפאָרדער גאון מבטל צו זיין מיט אַ פעדער־שטריך. דאָס איז אוממעגלאַך...

דאָס ערשטע — די בלינדע פאַרגעטערונג און פוסטע פלאָפּלעריי איבער דער געטלאַכקייט פון שעקספּיר'ן — דערלאָזט ניט אונזער פאַרענדערטער באַגריף פון קונסט און קינסטלער. מיר זיינען פאַרט קינדער פון דער נייער צייט — דערצויגען אויף אַ קונסט און דראַמע פון רעעלע איבער־

לעבונגען — אַ סוביעקטיווע קונסט און דראַמע. דאָס צווייטע — מבטל זיין שעקספּיר׳ן מיט אַ וואָרט — דערלאָזט ניט דער גרויסער קינסט־לערישער אמת פון יעדער קונסט, וואָס דערציילט אונז, אַז אין די איבער־לעבונגען — אין די מענשען, אין די טאַטען און בילדער, וואָס דער קינסט־לער באַשאַפט — איז קינסטלעריש גרוים ניט דאָס איבערלעבטע פּערזענ־לאַכע אַליין, דאָס סוביעקטיווע, נאָר אויך, און אפשר גרעסער נאָך און דויע־רענדער, דאָס אַלגעמיינע, דאָס אַלמענשלאַכע, דאָס אָביעקטיווע — און אָט דאָס איז דאָס געניאַלע גרויסע אין שעקספּיר׳ס קונסט.

שעקספּיר האָט ניט פאַר די קינפטיגע דורות אַליין געשאַפען. ער איז געווען דער גרויסער דראַמאַטורג פון זיין צייט און האָט פאַר דער וועלט פון זיין צייט, פאַר די העכערע קלאַסען און די מאַסען פון פאָלק, זיינע גרויסע ווערק געשריבען. יענע וועלט — די העכערע געזעלשאַפט און די מאַ־סען — האָט דעמאָלט נאָך, ווי די היינטיגע וועלט, איר לוסט געפונען אין דעם טריוויאַלען לעבערלאַכען און דעם גרויזאַם טראַגישען: איר שפּאַס — אין קונצען און פאַיאַצעריי; איר חריפות — אין גלייכווערטלאַך און אַפּאַ־ריזמען; איר פאַרגעניגען — אין דעם פאָרם פון דער האַנדלונג און טאַט און אין דעם פאַטאָס פון וואָרט און שפּראַך, אין דעם מאַכטיגען דיכטערי־שען אויסדרוק. און שעקספּיר, דער גרויסער דראַמאַטורג פון זיין צייט, מיט דער גרויסער איינבילדונגס־קראַפט, מיט דער טיפער פאַרשטענדעניש פון דער מענשלאַכער זעלע און וואונדערלאַך זינגענדיגער שפּראַך, האָט זיך גאָר ניט גע׳מיאוס׳ט אַראָפּצולאָזען זיך צו די אַלע מיטלען אין פאַרטלען צו געפעלען דער וועלט וואָס האָט אים אַרומגערינגעלט.

און ער איז איר אויך געפעלען געווען, אי דער העכערער געזעלשאַפט, אי די מאַסען.

ער איז ניט געקומען די וועלט איבערמאַכען און האָט פאַר די מענשען ניט געזוכט קיין נייע וועגען אויסצוטרעטען. ער האָט געמיינט, אַז זיין קונסט איז „פאַרצוהאַלטען... דעם שפּיגעל פון דער נאַטור“, וואו די מענשען און דאָס לעבען שפּיגלען זיך אָפּ... און דאָס האָט ער אויך געטאָן אין זיינע גרויסע טראַגעדיעס, וואו די מענשלאַכע נשמה ראַנגעלט זיך אין קאַמף פון די עלעמענטאַרסטע געפילען. דאָס האָט ער געטאָן אין זיינע בע־סערע קאָמעדיעס, וואו דער מענש שטיפט און לאַכט און שפּילט זיך און מאַכט זיך אָפט נאַריש... דאָס האָט ער אויך געטאָן אין זיינע היסטאָרישע דראַמעס, וואו ער האָט עפּיזאָדען פון דער געשיכטע צום גענום פון דעם פאָלק פאַרוואַנדעלט.

האָט זיך אין זיין קונסט אָפּגעשפּיגעלט די אַנטור, דער מענש, דאָס לעבען? ווי פאַר וועמען...

* * *

די גרויסע בויער פון דער מאָדערנער דראַמאַ — איבסען, הויפּטמאַן, מעטערלינק — האָבען מיט זייער דיכטערישער עמפּינדונג עפּעס אין דעם לעבען אָדער אין דעם מענשען דערשפּירט, — עפּעס האָט דאָס דיכטערישע אויג דערזעהן — און דער מייסטער האָט עס אין אַ דראַמאַטישען קאַמף פאַרגעשטעלט, אין אַ דראַמאַטישער דיכטונג פאַרקערפּערט.

שוין אין אָנהויב פון זיין לעבענס אַרבעט האָט דער גרויסער נאָר־וועגער, איבסען, דערשפּירט דעם קאַמף פון דעם מאָדערנעם מענשען זיך אויסצולעבען וואַרהאַפטיג, אמת׳דיג, אַן פּשרות מיט זיין געוויסען, אַן דריידלאַך מיט דער אויסערער סביבה פון מענשען און אומשטאַנדען.. און שוין אין זיין האַלב־ראָמאַנטישען „בראַנד״, ווי אין זיינע מער רעעלע לע־בענס־בילדער, „נאָראַ״, „פאָלקספיינד״, „די גייסטער״, אָדער אפילו אין זיינע סימבאָלישע דראַמען: „די פרוי פון ים״, „בוימייסטער סאָלנעס״, „ווען מיר טויטע דערוואַכען״ מאָלט דער גרויסער דראַמאַטורג דעם קאַמף פון דעם מענשען פאַר אַט דעם פרייען וואַרהאַפטיגען לעבען פון דער מענש־לאַכער נשמה. דאָ — אין קאַמף מיט דער פאַמיליע, דאָרט — אין קאַמף מיט דער געזעלשאַפט; דאָ און דאָרט — אין דעם קאַמף פון דער מענשלאַכער נשמה מיט זיך אַליין.

אַזוי האָט דער דיכטער דאָס לעבען געזען און אַזוי האָט ער די האַנד־לונגען פון די נשמה פון דעם מענשען געמאָלט.

און אויב האויפּטמאַן באַטאָנט ניט מיט אַזאַ מאַכט דעם קאַמף פון דעם אינדיווידועלען מענשען פאַר דעם וואַרהאַפטיגען אויסדרוק פון זיין נשמה, ווער נאָך אָבער האָט אַזוי גרויס און דיכטעריש ווי ער געמאָלען אין זיינע „איינזאַמע מענשען״, אין זיינע „וועבער״, „פורמאַן הענשעל״, אָדער אין זיין מייסטער געזאַנג „דער איינגעזונקענער גלאָק״, דעם קאַמף פון דער מענשלאַכער זעלע קעגען דער סביבה, אומשטאַנדען און מענשען, אָדער קעגען די קייטען פון געזעלשאַפטלאַכער פאַרקנעכטונג.

פון דעם לעבען און דעם רעעלען קאַמף פון דער מענשלאַכער זעלע אין דעם לעבען האָט ער די יניקה פאַר זיין גרויסער קונסט געצויגען.

אפילו מעטערלינק, דער מייסטער פון דער ניי ראָמאַנטישער און סימ־באָלישער דראַמע. — דער דיכטער פון שוואַרצע פאָכענדע פליגעל, וואָס זיי־נען צום סימבאָל פון טויט געוואָרען, פון שניי־ווייסע שוועבענדיגע טויבען, וואָס טייטען אָן אויף דער אומשולד פון ריינע מיידעלשע געדאַנקען, פון טונקעל גרינע שאָטענס פון מורא און אומגליק און העל בלויע פויגלען פון גליק; — דער דיכטער פון דער וואונדערבאַרער שטילער שטילקייט און דעם בלוי רויטלאַכען ליכט פון גליענדע קוילען און געלבלאַכען שיין פון אַ לאָמפּ, ווען די מענשלאַכע נשמה הילט זיך איין אין אַ רוהיג גרוילאַכען מיסטישען טול פון געדאַנקען און זינקט... זינקט טיפער און טיפער ערגעץ אין דעם

קרייז פון אַ נירוואַנאַ, וואו זי הערט סימפּאָניעז פון מוזיק אָן קלאַנגען און אָן געזאַנג — אַפילו מעטערלינק האָט אין לעבען דעם מענשען דערשפּירט ווי אַ בלינדע מחנה וואָס וואַנדערט אין וואַלד — דאָס לעבען — און טאַפּט און זוכט דאָס אומבאַשטימטע, דאָס גליק. געהאָרכענדיג דעם קול־קלאַנג פון אַ קינד...

אזוי האָט דער גרויסער מיסטיקער דאָס לעבען עמפּונדען און אזוי האָט ער עס פאָרגעשטעלט.

צו איז דאָס וואָס די דיכטער פון דער מאָדערנער דראַמע האָבען אין לעבען אויפגעפּאַסט און אין דעם קאָנפליקט פון דער מענשלאַכער זעלע מיט מענשען און אומשטאַנדען צום שיין געבראַכט — דאָס „אייביגע“ אין דער מענשלאַכער נשמה און מענשלאַכען לעבען; צו איז עס דאָס אמת׳ע פאַר אַלע צייטען צו ניט, עס איז דאָס טיפסטע און ברייטסטע פון ל ע ב ע ן און שוין דערפאַר אַליין, ביז אַ געוויסען גראַד, דאָס אייביגע אין דעם מענשען.

ניט אזוי ביי שעקספּירען, ער דיכטעט בוכשטאַבליך אזוי ווי ער שטעלט עס פאָר: —

דעם דיכטער׳ס אויג אין אויפרעגונג זיך קייקלענדיג,
בליקט פון דעם הימעל צו דער ערד און ווידער אויף צום הימעל.
און בעת זיין פאָרשטעלונג גופ׳ט אוים די פאָרמען אומבאַקאַנטע,
באַקליידט דעם דיכטער׳ס פען, אין וועזענס און געשטאַלטען,
דאָס לופטיגע — דאָס לערע — און גיט זיי אָרט און נאָמען.
אזעלכע פאָרטעלס שויז האָט די שטאַרקע פאָרשטעלונג — ווען זי עמפּינדט די פרייד,
באַגרייפט זי אויף דעם טרעגער פון דער פרייד.

(„אַ מיטזומער נאַכט׳ס חלום“, אַקט 5, סצ. 1.)

און אזוי איז עס אויך. אַפילו אין זיינע גרעסטע דראַמעס, אין „האַמלעט“, „מאַקבעטה“, „אָטעלאָ“, „ליער“ איז דער קאַמף פון דער מענשלאַכער זעלע, ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל דער קאַמף פון די ע ל ע מ ע נ ט א ר ס ט ע געפילען פון דעם מענשען—דער קאַמף פון האַס און ליבע, פרייד און לייד, נקמה און אייפערזוכט. ער שפּראָצט ניט אַרויס ווי אין דער מאָדערנער דראַמע פון דעם לעבען ווי עס לעבט זיך, נאָר פון דער נשמה אין אַ פאַראויסבאַשטימטער פאַבולע און איז ניט דער אויסגעזונדערטער קאַמף פון אַ לעבעדיגען מענשען, נור דער פאַראַלגעמיינטער — פאַראַלמענשלאַכטער — קאַמף פון אַ מענשען טיפּ.

עס איז געווען פאַר דעם גרויסען סטראַטפאָרדער דיכטער צו דערטאַפּען אין אַלטע געשיכטע, אַ פאַרעלטערט ווערק, אין איטאַליענישען לעבענסעפּיזאָד אָדער אין אַלטע פאַרוואָרפענע דראַמע, וואו עס רעגען זיך, שונדיש אַפילו, די געמיטער אין קאַמף פון האַס און ליבע, נקמה און אייפערזוכט, אז די גרויסע פאָרשטעלונג פון דעם סטראַטפאָרדער גאון זאָל איבערוועבען

די אַלטע פּאַבולע אויף זיין אייגענעם שטייגער און מאָלען אין אַ וואונדערבאַר בילדלאַכער און זוניגער שפּראַך מאַכטיגע געשטאַלטען, באַזעלט פון דעם טעמאַטישען געפיל און אויסגעדריקט אין די געדאַנקען פון דעם דיכטער.

יאָ, אין די געדאַנקען פון דעם דיכטער. אַלע מענשען ביי שעקספּיר׳ן — ניט נאָר האַמלעט אליין — זיינען גרויסע דיינקער. זייערע זעלען, זייער לעבען איז אויסגעדריקט ניט אַזוי פיל אין זייערע האַנדלונגען, אָדער זעלענדערשיטערונגען ווי אין זייערע געדאַנקען — אין זייער וויזהייט איבער דעם לעבען, דעם מענשען — דער נאַטור און דער וועלט... אפילו די „נאַראָנים“ ביי שעקספּיר׳ן זיינען אויך חכמים... ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל ניט קלינגען...

דאָך פאַרבלייבט דאָס אַלמענשלאַך־גרויסע אין זיינע גרויסע מענשען־טיפּען דאָס אייביגע אין זיי, און מיר וועלען פּרואווען זיך אויף אייניגע פון זיי נאָך אָפּשטעלען.

.3

די טיפּען פון שעקספּיר׳ס דראַמעס

פון די גרויסע „אייביגע״ טראַגעדיעס פון וויליאַם שעקספּיר איז „מאַקבעטה״, אין קינסטלערישען זין — דאָס פּאָלקאָמסטע ווערק.

אויך אין „מאַקבעטה״ איז די מאַכט וואָס באַוועגט צו גוואַלדטאַטען און מאָרד און באַהערשט די געשעענישען פון דער שוידערלאַכער טראַגעדיע — דעם מענשענ׳ס שיקזאַל. מאַקבעטה׳ן איז זיין שיקזאַל — ווי פון מויל פון אַ פּאַרצייטיגען אָראַקאַל — איבערגעגעבען געוואָרען אין דער וואָרזאַגעריי פון די כשוף־מאַכערינס אויף זיין טריומף־צוג פון דער מלחמה. און דער שאָטלאַנדישער העלד האַנדעלט — טויטעט זיין קיניג צו געווינען זיין קרוין — אין איינקלאַנג מיט זיין פאָראויסבאַשטימטען שיקזאַל.

אויך דאָ, אין דעם מייסטערווערק פון דעם סטראַטפאָרדער גאון, פּילאָזאָפירען די איינטיילנעמער, פון מאַקבעטה׳ן אַליין ביז דעם טויערער וואָס עפענט די פאַרטקע אין דעם טויער, אין דער נאַכט פון דעם מאָרד, אין אַ מאַכטיגער, בילדלאַכער, דיכטערישער שפּראַך און קליגען זיך אין אַפאָריזמישע וויזהייטען איבער דער וועלט און מענשען. און אויך דאָ באַגייט זיך ניט דער גרויסער דראַמאַטורג אָן אַן איינפאַל וואָס באַשטעטיגט די צווייטייטיגע וואָרזאָגעריי פון די כשוף׳מאַכערינס און אָן וועלכען ער וואָלט זיך בשום אופן ניט ארויסגעדרייט פון דער פאַבולע פון דעם שטיק.

אָבער אין „מאַקבעטה״, מער ווי וואו עס איז, ברענט דעם גרויסען דיכטער׳ס זעל מיט יענעם שאַפערישען פייער וואָס גליט אויס אין דעם אויוועז פון זיין ווערקשטאַט — „פון דעם לופטיגען און לערען״ — מאָנומענטאַלע פיגורען און געשטאַלטען וואָס בלייבען זעליש אויסגעפורעמטע לעבענסוועזענס — מענשע און מענשען־טיפּען — אויף אייביג און איין דער צייט.

דער דראַמאַטורג, ווי דער שאַפער פון דער גרויסער פּלאַסטישער קונסט איבערהויפּט, באַשאַפט די זעלען פון זיינע מענשען אין דער פּלאַסטיק פון זיין ווערק שטופענווייס — אַ טיילכעל צו אַ טיילכעל, אַ שטריך צו אַ שטריך. אפילו אין דער מאַלעריי און סקולפּטורע — וואו די זעלען־אויסדרוקען פון בילדער און סטאַטועז זיינען סטאַטישע, פאַרגליווערטע — ווערט אויך דאָס פּסיכאָלאָגיש־גאַנצע באַשאַפען פאַרבענווייס, שטריכענווייס, ליניענווייס. אין דער דראַמע, וואו די זעלען־באַוועגונגען זיינען דינאַמישע — באַוועגלאַך פאַרענדערלאַכע — אין איינקלאַנג מיט די האַנדלונגען פון דעם מענשען, קען עס גאָר אַנדערש ניט זיין. אָבער אפילו שעקספּיר — דער

גרויסער מאָלער פון מענשען־טיפען — איז אין דעם ניט תמיד אויסגע־האַלטען.

אין „אַטעללאַ“ באַהערשט די מערדערישע אייפערזוכט די זעלע פון דעם מור'ן אין איין איינציגען אויגענבליק. כמעט נאָר אין אַ פינטעל פונ'ם אויג פאַרענדערט זיך די פרימיטיווע זעלע, וואָס ליבט אַזוי מאַכטיג און ווילד, אין דער זעלע וואָס פאַרדעכטיגט נאָך מאַכטיגער און ווילדער. ערשט האָט די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז — דער אוממעגלאַכער יאַגאָ — דעם פונק פון אייפערזוכט אין זיין נשמה אָנגעצונדען און שוין האָט אָטעללאָ פייערלאַך דערקלערט:

„ווען זי זאָל פאַלש זיין... אַה, חוזק'ט נאָר דער הימעל פון זיך אליין,
איך וועל דאָס ניט גלויבען!...“

„אונמענש, זיי זיכער דאָס דו באַווייזט ז'מיין ליבע איז אַ הור,
זיי זיכער, און גיב מיר אויגענצייגען.
ווען ניט... ביים ווערט פון מיין אומשטערבלאַכער זעלע,
אַז דו וואָלסט בעסער אַ הונט געווען געבוירען,
איידער רעכענונג געבען מיין אויפגערעגטען וואוט.“

דאָך שטעכט ער ניט דורך מיט זיין שווערד דעם גאַרגעל פון דעם ער־שטען אוממענשען, וואָס האָט זיין גרויסע ליבע פאַרלוימדעט, נאָר ער הערט זיך צו און גלויבט און נעמט פאַר זיכער אויסגעטראַכטע מעשיות אַז „אויגענ־צייגען“ און שרייט שוין ווילד:

„פאַרפלוכט זאָל זיין די זונה — די אויסגעלאַסענע — פאַרפלוכט!
קום, גיי דיר דיין וועג, איך וועל מיך צוריקציען,
געפינען אַ שנעלע אַרט פון טויט פאַר יענעם ווייסען טייוועל.“

דער העלישער בראַנד ברענט שוין אין דער זעל מיט ווילדען וואוט און גלויבען און וועט זיך ניט קילען ביז זיין ציל וועט ניט דערגרייכט ווערען. דער מורא טויטעט די אומשולדיגע דעזדעמאָנאַ וואָס האָט פאַר איר ליבע צו אים אַלעם געאָפּפערט... און ווידער נאָר איין וואָרט, — ניט דער אינערלאַכער דראַנג פון חרטה, אפילו ניט דער געזעטיגטער געפיל פון אייפערזוכט, נאָר דער בלינדער גלויבען אין אַ וואָרט וועקט אים צו שפּעט צו דערקענען זיין טאַט. און ער קויפט אויס זיין גרויסע זינד מיט זיין טויט: ער שטאַרבט מיט די וואונדער־שיינע ווערטער אויף די ליפּען:

„כ'האָב דיך געקושט איידער כ'האָב דיך געטויט.
ניטאָ קיין אַנדער וועג — ווי טויטען זיך און שטאַרבען אויף אַ קוש.“

און מעג עס זיין אמת, אַז אין דער זעלע פון דעם מענשען — פון אַ נאַטור־מענשען — איז דאָס געפיל פון אייפערזוכט פלאַם־פייער גרויס און קוקט מיט טויזענט באַשולדיגענדע אויגען, איבערהויפּט ווען אין איר גרונט ליגט אַ ראַסען־אונטערשייד; מעג עס זיין אמת, אַז די ניואַנסען פון דעם מורא'ס אייפערזוכט זיינען מיט וואונדערלאַכער קונסט געמאָלען: בלייבט

דאך „אטעללא" נאר דער גוואלדיגער אויסדרוק פון דעם עלעמענטארען געפיל — פון אייפערזוכט פארקערפערט אין בלוט און פלייש פון קוים א לעבעדיגען מענשען... עס פילט זיך אין גאנצען שטיק — אין דער קויל־שווארצער שילדערונג פון דעם אוממענשען, יאגא; אין די קינדערשע איג־צידענטען פארבונדען מיט די זעלען־דערשיטערונגען פון דעם מורא; אין זיין בלינדען גלויבען, דערוואכונג און טויט, — אז דער גרויסער דיכטער האט די אייפערזוכט געמאלען, ניט דעם מענשען, און האט זי פארקערפערט אין א גוואלדיגען מענשען־טיפ.

אנדערש איז עס אין „מאקבעטה". פון די נאטירלאכע געשעענישען פון דער דראמע שפראצט ארויס די שוידערלאכע טראגישע האנדלונג און פון שטופע צו שטופע ווערט באשאפען די גרויסע פיגור פון דעם שאטלענדישען העלד. ער שטרעבט צו הערשאפט און מאכט, אבער שוין נאך זיין ערשטער באגעגעניש מיט די כשוף־מאכערינס, וואס זאגען אים זיין שיקזאל פאר־אויס — כאפט אים ארום א שרעק פאר זיינע אייגענע געדאנקען.

ער גלויבט זיי און וועגט, צי איז זייער צוזאג שלעכט, צי גוט... אבער:

„אויב גוט, פאר וואס־זשע פלאגט מיך דאס פארשפרעכען,
וועמעס מורא'דיג געשטאלט אליין שטעלט אויף די האר קאפויר
און מאכט דאס הארץ מיינס קלאפען אזוי שטארק אנטקעגען מיינע ריפען."

אבער אים האט ביי זיין זייט דער דיכטער געשאפען דעם אלטען פאר־פירער פון דעם מענשען — די חוה. לידי מאקבעטה, „זיין טייערער שותף פון זיין גרויסקייט", ווייסט צו גוט, אז איר העלד איז —

פול מיט דער מילך פון מענשלאכער גוטסקייט...

ניט זי אבער... ווען זי דערוויסט זיך, אז דער קעניג וועט נעכטיגען אונ־טער איר דאך, איז ביי איר שוין די טאט באשלאסען און זי רופט:

„קומט אהער, גייסטער,
וואס וואכען איבער דעם מענשען'ס דיינקען — אנט'פרוי'ט מיך איצט
און פילט מיך פון קאפ ביז די פינגער פון די פיס
מיט שוידערלאכסטער גרויזאמקייט. מאכט דיק מיין בלוט,
פארשטאפט דעם צוטריט און די וועגען צום געוויסען
און זאל געוויסענסביסע — די פלאגען פון דעם מענשען—
ניט שטערען מיר מיין ציל — און פרידען שליסען
צווישען זיינע פאלגען און געוויסען."

און עס געשעט. זי גיסט איר גיפט אריין אין דער נשמה פון איר מאן. ער טוט די טאט. דערמארדעט דעם קעניג. אבער האט זי דען אויך דאס מענשלאכע געוויסען דערמארדעט? ניין!...

„מאקבעט" איז די גוואלדיגע טראגעדיע פון דעם מענשלאכען געווי־סען.

שוין אין דער ערשטער מינוט פון זיין טאט דערפילט ער דאס געווי־

סען. די פאַרבלוטיגטע הענט ווערען אַ „טרויעריג אויסזען“; דער „אָמן“ צום „גאָט זאָל אונז בענשען“ בלייבט אים שטעקען אין האַלז. „מיר דאַכט“, דערצעלט ער —

„כ'האָב געהערט אַ שטימע רופט: „שלאָף ניט מער!“
מאַקבעטה האָט דעם שלאָף דערמאָרדעט, דעם אומשולדיגען שלאָף.“

און ער שלאָפט טאַקע ניט מער — אָבער ער מאָרדעט דאָך צו פאַרהילען זיין טאַט, צו פאַרזיכערען זיך זיין קרוין. און אין דער גאַנצער קינסטלערישער דראַמאַטישער ליטעראַטור איז ניטאָ אַזאַ וואונדערבאַר גרויס און שוידערלאַך בילד, ווי דאָס בילד פון דעם באַנקעט, ווען דער גייסט פון זיין דערמאָרדעטען פריינד באַנקאָ קומט און פאַרנעמט זיין אָרט ביים טיש. ער זעט אים און ווערט זיך:

„דו קענסט ניט זאָגען, אַז איך האָב דאָס געטאָן און שאָקעל ניט
אַזוי צו מיר דיינע בלוט באַדעקטע לאָקען.“

דער גייסט גייט אָבער ניט אַוועק און מיט אַ שטאַרען בליק, ציטערענדיג, שרעקט באַזעלט מיט יעדען שטריך און ווינקעל פון זיין פּנים, רופט ער. „זעט, הערט, קומט!...“ קיינער זעט גאָר ניט און קיינער הערט גאָר ניט, נאָר ער, דער זינדיגער אַליין — נאָר די געפּלאָגטע נשמה פון דעם מענשען — און ער בעט זיך און באַפעלט:

„גיי, פאַרשווינד פון מיינע אויגען: לאָז די ערד באַהאַלטען דיך.
דיינע ביינער זיינען מאַכטלאָז — דיין בלוט איז קאַלט;
ניטאָ קיין פונק אין דיינע אויגען וואָס דו גלאָצסט אַזוי אויף מיר,
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אַוועק, דו מוראַ'דיגער שאָטען,
„אומראַיעלער שפּאַס — — — — אַוועק — — — —“

און עס פּלאָגט זיך אין געוויסענסביסען די זינדיגע נשמה, ביז זי קויפט אויס איר זינד מיט'ן טויט. אפילו די גרויזאַמע מאַכט פון ליידי מאַקבעטה האָט דאָס מענשלאַכע געוויסען ניט געטויט... אויך זי פאַרפּלאָגט דאָס מענשען־בלוט: — „דאָ שמעקט מיט בלוט און אַלע פאַרפומען פון אַראַביע וועלען ניט זיס מאַכען דעם גערוך פון אָט דעם קליינעם הענטעל“.

מאַקבעטה איז די פאַרקערפּערונג פון געוויסענסביסען אין דעם בלוט און פלייש פון אַ מענשען־טיפּ.

אַ סך גרעסער און ברייטער איז די טראַגעדיע פון דעם דענישען פּרינץ, האַמלעט, אָבער ווייט ניט אַזוי קינסטלעריש אויסגעהאַלטען און שוין צופיל איבערגעשאַצט. בלויזגעשטעלט איז עס פּשוט דער זעלענקאַמף פון דעם עלעמענטאַרסטען געפיל פון נקמה. אָבער נקמה אין גאַנץ אַנדערע ראַמען געפאַסט. די טראַגישע געשעענישען אין לעבען פון האַמלעט זיינען דער קאַמף פון דעם געפיל מיט דעם ווילענלאָזען, איבערגעשפּיצטען געדאַנקען־קינד, וואָס האָט זיך קיינמאָל צו קיין רייפען צושטאַנד פון דעם געדאַנק ניט דערשלאָגען.

מע זאגט, ברוטוס פילט אוים האמלעט'ס וועזען, דערקלערט אים. אבער ווי קומט עס דערצו?

אין ברוטוס'ען קעמפט דאס רייפע געזעלשאפטלאכע געוויסען — דאס געפיל פון פרייהייט — מיט דעם פערזענלאכען עטישען געוויסען — דעם ווידערווילען צו מארד:

„צווישען טאן א טאט — א גרויזאמע —
און איר ערשטער זעלישער באוועגונג — איז דער מיטען
ווי א פאנטאזמא — א שוידערלאכער חלום.
דער גוטער געניוס איז דאן אין שטענדיגער בעראטונג
מיט בייזע מיטלען, טויטלאכע, און דער מענש איז דאן
ווי א מלוכה'לע א קליינע, וואס ליידט פון אויפשטאנד קעגען זיך..."

אט דא ליגט ברוטוס'עס קאמף און ווען דאס ערשטע איז גובר, האנדעלט די האנט אין איינקלאנג מיט דער זעלע און דער טאט און ראמט אפ צעזאר'ן פון דעם פרייהייטס-וועג.

האמלעט'ס קאמף ליגט אויך דא: אבער א צעשוואומענער, א שאטען פון דעם רייפען עטישען געוויסען, פארטיפט ער זיך, קוקט מעלאנכאליש ערגעץ וואו ווייט אין רוים אריין, מאכט זיך האלב משוגע צו פארדעקען שפאט און ווילקיר און שיר ניט אין קינדער-ווייזהייט פילאזאפירט ער זיין וועלט-בארימטען „זיין אדער ניט זיין". אן דאס מינדסטע ווידערגעפיל צו טויטען טויט ער פאלאניוס'ען, אן שום חרטה, און שיקט צו א זיכערען טויט אויף ראזענקראנץ און גילדערשטערען אן דעם מינדסטען ווידערגעפיל.

ער טויט ניט זיין פעטער — דעם מערדער — ווי ער האט דעם גייסט פון זיין פאטער נקמה געשוואוירען. ער געפינט ניט דעם ווילען אין זיך. האמלעט האנדעלט נאר ווען ער לעבט — און לעבט, ווען ער דיינקט ניט...

אין האמלעט לעבען צוויי מענשען: דער עמאציאנעלער נאטור-מענש — דער אונטערמענש און דער ראפינירטער קינדער-חכם, דער אינטעלעקטועלער אויבער-מענש. און אין דעם קאמף פון דיביידע ווערט דער רעעלער מענש דערשטיקט. אין דער גרויסער טראגעדיע פון זיין לעבען לעבט ער נאר דאמאלט, ווען ער הערט אויף צו זיין דער טרוימער, דער קינדער-חכם, וואס וויל אריינדרינגען אין די סודות פון דער וועלט און קען ניט...

ער לעבט ווען דער גייסט אין דער געשטאלט פון זיין פאטער רופט אים. ער פילט, אז עטוואס פארבארגענעס, פארברעכערישעס האט פאסירט, און ווען זיינע פריינט לאזען אים ניט, רייסט ער זיך:

„מיין שיקזאל רופט! לאזט מיך — גייט פארט
זאג איך.
גיי... איך וועל דיר נאכגיין."

און ווען דער פאטער דערציילט אים, אז מען האט אים דערמארדעט — דאן לעבט ער, עס רייסט זיך זיין נשמה:

„אייל זיך! דערציילּ, און לאָמיך קענען
אויף פליגעל שנעלע, ווי דער געדאַנק,
אָדער ווי דער טרוים פון ליבע, פליען
צו מיין נקמה.“

אָבער ער פליט ניט. צווישען „טאָן און דער ערשטער זעלישער באַוועגונג“ פאַרלירט ער זיך און ניט אין אַ עטיש העכערען געוויסען, צי מעג ער זיין דער שופט איבער מענשען, צי ניט, נאָר אין דער מורא פאַר'ן טויט: ניט אין דער פיזישער מורא — אין דער מיסטישער — פאַר —

„דאָס אומאַנטדעקטע לאַנד פון וועמעס ברעגעס
קיין וואַנדערער איז ניט צוריקגעקומען.“

ער לעבט ניט דאַמאַלט.

און ווידער לעבט ער אין דעם געוואַלדיגען קאַמף מיט דער מוטער — ווען ער וויל פון איר רעכענונג פאַר דעם טויט פון זיין פאָטער און איר לעבען מיט זיין פעטער... נאָר אין זיין טיפסטען געפיל'ס לעבען לעבט האַמלעט, אין דער איבעריגער צייט איז ער אין יענעם „מיטען“ פון אַ גייסטיג איינטעלעקטועלען הינערפלעט פון ווייזהייטען אויסגעפלאַכטען, אין וועלכען,

„דאָס געוויסען מאַכט פייגלינגע פון אונז אַלע
און די נאַטור־פאַרב פון אַנטשלאָסענקייט
ווערט קריינקלאַך בלאַס געבליאַקעוועט פון אונזערע געדאַנקען.“

ניט אין די פאַרהעלטענישען צו זיינע פריינט, ניט אין די פאַרהעלטענישען צו אָפעליע איז ער ניט עפּעס אַנדערש ווי דער גרויסער, ווילענלאָזער קינדער־חכם.

ער דערגרייכט זיין ציל — די נקמה. דאָס עלעמענטאַרסטע הערשענדע געפיל אין זיין נשמה האָט דאָך די אויבערהאַנט איבער אים גענומען; אויך נאָר אין אַ מאָמענט פון לעבען — פאַר'ן טויט... ווען ער קליגט זיך שוין ניט מער.

אין זיין גרויסקייט בלייבט האַמלעט די געוואַלדיגע פאַרקערפּערונג פון דעם קאַמף פון דעם ווילען צו טאַט, דעם אויסדרוק פון די עלעמענטאַרסטע געפילען פון דער מענשלאַכער זעלע און דעם ווילען צום „וואָרט“, צום געדאַנק — צו דער ווייזהייט פון דער וועלט און אירע סודות. און אין דעם קאַמף געווינט די אויבערהאַנט דאָס אומגעקינצעלטע געפיל — אפשר דער אומגעקינצעלטער אינסטינקט.

„האַמלעט“ איז די פאַרקערפּערונג פון אַט דעם אייביגען קאַמף צווישען טאַט און וואָרט — האַנדלונגען און געדאַנקען — אין דער מענשלאַכער זעלע.

סו־מו־רון *)

(וועגען מאַקס ריינהאַרט און דער טעאַטער קונסט).

איך האָב זיך פּלוצלונג געפונען אין אַ וואונדערבאַרען צושטאַנד. געזעסען בין איך אין דער קאַסינאָ — דעם טעמפּעל פון דער טעאַטער־קונסט — אין אַ טונקעל ווינקעלע, לעבען איינער פון די גרויסע מאַרמאָרנע קאָלאָנעס וואָס שפּאַרען אונטער דעם בעל־עטאַזש. לינקס — אין דער האַלב פינסטערער אַטמאָספערע, — האָט זיך אויסגעזעצט איבער׳ן פּאַרקעט און איבער די גאַלעריייעס אַ טויזענט קעפּיגע מאַסע; רעכטס האָט זיך אויס־געשפּרייט אַ ריזיגער שוואַרצער שאָטען, כמעט איבער דער גאַנצער וואַנט. פון אַריינגאַנג, איבער די קעפּ פון די צושויער אין פּאַרקעט, אַזוי ווי אין דער לופטען הייענגענדיג, האָט זיך געצויגען ביז דער ביהנע אַ שמאָלע, לאַנגע בריק — „דער בלומען וועג", — און איבער איר, ביי דער ראַמפּע, האָט העל געשימערט אַ רייע ניט־געזעענע עלעקטרישע ליכטלאַך. און דאָרט איז ווידער טונקעל געוועזן, גרינלאַך־טונקעל. אין דעם טונקעל גרינעם ליכט — אין דעם ראַם פון דער בינע — האָבען ש ט ו ם , אָבער מיט העפטיגע באַוועגונגען און ווילדער מימיקע, זיך אַרומגעדרייט, טאַנצענדיג און שפּרינגענדיג, מענש־לאַכע שאָטענס — מענער און פרויען, — אין גרויע און פילפאַרביגע אָריענ־טאַלישע קאָסטיומען געקליידט, און פון ערגעץ־וואו שטיל, מיט פאַרשטיקטע טענער, האָט געציטערט אַן אָרקעסטער.

אומבעוואוסט פאַר מיר אַליין, אַזוי ווי אין אַ חלום, האָב איך זיך צו־ריקגעלענט אין מיין שטול, האָב צוגעמאַכט די אויגען און... אפשר האָב איך תפילה געטאָן....

— גאָט!... ווי גוט עס איז צו זיין אַ גע׳ז אין אונזער צייט!... אַן אידאַל פון אַ נייער קונסט!... די מאַסען גלויבען און, אַן אַ פאַר־וואָס, בוקען זיי זיך צום גע׳ז מיט מורא און ערפורכט. און די העלדען — די שעפערישע גייסטער פון די מענשען־קינדער?!... זיי שלעפּען זיך נאָך ווי פאַר׳שכור׳טע מיט טאַצען און פויקען אין דעם צוג פון דעם טריאומף־וואָגען פון יעדער נייער שיין, פון יעדען נייעם בליץ פון קונסט... אַזוי ווי עס ציען זיך איצט מיט טאַצען און פויקען, די זאַטע און צופרידענע פון אונזער היינטיגען

---

*) דער ארטיקעל איז ערשינען אין „דאס נייע לעבען", מערץ, 1912. צו יענער צייט האט אן אומבעקאנטער טעאטער־דירעקטאר אהערגעבראכט אויף „בראדוויי" „סו־מו־רון". איינעם פון מאקס ריינהארט׳ס שפעקטאקלען. י. ע.

לעבען אין דעם צוג פון דעם טריאומף־וואגען פון דעם נייעם גייסט פון צוויי וועלט־טיילען, — דער אידאל פון דער נייער טעאטער־קונסט, — מאקס ריינהארט...

און איך האב זיך דערשראקען פאר מיינע געדאנקען. ווי האב איך עס געוואגט?... איך האב זיך ארומגעקוקט.... לינקס האט זיך נאך אלץ אויס־געשפרייט די טויזענט קעפיגע מאסע אין אומגעדולדיגער אנשטרענגונג; רעכטס איז נאך אלץ געלעגען דער שווארצער שאטען אויף דער וואנט; איבער דער ראמפע האבען שעמערירט די עלעקטרישע לעמפלאך און אין דער גרינלאכער טונקעלקייט פון דער בינע האבען זיך ווי פריער שטום — ווי קלאונען אין א ציר־ק — באוואויגען מענשלאכע שאטענס... און איך האב מיט פארדרוס געקוקט אויף דער בינע — אויף ריינהארט'ס נייער קונסט: די ווערטערלאזע דראמע סו־מו־רון.

„סו־מו־רון"!... וואסער א וואונדער־שיין אראביש מעשה'לע פון טויזענט און איין נאכט!... הערט זיך צו צום ליד, וואס זינגט זיך נאך היינט אין דער ברוסט פון די פרייע זין פון אראביע און איר וועט דערפילען אין דעם ווילדען, ברענענדיגען טאנץ פון ליבע און לעבען, האס און טויט, אין דעם טאנץ פון אומגעצאמטע מדבר־קינדער, דעם שטילען, טיפען טרוימערישען הן וואס האט גאט און געטער געשאפען אין דעם אלטען אריענט און איר וועט צעברעכען אז אפגאט און פארגעסען אז דער נייער געקינצעלטער קונסט.

* * *

געווען איז אמאל אין דעם אלטען אראביען א טרוימער א יונגער, א סוחר פון ווארע. פארקויפט האט ער זיינע ווארען אין מארק און טיף אין דער נשמה האט ער שטיל און פארטראכט געוועבט זיינע חלומות — און געלעבט... געגארט האט זיין הארץ נאך דער שענסטער, פולקאמענסטער פרוי, געלעכצט האט זיין נשמה נאך ליבע און געשפינט האט זיך אין זיין חלום ליבע און גליק.

אבער מיט דעם האט זיך אויך געוועבט דער שאטען פון א גרויזאמער טראגעדיע!

געקומען איז אין מארק אמאל סו־מו־רון, — דאס הויפט־ווייב פון דעם הארעם, — פון דעם האר און הערשער, דעם שייך פון אראביע. און גע־קויפט האט זי ביים סוחר, דעם וועבער פון חלומות, זיינע אויסגעשטיקטע ווארען. האט ער זי אין דעם חלום פון זיין הארצען פארוועבט און זי איז אין זיין דמיון א לעבעדיגע קווייט געווארען. און ער האט זיך אין איר ברוסט פארקליבען, טרוימעריש־שטיל דעם גליקלאכען חלום פון איר ליבע און לעבען צו וועבען.

און זי האט צו דעם האר און הערשער, דעם אלמאכטיגען שייך פון אראביע, מער ניט געהערט.

און ווילד איז געוועז זיין צאָרן. און ער האָט אין מאַרק אַ שקלאַפין, אַ טענצערקע, באַגעגנט, די שקלאַפין פון אַ קונצען־מאַכער, — אַ פייער־דיגע, אַ ברענענדיגע, אַ רייצענדע שקלאַפין, וואָס האָט דאָס אַלטע בלוט פון דעם שייק — דעם האַר און הערשער — מיט יונגער תאוה אָנגע־צונדען. האָט מען זי אים אין האַרעם געבראַכט און ער האָט די שקלאַפין — די טענצערקע — פאַר אַ ווייב זיינס געמאַכט, כדי קנאה און שנאה ביי סו־מו־רון צו דערוועקען.

אָבער סו־מו־רון האָט גליקלאַך דעם חלום פון איר טרוימער געטרוימט...

און געהאַלפען האָבען איר וועבען דעם חלום פון איר גליק אירע שוועסטער פון האַרעם. און דערזען האָט די שקלאַפין, די טענצערקע, דער יונגער זון פון דעם שייק און האָט איר אין דעם פּלאַם פון איר לעבענס־לוסט זיין האַרץ פאַר אַ קרבן פון ליבע געבראַכט, און זי האָט דאָס האַרץ פון דעם יונגען זון געוואַרימט מיט איר ברענענדיגען אָטעם און האָט די תאוה פון דעם אַלטען האַר און הערשער פאַרשלעפערט און פאַרוויגט...

און עס האָט פּאַסירט, אַז סו־מו־רון האָט געעפענט די טויערען פון דעם האַרעם פאַר איר וועבער פון טרוימען — דעם סוחר פון וואַרען — און האָט געטיילט מיט אים דעם טרוים פון ליבע און גליק...

און עס האָט ווידער פּאַסירט, אַז דער יונגער זון פון שייק האָט גע־לויערט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, די שקלאַפין, די ליבע און פרייד פון זיין האַרצען, פון בעט פון האַר און הערשער אוועקצורויבען... און ענדלאַך געווינען זיין גליק.

אָבער, ווי איז דעם זון!... און ווי איז דעם זינגדער, דעם טרוימער פון טרוימען און סוכר פון וואַרען!... ווי! אין יענער זינדיגער נאַכט האָט דער שייק דער אַלמאַכטיגער געטראָפען אין האַרעם דעם טרוימער, — דעם סוחר פון וואַרען און וועבער פון גליק, — טוליענדיג גליקלאַך דעם חלום דעם זיסען, פון ליבע געוועבט!... און ווי איז דעם ווייב פון דעם האַרעם, ווי סו־מו־רון!...

ווילד איז דער הערשער, און ס'קלינגט אין דעם טאָץ מיט אַ ליאַרם די שווערד די געבויגענע — דעם שייק'ס ציטטאַר, און וועקט אויף צום טויט פון די זינגדער אַלע אַרום...

און עס בלישטשעט די שווערד פאַר די אויגען פון טרוימער, און עס וואַרט אויף טויט־שטראַף דאָס ווייב סו־מו־רון...

דאַך קומט די נקמה!... דער האַר פון דער שקלאַפין, דער טענצערקע דער שיינער, דער מאַכער פון די קונצען, דער קלאָון פון מאַרק, קומט ראש צו לויפען און נעמט זיין נקמה פון האַר און הערשער, — דעם שייק פון אַראַביען.

און טויט איז דער הערשער, דער שטערער פון ליבע און גליק, און

איבער דעם וועג פון די בלומען, דעם שמאָלען, גייען צוריק פונ'ם האַרעם די פרויען, ווי צנועות פאַרדעקט מיט די טולען די ברוסט.

אָט דאָס איז דער חלום פון אים, פון נור־אַל־דין, דעם טרוימער פון טרוימען און סוחר פון וואַרען!

* * *

אַ וואונדער־שיינער חלום, אַ וואונדער־שיין מעשה'לע, פול מיט די עלעמענטאַרסטע און איינפאַכסטע געפילען און עמאָציאָנען פון פרייע נאַטור־מענשען, איבער וועלכען עס שוועבט יענע צויבערהאַפטע שטילקייט און פאַרטראַכטקייט, וועלכע מענשען האָבען אַ נאָמען געגעבען — טרוי־מעריי.

וואָלט דאָס אַראַבישע מעשה'לע מיט דער גאַנצער איינפאַכער און שיינער נאַאיוויטעט, וואָס ליגט אין דעם, דראַמאַטיזירט געוואָרען, וואָלט עס געקענט געבען, אַ חוץ דעם גענוס פון אַ רעעלען קאַמפ'ס־שפיל פון מענשליכע געפילען און טאַטען, אויך מאָמענטען פון העכסטען עסטעטישען גענוס, צוליב דער לירישער שיינקייט פון דעם ליבע'ס־טרוים צווישען סור־מור־רון און נור־אַל־דין.

אָבער וואָלט עס דען פאַראינטערעסירט די מאַסען? וואָלט עס געמאַכט אַזאַ רושם אין צוויי וועלט־טיילען? דאָס ניט. דאָס רוישט זיך און רעש'ט זיך מיט טאַצען און פויקען איבער דער וועלט — די נייע קונסט!...

* * *

די נייע קונסט! טיף און ברייט האָט זיך פאַרשפּרייט די רעאַליסטישע קונסט אין דעם 19־טען יאָרהונדערט. קינסטלער אויף אַלע געביטען האָבען אָפּגעשפּיגעלט אין זייער שאַפען דאָס רעעלע לעבען וואָרהאַפטיג און טריי.

עס איז געווען די צייט פון גרויסע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען: פון גרויסע אַנטדעקונגען פון די סודות פון דער נאַטור; די צייט פון צעגלי־דערען און אַרויסברייננגען אויף דער אויבערפלאַך פון דעם מענשליכען באַוואוסטזיין די פאַרפּלאָנטערטע פאַרהעלטענישען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען — די צייט פון זוכען און פאָרשטעלען דעם אמת — אָפּשפּיגלענדיג דאָס וואָרהאַפטיגע פון לעבען און פון דער נאַטור אין דער קונסט. און די רעאַליסטישע קונסט, אין אַלע פאָרמען פון דיכטונג, האָט דערגרייכט אירע גרעניצען פון אמת'דיגקייט אין דער גרופּע גלענצענדע קינסטלער, וואָס האָבען זיך אין לעצטען פערטעל פון 19־טען יאָרהונדערט באַצייכענט אַלס די נאַטוראַליסטען אין דער קונסט.

זיי האָבען פאַקטיש רעפּראָדוצירט די נאַטור און דאָס לעבען אין די מינדעסטע דעטאַלען, מיט די מינדעסטע שטריכען, וואָס זייער דיכטערישע באַאָבאַכטונגס־קראַפט האָט געקענט מערקען און אויפפאַסען און האָבען דאַריבער דערהויבען די באַאָבאַכטונגס־קראַפט פון דעם אָביעקטיווען פאַר־

שער איבער דער דיכטערישער סוביעקטיווער עמפינדונג, איבער דער פאנ־טאזיע און פארשטעלונגס־קראפט. דערמיט האבען זיי אבער אויך אנגע־צייכענט ניט נאר די איינגקייט פון זייער אייגענער ארט קונסט, פון דעם נאטוראליזם, נאר אויך די גרעניצען פון דער גאנצער רעאליסטישער שאפונג, וואס צוימט די אינדיווידועלע שאפערישע קרעפטען פון דעם קינסטלער־דורך דעם אויסערלאך רעעלען און פאראורטיילט אים צו אייביגער רעפרא־דוצירונג, איבערשאפונג אדער ווידערבילדונג.

גרויסע קינסטלער וואס קענען זען טיפער און ברייטער אפילו דאס רעעלע אין דער נאטור און לעבען, וואס קענען ברייטער און טיפער עמפינ־דען און וועמעס פארשטעלונגס־קראפט איז דעריבער אן אומענדלאכער דראנג צו באשאפען דאס נ י י ע און ניט נאר צו ווידערבילדען דאס עקזיסטי־רענדע, האבען זיך אין דער פארמע פון דער ריין־רעאליסטישער שאפונג גאר קיין ארט ניט געקענט געפינען, און שוין אין די לעצטע יארען פון לעצטען יארהונדערט האט דער גרויסער שאפערישער גייסט פון דעם מענ־שען רעאגירט קעגען דער באגרעניצטער פארמע פון רעאליסטישער שאפונג און האט געזוכט צו געפינען נ י י ע פארמען פון שאפונג. אין דער זוכעניש זיינען געבוירען געווארען די נייסטע פארמען פון קונסט: דער אימפרעסיאניזם, דער סימבאליזם און די מיסטיק דורכאויס אלס א פראַ־טעסט קעגען דעם אביעקטיווען, וויסענשאפטס־ארטיגען גייסט, וואס דער רעאליזם טראגט אריין און מוז אריינטראגען אין דער קונסט. ד י ק ו נ ס ט א י ז א י ר ו ו ע ז ע ן, איז קעגענזאץ צו דער וויסענשאפט, וועלכע איז אביעקטיוו און אנטדעקענד, איז ש א פ ע ר י ש און אלס פראדוקט פון א שאפערישען גייסט איז זי פערזענלאך, אינדיווידועל און גרעסטענ־טיילס סוביעקטיוו — דאס איז געווארען דער אורטייל פון דעם מאדערנעם באגריף פון קונסט.

דאך האט דער רעאליזם אין דער קונסט און דער צייט־גייסט פון אונ־זער לעבען געהאט א זייער גוואלדיגע ווירקונג אויף יעדער שאפערישער טע־טיגקייט. ניט נאר איז וו א ר ה א פ ט י ג ק י י ט אין דער נאטור און אין לעבען פון איינצעלנע מענשען און פעלקער געווארען דער גרונטלאבער יסוד פון קינסטלערישער שאפונג, נאר די קונסט אין אלגעמיין איז שוין מער ניט דער אוצר פון די געקליבענע איינצעלנע — די אויסדערוויילטע און הערשער — נאר זי איז אויך דער אוצר פון פאלק, פון די מאסען און ווערט עס פון טאג צו טאג אלץ מער און מער.

די רעאליסטישע שאפונג און דער צייט־גייסט האבען דעמאקראטיזירט די קונסט, און נאר יענע נייע פארמען פון קונסט וועלען פארבלייבען אין דעם שאפערישען אוצר פון דער מענשהייט, וואס וועלען קענען דורכדרינגען

די מאַסען און באַגייסטערען זיי צו העכערע שטופעס פון גענוס און לעבען. און דאָס ווייסען די זוכער פון נייע פאָרמעס פון קונסט.

* * *

און אויך די דראַמע ביי די פאָרגעשריטענע פעלקער האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבען דראַנג נאָך נייע פאָרמעס און גיך האָבען זיך אויף די ברעטער געביטען די בילדער פון דער נאַטוראַליסטישער, ריין פּסיכאָלאָגישער, סימבאָלישער און אַפילו מיסטישער דראַמע. און ווי אין דער קונסט אין אַלגעמיין, אַזוי האָט אויך אין דער דראַמע, דאָס זוכעניש פון נייע פאָרמעס ניט אויפגעהערט.

אָבער די דראַמע איז ד אָ ך אַן אייגענאַרטיגע קונסט. נאָר אין בוך איז דער שאַפערישער פּראָדוקט פון דעם איינצעלנעם קינסטלער — דער דיכטער־דראַמאַטורג: און נאָר פון בוך וועבט זי אויס די אילוזיע פון איר האַנדלונג און קאַמף אויף דעם פערזענלאַכען באַוואוסטזיין פון דעם איינצעלנעם מענשען — דעם לעזער.

ניט אַזוי אין איר אויספירונג, אין דער שאַפונג פון דער דראַמאַטישער האַנדלונג אין קאַמף און פּלאַסטישע בילדער אויף דער בינע. דאָרט איז די דראַמאַטישע קונסט דער געפלאָכטענער קונסט־פּראָדוקט פון דעם דיכטער־דראַמאַטורג, דעם קינסטלער־שוישפּילער און קינסטלער־רעזשיסער מיט אַלע זייערע געהילף־מיטלען: ליכט, קלאַנג, פאַרבען און דעקאָראַטיווער אומגעבונג. און אין דער דאָזיגער קאָמפּליצירטער פאָרמע — פון די בינען ברעטער אַרונטער — איבט זי אויס איר אילוזיע פון האַנדלונג און קאַמף ניט נאָר אויף דעם באַזונדערען גייסטיגען און עמאָציאָנעלען צושטאַנד פון דעם איינצעלנעם מענשען — דעם צושויער — נאָר אויך, און מערסטענטיילס, אויף דער אַלגעמיינער מאַסען־נשמה, אויף דעם מאַסען־באַוואוסטזיין פון דער מענגע — דאָס פּובליקום אין טעאַטער.

אויך דאָס האָבען גוט פאַרשטאַנען די זוכער פון נייע פאָרמעס אין דער דראַמאַטישער קונסט. און די גרויסע גייסטער פון דראַמאַטישער דיכטונג, זוכענדיג וועגען און פאָרמעס, אין וועלכע ברייטער און טיפער אויסצומאָלען דעם קאַמף פון לעבען און דאָס העכסטע שטרעבען פון דער מענשלאַכער זעלע, האָבען ניט געקוקט דאַרויף וואָס די נייע פאָרמעס און טיפערער אינהאַלט וועלען אפשר ניט אַזוי גיך אָפּקלינגען און אָפּרופען זיך אין דעם קאָמפּליצירטען באַוואוסטזיין פון גרעסערע מאַסען. ווייל די דראַמאַטישע קונסט אין יענע באַגרענצטע ספערעס פון העכערער קונסט־שאַפונג ק ע ן דערוויילע נאָר ברענגען צו דעם צושטאַנד פון שטילער, טיפערער התלהבות, ק ע ן פאַרשאַפען ליידען, גענוס און פרייד נאָר באַגרענצטע קרייזען פון קלענערע מענשען־גרופּעס. אָבער אַפילו דעמאָלט שפּינט זיך דאָך איר אילוזיע אין דעם קאָלעקטיווען באַוואוסטזיין פון דער גאַנצער גרופּע.

רעפלעקטיוו איז די דראַמאַטישע קונסט — אַ סאָציאַלע קונסט. און די אַנט־
וויקלונג פון דער דראַמאַטישער קונסט אַלס פאָלקס־קונסט, אין דעם פאָלקס־
טעאַטער, וועט, אין דער ווייטער צוקונפט, געוויס דערגרייכן יענע שטופע,
ווען איר אילוזיע פון האַנדלונג און קאַמף, דאָס מיטגעפיל פון ליידן, געגנס
און פרייד, וועט זיך שפּיגלען און וועבן אין דער באַגייסטערטער קאָמפּלי־
צירטער נשמה פון גרויסע פאָלקס־מאַסן, אַזוי ווי עס שפּיגלט זיך און וועבט
זיך און זינגט זיך ספּאָנטאַן די מאַרסעליעזע אין דער גרופּען־זעלע פון אַ
רעוואָלוציאָנערער מאַסע, אָדער ווי אַ פאָלקס־הימן רופט זיך אָפּ אין דער
נשמה פון פאָלק. דעמאָלט וועט געוויס די פאָלקס־דראַמע און דאָס פאָלקס־
טעאַטער דערגרייכן די העכסטע שטופע פון דראַמאַטישער קונסט און
וועט אפשר אַננעמען די פאָרמעס פון די דיאָניסישע שפּילן ביי די אַלטע
גריכן, אָדער די רעליגיעזע מיסטעריעס ביי די קריסטען פון מיטעל־אַלטער,
שאַפענדיג דאָס התלהבות'דיגע און דאָס באַגייסטערטע אין דער פאָלקס־
זעלע, צוליב דעם געגנס און ניט גראַד צוליב דעם רעליגיעזן גאָטעס־דינסט.

אָבער אויב דאָס איז דאָס *מעגלאַכע* און *ווינשענס־ווערטע* אין דער דראַמאַטישער קונסט איז עס אָבער נאָך דערוויל
דאָס *גוואַלדיג גרויסע* און אפשר גאָר דאָס אוממעגלאַכע
אין אונזער צייט. דאָך זוכן קינסטלער מיט קרעמערישע זעלעם — אַנדע־
רע פון זיי פּשוט'ע מיסגעבורטען פון אונזערע גאָלד־געלאָדענע, העכערע
און אימפּאָטענטע, מיטעלערע געזעלשאַפטס־קרייזן — שוין היינט צו
שאַפען פאָרמעס פון קונסט, וואָס אַפּעלירען צו די נידעריגסטע געפילען און
אינסטינקטען פון גרויסע מענשען־מאַסן; צו די געפילען און אינסטינק־
טען פון נייגיר, פּאַיאַצען־שפּיל, געגנס פון פאַרגרעסערטע מימישע באַווע־
גונגען און דאָס תאווה'דיגע זוכן פון דעם שונדישען און באַנאַלען.

און מאַקס ריינהאַרט — דער אידעאַל פון צוויי וועלט־טיילען אין דער
דראַמאַטישער קונסט — אומפּייאַיג צו שאַפען דאָס געוואָגטע גרויסע, האָט
אויף דעם באָדען פון דעם נידעריגען באַשאַפען זיין נייע קונסט — די
ווערטערלאָזע דראַמע.

* * *

אויך עדוואַרד גאָרדאָן קרייג — דער גרויסער ענגלישער רעזשיסער —
זוכט צו באַשאַפען אַ נייע דראַמאַטישע קונסט־פאָרמע, וואָס זאָל אין באַ־
גייסטערטער התלהבות ארומכאַפען די גרעסערע פאָלקס־מאַסן; ער וויל
אַז אָפּענעם אַמפּיטעאַטער אונטער דעם פרייען הימעל; ער וויל די פאָלקס־
מאַסע. ער וויל אַ טעאַטער־קונסט, וואָס זאָל זיין אַ בלענדענדע סימפאָניע
פון בילדער און האַנדלונגען, קאַמף, ווערטער, ליניען, פאַרבען און ריטם.
ער וויל אַ גרויסע קונסט, און ער גלויבט, אַז זי וואָלט אָפּגעדריקט איר
מאַכטיגען שטעמפּעל אויף דער נשמה פון די פאָלקס־מאַסן. אויך ע־

האלט ניט פון דעם רעאליזם און דער רעאליסטישער שאפונג; פאר אים אויך איז דער רעאליזם נאר א ווידערשפיגלונג פון דעם פאקט, פון דעם רעעלען, די קונסט אבער איז א פראדוקט פון דעם שאפערישען גייסט — זי איז דער שאפערישער גייסט!... ער וואלט דאס אלץ געוואלט, אבער ער פילט זיך ניט בכח צו שאפען יענע גרויסע קונסט־פארמע, און זיין קינסטלערישער גייסט לאזט זיך ניט פארקנעכטען פון דאס קרעמערישע און מערקאנטילנע אין אונזער לעבען, ווי ער לאזט זיך ניט בויגען און דערנידעריגען צו דעם וואס די פאלקס־מאסען ווילען און פארלאנגען.

דערווייל שטייט ער נאך אליין אין זיין גלויבען!

מאקס ריינהארט אבער האט שוין געפונען דאס שפיצעל פון דער נייער קונסט. פסיכאלאגיש האט מען גדאפט אויספארשען יענע מיטלען, וואס רופען ארויס די שטארקסטע רעספאנסען — וואס רופען זיך אפ אמשטארקסטען אין דער פאלקס־זעלע; יענע קונסט־עפעקטען האט מען גדארפט אנטדעקען, וואס רייצען אמטיפסטען דעם פאלקס־געמיט: די מאסען־פסיכאלאגיע האט מען גדארפט לערנען; די מאסען־זעלע פרואווען; לאקען זי, פארנארען און געווינען זי. און געלערנט האט מען די פסיכאלאגיע פון דעם אימפאטענטען מיטעל־קלאס פון אונזער געזעלשאפט, ווארים וואס אייגענטלאך האט צו טאן די פאלקס־מאסע מיט ריינהארט'ס טעאטער און ריינהארט'ס קונסט? און ריינהארט האט געפונען דאס שפיצעל צו געווינען זיין מאסע. ער האט פון דער דראמע און דער דראמאטישער קונסט — דעם דיכטער, דעם דראמאטורג און דאס לעבעדיגע ווארט ארויסגעווארפען: ער האט קאנצענטרירט אלץ און אלץ אין דעם אויג פון זיין מאסע. ער האט פארפוצט די אלטע פאנטאמימע אויף א קינסטלאך מאדנעם שטייגער: האט פארגרעסערט אירע רעסורסען דורך פארגרעסערטער מימיק, העויות, באוועגונגען, צו באטאנען דעם דראמאטישען קאנפליקט: האט בולט ארויסגערוקט שונדישע האנדלונגען — דאס פובליקום צו אמוזירען: באקליידעט דאס גאנצע מיט דער איינפאכער אבער זעלטען שיינער דעקאראטיווער קונסט פון די „יונגע“ — די קונסט פון ליניעם און ווינקלען — און האט אונטערגעשלאגען דאס מיסגעבורט — די שטומע, ווערטערלאזע דראמע — מיט א דויערענדען צימבלען פון אן ארקעסטער, וואס פלאגט זיך און פלאנטערט זיך צווישען די שטומע בילדער פון קונסט, שונד און פאיאצעריי, און רופט אפט צוריק ארויס אין גדעכטניש דעם גאל־גרינעם טעם פון סאלאמע'ס ווילדער ליבעס־באפרידיגונג אין איר רעטשיטאטיוו־געזאנג איבער דעם אפגעהאקטען קאפ פון יוחנן המטבל.

* * *

ריינהארט האט געפונען דאס שפיצעל פון דער קונסט — די שטומע, ווערטערלאזע דראמע, די פאנטאמימע ניי־מאדנע געצירט. און גראד איצט,

ווען ר י כ א ר ד ד ע מ ע ל — איינער פון די גרעסטע ליריקער — קלאגט זיך פאר דער וועלט, אז אין דעם געדרוקטען, טויטען בוכשטאב פון בוך, גייט אפ די לעבעדיגע מענשלאכע שטימע, דער ווארימער טאן פון דעם ארויסגערעדטען ווארט, וואס נאר זיי אליין קענען איבערגעבען דעם מענשלאכען געמיט, דאס גאנצע געפיל פון יעדער שאפערישער דיכטונג, גראד איצט בוקען זיך און קניען די זוכער און פארערער פון נייע קונסט־פארמעס צו דער ש ט ו מ ע ר, ו ו ע ר ט ע ר ל א ז ע ר דראמע.

די שטומע, ווערטערלאזע דראמע! ווען איר קוקט זיך צו צו איר און זעט ווי אין דעם שיינעם אראבישען מעשה'לע סו־מו־רון מאטערט זיך אין א הינערפלעט דער קונצען־מאכער פון מארק און שטיקט זיך אין צו־געמאכטע קאסטענס און פארבונדענע זעק: ווען איר זעט דעם ש ט ו מ ע ן אויסדרוק פון דער טרוימערישער ליבע פון סו־מו־רון און נור־אל־דין: די שטומע לוסט און ליבע פון דער שקלאפין; דעם טויט פון יונגען זון — די הערשאפט פון גוואלד פון שייק און הערשער — דאס שטומע שפיל פון לוסט און קאמף און לעבען, פרעגט איר א פארוואונדערטער: פרייע זין פון אלטען קיניגרייך! — ליבט איר דען ניט, ווי מיר, מיט דעם צארט־ליכען געפיל פון ליבע און באלייט איר זי דען ניט, ווי מיר, מיט דעם זיסען גליענדען ווארט? ווערט איר דען ניט דערשטיקט, ווי מיר, ווען מען שטיקט אייך? טוט אייך דען ניט וויי, ווי אונז, ווען מען שטעכט אייך? און שרייט איר דען ניט אויס, ווי מיר, ווען עס טוט אייך וויי?...

גייט דען אפ דאס ווארהאפטיגע און אמת'ע אין אייער לעבען, ווי עס גייט אפ דאס ווארשיינלאכע און מעגלאכע אין דער נייער קונסט?

און איר פילט, אז די נייע קונסט איז א מיסגעבורט, א טויט־געבוירען קינד...

די ווערטערלאזע דראמע — א ווערטלאזע דראמע...

וואלט זי וויניגסטענס באגייסטערט די אימפאטענטע מאסען פון דעם מיטעלען קלאס — פאר וועמען זי איז געשאפען געווארען — אפילו נאר צו מאמענטאנעם אזארט פון גערייצטער לוסט און לעבען, וואלט זי נאך עטוואס גרויסעס און דויערנדעס אין זיך געהאט. וואלט זי געבראכט דעם זוכער פון העכערען גייסטיגען גענוס צו יענער מעטערלינקישער שטילקייט, אין וועלכער עס אנטפלעקען זיך אין אינערלאכען מענשען טרוימעריש, אן ווערטער, די סודות פון דעם זיין, וואלט זי געווים א גרויסע און דויערנ־ע קונסט געווען.

אבער נ י ט ד א ס און נ י ט ד א ס איז זי אימשטאנד צו שאפען...

זי לאזט נאר איבער א צערייצטען געמיט און א זיכערקייט, אז זי וועט אזוי גיך פארשווינדען, ווי עס וועלען פארשווינדען די, פאר וועמען זי איז געשאפען געווארען.

וועגעז קונסט

וואָס איז קונסט?*)

קונסט — קונסט — קונסט!... וואָס־זשע איז קונסט?

א הארבע פראַגע. ניט וויניג פילאָזאָפען, קינסטלער און עסטעטיקער האָבען געפּרואווט געבען אַן ענטפער אויף איר. אַמאָל אין גאַנצע פאַרשרי־בענע בענדער — אַן אַנדער מאָל אין קורצע געציילטע ווערטער. דאָך האָט זיך, דאַכט זיך, קיינעם ניט איינגעגעבען, אַן דריידלאַך און אַן חקירות, צו דערקלערען וואָס איז קונסט.

פרעגט מען זיך, צום ביישפּיל, וואָס איז וויסענשאַפט? — איז דער ענטפער קלאָר: סיסטעמאַטיזירטעס וויסען. האָבען מיר אין דער נאַטור אַנטדעקט די און די דערשיינונג: האָבען מיר אויסגעפאָרשט זייערע אורזאַכען: האָבען מיר קלאַסיפיצירט און אָרגאַנזשירט די דערשיינונגען אין זייער נאַטירלאַכער צוזאַמענהאַנג, אין אַ פּלאַנמעסיגער סיסטעם — האָבען מיר די וויסענשאַפטען פון די דערשיינונגען; די וויסענשאַפטען, לאָ־מיר זאָגען, פון פיזיקע, כעמיע און ביאָלאָגיע.

ניט אַזוי אין דער קונסט. אַפילו די וואָס לערנען און גריבלען זיך אין דער פראַגע קענען זיך ניט אייניגען אויף אַ באַגריף פון קונסט און יעדער דערקלערט זיך וואָס קונסט איז אויף אַ באַזונדערען שטייגער. פונדעסט־וועגען ווייסט כמעט יעדער מענש, ניט נאָר דער וואָס שטייט אויף אַ הויכען גראַד פון אינטעליגענץ און עמפינדלאַכקייט, נאָר אויך דער מאַסען־מענש, וואָס קונסט איז. ער פילט וואָס קונסט איז, אַן ווערטער און דערקלערונגען, ווען ער דערזעט אַ גרויס קינסטלעריש בילד, דערהערט אַ וואונדערלאַכע מעלאָדיע, אָדער שטייט פאַר אַן אימפּאַ־זאַנטער סטאַטוע.

אויף דעם גרונט וואָס די מענשלאַכע נשמה, אויף יעדער שטופע פון אינטעליגענץ און עמפינדלאַכקייט, פילט, באַוואונדערט און פאַרערט דאָס וואונדערלאַכע, דאָס אימפּאָזאַנטע, האָבען שוין די אַלטע גריכישע קינסטלער, אין זייער גרויסער קונסט, אין דער סקולפּטור, געזוכט אַרויסצוברייננגען און פאַראייביגען די שיינקייט, די אידעאַלע שיינקייט פון דער אויסער־לאַכער פאָרמע, פון דעם קערפּער: און אין דער דראַמע — דאָס אידעאַל־וואונדערלאַכע און טראַגיש שרעקלאַכע אין דעם לעבען. דאָס וואָס האָט אַמשטאַרקסטען געווירקט אַפילו אויף דעם געוויינטלאַכען מענשען.

---

*) „וואַרהייט”, 21 אָקט., 1915.

שפעטער, אין דער שפאנישער רענעסאנס, האט דער גרויסער מאלער וועלאסקעז און אין אונזער צייט דער געניאלער וויסטלער, אויף דעמזעלבען גרונט, געלערענט, אז קונסט איז נאר דאס וואס האט א ווירקונג אויף דעם „קינסטלערישען אויג" און „קינסטלערישען געהער" פון דעם מענשען און איז אינגאנצען פריי אפילו פון די טיפסטע און איינגעווארצעלטסטע עמאציאנען און געפילען פון דער מענשלאכער נשמה — ווי די עמאציאנען פון מורא, פיין און פרייד, ליבע און האס.

אזא באגריף פון קונסט, ווי מאדערניסטיש פריי ער זאל זיך ניט אויסדאכטען, איז דאך צו איינג. אחוץ דעם וואס ער שליסט אויס די באוועגלאכע (דינאמישע) אייגענשאפטען פון דער מענשלאכער נשמה — די עמאציאנען און געפילען וואס באשאפען דאס אקטיווע לעבען; אחוץ דעם וואס ער פארזעצט די נשמה אין אומבאוועגלאכע (סטאטישע) שטימונגען, דערקלערט ער גאר ניט דאס וואס ער זוכט צו דערקלערען — דעם עצם פון קונסט. ער וויזט נאר אן די ווירקונג וואס א פרייע קונסט דארף האבען אויף דעם מענשען.

טאלסטאי האט זיך ערנסט און טיף געגריבעלט אין דער פראגע וואס איז קונסט? ער האט פיל געלערענט, געבלעטערט אלטע און נייע ספרים — פיל נאכגעטראכט. ווי אזוי־זשע האט ער די גרויסע פראגע פארענטפערט? ווידער אמאל טאקע מיט געדאנקען און באגריפען, וואס דערקלערען די ווירקונג פון א קונסט־ווערק, אבער ניט דעם עצם פון קונסט. ער האט געלערענט, אז ק ו נ ס ט א י ז ד א ס וואס ווירקט אויף דעם צוקוקער אדער צוהערער אזוי, אז עס רופט אין זיין נשמה ארויס יענע עמאציאנען, געפילען און געדאנקען וואס האבען געוועלטיגט אין דער נשמה פון דעם קינסטלער בשעת ער האט זיין קונסט־ווערק געשאפען און האט זיי אין דעם קונסט־ווערק פארקערפערט. די דערקלערונג איז א ברייטע, א גרויסע, מען קען ניט לייקענען. זי נעמט ארום דאס גאנצע פעלד פון קינסטלערישער טעטיגקייט און לאזט ניט ארויס קיין איין טיילכעל פון דער מענשלאכער נשמה וואס קען זיך אפרופען אויף קונסט. זי זעצט פארויס די אוממעגלאכע באדינגונג, אז דער צוקוקער אדער צוהערער פון א קונסט־ווערק מוז געהערען צו דעמזעלבען קולטורעלען מעמד, צו דעמזעלבען גראד פון אינטעליגענץ, פון עמפינדונגען צו וועלכע דער קינסטלער אליין געהערט.

קען דאך אבער געמאלט זיין, אז דאס קינסטלערישע ווערק פון א ראפינירטען אייראפייער ז א ל נ י ט ארויסרופען ביי די עסקימאס אדער זולו אפילו דיזעלבע פרימיטיווע געפילען — ווי ליבע און האס, פרייד און לייד — וואס האבען געשטורעמט אין דער ברוסט פון דעם העכסט אנטוויקעלטען קינסטלער־אייראפייער. וואו וועט אהינקומען דעמאלט די מאס פון קונסט, אפילו פון דעם גרעסטען קונסט־ווערק, ווען די צוהערער און

די צוקוקער וועלען ניט זיין בכח צו פילען דאָס וואָס דער קינסטלער האָט איבערגעלעבט? אָבער ביי טאָלסטאָי'ען קען גאָר אַזאַ קלאָץ קשיא ניט געשטעלט ווערען. ביי אים איז אַזאַ ווערק קיין קונסט ניט און בעטהאָווענ'ס ניינטע סימפאָניע איז פונקט אַזאַ שמאַטע ווי די טויזענטער בענדער און פאָליאַנטען פּאָעזיע און מוזיק וואָס זיינען געשריבען געוואָרען און די הונדערטער מייסטער־בילדער און סטאַטועס וואָס זיינען געמאָלט און געפורעמט געוואָרען צו אַמוזירען די מאַכטיגע און די ליידיג־גייער פון אונזער געזעלשאַפט.

אַזאַ קוק אויף דער קונסט איז אודאי שטאַרק רעוואָלוציאָנער און פאַרניינענדיג — טאָלסטאָי האָט זיך עס געקענט פאַרגינען — אָבער אַ באַגריף פון קונסט גיט ער אונז דאָך ניט.

שעקספּיר — שפּילעריש הפנים — זאָגט, אַז קונסט... איז פאַרהאַלטען אַ שפּיגעל פאַר דער נאַטור (To hold as t'were a miror up to nature) די אָפּשפּיגלונג פון דער נאַטור — אַזוי זאָגט ער... ערנסט קען מען היינט אַזאַ דערקלערונג ניט נעמען, ווייל אַחוץ דעם, וואָס דאָס איז ווידעראַמאָל דער אַלטער אַריסטאָטעלישער געדאַנק, איבערגעקייט און איבערגע'חזר'ט אויף טויזענטערליי אופנים פון פיל ניט רירעוודיגע מוחות, איז ער פשוט ניט אמת...

אפילו די נאַטור אַליין קען זיך ניט אָפּשפּיגלען פולקאָמען. זי קען זיך ניט איבער'חזר'ען אפילו אין דעם גרעזעלע און בלעטעלע: עפּעס איז אין איין גרעזעלע אַנדערש ווי אין דעם אַנדערען — און עפּעס איז איין בלעטעלע אַנדערש פון דעם אַנדערען: עפּעס איז איין באַשעפעניש אַנדערש פון דעם אַנדערען, אפילו פון דעמזעלבען מין, אין דער גאַנצער גרויסער נאַטור.

אָבער אין דעם אַנדערש ליגט דער שליסעל פון אַ גאַנץ אַנדער באַגריף פון קונסט.

דער קינסטלער און זיין קונסט שפּיגלען ניט אָפּ ניט די נאַטור און ניט דאָס לעבען, אַזוי ווי זיי זיינען — אָפּשפּיגלען זיי וואָלט געהייסען איבערמאַכען זיי אָדער איבערשאַפען זיי פונקט ווי זיי זיינען. דאָס קען ניט דער קינסטלער, פונקט ווי די נאַטור אַליין קען זיך ניט פּינקטלאַך נאָכמאַכען. דער קינסטלער שפּיגעלט אָפּ אין זיין קונסט די נאַטור און דאָס לעבען אַזוי ווי זיי זיינען, אָבער אויך אַנדערש ווי זיי זיינען — מער אָדער ווייניגער, דאָך אַנדערש...

אין דער פאָרשטעלונג פון דעם קינסטלער שפּיגעלט זיך אָפּ די נאַטור: אירע וועלדער און פעלדער, טייכען, בערג און ימים...

עס הערט זיך אין זיין נשמה אירע צוזבערקלאַנגען און עס מינען זיך אירע וואונדערלאַכע קאָלירען. עס שוועבט פאַר אים פאַרביי דאָס לעבען

מיט טויזענטער וויי־געשרייען פון געמאַטערטע אין טראַגישען קאַמף און גסיסה... און עס טראָגען זיך יובעלדיגע מאַסען אין פיל קאָלירטע קליידער און מאַסקעס אין אייביגען טאַנץ פון פרייד.

און די שאַפערישע נשמה פון דעם קינסטלער שפיגעלט אָפּ אין זיין פיבערישער שאַפונג די נאַטור און דאָס לעבען אַזוי ווי זיי זיינען.

אָבער אין דעם שפּיל פון די פאָרשטעלונגען, עמפינדונגען און שאַפערישע כחות, וואָס שפיגלען אָפּ די בילדער און די מענשען, די נאַטור און דאָס לעבען, וועבט זיך אויך אריין ד אָ ס ע פּ ע ס אַ נ ד ע ר ש — ד אָ ס ע פּ ע ס נ י י ע. די נייע פאָרמע, דער נייער אינהאַלט, דער נייער מוסטער, וואָס איז פריער אויף דער וועלט ניט געווען: וואָס דער קינסט־לער האָט אַליין באַשאַפען. און אָט דאָס ניי־באַשאַפענע, מעג עס זיין אַזוי גרנים ווי אַ שפּילקע קעפעל אָדער ווי דער גאַנצער סך־הכל פון מענשלאַכער שאַפונג אויף אונזער ערד — איז קונסט. דאָס קינסטלערישע איז דאָס ניי־געשאַפענע, ניט דאָס אָפּגעשפיגעלטע, ווי רעעל און וואַרהאַפטיג עס זאָל ניט זיין אין אַ מענשלאַך ווערק.

און אַז דער קינסטלערישער, שאַפערישער געניע פון דעם מענשען האָט וואונדער געשאַפען, זאָגט עדות אַלץ וואָס דער מענש האָט אויף אונ־זער ערד געשאַפען און וואָס איז אויף איר ניט געווען ווען ער האָט זי אָנגעהויבען באַהערשען — עס זאָגט עדות דאָס גאַנצע מענשלאַכע לעבען.

אגוסט ראדען און זיין קונסט *)

אויף זיין ווילא, אין א פארשטאט פון פאריז, איז לעצטע וואך גע־שטארבען, אין עלטער פון 77 יאר, דער גרויסער פראנצויזישער סקולפטאר אגוסט ראדען.

מעג זיין, אז אין דעם שוידערלאכען גערויש פון שווערדען און קאַ־נאנען פון דער איצטיגער מלחמה האבען מענשען און פעלקער פארגעסען געהעריג צו שאצען קונסט און קינסטלער; קען זיין, דאך טאר מען ניט פארבייגיין ראדענ׳ס טויט, אפילו איצט, אן א פאסיג ווארט פון אפשאצונג און פארערונג פון גרויסען גייסט.

און א גרויסער גייסט איז ראדען געוועז — איינער פון די געציילטע, איינער פון די גרעסטע וואס די וועלט האט פארמאגט.

אין דער סקולפטור, ווי אין אלע אנדערע קונסטען, זיינען תמיד געוועז א סך גרויסע שאפערישע גייסטער — גרויסע קינסטלער וואס האבען ביי־געטראגען זייער אייגענארטיגעס צום אוצר פון זייער קונסט. די סקולפטור איז א פלאסטישע — א שאפערישע בוי קונסט. פון טויטען מאטעריאל, פון שטיין, גיפס אדער בראנז — אן ליכט און פארבען ווי אין דער מאלעריי — מוזען אין קינסטלער׳ס הענט געשאפען ווערען, אזוי ווי פון פלייש און בלוט און ביין און מארך און נערווען, קערפערס, וועזענס, מענשען — — בילדער און געמעלדער — וואס מוזען אטעמען און לעבען. דערפאר אפשר לאזט אין איר איבער יעדער גרויסער באגאבטער קינסטלער, וואס איז בכח צו שאפען גייסט און לעבען אין דער טויטער מאטעריע, זיין איי־גענארטיג גרויסעס מער ווי אין אנדערע קונסטען. אבער אזעלכע גרויסע גייסטער ווי ראדענ׳ס. וואס שאפען מיט זייער אייגענארטיגעס, מיט זייער קונסט עפאכען גאנצע, תקופות נייע, נייע פארמעס און נייעם אינהאלט, אזעלכע רעכענט די סקולפטור נאר איינציגע געציילטע.

אזעלכע זיינען אין דער אלטער גריכישער קונסט געוועז פידיאס און פראקסימעלעס. וואס האבען אידעאליזירט די שיינקייט פון דעם נאקעטען מענשלאכען קערפער און האבען זי פאראייביגט אין דער ליניע, אין דעם בויג, אין דער מוסקולערער מאכט און זאנפטער ווייבלאכער גראציע פון זייערע בילדער און סטאטועס. זיי האבען די קערפערלאכע שיינקייט; די שיינקייט פון דער אויסרעלאכער פארמע צום איינציגען און אייביגען אי־

*) „די ווארהייט", 25 נאוו., 1917.

דעאַל פון דעם סקולפּטאָר׳ס קונסט געמאַכט, ביז די איטאַליענישע רענעסאַנס — יענע וואונדערלאַכע צייט פון דער ווידערגעבורט פון דעם מענשלאַכען גייסט, אין סוף 15־טען און אָנהויב 16־טען יאָרהונדערט — האָט איבער־געשאַצט אַלע מענשלאַכע ווערטען און האָט זיך אויך מיט דעם שיינקייט אידעאַל פון דעם נאַקעטען קערפּער, מיט דער שיינקייט פון דער אויסער־לאַכער פאָרמע פון די אַלטע גריכישע מייסטערס ניט באַנוגענט.

און עס איז געווען דער ריזיגער גייסט פון דעם גרויסען און אומרואי־גען פלאָרענטינער, מיקעל אַנדזשעלאָ, אין יענער אויפלעבונגס־צייט, וואָס האָט אַ נייע עפּאָכע אין דער סקולפּטור געשאַפען. זיין גרויסער גייסט האָט זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דער א ו י ס ע ר ל א כ ע ר שיינקייט פון קערפּער; אים איז די שיינקייט פון דער פאָרמע אַליין ניט גענוג געווען. ער האָט אין דעם שיינעם קערפּער די נשמה געזוכט און אין דער טויטער אויסערער פאָרמע פון זיין שטיין, ליים אָדער גיפּס האָט ער אַן אינעווייניגסטען לעבעדיגען גייסט געשאַפען. און זיין סקולפּטור־קונסט איז געווען די דערהאַבענסטע, די גרעסטע.

אָבער אויך מיט ד ע ר ק ו נ ס ט האָט זיך ראָדען׳ס נשמה — דריי הונדערט יאָר שפּעטער — ניט צופרידענגעשטעלט. מיקעל אַנדזשע־לאָ׳ס קונסט איז געווים געווען די גרעסטע, די דערהאַבענסטע. ראָדען האָט עס זיכער געוואוסט; זי איז געווים געווען דער מאַכטיגער פּראָטעסט, — אין גייסט פון דער רענעסאַנס — קעגען דעם הימעלשען און הייליגען פון די פינסטערע יאָרהונדערטער; זי האָט זיכער דאָס הימעלשע צו דער ערד דערנידערט און דאָס געטלאַכע פאַרמענשלאַכט, מיט מענשלאַכע נשמות פאַר־זאָרגט; זי האָט אין די דערהאַבענסטע פאָרמעס דאָס גרויסע זעלישע גע־שאַפען; זי איז אָבער פאָרט געווען דאָס פאַנטאַסטישע, דאָס מיטאָלאָגישע, דאָס מאָמענטאַנע און פאַרגליווערטע — ווייט פון דעם רעעלען און באַוועג־לאַד פליסיגען לעבען.

ראָדען׳ס גייסט האָט זיך ניט געקענט צופרידענשטעלען. ראָדען האָט די באַגייסטערונג פאַר זיין קונסט, שוין פון דער פריסטער יוגענט, געשעפּט פון דער נאַטור, פון דעם רעעלען לעבען און אַט דאָס רעעלע באַוועגלאַכע מענשלאַכע לעבען האָט ווי פון אַ קוואַל געשטראָמט פון זיין זעלע און ער האָט געמוזט פאַר זיין קונסט אייגענע וועגען אויסטרעטען, אייגענע פאָר־מעס שאַפען פאַר זיין אינהאַלט.

עס איז אים ניט גרינג אָנגעקומען.

ער איז געבוירען געוואָרען ביי אָרימע עלטערן. ווי די מערסטע קינ־דער פון זיין גראַד האָט ער שוין פאַר פרי געדאַרפט פאַרדינען זיין ברויט. אויך דאָס איז אים ניט גרינג אָנגעקומען, אָבער נאָך שווערער און פאַר־דריסלאַכער איז געווען זיין קאַמף אַריינצוטרעטען אין דער פּאַריזער אַקאַ־

דעמיע פון פיינע קונסטען. דריי מאל האט ער זיך געפרואווט און אלע דריי מאל האט מען אים אפגעזאגט, און דער גרויסער קינסטלער איז געבליבען נאר מיט דעם ביסעלע סיסטעמאטישער שולונג אין קונסט, וואס ער האט איינגעלוויים געקראגען אין דער פאריזער צייכענונג שול פון דעם לאטיינישען קווארטאל אין פאריז.

ווער ווייס, אפשר איז אזוי גאר בעסער געווען... אפשר האט געשטעקט גאט'ס פינגער אין דעם, און דעם גרויסען קינסטלער איז באשערט געווען צו אנטוויקלען זיינע גרויסע פייאיקייטען פריי, אומגעשטערט און ניט דערשטיקט ווערען פון פארגליווערטע מומיעס אקאדעמיקער.

אבער זיי האבען אויך שפעטער זיין קונסט ניט אנדערקענט. ניט איין מאל האט ער געשיקט זיינע ווערק צו דער אויסשטעלונג פון דער אקאדעמיע און זיי זיינען ניט אנגענומען געווארען, ווייל „זיי האבען ניט באוויזען קיין שפורען פון טאלאנט" — אזוי האבען די אקאדעמיקער געמשפט. דאך האט עס זיין קינסטלערישען חשק און זיין מוט ניט אפגעשלאגען — ער האט אומדערמידלאך געארבעט און געליטען: פארדונגען זיך צו אנדערע קינסטלער צו פארדינען לעבענס־מיטעל און ווידער טאקע געארבעט און געליטען ביז... ביז, ווי אין א מעשה פון טויזענט און איין נאכט, האט ער זיך אמאל באגעגענט מיט זיין מלאך הגואל — דעם קינסטלער באשיע — און די טויערען פון דעם קינסטלער'ס גן־עדן האבען זיך בימלאכוויים געעפענט. אין 1875, אין עלטער פון 35 יאר, האט ער קוים דערלעבט אז זיינע צוויי ביוסטען זאלען אנגענומען ווערען אויף דער אויסשטעלונג פון פאריזער סאלאן און ערשט מיט צוויי יאר שפעטער האט זיין גרויסע ארבעט „אזש ד'ארייז" — דער מענש פון דער גרויער אור־אלטער — געצוואונגען די וועלט צו דערקענען די גרויסע קינסטלערישע קראפט וואס האט איר גרוים אייגענס אין דער קונסט געהאט צו זאגען. פון דעמאלט אן איז דער וועג צו בארימטקייט און אנדערקענונג אפען געווען, אבער אפילו ווען די גאנצע וועלט האט שוין אים באוואונדערט האט די אפיציעלע קונסט ניט גרינג ארא‌פגעשלונגען די נאוואטארישע, אייגענארטיגע פארמעס פון זיין קונסט און אזוי ווי אין דעם פאל פון דעם גרויסען רעמבראנדט, אין דער האלענדישער רענעסאנס, האבען די האלענדישע קליין־בירגער פון דער קונסט דעם גרויסען ווערט פון זיין בילד „אויף דער וואך" ניט פארשטאנען און האבען די באשטעלונג ניט אקצעפטירט, אזוי האבען אויך די פראנצויזישע קליין־בירגער פון דער קונסט אין אונזער צייט ראדען'ס „באלזאק" ניט פארשטאנען און האבען די באשטעלונג ניט אנגענומען. אבער ראדען האט שוין דעמאלט געקענט אויסשטיין די שטראף — זיין קונסט איז הימעל־הויך העכער פון זייער אורטייל געשטאנען.

וואס־זשע איז דאס גרויסע, דאס אייגענארטיגע אין ראדען'ס קונסט?

ראַדען איז אַ רעאַליסט אין זיין קונסט — און ניט אויף קיין עמאַציאַ־נען אָדער געפילען אַליין באַרוט זיין רעאַליזם — ווי מען פלעגט זיך אַמאָל ווען איינרעדען.

„קונסט — לערענט ראַדען — איז באַטראַכטונג. זי איז דער פאַרגעניגען פון דעם גייסט וואָס דרינגט דורך די נאַטור און אַנטפּלעקט אין איר דעם גייסט וואָס באַלעבט זי; זי איז די פרייד פון דער מענש־לאַכער אינטעליגענץ וואָס דרינגט דורך דעם אוניווערזום און שאַפט אים איבער — באַלייכט אים מיט באַוואוסטזיין. קונסט... איז די איבונג פון דעם געדאַנק וואָס זוכט צו פאַרשטיין די וועלט און מאַכען זי פאַרשטענד־לאַך.“

אָט דאָס איז ראַדענ׳ס רעאַליזם. מיט זיינע סטאַטועס, בילדער, גרופּעס אויסגעהאַקט פון טויטע שטיין זוכט ער דורכצודרינגען די נאַטור פון דעם מענשען און פון דעם לעבען און אַנטפּלעקען דעם גייסט וואָס באַלעבט זי. מיט דער פרייד פון דער מענשלאַכער אינטעליגענץ שאַפט ער איבער דעם מענשען און דאָס לעבען ווי זיי ווערען פון אים פאַרשטאַנען — באַ־לייכט זיי מיט באַוואוסטזיין, צו מאַכען זיי פאַרשטענדלאַך.

און ער שאַפט דאָס רעעלע פון דער מאַסע: פון דעם גרויען אומגעהובעלטען שטיין, ווי פון דעם מקור פון זייער עקזיסטענץ — ניט איזאַלירט און אָפּגעזונדערט — שפּראַצען אַפּט אַרויס די פאָרמעס, די מענשען און גרופּעס. אפילו דאָרט וואו די פאָרמע איז די שענסטע, ווי אין זיין „בילד“, זיינען ניט בלויז די ביפּע זעלען שטריכען. די ווייכע ליניעס און געזיכטסצוגען אין סטיל פון דער אַלטער גרויסער קונסט געפורעמט. נאָר אויך דער קאָנטראַסט פון דעם געפורעמטען שענעם פרויען־בילד מיט דער גרויער אומגעהובעלטער סביבה. אויך מיקעל אַנדזשעלאָ פלעגט אַמאָל ניט פאַרענדיגען אַ בילד און לאָזען עס אַזוי אין דעם גרויען, רויען שטיין. אָבער ער האָט געזוכט פון דעם אַרט צו ציען פונ׳ם שטיין ניואַנסען פון ליכט פאַר זיין בילד, אָבער קיינמאָל ניט צו וועקען דאָס געפיל פון לעבען און סביבה.

דאָס איז ראַדענ׳ס אייגענאַרטיגע פאָרמע וואָס האָט אים, אין דער סטאַטוע פון באַלזאַק׳ען, וואו ער האָט די שאַפערישע וועלט פון וועלכע דער גרויסער שריפטשטעלער האָט דאָס רעעלע געשאַפען, אין פאָרמלאָזען שטיין סימבאָליזירט, אַזוי פיל ביטערע פאַרדאַמונג געקאָסט.

די סקולפּטור איז אַ סטאַטישע — ניט קיין באַוועגלאַכע — קונסט. זי קען די זעלענצושטאַנדען נאָר אין מאָמענטאַנע שטימונגען איבערגע־בען: אָבער ראַדען האָט געמוזט זיין סטאַטישע קונסט מאַכען באַוועגלאַך כּדי צו קענען פאַרקערפּערען אין איר דאָס רעעלע פליסיגע לעבען. אָפּט

האָט ער עס דערגרייכט דורך דעם אינטענסיווען אויסדרוק פון דער מענש־לאַכער מוסקולאַטור און באַוועגונג: אַפּט אויך, ווי אין זיין וואונדערבאַרער סטאַטוע „דער דענקער“, דורך דער רעעלער קאָנצענטרירונג פון דער פּאָזע אויף דעם אויסדריקלאַכען אַקט — ווי די פּאָזע פון דעם „דענקער“ אין דעם אַקט פון דענקען. אָבער מערסטענטיילס האָט ער עס געזוכט צו געווינען פון דעם קאָנטאַקט פון קערפּערס, ווי אין דער שענער גרופּע „דער קוש“.

אחוץ דער וואונדערבאַרער מאָדעלירונג פון די פיגורען אין „דער קוש“ פילט זיך נאָך אין דער העפטונג פון זייערע קערפּערס אַן אומענדלאַכע באַוועגונג — אַן אייביגער פאַרלאַנג... פון אַ קוש...

אויך די אַרט פון דערגרייכען אויסערלאַכע באַוועגונג אין דער סטאַטישער קונסט פון דער סקולפּטור איז ראָדענ'ס. אָבער ניט אין אַן ערך העכער איז זיין גרויסע קונסט אין איר אינהאַלט.

ראָדען איז אַ רעאַליסט. אין זיין קונסט האָט ער געזוכט צו פאַרקערפּערען דאָס לעבען. ער איז אָבער אויך אַ פאָלקס־מענש געווען. שוין אין אנהויב פון זיין גרויסער טעטיקייט האָט ער באַשאַפען „דעם פרימיטיווען מענשען“ — אַ גרויסע פיגור מיט אַ גוואַלדיגער פיזישער מאַכט אָבער נאָר מיט די ערשטע שפּורען פון דעם מענשלאַכען שכל. שפּעטער, שוין אויף דעם זעניט פון זיין גרויסקייט, האָט ער געשאַפען די פאַרטזעצונג אין זיין מייסטערווערק „דער דיינקער“.

אין דער גוואַלדיגער מוסקולערער פיגור פון דעם פאָלקס־מענשען דריקט זיך מיט אייזערנער מאַכט, ביז דער אָנשטרענגונג פון יעדען מוסקול, יענער טיפער און מאַכטיגער געדאַנק וואָס טליעט שוין אין זיין מוח פון דורות און דורות — פון דעם פרימיטיווען מענשען אָן ביז איצט און וועט ניט אויפהערען צו טליען ביז ער וועט אים דערדיינקען ביז'ן סוף און וועט די וועלט און דאָס לעבען באַפרייען.

צווישען אַט די צוויי גרויסע פּאָלען פון זיין קונסט האָט ראָדען געשאַפען וואונדערלאַכע ווערק, וואונדערלאַכע און שענע, אָבער ניט צוליב דער שענקייט פון דער קונסט, נאָר צוליב דעם אמת פון לעבען. און אַט דעם אמת פון לעבען אין זיין וואונדערלאַכער קונסט לאָזט ער איבער בירושה דער גאַנצער מענשהייט.

יהודה לייב בוטענסקי *)

(דער שאַפער פון דעם אידישען עפּאָס אין בראָנז און ליים)

די אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק, וואָס ציט זיך זייט דער ענדע פון לעצטען יאָרהונדערט, וועט — פריער אָדער שפּעטער — פאַרנעמען אַ גרויסאַרטיג אָרט ניט נאָר אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענשהייט. נאָר ווייניג ממשות'דיגעס איז דערוויילע נאָך געשאַפען געוואָרען אין דער קורצער אויפלעבונגס־צייט. און אויך דאָס ביסעל ממשות'דיגע איז הערוויילע צו קליין און האָט נאָך קיין צייט ניט געהאַט אָנצונעמען רעעלע פאָרמעס פון קולטור־ווערטען. צו קליין — אָבער ניט צו אומבאַדייטענט אפילו איצט שוין. און עס זאַמעלט זיך, זאַמעלט זיך און פאַרגרעסערט זיך פון יאָר צו יאָר און נעמט אַלץ אַן מער רעעלע פאָרמעס, וועלכע מוזען מיט דער צייט באַמערקט ווערען און אָפּגעשעצט ווערען אין דעם פאָרטשריט פון די פעלקער.

אין דער קונסט אָבער — אין דער ליטעראַטור און קונסט — גיסט זיך דער שאַפערישער גייסט פון דעם דיכטער און קינסטלער גלייך אויס אין ממשות'דיגע פאָרמעס: ביים דיכטער אין דעם פורעם פון אַ זינגענדיליד, אַ בילדלאַכער דערציילונג אָדער אַ טאַטקראַפטיגער דראַמע; ביים טאָנקינסטלער אין דער זיסער מעלאָדיע, אין דער וואודערלאַכער האַרמאָניע; ביים מאָלער אין לעבהאַפטע בילדער און נאַטור טרייע פּייזשאַזען און ביים סקולפּטאָר אין אימפּאַזאַנטע לעבעדיגע געשטאַלטען וואָס פאַרקערפּערען פאָרם און אויסדרוק, געפיל און געדאַנק. און מעגען די קינסטלערישע אוצרות זיין ווי קליין — *זיינען זיי אוצרות*. געשאַפען פון ערנסטען קינסטלערישען גייסט, האָבען זיי אַ ווערט און ווערען אָפּגעשאַצט אפילו דעמאָלט, ווען זיי זיינען נאָר איין בלישצענדיגער טראָפען אין דעם ים פון מענשלאַכער שאַפונג.

דערפאַר קומט שוין איצט דאָס ביסעלע געשאַפענע — דאָס אידיש־נאַציאָנאַלע אין דער קונסט — צו דער אָנדערקענונג פון אַנדערע פעלקער.

די נייע אידישע ליטעראַטור — די ניי־העברייאישע ווי די יונג־אידישע ליטעראַטור פון דער קורצער אויפלעבונג־צייט — האָט זיך שוין דורכגעשלאָגען אַ וועג מיט די איבערזעצונגען פון אירע בעסטע דיכטער און שריפטשטעלער צו דער אָנדערקענונג און אָפּשאַצונג אין דער ליטעראַטור פון רוסלאַנד און דייטשלאַנד. ענלאַך איז אויך דער פאַל מיט דער נאָר

---

*) „די צוקונפט“, נאָוועמבער, 1913.

יונגער מאַלעריי פון אידישע קינסטלער. דערווייל איז זי נאָך אַן אייגענאַרטיגע פאַרדינסטען, אַן אייגענטימלאַכע שטריכען און פאַרבען, געמאָלען נאָר אויף סוזשעטען פון דעם רעלען לעבען פון דעם פאָלק און דורכגעדרונגען מיט די טיפע אידישע ליידען און שטילער אידישער געדולד; זי געפינט אָבער אויך ביסלאַכוויים איר וועג צו די ערנסטע אויסשטעלונגען פון דרום אייראָפּאַ. אַזוי אויך די באַמיאונגען פון דעם „בצלאל“ צו שאַפען אין די געווערב־קונסטען עכט אידישע דעקאָראַטיווע געמעלדער און צייכענונגען און אַן אייגענאַרטיגע אידישע סטיליזירונג, ווערען ביסלאַכוויים אנדערקענט און אָפּגעשאַצט. אפילו אין דער מוזיק — אין דער אַלמענשלאַכסטער פון אַלע מענשלאַכע קונסטען — טיילט זיך ביסלאַכוויים ארויס פון די פאָלקס־נגונים, וועלכע זיינען אליין אַ געמיש פון קלאַנגען פון אַלע גלות'ן, אַן עכט אידישע נאָטע.

ביסלאַכוויים און אַלץ ביסלאַכוויים, ווייל די צייט איז נאָך צו קורץ געווען און די שאַפערישע כחות זיינען ערשט ארויס פון איי פון דער אויפלעבונג צו קענען ווערען ריזיג גרויס מיט אַמאָל. און דאָך — דאָך ווערט אין דער סקולפּטור, אין דער קונסט, וואָס איז אינגאַנצען פרעמד געווען דעם אידישען פאָלק, געשאַפען עטוואָס אייגענאַרטיג גרויסעס, עטוואָס אַזוינס וואָס וועט האָבען אין צוקונפטיגע דורות אַן אייגען וואָרט צו זאָגען.

און דער שעפער פון דעם אייגענאַרטיגען גרויסען אין דער סקולפּטור — יאָ, דער שאַפער פון דעם עפּאָס פון דעם אידישען פאָלק אין בראָנז און אין ליים איז יהודה לייב בוטענסקי.

* * *

יהודה לייב בוטענסקי איז געבוירען געוואָרען אין רוסלאַנד — אין נאָוואָראַדאָק—ביי אָרימע אידישע עלטערען, געגנוי, וועז, ווייסט דער קינסטלער אַליין ניט — אומגעפער מיט אַ יאָר פערציג—איין און פערציג צוריק. אַז זיינע קינדער־יאָרען האָט ער פאַרבראַכט אין אַ אידישער סביבה, איז דאַכט זיך איבעריג צו דערציילען, ווייל שוין אין דעם עלטער פון 4—5 יאָר האָט ער געלערענט אין תלמוד־תורה „ווי אַלע אָרימע אינגלאַך“. ער איז געווען אַ שטיפעריש, פאַרשייט קינד און פלעגט אָפטאָן אַזעלכע זאַכען „מיט וועלכע דאָס גאַנצע שטעטעל האָט געקאָכט“. דערפאַר טאַקע האָט ער אין דער תלמוד־תורה געקראָגען „מער קלעפּ פון אַלע אינגלאַך“ און האָט זי צו צען יאָר פאַרלאָזט אַז דעם ווילען פון זיינע עלטערען. ער איז אריינגעטראָטען אין אַ פּריכאַדסקאָיע שול, וואו ער האָט געלערענט מיט גרויס פליים און איז אין גיכען טראַנספערירט געוואָרען אין אַ שטאָטישער קאַזיאָנער שול.

שוין אין דער פרישטער קינדהייט האָט ער ארויסגעוויזען גרויסע ליבע צו דער קונסט. ער פלעגט אומאויפהערלאַך שניצען און שניידען און צייכע־

נען מיט קויל בילדער און פיגורען וואו ער האָט נאָר געקראָגען די געלעגענ־הייט. שוין דעמאָלט פלעגט ער נעמען זיינע סוזשעטען פון דער אידישער געשיכטע: — חנוכה האָט ער אַמאָל אויסגעמאָלט אַ גרויסען מענשען מיט אַ שווערד — יהודה המכבי — מיט די גריכישע הרוגים ארום אים; פורים האָט ער בילדלאך פאַרגעשטעלט דאָס מעשה׳לע ווי המן פירט מרדכי׳ן אויפ׳ן פערד אין אַ כתר מלכות און זרש זיין ווייב גיסט אויס פון אויבען פון איר פענסטער קויט אויף זיין קאָפּ. אַמאָל האָט ער אויך אַ „מזרח“ געמאַכט, פאַר וועלכען ער האָט אַ קניפּ אין בעקעל געקראָגען און אין דער פריכאָדסקאָיע שולע האָט ער דעם גלח אָפּגעמאָלט און איז דערפאַר אין קאַרצער געזעסען. אַ יאָר נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט די קאַזיאָנע שולע איז ער געפאָרען קיין פּסקאָוו אריינצוטרעטען אין דער דאָרטיגער רעאַל־שולע. אָבער — אין פּסקאָוו האָט זיך דעמאָלט פאַרשפּרייט די ערשטע ציון־באַ־וועגונג. זי האָט באַהערשט די אידישע אינטעליגענץ און די אידישע שטו־דירענדע יוגענט און האָט מיט זיך אויך דעם יונגען שילער מיטגעצויגען. פאַר אים האָבען זיך נייע וועלטען געעפענט, אידעאַלע וועלטען. אין דער נשמה פון דעם יונגענמאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן ערנסטער קאַמף מיט דעם רעעלען לעבען: דאָס אידעאַל, דאָס גרויסע, דאָס אויפלעבעדע האָט מאָמענטאַן גובר געווען. ער האָט באַשלאָסען צו קריגען מיטלען און פאָרען קיין ארץ־ישראל. אויפן וועג אהיים האָט ער זיך אין ווילנע געטראָפען מיט באָרים שאַץ — דאַן נאָך אַ יונגער קינסטלער — שפּעטער, דער גייס־טיגער שאַפער און לייטער פון דעם „בצלאל“ אין ירושלים. „פון שאַץ׳ען האָט דעמאָלט די גאַנצע שטאָט גערעדט“. דעם יונגען בוטענסקי האָט עס שטאַרק געוואונדערט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואָלט אויך געקענט „מאַכען די זאַכען“ וואָס באָרים שאַץ מאַכט און ער האָט טאַקע איינינע פון זיינע „זאַכען“ געמאַכט „גראָד אַזוי שלעכט ווי ער“. באָרים שאַץ האָט דערקענט דעם ערנסטען טאַלאַנט אין דעם יונגען בוטענסקי און האָט אים צוגערעדט ער זאָל שטודירען די סקולפּטור.

„דאָס איז געווען דער ערשטער מאָמענט אין מיין לעבען, ווען איך האָב אָנגעהויבען צו דיינקען וועגען דער סקולפּטור אַלס פּראָפעסיע“ — דערציילט דער קינסטלער. אָבער נאָר אַ קורצע צייט האָט ער געלערענט אין דער צייכענונג־שולע אין ווילנע. דער געדאַנק, די טרוימערישע פאַנטאַזיע פון אַ נייַ לעבען אין ארץ־ישראל — מיט וועלכען די יונגע נשמה האָט זיך אָנגענומען אין פּסקאָוו, האָט זיך ניט אונטערגעגעבען אַזוי גיך צו די אָקאָרשט אויפגעוואַכטע באַוואוסטזיניגע קינסטלערישע שטרעבונגען. דער יונגער בוטענסקי האָט נאָך אַלץ געזוכט זיין וועג — און האָט באַשלאָסען צו פאָרען קיין פּאַריז, דאָרט ערשט צו אַנטשיידען: קונסט אָדער אידעאַל; סקולפּטור אָדער ארץ־ישראל. ווען ער האָט אָבער געמאַכט זיין נסיעה קיין

פאריז. האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיינע מיטלען זיינען געווען צו קליין און ער האט על פי נויט געמוזט בלייבען אין ווין.

דא האבען די קינסטלערישע באשטרעבונגען געזיגט און זיין טאלאנט האט זיך אנגעהויבען אנטוויקלען. נאך פיל ליידען אין דעם ערשטען יאר, האט איינער פון די באטייטענדסטע דעקאראטיווע סקולפטארען פון אייראפע געזען זיין ארבעט און ער האט אים געהאלפען אריינטרעטען אין דער ווינער אקאדעמיע פון קונסט, וואו ניט יעדער האט געהאט די זכיה אנגענומען צו ווערען. פיר יאר האט ער אין דער אקאדעמיע פלייסיג געלערענט און האט געארבעט איבער אזעלכע אקאדעמישע סוזשעטען, ווי צום ביישפיל: „ט ע ז ע א ו ס צעברעכט דעם שארבען פון א צ ע נ ט א ו ר“, אדער „י א ז א ן האקט אפ דעם קאפ פון דער מ ע ד ו ז א“, אדער גאר „ז י ג פ ר י ד שמידט א שווערד“, אלץ אזעלכע ארבעט וועלכע האבען דעם יונגען קינסטלער געווים געגעבען א נויטיגע שולונג אין זיין קונסט, אבער וועלכע זיינען זיין יונגער נשמה אויף א האר ניט אנגעגאנגען, האבען זי אויף א האר ניט באפרידיגט. ערשט ווען ער האט געענדיגט זיין שטודיום אין דער אקאדעמיע און איז אריינגעטראטען אין דער מייסטער־שולע פאר העכערער סקולפטור, וואו דער קינסטלער איז פריי אין טעטיקייט, האט דער יונגער קינסטלער אויפגעלעבט. ער האט זיך פריי דערפילט און זיין נשמה האט זיך פריי געעפענט, ווי א בלומען־קנאספ עפענט זיך אונטער די יונגע שטראלען פון דער פרילינג־זון. דאן האט ער זיין „נאטאן דער ווייזע“ געמאכט, זיין „שמשון און דלילה“ און אנדערע ארבעטען אויף אידישע און ביבלישע סוזשעטען. די קינדערשע ליבע צו דער אידישער געשיכטע האט אויפגעלעבט אין דער רייפערער נשמה פון דעם קינסטלער. די קינסטלער־וועלט האט זיין ארבעט אויפגענומען מיט ליבע: דאס פובליקום — מיט ענטוזיאזם. עס האט אויסגעוויזען, אז דער יונגער קינסטלער וועט שוין קענען אנטוויקלען זיינע קראפטען און זיין קונסט פראנק און פריי.

אבער גאנץ אומדערוואַרטעטע אומשטאנדען און פאליציי־דריידלאך אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער שפיאנאזש אין ווין האבען אים שיר ניט געבראכט מיט׳ן עטאפ צוריק קיין רוסלאנד. ער איז געווען געצוואונגען צו פארלאזען ווין און איז געפארען אין פאריז.

אין פאריז האט ער פיל געליטען, פיל געארבעט און אפשר אויך פיל געלערענט. אבער געארבעט האט ער ניט זעלבסטשטענדיג, נאר פאר פרעמדע — צו פארדינען לעבענס־מיטעל. אין 1904 איז ער מיט א פראנצויזישען ארכיטעקט — אויף א קאנטראקט צו ארבעטען פאר אים — געקומען קיין אמעריקע. גערעכענט האט ער אפילו צו פארבלייבען דא נאר א קורצע צייט און פארען צוריק קיין אייראפע, אבער די צייט און די אומשטענדען האבען אנדערש אויסגערעכענט און ער איז פארבליבען צווישען אונז.

דאָ האָט ער אין אָנהויב פון זיין קינסטלערישער טעטיקייט אויך אַ היבש ביסעל געליטען ביז ער האָט זיך דורכגעשלאָגען זיין וועג. ניט קיין גרינגער וועג איז עס געווען — אָבער אַ בראַווער וועג.

אויף אים האָט ער ביז איצט זיין גרעסטעס, זיין אייגענאַרטיגעס גע־שאַפען.

* * *

קונסט — לערנט ראָדען אין זיין בוך „ל'אַרט" — איז באַטראַכטונג: זי איז דער פאַרגעניגען פון דעם גייסט, וואָס דרינגט דורך די נאַטור און אַנטפּלעקט אויך אין איר דעם גייסט, וואָס באַלעבט זי: זי איז די פרייד פון דעם שכל (די אינטעליגענץ), וואָס הרינגט דורך דעם אוניווערזום און שאַפט אים איבער — באַלייכט אים מיט באַוואוסטזיין. קונסט איז די העכסטע מיסיע פון דעם מענשען. ווייל זי איז די איבונג פון דעם געדאַנק וואָס זוכט צו פאַרשטיין די וועלט און מאַכען זי פאַרשטענדלאַך". און דאָך ליאַרמען די פּראָפּאַנען אין דער קונסט, אַז די עכטע קונסט איז אויס־שליסלאַך נאָר דער אויסדרוק פון פאָרמעס, געפילען און עמאָציאָנען. „די פרייד פון דעם שכל, וואָס הרינגט דורך דעם אוניווערזום אָדער דאָס לע־בען: געדאַנק, וואָס זוכט צו פאַרשטיין די וועלט אָדער דאָס לעבען און מאַכען עס פאַרשטענדלאַך", איז פאַר זיי ניט קיין ע כ ט ע קונסט. און עס איז אויך קלאָר פאַר וואָס. זיי פאַרמישען דעם אינהאַלט פון דער קונסט־זאַך, דעם אינהאַלט פון דעם ליד, פון דעם בילד אָדער פון דער סטאַטוע מיט דעם אַרט פון שאַפען די קונסט־זאַך. זיי באַגרייפען ניט, אַז אין דעם אַרט פון שאַפען פאַראייניגען זיך אי די פאָרם פון דער קונסט־זאַך, אי איר אינהאַלט, מעג ער זיין אַן איינפאַך געפיל פון ליבע אָדער האַס: אי דער געדאַנק, וואָס זוכט צו פאַרשטיין די וועלט, אי די פרייד פון דעם שכל, וואָס דרינגט דורך דעם אוניווערזום דורך דער נשמה פון דעם קינסט־לער: ער מוז זיי דורכפילען, דורכטראַכטען, דורכלעבען אין אומצעליגע מאָמענטען, איידער ער קען זיך נאָר פאַרמעסטען זיי אויסצודריקען אין דער באַשטימטער פאָרם פון אַ קונסט־ווערק. איבערהויפּט איז עס אַזוי אין דער סקולפּטור, וואו די פּראָזע גילט ניט און די פאָרם בלענדעט ניט...

אין דער סקולפּטור איז יענע קונסט די ה ע כ ס ט ע, אַפילו ווען זי איז ניט די שענסטע אין דער פאָרם און ניט די טיפסטע אין דעם אויס־דרוק פון עלעמענטאַרען געפיל — יענע קונסט, וועלכע „דרינגט דורך מיט דעם גייסט די נאַטור און אַנטפּלעקט אין איר דעם גייסט, וואָס באַלעבט זי: וועלכע זעט מיט דער פרייד פון שכל דעם אוניווערזום, און שאַפט אים איבער און באַלעבט אים מיט באַוואוסטזיין; — יענע קונסט, וועלכע זוכט מיט'ן געדאַנק צו פאַרשטיין די וועלט און מאַכען זי פאַרשטענדלאַך"

דורך דעם אויסדרוק פון קאָנקרעטע געשטאַלטען. צו דער קאַטעגאָריע קינסט־לער־סקולפּטאָרען געהערט יהודה לייב בוטענסקי.

בוטענסקי איז ניט קיין מייסטער פון דערהאַבענע פאָרמעס. די אַלט־גריכישע קונסט מיט איר וואונדערבאַרער שענקייט זוכט ער ניט נאָכצומאַ־כען. ער איז ניט דער קינסטלער פון אינטענסיווען אויסדרוק פון רויע־מאַכט און אינערלאַכע זעלען־באַוועגונגען — די כאַראַקטעריסטישע שטרי־כען פון דער סקולפּטור פון דער רענעסאַנס. ער גייט ניט אין די אויסגע־טראָטענע וועגען פון דער מאָדערנער קונסט; ער שאַפט זיך זיין אייגענעם וועג.

אפילו אויסער דעם אייגענטימלאַך אידישען און כאַראַקטעריסטיש ביבלישען אין זיין קונסט, איז ער דער קינסטלער פון דעם געדאַנק, וואָס זוכט צו פאַרשטייז די וועלט — אָדער דאָס לעבען — און מאַכען עס פאַר־שטאַנדלאַך דורך קאָנקרעטע געשטאַלטען. עס איז גענוג צו מאַכען זיך אַ באַ־גריף פון זיין קינסטלערישער טעטיקייט, צו דערקענען די גרונט־מאָטיוען פון זיין שאַפען.

אָט איז אַ בילד פון אַ קליין מאָדעל: אויס דעם גרויען, רויען גראַניט, צעשפּאַלטענע און דורכגעריסענע ערטערווייס, רייסט זיך אַ מעכטיגע יונגע מענ־שען־געשטאַלט אין דעם פרייען רוים אַרויס. דער שטיין האַלט זי נאָך פעסט, אָבער איר קאָפּ און אירע הענט זיינען שוין פריי — און איר ברוסט איז פריי — זי אָטעמט די פרייהייט. דאָס רייסט זיך דער ג י י ס ט אַרויס פון דער איינפאַכער מ אַ ט ע ר י ע . וועט ער זיך באַפרייען? קען ער זיך אַרויסרייסען? דער קינסטלער דערציילט דאָס ניט. ער דערציילט נאָר, אַז ער רייסט זיך — פריער, איצט און שפּעטער — תמיד. אָט דאָס איז דער געדאַנק פונ׳ם בילד. דאָס גאַנצע האָט ניט קיין אַנדער פאַרדינסט ווי נאָר דאָס, וואָס דער געדאַנק, פאַרקערפּערט אין אַ קאָנקרעטער געשטאַלט, זוכט צו פאַרשטייז אַ טיילכעל פון דער וועלט און מאַכען עס פאַרשטענדלאַך. אָבער אין דעם בילד ליגט שוין אַ רמז אויף דאָס העכסטע און אייגענאַרטיגע אין בוטענסקי׳ס קונסט — איר עפּישער (דערציילענדער) כאַראַקטער.

בוטענסקי איז ניט קיין גרויסער ליריקער. ניט גרינג ברייננט ער אַרויס אין דעם מענשען און דעם לעבען דאָס זיסע, דאָס ליבע, דאָס ווייכע, זאַנפטע און ליבלאַכע, דאָס קאָנקרעט שיינע און אייביג וווּבלאַכע. ער איז אַן עפּי־קער (אַ דיכטער דערציילער). אין דעם געוואַלטיגען שוואונג פון דער צייט; אין דעם לויף פון דעם לעבען פון דורות דערטאַפּט ער דאָס כאַראַקטעריסטיש גרויסע, ערנסטע און טרויעריגע און פאַרקערפּערט עס אין אַ רעעלען סימבאָל פון אַ אידייע — פון אַ געדאַנק. טיפסטער טרויער אין זיינע בילדער און סטאַטועז איז ניט פון אַ מאָמענט אינ׳ם זעלען־צושטאַנד, נאָר דער טרויער וואָס זאַמעלט זיך אין דער מענשלאַכער נשמה דורך לאַנגע דורות. ער איז

דער עפּיקער par excellence אין סקולפּטור. און דאָס עפּיש גרויסע איז זיין אייגענאַרטיגעס און ציט זיך דורך זיין גאַנצער קינסטלערישער טע־טיגקייט.

בוטענסקי האָט זיך אפשר ווייניגער אָפּגעגעבען מיט דעקאָראַטיווער קונסט ווי מיט גרויסער סקולפּטור־אַרבעט איבער לעבענס־ און ביבלישע סוזשעטען. אָבער אפילו אין דער דעקאָראַטיווער קונסט, וואו ער איז שוין פיל מער קינסטלער פון ליניע און פאָרם, באַלעבט פון אַ זוניגער פרייד, איז ער נאָך אַלץ פיל מער דער עפּיקער ווי דער ליריקער. דאָס זעט זיך בולט אַרויס אויף דער דעקאָראַטיווער אַרט פון זיינע צוויי וואַזאָנעס.

אויף איינער פון די וואַזאָנעס ליגט די זאָרגלאָזע יוגענט אין דעם גע־שטאַלט פון אַ פרוי אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט דער האַנט. דער קערפּער בויגיג אויסגעצויגען. זי קוקט מיט אירע ליכטיג שפּילענדיגע אויגען אין רוים. גאַרט זי נאָך עטוואָס? נאָך לעבען, נאָך גליק... פּונקט זי ווי וואָלט עס אַקאָרשט אַרויסגערעדט — און איר פּנימ׳ל שטראַלט מיט זיסער קינדערשער אומשולד. פון אויבען פון דעם ראַנד פון דער וואַזאָנע, נידערט צו איר אַרונטער אַ קופּידעל — אַ מלאכ׳על פון ליבע. ניט מיט קיין ליבעס־פּיילען קומט ער צו איר. ער שלעפּט, קוים צו באַמערקען — אַ שפּין. די דעקאָראַציע איז פּראַכטפול, שיין, קינסטלעריש אויסגעאַרבעט און אָטעמט מיט פרייד. האָט אָבער דער קינסטלער געקענט דאָ פאַרענדיגען זיין געדאַנק? אַ ריינער ליריקער — יאָ. אָבער ניט בוטענסקי. ער האָט געמוזט דערטרינקען דעם ליריזם אין דעם פּאַטאָס פון עפּיק אום צו פאַרענדיגען זיין געדאַנק. און אויף דער צווייטער וואַזאָנע ליגט שוין דערזעלבער פרויען־קערפּער מיט׳ן פּנים אַראָפּ, געפּענטעט אין דעם שפּין־געוועבס. ניט דאָס פּנים און ניט דעם קאָפּ קען מען זען. זיי זיינען ערגעץ אין דעם נעבעל פון דעם לעבען אַהינ־געקומען, מיט הונדערט טויזענט אַנדערע קעפּ און פּנימ׳ער אָפּגעווישט גע־וואָרען. געבליבען איז נעץ איז נאָר דער נאַקעטער קערפּער אין קאָנטורען פון פאַרשטויסענקייט, אין אַ פּאָזע פון אַ צעבראָכענעם געמיט. קופּיד טראָגט זיך אָפּ. ער האָט זיך זיין אַרבעט געענדיגט. פון זיין וועג פאַלען נאָר אָפּגעריסענע בלעטלאַך אויף דעם אומגליקלאַכען קערפּער. וואָסער אַ טראַגיש־עפּישע פּאָעמע אויסגעוועבט פון אַ געדאַנק, וואָס זוכט צו פאַרשטיין אַ טיילכעל פון דעם לעבען און מאַכען עס פאַרשטענדלאַך!

מיט אַ ריין אידישען געדאַנק פאַר אַ סימבאָל אין דעם דעקאָראַטיווען אַרט האָט זיך בוטענסקי באַנוצט אין דעם געמעלד פון דעם מעדאַל פאַר דעם הער הענרי רייס — דעם געוועזענעם פּרעזידענט פון די היגע אידישע צדקות. דאָס געמעלד אויף דעם מעדאַל איז זייער אָריגינעל: ווייט פון די געוויינלאַכע פאַנטאַסטישע געמעלדער, וואו דער מלאך פון צדקה לייגט אַרויף אַ לאָרבער־קראַנץ אויף דעם קאָפּ פון דעם צדקה־געבער. בוטענסקי

אלס א מאדערנער מענש איז דורכגעדרונגען מיט דעם רעעלען און פאקטישען פון אונזער לעבען און דער אידישער געדאנק פון „שכר מצוה“ — „מצוה“ האט זיך ביי אים אויסגעדריקט אין דער איינפאכער רעעלער פארמע פון א פרוי — צדקה — וואס האלט אונטער איר אויסגעשפרייטער שוץ אן ארימען אלטינקען פון איין זייט און א מוטער מיט א פיצעלע קינד פון דער אנדערער. איר אויסגעשפרייטע האנט ליינקט כמעט אפ דעם לארבער־קראנץ וואס דער מלאך פון צדקה וויל ארויפלייגען אויף איר. דאס געמעלד איז אויסגעצייכענט אויסגעפירט קלאר און שארף און בולט: דער מלאך אין דעם סטיל פון די מלאכים פון דער רענעסאנס; דאס גאנצע אין דעם סטיל פון דער היינטיגער פראנצויזישער מעדאליאנען־קונסט.

בוטענסקי איז א רעאליסט און פארקערפערט אידייען אין רעעלע פארמען.

וואס ער אלס קינסטלער געשאפען אין די גרויסע ראמען פון זיין עפישען טאלאנט און נאר אויף אלגעמיינע סוזשעטען אין דער סקולפטור, וואלט ער אויך דאן אלס אידישער קינסטלער געווען א צירונג פאר'ן אידישען פאלק. ער האט אבער ביי דער פולער אנטוויקלונג פון זיינע סקולפטורישע קרעפטען נאך אלץ באהאלטען זיין אלטע קינדער־ליבע צו דער אידישער געשיכטע, זיין גרויסע ליבע צו ביבלישע סוזשעטען און יענע אידעאלע ליבע צום אידישען פאלק, וועלכע האט אים אין דער יוגענט שיר־שיר ניט געפירט קיין פאלעסטינע.

ערשט אין דער פארטרעטור פון אידישע טיפען און אין די ביבלישע און גלות־סוזשעטען קריגען זיינע עפישע קינסטלערישע קראפטען דעם נויטיגען רוים און שוואונג און ברייינגען ארויס דאס בעסטע פון זיין נשמה. ער שאפט דעם עפאס פון דעם אידישען פאלק.

זיינע פארטרעטען, די ביוסטען פון יהודה הלוי, נאטאן דער ווייזע און יעקב גארדין צייכענען זיך ניט אומעטום אויס מיט שארפע קאנטורען, בולט'ע געזיכטס־שטריכען, אדער קלארע אויסדרוקספולע אויגען. ניט דאס מאטעריעלע פאסט אויף דער קינסטלער אין דעם מאדעל, נאר דאס טיפע, דאס גייסטיג־אינטעלעקטועלע. דאס איז דער הויפט־ און גרונט־שטריך אין אלע זיינע פארטרעטען. אבער ווי וואונדערלאך דריקט זיך עס אויס, ווען אויסגעמישט מיט דעם טיפסטען טרויער פון דער מענשלאכער זעלע, ווערט עס פארקערפערט אין דעם דערהאבענעם גייסט פון א יהודה הלוי. מאטערענדיג זיך דאס גאנצע לעבען אין גלות מיט דער ליבע צו ציון, איז דער גרויסער דיכטער אויף דער עלטער ענדלאך געקומען צום ציל „צו קושען דעם שטויב פון ציונ'ס גאסען“ און ער האט דערזען דעם חורבן. אין דעם טיפסטען יאוש פון זיין גרויסער דיכטער־זעלע, האלב קניענדיג, כאפט ער ארום א צעבראכענע זייל פון אירע רואינען, דריקט זי צום פארוויטאגטען הארץ מיט איין האנט, שטרעקט אויס די אנדערע אין פארצווייפלונג,

בשעת זיין קאָפּ איז אין טיפען טרויער געזונקען אויף דער ברוסט. דאַכט זיך, ער פרעגט: „וואָס איז געבליבען פון דיר?" אָבער ניין, פריער זיינען דער קאָפּ און די אויגען געווען געריכטעט צום הימעל מיט דעם פאַרצווייפעלטען אויסגעשריי „גאָט, וואָס איז געבליבען פון דיין איינציגער, פון דיין געליבטער?!" און דאַן ערשט איז דער קאָפּ געזונקען טיף און טיפער אויף דער ברוסט אין טיפסטען יאוש. עס דאַכט זיך, אַז די באַוועגונג מערקט זיך נאָך איצט אין דעם אויסדרוק פון דעם וואונדערבאַרען פנים, דעם וואונדערבאַרען שטערען און די ברעמען.

עס איז אַ וואונדער־בילד. ניט נאָר גרויס אין דער אויפפאַסונג און פּאָזע, אין דער קינסטלערישער אויספירונג און אויסדרוק פון אַ טיפען זעלען־צושטאַנד, נאָר אויך גרויס ווייל עס גיט דעם איינדרוק פון אַן עפּיש געדיכט, פון אַ וואונדערבאַר קלינגענדער פּאָעמע.

נאַטאַן דער ווייזע איז פיל רעליעפנער געמאָלען, די געזיכטס־שטריכען זיינען שאַרפער און בולט'ער. עס איז דער טיפער, קלוגער פאַרטראַכטער סוחר — „דער ווייזע", ווי לעססינג האָט אים געוואָלט פאַרשטעלען און זאָגענטאַל האָט אים פערזאָניפיצירט. און אין ביידע — אין „נאַטאַן דער ווייזע" און אין גאָרדינ'ס פאָרטרעט — האָט דער קינסטלער אויסגעצייכענט אויסגעהאַלטען די סביבה. גאָרדינ'ס ביוסט טראָגט אויך אויף זיך דעם שטעמפּעל פון זיין שאַפער — אויך דאָ הערשט דאָס גייסטיג־אינטעלעקטועלע: די שאַרפע, שטאַרקע געזיכטסצוגען האָבען דערפון פיל פאַרלוירען: דער מאַכטיגער, אייזערנער ווילען איז קאָנצענטרירט נאָר ארום דעם אויסדרוקספול פעסט־געשלאָסענעם מויל און דעם ריזיגען שוואונג פון דעם נאַקען. אָבער מערקווירדיג, אַ מאָמענטאַנער פאַרגלייך פון דעם פּראָפיל פון דעם ביוסט מיט דעם פּראָפיל פון דעם „גלות"־סימבאָל ווייזט, ווי טיף דאָס גלות לעבען האָט זיך אָפּגעדרוקט אפילו אויף אַזאַ מאָדערנעם אייראָפּייאישען אידען ווי יעקב גאָרדין איז געווען. אויך אויף זיין געזיכט ליגט, — פונקט ווי עס איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין זעלע, — אַ שטיק פון דעם טיפען טרויער פון אונזער לעבען.

* * *

דאָס העכסטע און דאָס דערהאַבענסטע אין זיין קונסט האָט יהודה לייב בוטענסקי דערגרייכט אין זיין סקולפּטור־אַרבעט אויף ביבלישע סוזשעטען און אין זיין „גלות". אין זיי האָט ער אויך דערגרייכט דאָס העכסטע אין דער סקולפּטור — דעם אויסדרוק פון באַוועגונג, אָפּט אויף דעם חשבון פון גענויקייט אין דער פאָרמע, אַמאָל אויך אויף דער רעכענונג פון אַ בולט'ען אויסדרוק פון אַ זעלען־צושטאַנד. אָבער יענער גרויסער מייסטער אין דער סקולפּטור איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען, וואָס זאָל אויסדריקען די דערהאַבענע פאָרמע, די טיפסטע זעלען־צושטאַנדען און צוגלייך די באַוועגלאַכקייט פון

לעבען. די אלטע גריכישע סקולפטור האט דערגרייכט די שענסטע און דערהאבענסטע פארמע. די שענקייט פון א „ווענוס" אדער אן „אפאלא" האט נאך קיינער ניט איבערגעטראפען, דאך האט דער גרעסטער מייסטער פון דער רענעסאנס־צייט און אפשר פון אלע צייטען, מיקעל אנדזשעלא, רעוואלטירט געגען דער פארגליווערטער שענקייט פון דער גריכישער סקולפטור. ער האט געשאפען די טיפסטע זעלען־באוועגונגען אין דער דערהאבענסטער פארם. אבער אריינבלאזען אין דעם טויטען שטיין, ליים אדער בראנז אויך די באוועגלאכקייט פון לעבען, וואס ווערט קיינמאל ניט פארגליווערט, האט אפילו ער ניט געקענט. ראדענ'ען — דעם גרעסטען מייסטער פון אונזער צייט — האט זיך אויך נאר זעלטען איינגעגעבען אין דער דערהאבענער פארם צו שאפען באוועגונג, און ווען עס האט זיך אים איינגעגעבען, איז עס געווען דורך ריין־טעכנישע אויסערלאכע מיטלען. האט ער פון דעם רויען שטיין געלאזט ארויסשפראצען, ווי פון דער ערד פון א בלומענטאפ א בלום, א וואונדערשיינע פרויען־געשטאלט. האט זיך גערדאכט, אז פון דעם רויען מארמאר באוועגט זיך — לעבט אויף א מענש — די שענהייט.

בוטענסקי פאלגט ניט נאך די מייסטערס. ער אפפערט אוי ?אי די פארם אי די שענקייט און בויגיגקייט פון דעם קערפער, אי די גענויע דעטאלען: ער בלאזט אבער אריין, דורך דעם עפישען כאראקטער פון זיין טאלאנט, אין דעם אינהאלט פון זיינע פיגורען אייביגע באוועגונג.

די סטאטוע, וואס האט אים געגעבען בארימטקייט און אנערקענונג און וועלכע שטייט אויף אן אנגעזעענעם פלאץ אין דעם היגען מוזעאום פון קונסט, איז „דער אייביגער פרידען" — געשאפען אויף דעם אידילישען סוזשעט פון ישעיה הנביא: אז עס וועט אמאל קומען א צייט, ווען די שווערדען וועלען איבערגעשמידט ווערען אין אקער־אייזענס און דער לייב וועט לעבען אין פרידען מיט דעם שעפעלע. רעאליזירט האט דער קינסטלער דעם סוזשעט אין דער געשטאלט פון א הערא‏אישען אלטען מיט אן אימפאזאנטער פיגור, וואס שמידט איבער שווערדען און אקער־אייזענס. ביי זיין זייט ליגט פרידלאך דער לייב מיט'ן לעמעלע. די געזיכטס־שטריכען, צוליב דעם געבויגענעם קאפ און נאקען, זיינען ניט גאר קלאר און רעליעף, פיל קלארער זיינען זיי אין פראפיל, דערפאר אבער זיינען די שטריכען פול מיט לעבען און באוועגונג. דער אויסדרוק פון דעם טיפען ערנסט אין דעם אלטענ'ס פנים, דער שוואונג פון דער האנט מיט'ן האמער, די רוקען־ און מוסקעל־באוועגונגען גיבען דעם מעכטיגען בילד דעם אויסדרוק פון א גרויסער עפיק — דער עפאס פון דעם אידישען פאלק און זיינע האפנונגען. ניט אזוי גרויס איז עפישער באטייטונג איז די צווייטע סטאטוע אויף דעם ביבלישען סוזשעט „בלעם". דער סקולפטאר האט פארקערפערט דעם מאמענט, ווען דער מכשף האט געוואלט שעלטען דאס אידישע פאלק און האט דורך דעם

דראַנג פֿון דער אינערלעכער שטימע פֿון גאָט געמוזט עס בענטשען. אויך דאָ איז דאָס פּנים פֿאַרהילט, נאָר די שפּיציגע נאָז, די פֿולע ליפּען מיט דעם מע־פּיסטישען אויסדרוק און די הויך־געהויבענע האַנט צום בענטשען ווייזען די אינערלעכע זעלען באַוועגונג פֿון דעם באַזיגטען מכשף. אויך דאָ זיינען די קערפּער־שטריכען קינסטלעריש אויסגעאַרבעט און די סביבה וואונדערלאַך אויסגעהאַלטען דורך דעם שטעקען און דער שלאַנג און דעם פֿאַרפֿלאָכטענעם צאָפּ אויף דער ברוסט — די סביבה פֿון אַ מכשף. אויך דאָ אָטעמט דאָס בילד מיט אַ לעבען פֿול מיט געשעעניש: אַ ברכה מורמלען, דאַכט זיך, די ליפּען, אויף וועלכע עס האָט ערשט אַ קללה גערוט. אָבער איבער אַלע, אין עפּישער גרויסקייט און קינסטלערישער איינפֿאַכקייט, שטייט בוטענסקי׳ס סימבאָל פֿון „גלות“.

עס איז אַ איד — אַ איינפֿאַכער איד, וואָס פֿאַרקערפּערט אין די טיפֿע, טרויעריגע שטריכען פֿון זיין פּנים, דורות פֿון גלות און ליידען. אויף דער רעכטער האַנט, אין גאַנצען פֿאַרדעקט, פֿעסט איינגענורעט אין זיין ברוסט, טראָגט ער זיין קינד — דעם יורש פֿון זיין גלות־לעבען; אין דער לינקער טראָגט ער דאָס פּעקעל פֿון זיין אידישען האָב־און־גוטס און אונטער דעם אָרעם זיין גייסטיג פֿאַרמעגען — דאָס, אפשר, וואָס האָט אים באַגלייט צוויי טויזענט יאָר אין גלות — זיין חומש. און ער גייט, און ער וואַנדערט, און גייט מיט האַלב געשלאָסענע אויגען, געטריבען פֿון דעם ווינט אין דער ווייטער וועלט אַריין. אַ וואונדערלאַך בילד: גרויס אין דעם אויסדרוק פֿון די טיפֿע ליידען פֿון דער זעלע. גרויס און אימפּאָזאַנט אין זיין איינפֿאַכקייט.

אויך דאָ פֿילט זיך באַוועגונג — באַוועגונג מער פֿון אַלץ — באַוועגונג פֿון דורות און דורות — דורך שטח און צייט — פֿון פֿאַרפֿאָלגטע און פֿאַר־וואָגעלטע. אויך דאָס דאָזיגע גרויסע בילד האָט ניט געקענט בלייבען אומ־באַמערקט. אין די קונסט־גאַלעריען פֿון דעם „ווייסען הויז“ אין וואַשינגטאָן וועט עס דערציילען מענשען און פֿעלקער די געשיכטע פֿון אידישען גלות. און שטאָלץ מוז זיין דער קינסטלער, שטאָלץ דער איד, אויף וועמעס גורל עס איז אויסגעפֿאַלען דורך זיינע גרויסע קינסטלערישע קראַפֿטען צו שאַפֿען דעם עפּאָס פֿון דעם אידישען פֿאָלק אין שטיין און אין בראָנז.